STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05459

DER ZIN FUN LEBN

Alfred Adler

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Jay Kaiserman
in memory of
Milton Wasserman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ALFRED ADLER
Professor am Long Island Medical College
New York

DER SINN DES LEBENS

Autorisierte Übersetzung

von B. Dodiuk und R. Lichtstein

Red. Dr. V. Lewin

WILNO — 1938

VERLAG „TOMOR“

אַלפרעד אַדלער

ג. פּראָפעסאָר בײַם Long Island Medical College אין ניו-יאָרק

דער זין פון לעבן

אויטאָריזירטע איבערזעצונג

פון ב. דאָדיוק און ר. ליכטשטיין

רעד. ד״ר וו. לעווין

ווילנע — 1938

פאַרלאַג „טאָמאָר"

PRINTED IN POLAND

Dr. Alfred Adler — „Der zin fun łebn“
Der Sinn des Lebens
Wydawnictwo „T o m o r“ Wilno, Bakszta 8, m. 1
P. K. O. k-to Nr. 65.509
„Drukarnia Wydawnicza“, Wilno, Kwaszelna 23

פראָפ׳ ד״ר אלפרעד אדלער

אַרייַנפיר

דאָס בוך, וואָס דער לייענער באַקומט איצט אין האַנט, איז דאָס ערשטע אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע ווערק אויף ייִדיש. און הגם די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איז ניט לחלוטין אומבאַקאַנט בײַ אונדז, איז אָבער דאָס ווינציקע, וואָס דערגייט אין ברייטערע קרײַזן דורך אָפּגעריסענע צײַטונגס־אַרטיקלען, אַזוי פֿאַרפֿלאַכט און אָפֿט אַפֿילו פֿאַרקרימט, אַז מיר פֿילן אויף זיך אַ חוב צו דערנענטערן דעם ייִדישן לייענער דורך אַ פֿאָרוואָרט צו דעם אידעען־ און באַגריפֿן־קרײַז פֿון דער פּסיכאָלאָגישער שיטה, וואָס ווערט אין דעם בוך געגעבן. די נייטיקייט פֿון אַזאַ אַרײַנפֿיר פֿילן מיר נאָך שטאַרקער דערפֿאַר, וואָס „דער זין פֿון לעבן" איז אַלפֿרעד אַדלערס לעצט ווערק און איז טאַקע כּולל אין זיך דעם גאַנצן אַנטוויקלונגס־וועג פֿון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע. מחמת דעם ווערן אין אים אַ פֿולע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען אַוועקגעשטעלט און דערוויזן געוואָרן אין די פֿריִערדיקע ווערק, געגעבן בקיצור אָדער דרך־אַגב.

די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איז לכתּחילה אויפֿגעקומען ווי אַ הייל־מעטאָד אין דער באַהאַנדלונג פֿון פּסיכישע קראַנקייטן. איר באַשאַפֿער און באַגרינדער, אַלפֿרעד אַדלער (געבאָרן 1869 — געשטאָרבן 28 מאַי 1937), איז פֿון באַרוף געווען אַן אויגן־דאָקטאָר, שפּעטער אַן אינטערניסט. אַלס דאָקטאָר האָט ער זיך אָנגעטראָפֿן גענוג מיט מענטשלעכע לײַדן און האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן גורלות פֿון פֿאַרשיידענע יחידים. זעענדיק דעם מענטשן ווי אַ פּסיכאָ־פֿיזישע גאַנצקייט, האָט ער געפֿילט פֿאַר זײַן חוב צו ברענגען הילף דעם לײַדנדיקן, היילנדיק גוף און נשמה אינאיינעם. דערבײַ האָט אַלפֿרעד אַדלערן געדינט זײַן אייגענע לעבנס־דערפֿאַרונג. אַ קרענקלעך ראַכיטיש קינד, וואָס האָט געגעבן גאָר קנאַפּע האָפֿענונגען אויף דער צוקונפֿט, האָט אַלפֿרעד אַדלער שוין אין די ערשטע לעבנס־יאָרן זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט דער האַרטערווירקלעכקייט פֿון לעבן. ער האָט

קינדווײַז אויסגעקליבן די גאַס, וואָס איז געוואָרן זײַן דערציִונגס־פּלאַץ און טאַקע דער געניעוונגס־מיטל פאַר זײַן קראַנקייט. אויף דער גאַס, בײַ די שפּיל־חברים, האָט ער אין יענע יאָרן פיל געלערנט, ווי אזוי גובר צו זײַן די הארבע מניעות פון לעבן.

„איך פאַרדאַנק בלתי ספק אַ סך מײַן קאַריערע פון אַ גאַס־יִנגל, אַז איך האָב שפּעטער אין לעבן און אין דער וויסנשאַפט געקענט זיך געפינען אַן אָרט. שוין דעמאָלט האָב איך זיך קונה געווען אַ מענטשנקענטעניש, וואָס האָט מיך געלערנט צו שאַצן ריכטיק דעם מוט". — אזוי האָט אדלער אַליין געשריבן וועגן זיך*.

אַ זייער שפּירעוודיק קינד, האָט ער צו דרײַ יאָר איבערגעלעבט בײַם טויט פון זײַנעם אַ ברודער דעם פּחד פאַרן טויט. ווען ער האָט צו פינף יאָר דערזען דעם מלאך המות פאַכן איבער זיך און איז דאָך געבליבן לעבן, האָט ער זיך אַנטשיידט צום באַרוף פון אַ דאָקטאָר, צו ווערן אַ קעמפער קעגן טויט. ער גיט זיך שפּעטער אָפּ בלב ונפש דעם שטודיום. ער מוז גובר זײַן פאַרשיידענע מניעות און לערנט דאַן ווידער צו שאַצן זייער הויך דעם מוט, דעם ריכטיקן טרעינינג. אדלער האָט דערגרייכט זײַן ציל. ער איז געוואָרן אַ דאָקטאָר. זײַן ערשט ווערק איז אַרויס אין 1898 און האָט געטראָגן דעם נאָמען „Gesundheitsbuch für das Schneidergewerbe". שוין דאָרט טרעפט מען קלאָר אויסגעדריקט דעם סאָציאַלן בליק. שפּעטער טרעפט זיך אדלער מיט זיגמונד פרוידן. דער פּסיכאָאַנאַליז שטעלט אים אָבער ניט צופרידן. די דאָמינירנדיקע ראָל, וואָס פרויד שרײַבט צו דעם סעקסועלן יצר אין מענטשן, דער מעכאַניסטישער אופן פון זען די וועלט און די אָפּגע־ריסנקייט פון סאָציאַלן לעבן רופן אַרויס בײַ אדלערן אַ טיפן פּראָטעסט. ער שרײַבט אָן זײַן ערשט פּסיכאָלאָגיש ווערק „Studie über Minderwertigkeit von Organen" (1907) אין וועלכן ער באַגרינדעט די לערע וועגן פּחיתותדיקייט פון אָרגאַנען און איר באַדײַטונג פאַר דער פּסיכישער אַנטוויקלונג. אַרום אלפרעד אדלערן הייבן זיך אָן קלײַבן תּלמידים און אָנהענגער פון זײַן שיטה. שטעלנדיק פאַר דעם הויפּטציל פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע די היילונג פון פּסיכישע קראַנקייטן, די פּסיכאָ־היגיענע, אַרבעט אלפרעד אדלער פון דאַן אָן ניט מיד צו ווערן איבער דער פאַרטיפונג און פאַרברייטערונג פון זײַן שיטה; ער גיט איר צו די שטריכן פון מענטשנקענטעניש, פון כאַראַקטעראָלאָגיע, ער בויט אונטער

* לויט פ. בירנבאום אין דעם אַפּריל־יוני־נומער פון „Internationale Zeitschrift für Individualpsychologie".

איר אונטער אַ פילאָזאָפישן פונדאַמענט. פון אַ הייל־מעטאָד ווערט די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע אַ פּסיכאָלאָגישע לערע, אַ לערע און אַ באַוועגונג.

די באַוועגונג האָט זיך פונאַנדערגעבויט אין פאַראיינען, אַרבעטס־קרייזן און באַראַטונג־שטעלעס פאַר אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, וואָס זיינען פאַרשפּרייט אין אַ פּאָר צענדליק מדינות פון דער אַלטער און נייער וועלט. די ליטעראַטור איבער דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע ציילט אַ סך צענדליקער ווערק, אין וועלכע עס קריסטאַליזירן זיך שוין פאַרשיידענע ריכטונגען (ווי די שטרענג סאָציאַליסטישע, די רעליגיעזע א״אַנד) *. אין ווין גייט אַרויס זינט 15 יאָר אַ ספּעציעלער זשורנאַל „Internationale Zeitschrift für Individualpsychologie“, וואָס אַלפרעד אַדלער האָט ביז צו זיין טויט רעדאַגירט.

* * *

דער נאָמען אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע זעט אויס אין פלוג צו זיין ניט צוגעפּאַסט פאַר דער שיטה, וואָס איז אַזוי שטאַרק דורכגעדרונגען מיט דעם סאָציאַלן, ציבורדיקן מאָמענט, ווי קיין שום אַנדערע פּסיכאָ־לאָגישע ריכטונג. „אינדיווידואַל“ — אַסאָציִירט זיך אין שפּראַך־באַנוץ מיט אינדיווידואַליזם, אינדיווידואַליסטיש, וואָס מיינט דעם יחידס אויסטיילן זיך פון כּלל, דעם אַנטאַגאָניזם צווישן אינדיוויד און געזעלשאַפט. פון דעם אַלעם איז אָבער דאָ גאָר קיין אָנצוהערעניש ניטאָ. די אינדיווי־דואַל־פּסיכאָלאָגיע שטעלט אַוועק אין צענטער פון איר פאָרשונג דעם אינדיוויד ניט ווי אַן אָפּגעריסענעם טייל פון דעם אַרום, נייערט ווי אַן אומטיילעוודיקן אָרגאַנישן איינס, ווי אַן אויטאָנאָמען וועזן אין זיין סביבה, אין דעם מענטשלעכן כּלל, אין דער גאַנצער אַלוועלט. דער מענטש איז ניט קיין אַטאָם פון דער וועלט־מאַטעריע, קיין טראָפּן אין דעם ים פון לעבן, וואָס איז ענלעך צו מיליאַרדן זיינס גלייכן. דער אינדיוויד איז אין דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע אַ וועלט פאַר זיך, אַן איינציק־אַרטיקע און איינמאָליקע דערשיינונג אין דעם גאַנצן וועלט־געשעען. (מיטן לשון פון דער אַלטער יִדישער פילאָזאָפיע וואָלט מען געקענט זאָגן: אַן „עולם קטן“ בתוך דעם „עולם גדול“).

אין דעם יחיד שפּרודלט דער לעבנסשטראָם, וואָס פליצט דורך דער גאַנצער בריאה; דאָס איינציקאַרטיקע, דאָס אַנדערשדיקע, דאָס אינדיווידועל־ספּעציפישע מאַכט אָבער פון דעם לעבנס־שטראָם דאָס, וואָס מיר רופן אַן מענטשלעכער אינדיוויד.

---

* מיר ברענגען צום סוף פון בוך אַ רשימה פון אַדלערס ווערק, ווי אויך פון אייניקע גרונט־ווערק פון אַנדערע אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגן.

וואָס אַזוינס גיט דעם אינדיוויד זײַן איינציקאַרטיקײַט, זײַן ספּעציפישקייט? — דאָס איז זײַן *באַוועגונגס־געזעץ*, זײַן *לעבנס־פּלאַן*, זײַן *לעבן־סטיל*. דרײַ באַצייכענונגען, וואָס באַדײַטן אין דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע קרובישע, ענג פאַרבונדענע צווישן זיך באַגריפן. דאָס גאַנצע פּסיכישע געשען אין מענטשן זעט אַלפרעד אַדלער ווי אַ באַוועגונג. באַוועגונג מוז אָבער האָבן איר געזעץ. דער אינדיוויד גיט זיך אַליין דורך זײַן פרײַער שעפערישער קראַפט אַן אייגענעם, אינדיווידועלן באַוועגונגס־געזעץ, וואָס פירט אָן און קירעוועט מיט אַלע נשמה־כּוחות.

אין די פריסטע יאָרן פון דער קינדהייט ווערט דער אַ באַוועגונגס־געזעץ געשאַפן; דאָס קינד שטעלט אים אויף אין שעפערישער פרײַהייט לויט אַ באַשטימטן לעבנספּלאַן, וואָס עס שפּירט אָפּ ניט פאַרשטייענדיק, אָן ווערטער און באַגריפן. ירושה, קערפּערלעכע געגעבנקייט (קערפּערלעכע קאָנסטיטוציע), סביבה־פאַקטאָרן, דערציִערישע השפּעות זײַנען די ציגל, וואָס פון זיי בויט זיך דער אינדיוויד זײַן באַוועגונג־געזעץ. דער באַוועגונגס־געזעץ איז דער קירעווער פון דעם יחיד אין דעם שטראָם פון לעבן. בהסכּם מיט אים פאַרענטפערט דער אינדיוויד אַלע פּראָבלעמען, וואָס די וועלט שטעלט פאַר אים אַוועק, אַנטשפּרעכיק צו אים רעאַגירט ער אויף אַלע רדויסנלעכע השפּעות און אַרבעט זיי אַרײַן אין זיך. דער באַוועגונגס־געזעץ געשטאַלטיקט דעם לעבן־סטיל פון דעם יחיד; געדאַנק, געפיל, ווילן, שטעלונג־נעמען און טואונג באַקומען זייער איינציקאַרטיקע אינדיווידועלע באַפאַרבונג אַ דאַנק דעם לעבן־סטיל, וואָס גיט אַ פּרצוף פּנים דער קאָנקרעטער מענטשלעכער *פּערזענלעכקייט*.

די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע זעט די פּערזענלעכקייט ווי אַן אַבסאָלוטע גאַנצקייט און אומטיילעוודיקע איינהייט. עס זײַנען ניטאָ קיין באַזונדערע אָפּגעריסענע פּסיכישע פונקציעס אין מענטשן, ווי די אַלטע שול־פּסיכאָלאָגיע האָט אָנגענומען. דער מענטש איז אויך ניט געשפּאָלטן אין באַזונדערע אַווטאָנאָמע ספערן, ווי עס נעמט, למשל, אָן דער פּסיכאָאַנאַליז. יעדער פּסיכישער פאַקטאָר: געדאַנק, זכּרון, געפיל, פאַנטאַזיע, — איז ניט מער, ווי אַ באַזונדער אַספּעקט, דורך וועלכן עס ווײַזט זיך פאַר אונדז די גאַנצע אומטיילעוודיקע פּערזענלעכקייט. יעדער פּסיכישער צושטאַנד, וואָר צי חלום, נעווראָז צי אפילו פּסיכאָז, מאַניפעסטירט מיט זיך די איינהייט פון דער פּערזענלעכקייט. אמת, אַלפרעד אַדלער גיט צו, אַז אין די אויסדרוקס־אופנים פון מענטשן אַנטפּלעקט זיך ניט די גאַנצע פּערזענלעכקייט, אַז אין דעם פּסיכישן געשען איז

דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט מסוגל פאַרשטאַנען צו ווערן, וואָס דער מענטש איז בכן ניט משיג מיטן פאַרשטאַנד און קען עס דערפאַר ניט פורעמען אין ווערטער און אין באַגריפן. אָבער בלויז פון דעם מענטשנס פאַרשטאַנד איז עס פאַרהוילן; ער ווייס וועגן דעם. „דער מענטש ווייס פיל מער, ווי ער פאַרשטייט" — זאָגט עס אַלפרעד אַדלער מיט אַ שלאָגעוודיקער קורצקייט. וויסן און פאַרשטיין איז בכן ניט דאָס זעלבע פאַר אַדלערן. דער שטח פון דער פּסיכיק גרייכט ווײַטער פון פאַרשטיין; אין אים ווירקן אויך אַזעלכע כוחות, וואָס מיר וויסן זיי, אָבער פאַרשטייען זיי ניט. דער מענטש ווייס זײַן באַוועגונגס=געזעץ, זײַן לעבנס=פּלאַן און זײַן לעבן=סטיל, אָבער ער פאַרשטייט זיי ניט.

דאָס אומפאַרשטאַנענע פאַרן מענטשן לויט אַדלערן איז אָבער ניט דאָס זעלבע ווי דאָס אומוויסיקע בײַ פרוידן. בעת דער פּסיכאָאַנאַליז זעט דאָס אומוויסיקע שאַרף אָפּגעגרענעצט פון דעם וויסיקן, אַזוי, אַז די פּערזענלעכקייט ווערט געשפּאָלטן אויף צוויי באַזונדערע, אַפילו פײַנטלעכע רשויות, איז דאָס אומפאַרשטאַנענע בײַ אַדלערן ניט קיין באַזונדערע ספערע. וויסן קען איבערגיין אין פאַרשטיין.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די פּערזענלעכקייט, וואָס איז דער מהות פון דעם איך? — דאָס איז די באַוועגונג. דער פּסיכישער פּראָקום ווערט דורך אַדלערן באַטראַכט ווי אַ קיין מאָל ניט רועודיקער שטראָם, ווי אַ כסדרדיקע באַוועגונג. באַוועגונג קען אָבער ניט זײַן אָן ריכטונג, און יעדע ריכטונג איז מחייב אַ ציל, צו וועלכן די באַוועגונג איז געווענדט. די ריכטונג פון דער פּסיכישער באַוועגונג גייט לויט דער אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע פון אונטן אויף אַרויף, פון אַ מינוס=סיטואַציע צו אַ פּלוס=סיטואַציע, פון אומפולקומענקייט צו שלימות, פון טייל=דערשײַנונגען צו פאַרענדיקטקייט. שלימות, תכלית, פאַרענדיקטקייט — גיבן דער באַוועגונג איר ריכטונג, זײַנען אויך גלײַכצײַטיק דער ציל. פאַר אַדלערן איז דער גורם פון דעם לעבנס=פּראָצעס בכלל און פון פּסיכישן פּראָצעס בפרט דער ציל (Finalität).

די דינאַמיק פון דער מענטשלעכער נשמה איז בכן די זעלבע, וואָס אין דער קאָסמישער עוואָלוציע. אין דער יצירה בכלל זעט אַלפרעד אַדלער דאָס ניט איבערגעריסענע שטרעבן צו דער הייך, צו שלימות, צו תכלית. דאָס דאָזיקע שטרעבן איז די שפּרינגפעדער פון דער עוואָלוציע. דער מענטש, וואָס קומט אויף דער וועלט מיט דעם קלענסטן פאַרמעג פון ביאָ=פיזישער צוגעגרייטקייט און איז צום ווינציקסטן צוגעפּאַסט צו די לעבנס=תנאים, איז צום מערסטן אויסגעריכט אויף זײַן וועג פון כסדרדיקן געראַנגל מיט די נאַטור=מניעות מיט דעם דאָזיקן שטרעבן. פּנים

אל פנים מיט די סכנות פון לעבן, מיט די אײַזערנע פאָדערונגען פון דעם קאָסמאָס און פון דער מענטשלעכער סביבה, וואָס צווינגען צו צופּאַסונג און גובר־זײַן, האָט זיך דער מענטש געמוזט דערפילן שוואַך און קלײן, — עס איז געבוירן געוואָרן אין אים דער פּחיתות־געפיל (Minderwertigkeitsgefühl). דער פּחיתות־געפיל איז דער אוניווערסאַלער קנין, וואָס דער מענטשן־מין האָט זיך קונה געווען אין גאַנג פון דער עוואָלוציע. ער וועקט זיך אויף שוין אין זויגקינד און באַגלײט פון דער שטרעבונג אין דער הייך שפּאַנט ער דעם אינדיווידס ווילן, שפּאַרנט אָן זײַן אַקטיווקייט צום גובר־זײַן און גיט זײַן דענקען, פילן, שטעלונג־נעמען און טאָן אַ ריכטונג און אַ ציל. דער ציל איז יתרון (Überlegenheit), דער ציל איז העכערקייט, שלימות.

אין דער ריכטונג פון גובר־זײַן דעם פּחיתות־געפיל צום ציל פון יתרון עפענען זיך פאַרן מענטשן צוויי וועגן. אײנער פירט צום אײגענעם יתרון, צו פּערזענלעכער העכערקייט. אויף דעם דאָזיקן וועג ווערן געלאָזט אין גאַנג אַלע מידות רעות: פּוסטע אַמביציעס, עגאָיזם, הערשגיריקייט. דאָס איז דער פאַלשער וועג, דער גרײַזיקער, וואָרעם דער אינדיווידי גײט דאָ קעגן דער לאָגיק פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, קעגן דעם common sense און איז קײנמאָל ניט גובר אין זיך דעם פּחיתות־געפיל, אדרבא, אויף דעם וועג פון פּערזענלעכן יתרון ווערט דער פּחיתות־געפיל פאַרטיפט, פאַרשטאַרקט און גײט אַריבער אין אַ דויערנ־דיקן יתרון־קאָמפּלעקס. דער צווייטער וועג פירט צום ציבור (Gemein-schaft). ציבור־געפיל איז דער צווייטער אוניווערסאַלער קנין, וואָס דער מענטש האָט זיך קונה געווען אין גאַנג פון דער עוואָלוציע אַלס כּלי זין אין קאַמף פאַר קיום. מיט דער מוטערם מילך צוזאַמען וועקט זיך אין דעם ערשט־געבאָרענעם קינד דער דאָזיקער געפיל. אַדאַנק אים איז מעגלעך געוואָרן די אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן מין, האָט די געזעלשאַפט אַ קיום און אַ פאָרויסגאַנג. דער ציבור־געפיל מאַכט פון דעם אינדיווידי אַ מיטשפּילער אין דער געזעלשאַפט, אַ בײַ־שטײַערער, וואָס פאַרווענדט אַלע זײַנע כּוחות לטובת דעם ציבור. בלויז אויף אַזאַ אופן קען דער מענטש גובר־זײַן זײַן פּחיתות־געפיל און דער־גײן צום ציל פון רעלאַטיווער שלימות. רעלאַטיווער — ווײַל דאָס שטרעבן צו שלימות ווערט קײן מאָל ניט געזעטיקט. דער שטראָם טרײַבט כּסדר אָן אָפּרו אין דער הייך.

מיר האָבן געפּרוּווט אין עטלעכע שטריכן געבן די יסודות פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע. נאַטירלעך זײַנען זײ צוליב קיצור אַרויס־געקומען ניט גענוג דין און אַפּשיטא, אַז זײ נעמען ניט אַרום דאָס

גאַנצע פעלד פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג. מיר האָבן אויסגעקליבן יענע מאָמענטן, וואָס גיבן איר דעם כאַראַקטער פון אַ וועלט־אָנשויונג.

וואָרום באמת: די טיפע פאַרבונדנקייט מיטן לעבעדיקן לעבן פון יחיד און געזעלשאַפט, ווי מען טרעפט עס ניט אין קיין שום אַנדערער פּסיכאָלאָגישער ריכטונג, דאָס גרונטפעסטיקן זיך אויף דעם פאַראויסגאַנג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט נעמט אַוועק פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע דעם כאַראַקטער פון אַן אַבסטראַקטער וויסנשאַפט סתם און טראָגט אַרײַן אין איר דעם גײַסט פון עטישן אָפּשאַץ, דעם קאַטע־גאָרישן אימפּעראַטיוו אין די מענטשלעכע מעשים (דעם „עשה" און דעם „לא תעשה").

דער וועדטנדיקער כאַראַקטער פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָ־לאָגיע קומט טאַקע בולט אַרויס אין דעם בליק אויפן פרײַען ווילן פון מענטשן (בחירה חפשית). להיפוך צו אַנדערע פּסיכאָלאָגישע ריכטונגען לייגט די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע אַרויף די אחריות פאַר דעם מענטשנס מעשים אויף אים גופא און ניט אויף וועלכע ס'איז פאַקטאָרן מחוץ דער פּערזענלעכקייט. הגם אַלפרעד אַדלער לייקנט ניט אַבסאָלוט אַ סיבה־דיקע באַדינגטקייט אין דעם לעבן פון יחיד, זעט ער זי אָבער בלויז אין דעם מאַטעריאַל (ירושה, כביבה־פאַקטאָרן, דערציִערישע השפעות וכדומה), פון וועלכן דער אינדיווידואַל בויט אויס זײַן לעבנס־סטיל; דער פּלאַן אָבער, לויט וועלכן דער יחיד געשטאַלטיקט זײַן לעבן („לעבנספּלאַן"), „די ריכ־טונג, וואָס ער גיט זײַן וועג, איז דאָס מײַסטערווערק פון דעם אינדיווידס שעפערישער קראַפט, וואָס טראָגט אין זיך דאָס שטרעבן צו שלימות און בויט אין דעם עתיד. די נאָרמע, דאָס געזעצמעסיקע איז דערפאַר דער ריכטיקער לעבנס־פּלאַן, דער דרך הישר, וואָס גייט בהסכם מיטן צוזאַמענלעבן פון מענטשן, מיט דער לאָגיק פון ציבור (common sense). די טעותים און שטרויכלונגען פון מענטשן זײַנען בכן ניט קיין באַדינגטע פּועל יוצאס פון פאַקטאָרן, וואָס שטייען מחוץ אים און באַפרײַען דעם יחיד פון שולד. דער מענטש גרײַזט און באַגייט פעלערן צוליב דעם פיקטיוון לעבנס־פּלאַן, וואָס ער האָט אין דער קינדהײַט פאַלשערהייט אָנגענומען. פאַר זײַנע גרײַזן און טעותים מוז בכן דער אינדיווידואַל ענטפערן כלפּי דעם אײַזערנעם לעבנס־געזעץ, וואָס מאָנט אומברחמנות־דיק אַ צופּאַסונג צו די פאָדערונגען פון לעבן און שטראָפט, ווי אַ גרוי־זאַמע גאָטהײַט.

אַלע פאַרגרײַזונגען און טעותים זײַנען אָבער ניט עפּעס אַנדערש ווי אַן אָפּנייג פון ציבור, ווי אַן אויסווײַכן די פאָדערונגען פון לעבן,

וואָס ווערן קאַטעגאָריש און הארב אָוועקגעשטעלט פאַר יעדן אינדיוויד. זיי שטאַמען אַלע פון דעם דוחק אין ציבור־געפיל, פון דער קנאַפּער צוגעגרייטקייט צום לעבן. דער ציבור־געפיל איז אָבער דער קנין פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; ער ווערט לעבעדיק אין קינד אַ דאַנק די ריכטיקע דערציִערישע השפּעות. אויף אַזאַ אופן ווערט די געזעלשאַפט, די סאָציאַלע אָרדענונג, ספּעציעל דער נאָענטסטער ציבור פון דעם אינדיוויד (די היים, די שול, חברים־קרײַז) די מיטשולדיקע אין דעם יח״דס שטרויכלונגען. אַזוי־אַרום עפנט פאַר אונדז די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע אַ סאָציאַל־עטישן אויסבליק אויף דעם מענטשנס לעבן. און נאָך מער: אַ וועג צו דער היילונג פון דער קראַנקער פּערזענלעכקייט דורך לעבעדיק מאַכן אין איר דעם ציבור־געפיל, וואָס איז אין דער קינדהייט דורך אַ פאַלשער דערציִונג און שעדלעכע השפּעות פאַרלאָזט געוואָרן. די הייל־פּעדאַגאָגישע צילן, וואָס די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע שטעלט פאַר זיך: דאָס באַלויכטן די שטרויכלונגען און טעותים פון מענטשן און ווײַזן אַ וועג ווי אַזוי אויסצומײַדן זיי גיט איר צו אַ פּראַקטישן לעבנס־ווערט און מאַכט זי מסוגל אַרײַנצודרינגען אין פאָלק. אין אונדזער צײַט, ווען די בינדן פון דעם ציבור זײַנען צעריסן ווי קיין מאָל ניט פאַר דעם, ווען די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט איז אַרײַנגעוועבט אין אַ נעץ פון טעותים און גרײַזן, און ווען אויפן קערפּער פון דער געזעלשאַפט שלאָגן אויס שרעקלעכע בלאָטערס פון שנאה, ברוטאַלקייט און מענטשלעכער דערנידערונג, וואָס לאָזן זיך טײַטשן ווי סימפּטאָמען פון אומגעהייערן פּחיתות־קאָמפּלעקס און פון ווילד־צעוואַקסענעם יתרון־קאָמפּלעקס סײַ אין די אייבערשטע שפּיצן סײַ אין דער טיף פון פאָלק, — אין אַזאַ צײַט באַקומט דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער אַרײַנבליק אין דעם מהות פון אינדיוויד און ציבור אַ ספּעציעל גרויסע היילנדיקע באַדײַטונג. פאָרוואָר, די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איז לויט אירע עיקרים ראוי צו ווערן אַ דערציִערישער כוח אין די הענט פון דעם אוואַנגאַרד פון דער פּאָראויס שפּאַנענדיקער מענטשהייט, — פון דעם סאָציאַליזם.

און דערפאַר ווערט די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע דעם לייענער, וואָס זוכט אין אַ וויסנשאַפטלעך ווערק די תשובה אויף די פאַרפּלאָנטערטע שאלות פון לעבן, וואָס וויל געפינען אין דער וויסנשאַפט חוץ לאָגישע אמתן אויך אַ וועלט־ און לעבנס־באַנעם — דעם ענטפער אויף די פּראָבלעמען פון ציל און זין אין לעבן — גאָר ספּעציעל נאָענט.

עס גייט אָבער ניט בלויז אין אַלגעמיינע באַטראַכטונגען. די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע רעדט דורך איר דערפאַרונג אינטים צו יעדן

מענטשן, הגם דורך שטרענג וויסנשאַפֿטלעכע אמתן. זי גיט אים אַן אַרײַנבליק אין דעם אייגענעם איך און צווינגט אים צו זאַכלעכקייט און אַ דין וחשבון לגבי די אייגענע און פֿרעמדע טעותים און גרײַזן.

עס איז אפֿשר כּדאַי אָנצוווײַזן דאָ פֿאַרן ייִדישן לייענער, אַז די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע יסודות זײַנען נאָענט צו אַ וועלט־באַנעם, וואָס האָט זיך אויסגעפֿורעמט אין גאַנג פֿון דורות בײַם ייִדישן מענטש. דאָ געפֿינען מיר דעם אוממעגלעכקייטדיקן, קאַטעגאָרישן „אחד" פֿון פּסיכישן געשען, דעם מאָניזם פֿון וועלט און מענטש, וועלכער האָט שטענדיק כאַראַקטעריזירט דעם ייִדישן וועלט־געפֿיל. דאָ טרעפֿן מיר אויך די היסטאָרישע באַציִונג צום לעבן, דאָס זוכן אַ זין און אַ ציל פֿאַר די מענטשלעכע מעשים און אַ תּכלית אין דעם באַשאַף. אין דעם לעבנס־פֿאַרוואָרצלטן אָפּטימיזם, וואָס קוואַלט אין דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, אין דער באַציאונג פֿון זײַן, וואָס קלינגט אין איר, קען מען דערשפּירן עפּעס אַזוינס ווי ייִדישן במחון, דעם פּאָזיטיוון אָפּשאַץ פֿון לעבן, וואָס רעדט שוין צו אונדז פֿון תּנ״ך („ובחרת בחיים", „וחי בהם" אאַז״וו).

מיר קענען דעם פּאַראַלעל ציִען ווײַטער אויף די פֿראַגן פֿון בחירה חפשית, פֿון פּערזענלעכער אחריות פֿאַר די אייגענע מעשים און ציבורדיקע ערבות („כּל ישראל ערבים זה בזה") און לסוף אויף דעם טיפֿן, גורלדיקן צונויפֿבונד צווישן יחיד און כּלל, צווישן מענטש און אַלוועלט. ווען אַלפֿרעד אַדלער הייבט אָן ריידן וועגן קיום המין, וועגן דעם פֿאַרפֿלאַנצן זיך אין דורות, וועגן דעם „ואהבת לרעך כּמוך", הערן מיר ניט זעלטן אַרויס דעם תּנכישן געזעצגעבערישן פּאַטאָס.

עטלעכע ווערטער וועגן דעם בוך „דער זין פֿון לעבן". מיט איבער אַ יאָר צוריק האָבן מיר זיך געווענדט צום ניט לאַנג פֿאַרשטאָרבענעם פּראָפֿ׳ אַלפֿרעד אַדלער וועגן איבערזעצן איינס פֿון זײַנע ווערק. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף „מענטשנקענטעניש" און „דער זין פֿון לעבן" און זיך נאָכגעפֿרעגט די מיינונג פֿון מחבר, וואָס איז מער ראוי געבראַכט צו ווערן אין ייִדיש. פּראָפֿ׳ א. אַדלער האָט אונדז געענטפֿערט, אַז ער האַלט פֿאַר בעסער צוגעפּאַסט צו איבערזעצן אין ייִדיש דאָס לעצטע בוך זײַנס „דער זין פֿון לעבן" („Der Sinn des Lebens“, Verlag Dr. Rolf Passer Wien und Leipzig 1933) מחמת דעם, וואָס דאָס ווערק איז כּולל אין זיך די נײַע דערגרייכונגען פֿון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס איידער דאָס בוך „מענטשנקענטעניש".

הגם „מענטשנקענטעניש" וואָלט צוליב דער פּאָפּולערער פאָרם געקענט אפשר זײַן צוטריטלעך פאַר ברייטערע לייענער־קרײַזן, האָט אָבער דער וויסנשאַפטלעכער יתרון פון דעם ערשטן ווערק לגבי דעם צווייטן אונדז איבערגעצײַגט, אַז אין ייִדיש, ווו עס איז זיך שווער צו פאַרגינען אָפּטע איבערזעצונגען פון וויסנשאַפטלעכע ביכער, איז וויכטיק צו האָבן דאָס פולקומערע, רייפערע ווערק.

„דער זין פון לעבן" איז אַ לעקציע וועגן באַזונדערע אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע ענינים. דער מחבר האָט אין יעדער פון די לעקציעס געוואָלט געבן די גאַנצקייט פון זײַן סיסטעם; פון דאַנען די כסדרדיקע באַטאָנונג פון די עיקרים בײַ אַ גלײַכצײַטיקער קורצקייט און געפּרעסטקייט פון דעם באַהאַנדלטן ענין. ווי דאָס לעצטע ווערק אַלפּרעד אַדלערס איז עס אַן אָפּשלוס־ווערק. לייענענדיק אים, האָט מען דעם אײַנדרוק, ווי דעם מחבר האָט עפּעס אַ פאָרגעפיל אונטערגעזאָגט, אַז ער האָט דאָ די לעצטע געלעגנהייט אונטערצופירן אַ סך־הכּל אונטער זײַן לערע; מיר דערפילן, אַז ניט נאָר דעם זין פון לעבן בכלל האָט אַלפּרעד אַדלער געוואָלט געפינען אין דעם ווערק, נאָר טאַקע אויך דעם זין פון זײַן אייגענעם לעבן, אַ לעבן פון אומדערמידלעכן וויסנשאַפטלעכן שאַפן, היילן און לערנען. און פון דאַנען די אָפטע איבערחזרונגען אין דעם בוך. איר פילט, אַז דער מחבר האָט ניט געוואָלט אַדורכלאָזן די מינדסטע געלעגנהייט צו קענען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אַרײַנקריצן די עיקרים פון זײַן שיטה, און ווי ער וואָלט איבערפראַזירנדיק יעקבס ווערטער צום מלאך גערופן צו אונדז: „איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן, סײַדן דו וועסט מיך אויסהערן, אויסהערן ביז פאַרשטיין".

און מהאי טעמא אויך דער פּאָלעמישער טאָן אין אַ סך ערטער פון דעם בוך. דער מחבר האָט באַפעסטיקנדיק זײַן שיטה ניט געקענט אויסמײַדן צו געבן אַן ענטפער זײַנע קריטיקער און קעגנער און טוענדיק דאָס אײַליק און דרך אגבדיק געענטפערט קורץ, קאַטעגאָריש. צײַטנווײַז דערהערן מיר אין זײַן רויִקן טאָן אַ נאָטע פון פאַרביטערונג. אין זײַן אויפטרעטן פאַר דער וועלט מיט אַ נײַער פּסיכאָלאָגישער שיטה, מיט אַ לעבנס־אמת, אַ טיף־דורכגעגליטן אין דער נשמה, האָט אַלפּרעד אַדלער דורכגעמאַכט אַהאַרטן וועג. אין אָנהויב פון אָט דעם וועג האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיגמונט פרויד. אַ געוויסע צײַט זײַנען די ביידע באַשאַפער פון נײַע פּסיכאָלאָגישע שיטות, געשטאַנען אין אַ געוויסער שייכות. אַדלער אָנערקענט דעם פּסיכאָאַנאַליז פאַר אַ רענעסאַנס אין דער פּסיכאָלאָגיע, „אַ באַדײַטנדיקן פּרוּוו צו לייענען צווישן די שורות פון באַוווסטזײַן" (פּג"ל ז' 23—24). אָבער אויב דער פּסיכאָ־

אַנאַליז איז צוליב זײַן נייעם פּרינציפּ פון טיף־פאָרשונג געווען אַ פּאָר־גייער פון דער אינדיווי׳ פּסיכ׳, איז ער אין זײַנע עיקרים און אין זײַן לעבנס־באַנעם ווײַט פון אים כּרחוק מזרח ממערב. דאָס איגנאָרירנדיקע פאַרשווײַגן און די גלײַכגילטיקייט מצד די פּסיכאָאַנאַליטיקער, דאָס פאַר־בײַטן אין ברייטע קרײַזן זײַן שיטה מיט אָט דער קרובישער אָבער שאַרף קעגנערישער, דאָס פעלן פון פאַרשטענדעניש פאַר זײַנע אייגנ־אַרטיקע עיקרים, דאָס לייקענען מצד דער שולי־פּסיכאָלאָגיע אַ וויסנ־שאַפטלעכן ווערט אין זײַנע דערפאַרונגען — אויף דאָס אַלץ ענטפערט אַדלער אין דעם בוך אַמאָל שאַרף, אַמאָל מיט קרעפטיקן הומאָר, — שטענדיק פול מיט קעמפערישן טעמפּעראַמענט.

אין זײַן לעצטן בריוו צו אונדז האָט פּראָפ׳ אַדלער געבעטן צו שיקן אים, ווען דאָס בוך וועט אַרויסגיין, עטלעכע עקזעמפּלאַרן; פון דעם בריוו איז אויך געווען צו זען, אַז ס׳איז אים שטאַרק געגאַנגען, די איבערזעצונג זאָל שטיין אויף אַ געהעריקן ניוואָ. צו אונדזער טיפסטן באַדויערן קענען מיר שוין דעם ערשטן פאַרלאַנג ניט ממלא זײַן; צי איז דער צווייטער ווונטש פון דעם פאַרשטאָרבענעם מחבר אויסגעפירט געוואָרן — וועט משפטן דער לייענער.

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער איבערזעצונג. די יִדישע שפּראַך האָט נאָך עד היום ניט קיין פעסט איינגעשטעלטן וויסנשאַפטלעכן שטייגער און קיין אויסגעאַרבעטע טערמינאָלאָגיע. ספּעציעל פילט זיך דער דאָזיקער דוחק ביי פּסיכאָלאָגישע ענינים, ווו די באַהאַנדלטע מאַטעריע איז אַזוי סובטעל און אייגנאַרטיק פאַר יעדן מחבר. אַלפרעד אַדלערס סטיל, וואָס איז פול מיט פּאַטאָס, דינאַמיש, סטיכיש-פּלייצעוודיק און ניט פּאָלירט; ערטערוויי סטענאָגראַפיש קורץ, רמזימדיק און אַן אַנדערש מאָל — בילדעריש און געדאַנקלעך שטאַרק באַלאָדן, פאַרשאַפט שוועריקייטן ביים איבערגעבן אים אין יִדיש. מיר האָבן, זאָרגנדיק פאַר דער קלאָרקייט פון דער איבערזעצונג, זיך גלייכצייטיק געפלייסט אָפּצוגעבן די אייגנאַרטיקייטן פון דעם דאָזיקן סטיל.

אין פּרט פון טערמינאָלאָגיע האָבן מיר געזוכט אויסצומיידן די פון דייטש איבערגענומענע טערמינען און פאַרבייטן זיי מיט יִדישע. אַזוי האָבן מיר איינגעפירט אָנשטאָט: מינערוועַרטיקייטס-געפיל (Minder- wertigkeitsgefühl), מערוועַרטיקייטס-געפיל (Überlegenheitsgefühl) און געמיינשאַפטס-געפיל (Gemeinschaftsgefühl) — פּחיתות-געפיל, יתרון-געפיל און ציבור-געפיל.

דער קריטישער לייענער וועט, גלייבן מיר, מסכים זיין מיט אונדז, אַז דער אמתער טייטש פון Minderwertigkeit איז אויף יִדיש פּ ח י ת ו ת * (פּחיתות הכבוד!). דאָס אייגענע איז Überlegenheit ניט מערוועַרטיקייט, ווייל עס האַנדלט זיך ניט וועגן כּמותדיק מ ע ר-ו ו ע ר ט-ז י י ן, נאָר וועגן העכערקייט, וועגן י ת ר ו ן. אַפּשיטאַ, אַז „געמיינשאַפט‟ איז לחלוטין פרעמד דעם יִדישן אויער, בעת צ י ב ו ר איז אַ לעבעדיק יִדיש וואָרט (שליח-ציבור!).

אַדלערס בוך „דער זין פון לעבן‟ איז באַשטימט סיי פאַר דעם געשולטן לייענער, וואָס זאָל קענען אָנווענדן זיינע פּרינציפּן אין זיין פאַך (דער מעדיצינער, דערציִער, יוריסט אאַז״וו), סיי פאַר דעם ברייטן לייענער-עולם. אַ מניעה פאַר זיין צוטריטלעכקייט פאַרן לעצטן קען אָבער זיין דער גרויסער סכום מעדיצינישע און פּסיכאָלאָגישע טערמינען. דעריבער האָבן מיר געהאַלטן פאַר נויטיק אָפּצוטייטשן און צו דערקלערן די וויכטיקסטע וויסנשאַפטלעכע טערמינען, ווי אויך אייניקע פרעמדע אויסדרוקן און זאַצן.

ניט וועלנדיק איבעררייסן די גאַנצקייט פון טעקסט און שטערן די געלויפיקייט פון לייענען, האָבן מיר אַלע אונדזערע הערות (געסדרט

* אַגב טיילט אונדז מיט משה חָרש, אַז צווישן די מוסרניקעס איז אָנגענומען דער באַגריף „פּ ח ו ת מ ח ב י ר ו‟ אין זין פון אונדזער טערמין פּ ח י ת ו ת.

לויט קאַפּיטלעך) אַריבערגעטראָגן אויפֿן סוף פֿון בוך. צוליב דעם זעלבן טעם האָבן מיר אויך אויסגעמיטן צו געבן סמנים ווען די הערות אין טעקסט. די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע טערמינאָלאָגיע איז געגעבן באַזונדער אין סדר פֿון א"ב.

די איבערזעצונג גיט דעם פֿולן אָריגינאַל־טעקסט פֿון בוך. בלויז אין 2 ערטער האָבן מיר זיך דערלויבט אַריבערטראָגן איינציקע זאַצן אויף אַן אַנדערן אָרט, ווייל מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן לכתחילה געדאַרפֿט דאָרט שטיין (דעם זאַץ: „פֿאַרן ריכטיקן אויסוואַל" אאַז"וו ביז „פֿאַר זיך" פֿון זייט 44 נאָכן אָפּזאַץ אויף זייט 42 שורה 4—10; דעם זאַץ „דער ציבור,—" פֿון זייט 85 שורה 3 אונטן — אויף זייט 86 שורה 3 אויבן).

ר. ליכטשטיין.

דער זין פון לעבן

„דער מענטש ווייס אַ סך מער,
ווי ער פאַרשטייט"
(אַדלער).

הקדמה

במשך פון מײַן לעבן — זײַענדיק אַ מעדיצינישער קאָנסולטאַנט אין פאַלן פון פסיכישע קראַנקהײַטן, אַ פסיכאָלאָג און דערציִער אין שול און אין משפחות — האָב איך כסדר געהאַט די געלעגנהייט צו באַטראַכטן אַ שלל פון מענטשן=מאַטעריאַל. איך האָב זיך שטרענג פיר=גענומען ניט אַרויסצוזאָגן קיין זאַך, וואָס איך זאָל ניט קענען דאָקומענטירן און דערווײַזן מיט מײַן דערפאַרונג. עס איז ניט קיין חידוש, אַז במילא האָב איך זיך דערבײַ אין געוויסע פאַלן געמוזט שטעלן אין סתירה מיט פאָרויס אָנגענומענע מיינונגען פון אַנדערע, וועלכע האָבן אָפט אַ סך ווייניקער אינטענסיוו געקענט אָבסערווירן אַ מענטשן=גורל. דערבײַ האָב איך זיך באַמיט אויסצופרוון קאַלטבלוטיק די זאַכלעכע אַרגומענטן פון אַנדערע; דאָס איז מיר אָנגעקומען לפי ערך גרינגער דערפאַר, ווײַל איך גלויב, אַז איך בין ניט געבונדן דורך קיין שום דאָגמאַטישע כללים און מיינען; אדרבא, איך האַלט פון דעם פרינציפּ: יעטווידע זאַך קען אויך אַנדעריש זײַן. דאָס איינציקמאָליקע פון דעם אינדיוויד לאָזט זיך ניט אַרײַנפּאַסן אין אַ קורצער פאָרמולע; און אַלגעמיינע כללים, בתוכם אויך אַזוינע, ווי עס שטעלט זיי אויף די פון מיר געשאַפענע אינדיווידואַל=פסיכאָלאָגיע, דאַרפן זײַן ניט מער, ווי העלפמיטלען, כדי לעת עתה צו באַלויכטן אַ פעלד, אויף וועלכן מ'קען געפינען דעם איינצלנעם אינדיוויד, אָדער באַמערקן, אַז דאָ פעלט ער. די דאָזיקע שאַצונג פון כללים, די שטאַרקערע באַטאָנונג פון בייגעוודיקייט און פון אַרײַנפילן זיך אין ניואַנסן האָט יעדעס מאָל פאַרפעסטיקט אין מיר אָט די איבערצײַגונג: די קראַפט פון אינדיוויד איז פרײַ=שעפעריש אין זײַן ערשטער קינדהייט און ווערט שפּעטער געבונדן, ווי נאָר דאָס קינד האָט אויפגעשטעלט אַ פעסטן באַוועגונגס=געזעץ פאַר זײַן לעבן. אַזאַ מין

באַטראַכטונג לאָזט דעם קינד אַ פרײַען וועג פאַר זײַן שטרעבונג צו פולקומענקייט, תכלית, יתרון אָדער עוואָלוציע. וואָס שייך די השפעות פון די אײַנגעבוירענע פעיִקייטן, צי אַלגעמיינע אָדער מענטשלעך מאָדיפיצירטע, ווי אויך די השפעות פון דער סביבה און פון דער דערציִונג, קענען זיי באַטראַכט ווערן אַלס בוישטיינער, וואָס פון זיי פורעמט אויס דאָס קינד אין שפּילעוודיקער קונסט זײַן לעבן-סטיל.

און נאָך צו אַ ווײַטערדיקער איבערצײַגונג האָב איך געמוזט קומען. דער אויפבוי פון דעם קינדערשן לעבנסטיל וואָלט געקענט האָבן אַ קיום אינם לעבן ניט לײַדנדיק קיין צוריקפאַלן נאָר דאַן, ווען ער זאָל זײַן אויפגעבויט ריכטיק sub specie aeternitatis. עס קומען דעם קינד כסדר פונדאַסנײַ אַנטקעגן לויטער פאַרשיידענע אויפגאַבן, וועלכע לאָזן זיך ניט באַשיידן ניט דורך אײַנגעניטע רעפלעקסן (באַדינגטע רעפלעקסן) און ניט מיט דער הילף פון אײַנגעבאָרענע פּסיכישע פעיִקייטן. עס וואָלט געווען העכסט ריזיקאַליש אַרויסצושטעלן אַ קינד, וואָס האָט אין זײַן רשות בלויז אײַנגעניטע רעפלעקסן אָדער אײַנגעבאָרענע פעיִקייטן, אַנטקעגן אַ וועלט מיט אירע כסדרדיק נײַע פּראָבלעמען. די גרעסטע אויפגאַבע וואָלט שטענדיק געבליבן באַוואָרנט פאַר דעם קיין מאָל ניט רוענדיקן שעפערישן גײַסט, וואָס בלײַבט, אמת, אײַנגעצאַמט אין דער ליניע פון דעם קינדערשן לעבנסטיל. אויף דער אַ ליניע שטראָמט אַלץ, וואָס האָט אין די פאַרשיידענע פּסיכאָלאָגישע שולן אַ נאָמען: אינסטינקטן, יִצרים (Triebe), געפיל, דענקען, טואונג, דאָס נעמען שטעלונג צו תענוג און אומתענוג און לסוף אייגנליבע און ציבור-געפיל. דער לעבנסטיל דיספּאָנירט מיט אַלע אויסדרוקפאָרמען, דאָס גאַנצע — מיט די טיילן. איז פאַראַן אַ פעלער, שטעקט ער אין דעם באַוועגונגס-געזעץ אינם ענדציל פון דעם לעבן-סטיל און ניט אין דעם פרט-אויסדרוק.

אַ דריטע זאַך האָט מיך געלערנט דער דאָזיקער אײַנזען: די גאַנצע לפנימדיקע סיבהדיקייט אין דעם נשמה-לעבן נעמט זיך פון דער נטיה פון אַ פולע פּסיכאָלאָגן אַרויסצוברענגען זייערע דאָגמעס אין אַ מעכאַניסטישן לבוש. אָט דינט פאַר אַ פאַרגלײַך אַ פּאָמפּע, וואָס גייט אַראָפּ און אַרויף, אָט אַ מאַגנעט מיט פּאָלאַרע שפּיצן, אָט אַ מוראדיק באַדריקטע חיה, וואָס קעמפט פאַר דער באַפרידיקונג פון אירע עלעמענטאַרסטע באַדערפענישן. אין אַזאַ מין אַספּעקט לאָזן זיך באמת קנאַפּ זען די עיקרדיקע פאַרשיידנקייטן, וועלכע זײַנען בנימצא אין דעם מענטשלעכן נשמה-לעבן. זינט אַפילו די פיזיק האָט פון די דאָזיקע צוגענומען דעם באָדן פון קאַוזאַליטעט, כדי אַנשטאָט דעם צו לאָזן קומען צום וואָרט אַ סטאַטיסטישע וואַרשיינלעכקייט אין דעם פּראָצעס פון געשעען,

וואָלט מען געמעגט מער ניט נעמען ערנסט אויך די אָנגריפן אויף דער אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע דערפאַר, וואָס זי לייקנט אין דער קאַוזאַליטעט אין נשמה-לעבן. אַפילו דעם הדיוט וואָלט געמעגט ווערן קלאָר, אַז די מיליאָנענפאַכיקע פילגעשטאַלטיקייט פון געשטרויכלטע טואונגען קענען ווערן „פאַרשטאַנען", ווי אַ געשטרויכלטע טואונג, קענען אָבער ניט ווערן באַנומען סיבהדיק.

ווען מיר פאַרלאָזן בכן מיט רעכט דעם באָדן פון דער אַבסאָלוטער זיכערקייט, אויף וועלכן פיל פּסיכאָלאָגן שמאַיען אַרום, בלײַבט איבער איין איינציקע מאָס, מיט וועלכער מיר קענען מעסטן אַ מענטשן: זײַן באַוועגונג לגבי די אומפאַרמײַדלעכע פראַגן פון דער מענטשהייט. דרײַ פראַגן זײַנען יעדערן אומאָפּרופלעך פאַרגעבן: דאָס נעמען שטעלונג צו די מיטמענטשן, דער באַרוף, די ליבע. אַלע דרײַ געבונדן צווישנאַנאַנד דורך דער ערשטער זײַנען ניט קיין צופעליקע פראַגן, נײַערט בהכרחדיקע. זיי וואַקסן אַרויס פון דער שייכות פון דעם מענטשן צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, צו די קאָסמישע פאַקטאָרן און צו דעם צווייטן געשלעכט. זייער באַשייד באַטײַט דעם גורל פון דער מענטשהייט און פון איר וווּיל. דער מענטש איז אַ טייל פון דעם גאַנצן. אויך זײַן ווערט הענגט אָפּ פון דעם אינדיווידועלן באַשייד פון די דאָזיקע פראַגן. מען קען זיך פאָרשטעלן די דאָזיקע פראַגן, ווי אַ מאַטעמאַטישע אויפגאַבע, וואָס מוז באַשיידט ווערן. וואָס גרעסער ס'איז דער פעלער, אַלץ מער פאַרוויקלונגען דראָען דעם טרעגער פון דעם פעלערדיקן לעבנסטיל. און בלויז אַזוי לאַנג קומט אויס, אַז קיינע פאַרוויקלונגען זײַנען ניטאָ, כּל זמן עס ווערט ניט אויסגעפּרוווט די אויסהאַלטעוודיקייט פון זײַן ציבור-געפיל. דער עקזאַגענער פאַקטאָר, די נאָענטקייט פון אַן אויפגאַבע, וואָס פאַרלאַנגט מיטאַרבעט און מיטמענטשלעכקייט, איז תמיד דער גורם, וואָס רופט אַרויס דעם פעלערדיקן סימפּטאָם, די שווערדערציִעוודיקייט, דעם נעווראָז און נעוראָפּסיכאָז, דעם זעלבסטמאָרד, דעם פאַרברעכן, די נאַרקאָמאַניע און די סעקסועלע פאַרווערזיע.

איז אויף אַזאַ אופן די פעלנדיקע פעיִקייט צו מיטלעבן דעמאַסקירט, דאַן שטעלט זיך די פראַגע, ניט בלויז ריין אַקאַדעמיש, נײַערט אין אינטערעס פון דער היילונג: ווי אַזוי און ווען איז דאָס וואַקסן פון דעם ציבור-געפיל געוואָרן אָפּגעהאַלטן. בײַם זוכן די אַנטשפּרעכנדיקע פאַכירונגען שטויסט מען זיך אָן אויף דער צײַט פון דער פריסטער קינדהייט און אויף סיטואַציעס, וואָס קענען לויט דער דערפאַרונג זײַן די סיבה פון אַ שטערונג פאַר דער ריכטיקער אַנטוויקלונג. אָבער מען באַקומט

זי שטענדיק צוגלײַך מיט דעם פעלערדיקן ענטפער פון דעם קינד. און בײַ א גענויערן אַרײַנבליק אין די בולט־געוואָרענע פאַרהעלטענישן פאַר־שטייט מען אין איין פאַל, אַז אויף אַ באַרעכטיקטער באַווירקונג פון דרויסן האָט דאָס קינד געענטפערט פעלערדיק, אין אַ צווייטן פאַל, אַז אויף אַ פעלערדיקער באַווירקונג האָט עס געענטפערט פעלערדיק, אין אַ דריטן פאַל — אַ סך זעלטענער — אַז אויף אַ פעלערדיקער באַוויר־קונג האָט עס געגעבן אַ פעלער־פרײַען ענטפער. מען פאַרשטייט אויך, אַז דאָס קינד, דער אינדיווויד, האָט פון דאַן אָן זיך ווײַטער טרענירט אויף ענטפערן אין דער זעלביקער ריכטונג — אין יעדן פון די פאַלן מיט דער טענדענץ צו איבערווינדונג — בשעת ווען היפּוכדיקע דערפאַרונגען האָבן שוין ניט געקענט געבן אים דעם שטויס צו רעזיגנירן פון דעם איין מאָל באַטראָטענעם וועג.

דערציִונג, ווי ווײַט מען זאָל ניט פונאַנדערשפּרייטן אירע ראַמען, הייסט על פּי כּן ניט נאָר דאָס לאָזן ווירקן גינציקע השפּעות, נאָר אויך דאָס גענויע נאָכזען, וואָס דעם קינדס שעפערישער גײַסט פאַרמירט פון זיי, כּדי אין פאַל פון אַ פעלערדיקער אויספאָרמירונג אויסצולייגן דעם וועג צו אַ בעסערונג. דער דאָזיקער בעסערער וועג איז בײַ אַלע אומ־שטענדן די שטײַגערונג פון מיטאַרבעט און פון אינטערעס פאַר אַנדערע.

האָט דאָס קינד געפונען זײַן באַוועגונגס־געזעץ, אין וועלכן מיר מוזן אָבסערווירן ריטם, טעמפּעראַמענט, אַקטיווקייט, און קודם כּל דעם גראַד פון ציבור־געפיל — דערשײַנונגען, וועלכע מען קען שוין אָפט דער־קענען אין צווייטן לעבנסיאָר, אין פינפטן אַוודאַי — ווערן דאַן אויך אַלע זײַנע אַנדערע פעיִקייטן אין זייער אייגנאַרטיקייט געבונדן מיט זײַן באַוועגונגס־געזעץ. עס גייט דערבײַ בעיקר אין דער אַפּערצעפּציע, וואָס דער מענטש שאַפט זיך וועגן זיך און וועגן דער אַרומיקער וועלט. אין דעם דאָזיקן ווערק וועט טאַקע באַטראַכט ווערן די פראַגע, — מיט אַנדערע ווערטער: די מיינונג וועגן זיך און וועגן דער וועלט, וואָס ס'האָט זיך קונה געווען דאָס קינד און שפּעטער אין דער זעלביקער ריכטונג דער דערוואַקסענער. אויך די דאָזיקע מיינונג לאָזט זיך ניט אַרויסבאַקומען פון די ווערטער און געדאַנקען פון דער געפאָרשטער פּערזאָן. זיי אַלע ווערן צו שטרענג געהאַלטן אין צאַם פון דעם באַ־וועגונגס־געזעץ, וואָס צילט צום גובר־זײַן, — אפילו אין פאַל פון אַ זעלבסט־פאַרמשפּטונג כאַפּט מען נאָך אַ קוק אין דער הויך. וויכטיקער איז דער פאַקט, וואָס די גאַנצקייט פון לעבן, דאָס וואָס איך רוף אָן קאָנקרעט אַ לעבנסטיל, ווערט פונם קינד אויפגעבויט אין אַ צײַט, ווען עס האָט נאָך ניט קיין גענוגנדיק רײַכע שפּראַך און ניט קיין גע־

נוגנדיקן אוצר פון באַגריפן. וואַקסט עס אין זײַן נוסח ווײַטער, דעמאָלט וואַקסט עס במילא אין אַ באַוועגונג, וואָס איז קיין מאָל ניט געוועזן פאַרמולירט אין ווערטער, וואָס לאָזט זיך בכן ניט אָנגרײַפן דורך קיין קריטיק, — אויך די דערפאַרונג דינט אים ניט ווי קריטיק. מען קען דאָ ניט ריידן פון עפּעס גאָר אַ פאַרשטויסענער אומוויסיקייט, אַ סך מערער — פון אַ ניט פאַרשטאַנענעם, פון עפּעס, וואָס איז ניט עלול צו ווערן פאַרשטאַנען. — דער מענטש רעדט צום מבין מיט זײַן לעבנסטיל און מיט זײַן האַלטונג לגבי די לעבנספראַגן, וועלכע פאָדערן פאַר זייער באַשייד דעם ציבור־געפיל.

וואָס איז בעצם נוגע דעם מענטשנס מיינונג וועגן זיך און וועגן דער דרויסנדיקער וועלט, קען מען זי צום בעסטן אַרויסדרינגען פון דעם, וואָס פאַר אַ זין ער געפינט אין לעבן און וואָס פאַר אַ זין ער גיט זײַן אייגענעם לעבן. עס ליגט ווי אויף דער האַנט, אַז אויב עס איז בנימצא אַ דיסאָנאַנס צו אַן אידעאַלן ציבור־געפיל, צו מיטלעבן, צו מיטאַרבעט, צו מיטמענטשלעכקייט, מוז ער דאָ בולט אַפּירטרעטן.

מיר זײַנען איצט צוגעגרייט צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ באַדײַטונג עס האָט צו דערגיין עפּעס וואָס וועגן דעם זין פון לעבן און אויך וועגן דעם, אין וואָס פאַרשיידענע מענטשן זעען דעם זין פון לעבן. אויב פאַר דעם זין פון לעבן, וואָס ליגט מחוץ פון אונדזער דערפאַרונג, איז פאַראַן אַ לכל־הפּחות טיילווײַז אויסהאַלטעוודיקע דערקענטעניש, דעמאָלט איז קלאָר, אַז ער משפּט אָפּ דעם יעניקן, וואָס שטייט צו אים אין אַן אויפפאַלנדיקער סתּירה.

ווי מען זעט, איז דער מחבר געגוג באַשיידן: ער שטרעבט בלויז צו אַ תּחילתדיקן טייל־ערפאָלג, וואָס ווײַזט אים אויס צו זײַן גענוגנדיק געשטיצט דורך זײַנע דערפאַרונגען. ער נעמט זיך גערן צו דער דאָזיקער אויפגאַבע, ווײַל אים ווינקט די האָפענונג, אַז בײַ אַ געוויסער מאָס פון קלאָרער דערקענטעניש וועגן דעם זין פון לעבן, קען ניט נאָר זיך אויסאַרבעטן אַ וויסנשאַפטלעכע פּראָגראַם פאַר ווײַטערדיקער פאָרשונג אין זײַן ריכטונג, נאָר נאָך מער: עס קען אויך מיטן וואַקסן פון דער דערקענטעניש אָנוואַקסן די צאָל מענטשן, וואָס וועלן, דערקענענדיק בעסער דעם זין פון לעבן, זיך לאָזן געווינען פאַר דעם דאָזיקן זין.

1

די מיינונג וועגן זיך און וועגן דער וועלט

עס איז פאר מיר אויסער יעדן ספק, אז יעדערער פירט זיך אויף אין לעבן אזוי, ווי ער וואלט וועגן זיין קראפט און וועגן זיינע פעיקייטן געהאט א גאנץ באשטימטע מיינונג; דאס גלייכן, אזוי ווי אים וואלט געוועז קלאר שוין מתחילת פון זיינער א האנדלונג די שווערקייט אדער לייכטקייט פון דעם געגעבענעם פאל; קורץ: *אז זיין אויפפירן זיך דרינגט ארויס פון זיין מיינונג.* דאס דארף ווייניקער חידושן: זיינען מיר דאך ניט ביכולת אויפצונעמען בחוש די פאקטן, נייערט בלויז א סוביעקטיוו בילד, אן אפגלאנץ פון דער דרויסנדיקער וועלט. „Omnia ad opinionem suspensa sunt“. דעם דאזיקן זאץ סענעקאס וואלט מען ביי פסיכאלאגישע אויספארשונגען ניט געדארפט פארגעסן. אונדזער מיינונג וועגן די גרויסע און וויכטיקע פאקטן פון לעבן הענגט אפ פון אונדזער לעבן=סטיל. בלויז דארט, וווּ מיר שטויסן זיך דירעקט אן אויף פאקטן, וועלכע ווייזן אונדז ארויס א סתירה צו אונדזער מיינונג וועגן זיי, זיינען מיר גוטה אין דער דירעקטער דערפארונג אין פרטים צו קאריגירן אונדזער אנשויונג און לאזן ווירקן אויף אונדז דעם געזעץ פון קאוזאליטעט, ניט ענדערנדיק דערביי אונדזער מיינונג וועגן לעבן. פאקטיש האט פאר מיר די זעלביקע ווירקונג, צי א גיפטיקע שלאנג דערנעענטערט זיך צו מיין פוס, אדער צי איך מיין, אז דאס איז א גיפטיקע שלאנג. דאס פארצערטלטע קינד פירט זיך אויף אין זיין פחד אויפן זעלביקן אופן סיי בעת עס שרעקט זיך פאר גנבים, ווען די מאמע לאזט אים איבער אליין, סיי בעת גנבים זיינען ווירקלעך דא אין שטוב. בכל אופן בלייבט עס ביי זיין מיינונג, אז אן דער מוטער קען עס ניט זיין, אפילו דאן, ווען זיין השערה, וואס וועקט=אויף דעם פחד, ווערט אפגעפרעגט. דער מענטש, וואס ליידט פון רוים=פחד (Platzangst) און מיידט אוים די גאס, ווייל ער האט דאס געפיל און די מיינונג, אז דער באדן טרייסלט זיך אונטער זיינע פיס, וואלט אין זיינע געזונטע

טעג, ווען דער באָדן אונטער זיינע פיס וואָלט זיך ווירקלעך געטרייסלט, ניט געקענט אַנדערש זיך אויפפירן. דער גנב, וואָס וויַכט פון נוצלעכער אַרבעט, ווייל ער איז ניט צוגעגרייט צו מיטאַרבעט און האַלט על־פּי־טעות דאָס גנבענען פאַר גרינגער, וואָלט אַרויסגעוויזן דעם זעלביקן ווידערווילן צו אַרבעט, בעת די אַרבעט וואָלט ווירקלעך שווערער געווען, ווי דער פאַרברעכן. דער זעלבסטמערדער געפינט אַיין, אַז ס'איז בעסער אויסצוקלייַבן דעם טויט איידער דאָס לעבן, וואָס ער האַלט פאַר האָפענונגסלאָז. ער וואָלט געקענט אויף אַן ענלעכן אופן האַנדלען, ווען דאָס לעבן וואָלט ווירקלעך געווען האָפענונגסלאָז. דעם נאַרקאָמאַן ברענגט זיין סם אַ פאַרלייַכטערונג, וועלכער ער גיט צו אַ העכערן ווערט, ווי דער ערנזווערדיקער לייזונג פון זיינע לעבנספראַגן. ער וואָלט געהאַנדלט אויף אַן ענלעכן אופן, ווען עס וואָלט ווירקלעך געווען אַזוי. דער האָמאָסעקסועלער מאַן געפינט, אַז פרויען, פאַר וועלכע ער שרעקט זיך, זיינען ניט צוציִענדיק, בעת דער מאַן, וואָס דאָס באַהערשן אים ווייזט אים אויס צו זיין אַ גרויסער נצחון, לאָקט אים יאָ. אַלע גייען זיי אַרויס בעת מעשה פון אַזאַ מיינונג, וואָס ווען זי וואָלט געווען ריכטיק, וואָלט זייער אויפפיר געקענט אויך זיין אָביעקטיוו ריכטיק.

אָט איז אַזאַ פאַל: אַ 36־יאָריקער אַדוואָקאַט האָט פאַרלאָרן דעם גאַנצן חשק צו זיין פּראָפעסיע. ער האָט ניט קיין שום ערפאָלג און שרייַבט עס צו דעם אומשטאַנד, אַז ער מאַכט, אָפּנים, אויף דער קלייִנער צאָל קליִענטן, וואָס קומען צו אים, אַ שלעכטן אײַנדרוק. אים איז אויך שטענדיק שווער אָנגעקומען צו קומען אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע און דער עיקר פלעגט אים לגבי מיידלעך שטענדיק אַרומנעמען אַ גרויסע אומדרייסטקייט. אַ חתונה־בונד, וואָס ער האָט געשלאָסן נאָך אַ לאַנגן אָפּציען און כמעט מיט אומווילן, ענדיקט זיך אין אַ יאָר אַרום מיט צעשיידונג. ער לעבט איצט אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון דער וועלט ביי זיינע עלטערן, וועלכע מוזן צום גרעסטן טייל זאָרגן פאַר אים.

ער איז אַן איינציק קינד און איז פון זיין מוטער אין אַן אומגלויבלעכער מאָס פאַרצערטלט געוואָרן. זי איז שטענדיק לעבן אים. עס איז איר געראָטן איבערצוצייַגן דאָס קינד און דעם פאָטער, אַז איר זון וועט אַמאָל זיין אַ גאָר דערהויבענער מאַן, און דער ייִנגל האָט געלעבט ווייטער אין דער זעלביקער דערוואַרטונג, וואָס זיינע גלענצנדיקע ערפאָלגן אין שול האָבן אויסגעוויזן צו באַשטעטיקן. קינדישע מאַסטורבאַציע האָט, ווי ביי דאָס רוב פאַרצערטלטע קינדער, וואָס קענען זיך ניט אָפּזאָגן פון

קיין שום פאַרלאַנג, געקראָגן איבער אים אַן אומהיימלעכע שליטה און געמאַכט אים פּריציטיק צו שפּאָט ביי די מיידלעך אין שול, וועלכע האָבן אויפגעדעקט זיין באַהאַלטענעם פעלער. ער האָט זיך פון זיי אינגאַנצן אָפּגעזונדערט. אין זיין איזאָלירטקייט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט די טריומפאַלסטע פאַנטאַזיעס וועגן ליבע און פאַרפאָלק־לעבן. ער האָט זיך אָבער געפילט צוגעצויגן בלויז פון זיין מוטער, וועמען ער האָט פולשטענדיק איינגענומען און אויף וועמען ער האָט אַ לאַנגע צייט איבערגעטראָגן אויך זיינע סעקסועלע פאַרלאַנגען. עס איז גענוג קלאָר צו זען פון דעם פאַל, אַז דער אַזוי גערופענער עדיפּ־קאָמפּלעקס איז נישט קיין „יסוד", נאָר אַ שלעכטער קונסט־פּראָדוקט פון פאַרצערטלענדיקע מוטערס, וואָס טרעט דייטלעכער אַרויס דאַן, ווען דער יינגל אָדער יינגלינג זעט זיך אין זיין דאָמינירנדיקער פּוסטער אייגנליבע אָפּגענאַרט פון מיידלעך און האָט אַנטוויקלט אין זיך אַ צו קליינעם סאָציאַלן אינטערעס, כדי זיך צו פאַרבינדן מיט אַנדערע. האַרט פאַרן פאַרענדיקן זיין שטודיום, ווען עס איז אויפגעקומען די פראַגע פון אַ זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ, איז ער קראַנק געוואָרן אויף מעלאַנכאָליע, אַזוי אַז אויך איצט האָט ער זיך צוריקגעצויגן. אַלס קינד איז ער, ווי אַלע פאַרצערטלטע קינדער, געווען שרעקעוודיק און פלעגט זיך צוריקציען פון פרעמדע מענטשן, שפּעטער פון חברים און חברטעס. דאָס גלייכן פון זיין פאַך, און אַט דער לעצטער צושטאַנד דויערט נאָך ביז איצט אין אַ ביסל אַ געמילדערטן גראַד.

איך באַנוגן מיך מיט דער דאָזיקער באַשרייבונג און לאָז דורך די באַגלייט־אַקאָרדן, די „מאָטיוון", די אויסריידן, די אַנדערע קראַנקייט־סימפּטאָמען, מיט וועלכע ער האָט „גערוכערט" זיין צוריקציען זיך. איינס איז קלאָר: דער אַ מענטש האָט זיך במשך פון זיין לעבן נישט געביטן. ער פלעגט שטענדיק וועלן זיין דער ערשטער און פלעגט זיך שטענדיק צוריקציען, ווען ער פלעגט צווייפלען אין זיין דערפאָלג. זיין מיינונג וועגן לעבן לאָזט זיך (ווי מיר קענען עס דערגיין, וואָס פאַר אים איז עס אָבער פאַרבאָרגן געווען) אַריינגעמען אין דער פאָרמל: „היות די וועלט דערלאָזט נישט מיין טריומף, ציִ איך זיך צוריק". מען קען נישט לייקענען, אַז אַלס אַ מענטש, וואָס זעט זיין געגאַרטע שלימות אין דעם נצחון איבער אַנדערע, האָט ער דערמיט געהאַנדלט בלויז ריכטיק און אינטעליגענט. דאָ איז נישט שכל הישר, נישט common sense אין דעם באַוועגונגס־געזעץ, וועלכן ער האָט זיך געשאַפן, דאָ איז אָבער דאָס,

וואָס איך האָב אָנגערופן „פּריוואַטע אינטעליגענץ”. ווען דאָס לעבן וואָלט עמיצן פאַקטיש אָפּגעזאָגט יעדן ווערט, וואָלט ער ניט געקענט פיל אַנדערש האַנדלען.

ענלעך, נאָר באַלאָדן מיט אַנדערע אויסדרוק־פאָרמען, מיט אַ לייכטערער אויסשליסונג־טענדענץ טרעט אַרויס דער ווייטער־דיקער פאַל: אַ 26־יאָריקער מאַן איז געוואַקסן צווישן צוויי פון דער מוטער פאַוואָריזירטע קינדער. ער האָט מיט גרויס קינאה נאָכגעקוקט די העכערע פּעולות פון זיין עלטערן ברודער. לגבי דער מוטער האָט ער זייער פרי אָנגענומען אַ קריטישע שטעלונג און האָט זיך אָנגעלענט — שטענדיק אַ צווייטע פּאָזע אין דעם קינדס לעבן — אָן דעם פאָטער. זיין ווידערווילן קעגן דער מוטער איז צוליב די אומדערטרעגלעכע געוויינהייטן פון זיין באָבע און אַ ניאַניע גיך אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דעם גאַנצן ווייבלעכן מין. זיין אַמביציע ניט צו ווערן באַהערשט פון אַ פרוי, פאַרקערט צו באַהערשן מענער, איז געוואַקסן ריזיק גרויס. ער פלעגט פּרוּוון אויף אַלע מעגלעכע אופנים אָפּצוהאַלטן דעם יתרון פון זיין ברו־דער. דערפאַר וואָס יענער האָט געהאַט אַן איבערוואָג פון פיזישער קראַפט, אין טורנען און אויף דער יאַגד, איז ביי אים געוואָרן פאַרהאַסט יעטווידע קערפּערלעכע דערגרייכונג. ער האָט זיי אויס־געשלאָסן פון זיין ווירקונגס־ספערע, אַזוי ווי ער האָט שוין געפּלאַ־נעוועט ביי זיך אויך אויסצושליסן די פרויען. אויפטועון האָבן אים צוגעצויגן נאָר דעמאָלט, ווען זיי זיינען פאַרבונדן געווען ביי אים מיט טריומף־געפיל. אַ לאַנגע צייט האָט ער געליבט און פאַרערט אַ מיידל כמעט פון דער ווייטנס. דער מיידל איז, אפנים, ניט געפעלן געוואָרן די דאָזיקע צוריקגעהאַלטנקייט און זי האָט זיך אויסגעקליבן אַן אַנדערן. דאָס, וואָס זיין ברודער האָט גע־לעבט גליקלעך אין אַ חתונה־בונד, האָט אים אָנגעפילט מיט מורא, טאָמער וועט ער ניט זיין אַזוי גליקלעך און ווידער שפּילן אין דער וועלטס מיינונג, ווי ביי זיין מוטער אין דער קינדהייט, אַן ערגערע ראָלע. איין ביישפּיל פון אַ סך, ווי אַזוי עס האָט אים געשטויסן אָפּצופרעגן דעם ברודערס בכורה. איין מאָל האָט דער ברודער געבראַכט פון יאַגד אַ פּרעכטיקע פוקסנפעל, מיט וועלכער ער איז זייער שטאָלץ געווען. אונדזער פריינד האָט אין געהיים אָפּגעשניטן דעם שפּיץ פון דעם ווייסן עק, כדי צו נישט צו מאַכן דעם ברודערס טריומף. זיין סעקסועלער יצר האָט אָנגענומען יענע ריכטונג, וואָס איז אים געבליבן נאָכן אויסשליסן די פרוי

און איז מחמת זײַן שטאַרקערער אַקטיװקײט אין קלענערע גרענעצן געװאָרן האָמאָסעקסועל. זײַן מײנונג װעגן זין פון לעבן איז געװען גרינג צו פונאַנדערשיפֿרירן: — לעבן הײסט: איך מוז אין אַלץ, װאָס איך טו, האָבן די בכורה. און ער האָט געזוכט צו דער־גרײכן די דאָזיקע בכורה אויסשליסלעך די פּעולות, בײַ װעלכע ער האָט זיך ניט געטרויט אַ ניצחונדיקע רעאַליזירונג. אַז בײַם האָמאָסעקסועלן פּאַרקער האָט אויך זײַן פּאַרטנער זיך צוגעשריבן דעם זיג מחמת זײַן מאַגישער צוציִונגס־קראַפֿט, דאָס איז געװען די ערשטע שטערנדיקע ביטערע דערקענטעניש במשך פון אונדזערע אויפֿקלערנדיקע שמועסן.

אויך אין דעם פֿאַל קענען מיר באַהויפּטן, אַז די „פּריװאַטע אינ־טעליגענץ" איז ניט געשטערט, און אַז אפשר דאָס רוב מענטשן װאָלטן זיך געלאָזט אויף דעם װעג, װען דאָס אָפּזאָגן מצד מײדלעך װאָלט געװען אַן אַלגעמײנער פֿאַקט. און בעצם װײַזט זיך אַרויס אומגעװײנלעך אָפֿט די גרויסע נטיה צו פּאַראַלגעמײנערונג װי אַ גרונטלײגנדיקער פֿעלער אינם אויפֿבוי פון דעם לעבנסטיל.

„לעבנספּלאַן" און „מײנונג" דערגאַנצן זיך קעגנזײַטיק. זײ בײדע האָבן זײער שורש אין אַ צײַט, אין װעלכער דאָס קינד איז ניט פֿעיִק אויסצודריקן די אויספֿירן פון זײַנע איבערלעבונגען אין װערטער און באַ־גריפֿן, אָבער אין װעלכער עס הײבט שוין אָן צו אַנטװיקלען אַלגעמײנערע פֿאָרמען פון זײַן אויפֿפֿיר, פון אַנװערטערדיקע אויספֿירן, פון אָפֿט נישטיקע איבערלעבונגען אָדער פון שטאַרק געפֿיל־באַטאָנטע אַנװערטערדיקע דער־פֿאַרונגען. די דאָזיקע אַלגעמײנע אויספֿירן און די אַנטשפּרעכנדיקע טענ־דענצן, געשאַפֿן אין אַ צײַט פון װאָרט־ און באַגריף־לאָזיקײט, װירקן אין דער שפּעטערדיקער צײַט װײַטער, װאָס אַן אמת, װערן זײ דאַן ניט אײן מאָל געמילדערט, װען דער common sense מישט זיך מער אָדער װײניקער קאָריגירנדיק אַרײַן און איז בכוח אָפּצוהאַלטן די מענטשן פון צו פֿיל שטיצן זיך אויף כּללים, פֿראַזעס און פּרינציפּן. װי מיר װעלן עס שפּעטער זען, קומט פֿאַר די דאָזיקע באַפֿרײַונג פון צו װײַט גײענדיקע אָנשפּאַר־ און זיכערונגס־פּרוּװן, װאָס זײַנען אויסדרוקן פון אַ שװערן אומזיכערקײט־ און פּחיתות־געפֿיל, אַדאַנק דעם, װאָס מיטן ציבור־געפֿיל װאַקסט אויך דער common sense.

אַז דער זעלבער פֿעלערדיקער פּראָצעס קומט אויך פֿאָר בײַ חיות, װײַזט צװישן אַנדערע דער װײַטערדיקער פֿאַל, װאָס לאָזט זיך אָפֿט אָבסערװירן: אַ יונגער הונט איז געװען אויסגעדרעסירט נאָכצוגײן זײַן באַלעבאָס אויף דער גאַס. ער איז שוין געװען גאַנץ װײַט אַװעק אין

דער קונסט, בעת עס איז אים אין איינעם א טאָג איינגעפאַלן אָנצופאַלן אויף א פאַרנדיקן אויטאָמאָביל. ער איז אָפּגעשליידערט געוואָרן ניט ליידנדיק קיין שאָדן. דאָס איז זיכער געווען אַן איינציקמאָליקע דערפאַרונג, פאַר וועלכער ער האָט קוים געקענט האָבן א פּאַרטיקן איינגעבאַרענעם ענטפער. מען קען אויך שווערלעך ריידן וועגן א „conditioned reflex“ *, ווען מען דערוויסט זיך, אַז דער דאָזיקער הונט איז אין זיין דרעסור ווייטער געגאַנגען פאַרויס, מען האָט אים בלויז מער בשום אופן ניט געקענט ברענגען אויף דעם אָרט פון דעם אומגליקפאַל. ער האָט זיך ניט געשראָקן ניט פאַר דער גאַס, ניט פאַר אויטאָס, בלויז פאַר דעם אָרט פון דער געשעעניש, און איז געקומען צו אַן אַלגעמיינעם אויספיר, וואָס אויך מענטשן מאַכן ניט איין מאָל: דער אָרט איז שולדיק, ניט די אייגענע ניטגעהיטקייט און אומדערפאַרנקייט. און שטענדיק דראָט אויף דעם אָרט א סכנה. ער, אַזוי גוט ווי אַנדערע, וואָס מיט זיי האָט ענלעכס פּאַסירט, האַלטן זיך פעסט ביי אַזעלכע מיינונגען, ווייל זיי דערגרייכן דערמיט לכל־הפחות דאָס איינציקע: „אויף דעם אָרט“ מער ניט געניזוקט צו ווערן. ענלעכע סטרוקטורן געפינען זיך אָפט אין דעם נעווראָז: א מענטש שרעקט זיך פאַר א דראָענדיקער מפּלה, פאַר דעם אָנווער פון זיין פּערזענלעכקייט־געפיל און מיינט זיך צו שיצן דערמיט, וואָס ער שטעלט אַרויס און נוצט אויס די קערפּערלעכע אָדער פּסיכישע סימפּטאָמען, וועלכע שטאַמען פון זיין נשמהדיקער צערודערטקייט מחמת א פּראָבלעם, וואָס ער פאַרשטייט פאַלש ווי אַן אומבאַשיידלעכן, כּדי צו קענען אָנהויבן זיך צוריקציען.

אַז מיר זיינען ניט מושפּע פון „פאַקטן“, נייערט פון אונדזער מיינונג וועגן פאַקטן, ליגט קלאָר, ווי אויף דער האַנט. אונדזער גרעסערע אָדער קלענערע זיכערקייט אין דעם, אַז מיר שאַפן מיינונגען אַנטשפּרעכנדיק די פאַקטן, ליגט אינגאַנצן, בעיקר ביי אומדערפאַרענע קינדער און ציבור־פרעמדע דערוואַקסענע, אין דער שטענדיק ניט גענוגנדיקער דערפאַרונג און אין דער אָנסתירהדיקייט צווישן אונדזער מיינונג און דעם דערפאָלג פון אונדזער האַנדלונג, וואָס איז בהסכּם מיט אונדזער מיינונג. אַז די דאָזיקע קריטעריומס זיינען אָפט ניט גענוגנדיק, איז לייכט צו דערזען: דער קרייז פון אונדזער ווירקן איז בטבע א באַגרענעצטער און קלענערע שטרויכלונגען און סתירות לאָזן זיך אָפט אָן מי אָדער מיט דער הילף פון אַנדערע מער אָדער ווייניקער גלאַט ערליידיקן; דאָס העלפט־מיט איינצוהאַלטן דויערנדיק דעם איין

---

* באַדינגטער רעפלעקס.

מאָל אָנגענומענעם לעבנספּלאַן. ערשט גרעסערע שטרויכלונגען צווינגען אים צו אַ שאַרפערע רעוויזיע; זי פאַלט אָבער אויס פרוכפּערדיק בלויז ביַי די מענטשן, וואָס באַטייליקן זיך אין דער מיטמענטשלעכער באַשיידונג פון די לעבנספראַגן און וואָס זיַינען פריַי פון פערזענלעכע יתרון=צילן.

מיר קומען אויף אַזאַ אופן צום אויספיר, אַז יעדערער טראָגט אין זיך אַ „מיינונג" וועגן זיך און וועגן די אויפגאַבן פונם לעבן, אַ לעבנס=ליניע און אַ באַוועגונגס=געזעץ, וועלכער הערשט איבער אים, אָבער דאָס אַלץ — ניט פאַרשטייענדיק עס, ניט אָפּגעבנדיק זיך דערפון אַ חשבון. דער דאָזיקער באַוועגונגס=געזעץ קומט=אויף אין דעם ענגן לעבנס=שטח פון דער קינדהייט; ער אַנטוויקלט זיך אין אַ צייט, ווען דעם קינדס בחירה איז ווייניק באַגרענעצט און ווען עס נוצט די איַינגעבאָרענע כּוחות און די סביבה=איינדרוקן אויף אַ פרייען אופן, ניט געפּענטעט דורך קיינע מינים טעאָריעס, וואָס זאָלן זיך לאָזן מאַטעמאַטיש פאָרמולירן. די ריכטונג און די געקירעוועטע אויסנוצונג פון „אינסטינקטן", „יצרים", איינדרוקן פון דער דרויסנדיקער וועלט און פון דערציִונג איז דאָס קינסטלערישע ווערק פונם קינד, וואָס קען פאַרשטאַנען ווערן ניט „באַזיץ=פּסיכאָלאָגיש", נייערט „געברויך=פּסיכאָלאָגיש". טיפּן, ענלעכקייטן, בערכדיקע אַנטשפּרעכיקייטן זיינען אָפט בלויז פעסטשטעלונגען, צו וועלכע עס פאַרפירט די אָרעמקייט פון אונדזער שפּראַך, ווייל זי איז ניט בכּוח אויסצודריקן די שטענדיק פאַראַנענע ניואַנסן פּשוט, אָדער דאָס זיינען פאָרמולירונגען פון אַ סטאַטיסטישער וואַרשיינלעכקייט. דאָס פעסטשטעלן זיי דאַרף קיינמאָל ניט איבערגיין אין אויפשטעלן אַ כּלל; עס קען קיינמאָל ניט פאַרשטענדלעכער מאַכן דעם איינצלפאַל, עס קען בלויז אָנגעווענדט ווערן צו באַלויכטן אַ זעפעלד, אויף וועלכן דער איינצלפאַל מוז אין זיין איינציקמאָליקייט געפונען ווערן. די פעסטשטעלונג פון אַ פאַרשאַרפטן פחיתות=געפיל, למשל, זאָגט נאָך גאָר ניט וועגן דעם אָרט און וועגן דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם איינצלפאַל; דאָס זעלבע איז נוגע דעם אָנווייז אויף וועלכע ס'איז פעלערן פון דערציִונג אָדער פון סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. זיי ווייזן זיך אין דעם פאַרהאַלטן זיך פון דעם אינדיווויד צו דער דרויסנדיקער וועלט שטענדיק אין אַ פאַרשיידענער פאָרם, וועלכע איז דורך דער קרייצונג פון דער שעפערישער קראַפט פון דעם קינד און פון זיין „מיינונג" יעדעס מאָל אינדיווידועל אַנדערש.

אלפרעד אדלער

איינִיקע סכעמאַטישע בײַשפּילן זאָלן דאָס אויבנדיקע קלאָרער מאַכן. אַ קינד, וואָס לײַדט פון געבוירן אָן אויף שטערונגען פון מאָגן און געדערים, בכן עפּעס ווי אויף אַן אײַנגעבאָרענער פּחיתות פון דעם פאַרדיי=אַפּאַראַט, אָבער עס באַקומט ניט די פולקום נייטיקע שפּײַז, וואָס אויף אַן אידעאַלן אופן קומט עס קוים אַ מאָל פאָר, ווערט אַזוי אַרום גרינג געקירעוועט צו אַ באַזונדערן אינטערעס בנוגע שפּײַזונג און אַלץ, וואָס עס איז דערמיט פאַרבונדן (פגל׳ Adler, Studie über Minderwertigkeit der Organe und ihre seelische Kompensation, Hirzel, Leipzig, 2 Aufl.). זײַן מיינונג וועגן זיך און וועגן דעם לעבן איז דורך דעם שטאַרקער פאַרבונדן מיט אַן אינטערעס צו שפּײַזונג, שפּעטער אַמאָל, צוליב דער גיך דערקענטער שייכות מיט אַזאַ צו געלט. דאָס מוז, נאַטירלעך, אין איינצלפאַל שטענדיק אויף ס׳ניי נאָכגעפאָרשט ווערן.

אַ קינד, וועלכן די מוטער באַפרײַט סאַמע פון אָנהויב זײַן לעבן פון יעדער אַרבעט, בכן אַ פאַרצערטלט קינד, וועט אויך שפּעטער זעלטן האָבן אַ נטיה צו האַלטן אַליין זײַנע זאַכן אין אָרדענונג. בײַ פאַראַלעלגייענדיקע דערשיינונגען האָבן מיר דאָס רעכט צו זאָגן: עס לעבט אין דער מיינונג, אַז אַלץ דאַרף געטאָן ווערן דורך אַנדערע. אויך דאָ, ווי אין די ווייטערדיקע פאַלן, קען די נייטיקע זיכערקייט פון דער פעסטשטעלונג קומען נאָר דורך ווייטגייענדיקע באַשטעטיקונגען. אַ קינד, וואָס מען גיט אים פּריצייטיק די געלעגנהייט אַרויפצוצווינגען זײַן ווילן אויף די עלטערן, וועט אַרויסווײַזן די מיינונג, אַז עס וואָלט אין לעבן שטענדיק געדאַרפט באַהערשן אַנדערע. בײַ היפּוכדיקע דערפאַרונגען אין דער דרויסנדיקער וועלט קומט אוים על פּי רוב אַזוי, אַז דאָס קינד ווײַזט לגבי דער דרויסנדיקער וועלט אַן „אָפּוואַרטנדיקע פּאָזע“ (פגל׳ Adler, Praxis und Theorie der Individualpsychologie, 4 Aufl., Bergmann, München) און ציט זיך צוריק צו דער משפּחה מיט אַלע זײַנע פאַרלאַנגען, אָפּט סעקסועלע פאַרלאַנגען איינגעשלאָסן, ניט דורכפירנדיק די נייטיקע קאָרעקטור אין זין פון ציבור=געפיל. אַ קינד, וואָס איז פּריצייטיק דערצויגן געוואָרן אַלס אַ גלייכבאַרעכטיקטער צו מיטאַרבעט אין דעם גאַנצן פאַרנעם, אַנטשפּרעכנדיק צו זײַן אויפטופעיִקייט, וועט שטענדיק, כּל זמן עס שטעלן זיך ניט קיין איבערמענטשלעכע פאָדערונגען, זוכן צו באַשיידן אַלע לעבנספראַגן אין דעם זין פון זײַן מיינונג וועגן דעם ריכטיקן געמיינשאַפט=לעבן *.

* דאָס, וואָס אַפילו מענטשן, וועלכע זײַנען יאָרנלאַנג געזעסן אויף דער שולבאַנק פון דער אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע, „מיינען“ דערבײַ איצטיקע געמיינשאַפטן, ניט אַ ציבור sub specie aeternitatis, זאָגט עדות וועגן דעם, אַז דער ניוואָ פון דער אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע איז פאַר זיי צו הויך.

אזוי קען ביי אַ מיידל, וואָס איר פאָטער איז אַן אומיושרדיקער מענטש און פאַרנאַכלעסיקט די משפחה, זיך לייכט אַנטוויקלען די מיינונג, ספּעציעל ווען עס קומען=צו ענלעכע דערפאַרונגען מיט אַ ברודער, מיט קרובים, מיט שכנים, פון דער לעקטור, אַז אַלע מענער זיינען פון דעם זעלבן סאָרט; דערביי קענען אַנדערע דערפאַרונגען נאָך אַ קורצן דויער פון דער אָנגענומענער מיינונג קוים האָבן אַ וואָג. ווערט, אַ שטייגער, אַ ברודער באַשטימט צו אַ העכערער אַנטוויקלונג אין שטודירן, אין באַרוף, קען עס איר לייכט פירן צו דער מיינונג, אַז מיידלעך זיינען אומפעיִק אָדער אויף אַן אומגערעכטן אופן אויסגעשלאָסן פון אַ העכערער אַנטוויקלונג. פילט זיך איינס פון די קינדער אין אַ פאַמיליע באַוואָלט אָדער פאַרנאַכלעסיקט, קען דאָס האָבן דעם פועל=יוצא, אַז עס וואַקסט אויס אין אים אַן אָפּהענטיקייט, ווי עס וואָלט געוואָלט זאָגן: „איך וועל שטענדיק מוזן זיין הינטערשטעליק", אָדער עס ווערט אויפן סמך פון זיין מיינונג, אַז עס קען יאָ אויפטאָן, אַריינפאַלן אין אַן אויפגעבלאָזענער שטרעבונג אַלעמען אַריבערצוטאָגן און קיינעם ניט צו לאָזן גילטן. אַ מוטער, וואָס פּיעשטשעט איר זון איבער יעדער מאָס, קען אים אַריינגעבן די מיינונג, אַז ער מוז אומעטום, צוליב זיך אַליין, ניט מיטשפּילנדיק ריכטיק, שטיין אין צענטער. שטייט זי צו אים צו מיט בסדרדיקער קריטיק און מיט יאָדעניש, הייבט זי נאָך אפשר דייטלעך אַרויס אַ צווייטן זון, קען זי דערמיט דערגרייכן, אַז איר קינד וועט שפּעטער באַגעגענען אַלע פּרויען מיט אומצוטרוי, וואָס עס קען זיין אַ גורם פון טויזנטערליי קאָנסעקווענצן. איז אַ קינד אויסגעשטעלט אויף אַ סך אומגליקפאַלן און קראַנקייטן, קען עס דערפון אַנטוויקלען די מיינונג, אַז די וועלט איז פול מיט סכנות און וועט זיך לויט דעם אויפפירן. דאָס אייגענע קען מיט אַנדערע ניואַנסן געשען, ווען אין דער פאַמיליע=טראַדיציע איז פאַראַן אַ שרעקעוודיקייט און אומצוטרוילעכקייט לגבי דעם אַרום.

אַז אָט די אַלע טויזנטפאַכיק פאַרשיידענע מיינונגען קענען זיך שטעלן און שטעלן זיך אין סתירה צו דערווירקלעכקייט און צו אירע סאָציאַלע פאָדערונגען, ליגט ווי אויף דער האַנט. די טעותדיקע מיינונג פון אַ מענטשן וועגן זיך און וועגן די אויפגאַבן פון דעם לעבן שטויסט זיך פריער אָדער שפּעטער אָן אויף דעם געפאַנצערטן פּראָטעסט פון דער רעאַליטעט, וועלכע פאַרלאַנגט באַשיידונגען אין זין פון דעם ציבור=געפיל. דאָס, וואָס עס קומט פאָר ביי אַזאַ צוזאַמענשטויס, קען פאַרגליכן ווערן מיט אַ שאָקווירקונג. די מיינונג פון דעם גריַיזנדיקן, אַז זיין לעבנסטיל קען ניט ביישטיין לגבי דער פאָדערונג, דעם עקזאַגענעם

פאקטאָר, ווערט אָבער דורך דעם ניט אויפגעלייזט אָדער אומגעאַנדערשט. די שטרעבונג צו פערזענלעכער יתרונדיקייט גייט ווייטער איר וועג. עס בלייבט דערביי ניט קיין אַנדער ברירה, ווי די מער אָדער ווייניקער שטאַרקע באַגרענעצונג אויף אַ קלענערער טעריטאָריע, די אויסשליסונג פון אַן אויפגאַבע, וואָס דראָט דעם לעבנסטיל מיט אַ דורכפאַל. דאָס צוריקציען זיך פאַר דעם פּראָבלעם, וואָס צו זיין באַשיידונג פעלט די ריכטיקע צוגרייטונג אין דעם באַוועגונגס־געזעץ. די שאָקווירקונג אָבער דריקט זיך אויס פסיכיש און קערפּערלעך, מאַכט צו נישט דעם לעצטן רעשט פון ציבור־געפיל און געבוירט אַלע מעגלעכע טעותים אין לעבן; דערביי צווינגט זי דעם אינדיווידו אָנצוהייבן אַ צוריקציִ, ווי אין דעם נעווראָז, אָדער אין פאַל פון נאָך פאַראַנענער אַקטיווקייט, וואָס באַטייט בשום אופן ניט קיין מוט, אַריבערצוגליטשן זיך אויף די רעלסן פון אַנטיסאָציאַלישקייט. על כל פנים איז קלאָר, אַז אין יסוד פון אַ מענטשנס וועלטבילד ליגט די „מיינונג" און זי באַשטימט זיין דענקען, פילן, וועלן און טאָן.

2

פסיכאָלאָגישע מיטלען און וועגן צו פאַרשן דעם לעבן=סטיל

כדי צו דערגיין די מיינונג פון דעם יחיד, מיט וועלכער ער שטעלט זיך אַוועק לגבי די פראַגן פון לעבן; נאָך מער, כדי צו דערגיין דעם זין, וועלכן דאָס לעבן וויל אונדז אַנטפּלעקן, וועלן מיר קיין שום מיטל און קיין שום וועג מכתחילה ניט אָפּוואַרפן. די מיינונג פון דעם אינדיווויד וועגן דעם זין פון לעבן איז ניט קיין פוסטער ענין. וואָרום זי איז אין דער לעצטער שורה די ריכטשנור פון זיין דענקען, פילן און טאָן. דער אמתער זין פון לעבן ווייזט זיך אָבער אַרויס אין דעם קעגנשטעל, אויף וועלכן עס שטויסט זיך אָן דער ניט ריכטיק האַנדלענדיקער אינדיווויד. צווישן אָט די צוויי געגעבענע שפּרייט זיך אויס די אויפגאַבע פון אויפקלערונג, דערציִונג און היילונג. דער וויסן וועגן דעם יחיד איז אוראַלט. כדי בלויז צו דערמאָנען; געשיכטלעכע און ביאָגראַפישע באַשרייבונגען ביי די אַלטע פעלקער, די ביבל, האָמער, פּלוטאַרך; אַלע גריכישע און רוימישע דיכטער, לעגענדעס, מעשהלעך, משלים און מיטן — זיי אַלע ווייזן=אויף גלאַנצפּונקטן פון פערזענלעכקייטס=דערקענטעניש. ביז אין דער נייערער צייט זיינען עס בעיקר געווען די דיכטער, וועמען עס איז צום בעסטן געראָטן אויפצוכאַפּן דעם לעבן=סטיל פון אַ מענטשן. דאָס, וואָס עס פאַרשטאַרקט ביז צום העכסטן גראַד אונדזער באַוווּנדערונג פאַר זייער שאַפונג, איז זייער פעיִקייט צו לאָזן דעם מענטשן לעבן, שטאַרבן און ווירקן ווי אַ ניט טיילעוודיקע גאַנצקייט אין דער ענגסטער שייכות מיט די אויפגאַבעס פון זיין לעבנסקרייז. עס איז קיין ספק ניט, אַז עס זיינען געווען אויך מענטשן פון פאָלק, וואָס האָבן מחדש געווען אין דער מענטשנקענטניש און האָבן זייערע דערפאַרונגען איבערגעגעבן די ווייטערדיקע דורות. זיי און די גאונים פון

דער מענטשנקענטניש האט משמעות אויסגעטיילט דער טיפערער אריינבליק אין די שייכותן פון די מענטשלעכע טרייב=כוחות, א פעיקייט, וואס עס האט געקענט אויסוואקסן נאר פון פארבונדנקייט מיט דעם ציבור, פון זייער אינטערעס פאר דער מענטשהייט. דער לוין פאר זייער ציבור=געפיל איז געווען די גרעסערע דערפארונג, די בעסערע פארשטענדעניש, דער טיפערער בליק. דאס קענען אזוי באשרייבן די אנצאליקע טויזנטפאכיקע אויסדרוק=באוועגונגען, אז דער אנדערער זאל זיי מער=ווייניקער פארשטיין, זיי תופס זיין, ניט דארפנדיק דערביי אנקומען צו דער הילף פון ווערטער, איז שטענדיק געווען די גאב פון דערשפירן, וואס עס האט ניט געטארט פעלן אין זייער שאפונג. נאר אויף אזא אופן האבן זיי געקענט קומען דערצו — צו זען, וואס עס ליגט הינטער און צווישן די אויסדרוק=באוועגונגען: דעם באוועגונגס=געזעץ פון דעם יחיד. מאנכע רופן אן די דאזיקע גאב „אינטויציע" און גלויבן, אז נאר די העכסטע גייסטער פארמאגן זי. די דאזיקע גאב איז אין דער ווירקלעכקייט די צום מיינסטן מענטשלעכע. יעדערער ווענדט זי כסדר אן אין דעם כאאס פון לעבן, אין דער ניט דערגרונטעוועטקייט פון דער צוקונפט.

היות יעדע קלענסטע און גרעסטע אויפגאבע, וואס שטייט פאר אונדז, איז שטענדיק נייַ, שטענדיק אנדערש, וואלטן מיר כסדר פארוויקלט געווארן אין נייַע פעלערן, ווען מיר וואלטן געווען געצוווּנגען צו באשיידן זי לויט א סכעמע, א שטייגער, לויט „באדינגטע רעפלעקסן". די כסדרדיקע אנדערש=ארטיקייט רוקט ארויס פאר דעם מענטשן שטענדיק נייַע פאדערונגען צו שטעלן זיין פון פריער געניטע אויפפירונג פאר א נייַעם פרווו. אפילו ביַים קארטנשפיל קומט מען ניט אויס מיט „באדינגטע רעפלעקסן". ערשט דאס ריכטיקע דערשפירן העלפט אונדז צו באהערשן די אויפגאבן. דאס דאזיקע דערשפירן צייכנט אבער צום שטארקסטן אויס דעם מענטשן, וועלכער איז א מיטשפילער, א מיטמענטש, וועלכער איז פאראינטערעסירט אין דעם גליקלעכן באשייד פון אלע מענטשהייטס=פראגן. דער בליק אין דער צוקונפט פון יעדן מענטשלעכן געשען געהערט צו זיין מהות, אלץ איינס, צי ער פארשט די מענטשהייטס=געשיכטע, אדער גורלות פון יחידים.

פסיכאלאגיע איז געווען אן אומשולדיקע קונסט ביז וואנען עס האט זיך פאר איר ניט אנגענומען די פילאזאפיע. אין איר און אין דער אנטראפאלאגיע פון די פילאזאפן שפראצן דיווארצלען פון דער וויסנשאפטלעכער מענטשנקענטניש. אין די פילפאכיקע פרוּוון אייַנצואָרדענען דאס גאנצע געשען אין א כוללדיקן וועלט=געזעץ האט מען ניט געקענט פארזען דעם איינצל=מענטש. די דערקענטניש פון דער איינהייט

פון אַלע אויסדרוקספאָרמען פון אַן אינדיווידו איז געוואָרן אַן אמת ניט אָפּצופרעגן. דאָס איבערטראָגן די געזעצן פון יעדן געשען בכלל אויף דער מענטשלעכער נאַטור האָט אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, און די ניט־דערגרונטעוועטע, אומבאַקאַנטע פירנדיקע קראַפט האָבן קאַנט, שעלינג, העגעל, שאָפּענהויער, האַרטמאַן, ניצשע און אַנדערע געזוכט אין אַן אומבאַוווּסטן טרייַב־כוח, וואָס אָט האָט מען אים אָנגערופן מאָראַל־געזעץ, דאָרט ווילן, און ווידער דאָרט ווילן צו מאַכט, אָדער דאָס אומוויסיקע. לעבן דער איבערטראָגונג פון אַלגעמיינע געזעצן אויף דעם מענטשלעכן געשען איז געקומען צו דער מאַכט די אינטראָספּעקציע. מענטשן האָבן געדאַרפט וועגן דעם פּסיכישן געשען און וועגן דעם, וואָס עס קומט דערבייַ פאָר, עפּעס אַרויסזאָגן. די דאָזיקע מעטאָדע האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן. מיט רעכט איז זי דיסקרעדיטירט געוואָרן, וואָרום מען האָט ניט געקענט טרויען די מענטשן, אַז זיי זאָלן זיין מסוגל צו אָביעקטיווע אַרויסזאָגונגען.

אין דער צייַט פון אַן אַנטוויקלטער טעכניק איז עולה לגדולה געוואָרן די עקספּערימענטאַלע מעטאָדע. מיט דער הילף פון אַפּאַראַטן און זאָרגעוודיק צוגעקליבענע פראַגעס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן עקזאַמענס, וועלכע האָבן געזאָלט אויפדעקן די פונקציעס פון די חושים, אינטעליגענץ, כאַראַקטער און פּערזענלעכקייט. די פאַרשטענדעניש פון דער שייכותדיקייט אין דער פּערזענלעכקייט איז דערבייַ פאַרלאָרן געגאַנגען, אָדער האָט בלויז דורך דערשפּירן געקענט דערגאַנצט ווערן. די שפּעטער אויפגעקומענע לערע פון דער ירושהדיקייט האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אַלע באַמיִונגען און זיך צופרידן געשטעלט מיט דעם אָנווייַז, אַז עס גייט וועגן דעם פאַרמעג פון די פעיִקייטן און ניט וועגן דעם באַנוץ זייערן. אַהין האָט אויך געצילט די לערע וועגן דער השפּעה פון די ענדאָקרינע דריזן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף ספּעציעלע פאַלן פון פּחיתות־געפילן און זייער קאָמפּענסאַציע אין פאַל פון פּחיתותדיקע אָרגאַנען.

אַ רענעסאַנס האָט די פּסיכאָלאָגיע איבערגעלעבט אין דעם פּסיכאָאַנאַליז, וואָס האָט אויפסניי געמאַכט אויפלעבן אין דעם סעקסואַל־ליבידאָ דעם אַלמעכטיקן קירעווער פון מענטשהייט־גורל און האָט זאָרגעוודיק אויסגעמאָלט פאַר די מענטשן די פּחדים פון גיהנום אין דעם אומבאַוווּסטן און דעם חטא הקדמון אין דעם „שולדגעפיל“. די פאַרנאַכלעסיקונג פון הימל איז שפּעטער פאַרריכט געוואָרן מיט דעם שאַפן דעם „אידעאַל־איך“, געשטיצט אויף דעם „אידעאַלן“ ציל פון דער פולקומענהייט אין דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע. פונדעסטוועגן איז

דאָס געווען אַ באַדײַטנדיקער פּרווו צו לייענען צווישן די שורות פון באַוווסטזײַן, אַ טריט פאָרויס צום אויפדעקן דעם לעבן=סטיל, די באַוועגונגס=ליניע פון דעם אינדיוויד, דעם זין פון לעבן, הגם דער אין סעקסועלע מעטאַפאָרן פאַרזונקענער מחבר האָט דעם דאָזיקן פירנדיקן ציל ניט משיג געווען. דער פּסיכאָאַנאַליז איז אויך צו פיל געווען פאַרטאָן אין דער וועלט פון דעם פאַרצערטלטן קינד, אַזוי, אַז די פּסיכישע סטרוקטור האָט זיך שטענדיק פאַר אים געוויזן, ווי אַן אָפּדרוק פון דעם דאָזיקן טיפּ און די טיפערע פּסיכישע סטרוקטור אַלס טייל פון דער מענטשלעכער עוואָלוציע איז פאַר אים געבליבן פאַרבאָרגן. זײַן פאַרבײַגייענדיקער ערפאָלג איז געלעגן אין דער דיספּאָזיציע פון דער מאַסע פאַרצערטלטע מענטשן, וועלכע האָבן די פּסיכאָאַנאַליטישע אָנשויונגען גערן אָנגענומען אַלס אַלגעמיין מענטשלעך עקזיסטירנדיקע און זײַנען דורך דעם געשטאַרקט געוואָרן אין זייער אייגענעם לעבן=סטיל. די טעכניק פון דעם פּסיכאָאַנאַליז איז געווען געקירעוועט אויף פאַרצושטעלן מיט גערולדיקער ענערגיע די באַציִונגען פון די אויסדרוק=באַוועגונגען און סימפּטאָמען צו דעם סעקסואַל=ליבידאָ און צו דערווײַזן, אַז דאָס טאָן פונם מענטש איז אָפּהענגיק פון אַן אײַנגעוואָרצלטן סאַדיסטישן יצר. ערשט אין דער אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגישער אָנשויונג האָט זיך גענוג קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז דאָ האָבן מיר דערשײַנונגען פון אַ קינסטלעך געהאָדעוועטן רעסענטימענט פון פאַרצערטלטע קינדער. פונדעסטוועגן ווערט אויך לפי ערך און בדרך רמז גענומען אין חשבון דער עוואָלוציאָנערער מאָמענט, הגם פאַרגרײַזט און אויף דעם באַוווסטן געוויינטלעך פּעסימיסטישן אופן, דורך דער אידעע פון פאַרלאַנג צום טויט. דאָ איז ניט בנימצא קיין אַקטיווע צופּאַסונג אַלס לעצטער ציל, נײַערט אַ וואַרטן אויף אָפּשטאַרבן, בהסכם מיט דעם צווייטן גרונד=געזעץ פון דער פיזיק, וואָס איז פונדעסטוועגן אַ ספּקדיקער.

די אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע שטייט אינגאַנצן אויפן באָדן פון דער עוואָלוציע (זע: „Studie über Minderwertigkeit der Organe“, 2 Aufl., Bergmann, München) און זעט אין איר ליכט דאָס גאַנצע מענטשלעכע שטרעבן ווי אַ שטרעבן צו שלימות. אין דעם שטרעבן איז דער לעבנסדראַנג קערפּערלעך און נשמהדיק געקניפּט ניט אָפּצורײַסן. דערפאַר שטעלט זיך פאַר פאַר אונדזער דערקענטעניש=פעיִקייט יעדע פּסיכישע אויסדרוק=פאָרם ווי אַ באַוועגונג, וואָס פירט פון אַ מינוס=סיטואַציע צו אַ פּלוס=סיטואַציע. דער וועג, דער באַוועגונגס=געזעץ, וואָס יעדער אינדיוויד גיט זיך אַליין אין באַגינען פון זײַן לעבן, אין בערכדיקער פרײַהייט בײַם אויסנוץ פון זײַנע אײַנגעבאָרענע פעיִקייטן און אומפעיִקייטן, דאָס

גלײַכן פון זײַנע ערשטע אײַנדרוקן פון דער סביבה, — איז פאַר יעדן אינ=
דיווידו פאַרשיידן אין טעמפּ, אין ריטם און אין דער ריכטונג. אין כּסדר=
דיקן פאַרגלײַך מיט דער אידעאַלער שלימות, וואָס איז ניט צו דערגרייכן,
איז דער אינדיוויד שטענדיק אויסגעפּילט מיט אַ פּחיתות=געפּיל און
ווערט פון אים אָנגעטריבן. מיר מעגן בעסטשטעלן, אַז יעדער מענטש=
לעכער באַוועגונגס=געזעץ איז פּעלערדיק, געזען sub specie aeternitatis
און פון דעם פּיקטיוון שטאַנדפּונקט פון אַן אַבסאָלוטער ריכטיקייט.

יעדע קולטור=עפּאָכע פורעמט זיך דעם דאָזיקן אידעאַל אין גבול
פון אירע געדאַנקען און געפילן. אַזוי ווי, הײַנט, קענען מיר שטענדיק
נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט געפינען דעם זיך=בײַטנדיקן ניוואָ פון דער
מענטשלעכער השגה אין אויפשטעלן דעם דאָזיקן אידעאַל און מיר האָבן
דאָס רעכט צום טיפסטן צו באַוואונדערן אַזאַ כּוח פון השגה, וואָס האָט
משיג געווען פאַר ניט=אויסגעמאָסטענע צײַטן יענעם טראַגפעיִקן
אידעאַל פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. ס'איז אַ סברא, אַז דער „לא
תרצח", דער „ואהבת לרעך כּמוך" קען קוים ווען עס איז פאַרשווינדן פון
דעם וויסן און פילן אַלס אייבערשטע אינסטאַנץ. אַט די און אַנדערע
נאָרמעס פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, פּועל=יוצאס דורכאויס פון דער
מענטשלעכער עוואָלוציע, פאַרוואָרצלט אין דער מענטשלעכער נאַטור ווי
דאָס אָטעמען און דאָס גראָדע גיין, לאָזן זיך צוזאַמענעמען אין דער
אידעע פון אַן אידעאַלער מענטשלעכער געמיינשאַפט; דאָ ריין וויסנ=
שאַפטלעך גענומען — ווי אַן עוואָלוציאָנערער צוואַנג און ווי אַן עוואָ=
לוציאָנערער ציל. זיי גיבן דער אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע די ריכט=שנור,
דאָס „δὸς ποῦ στῶ" * לויט וועלכן אַפילו אַלע אַנדערע צילן און באַ=
וועגונגס=פאָרמען, וואָס שטעלן זיך אין כּתירה צו דער עוואָלוציע, דאַרפן
געשאַצט ווערן אַלס ריכטיק אָדער פאַלש. אין דעם פּונקט ווערט די
אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע אַ ווערט=פּסיכאָלאָגיע, אַקוראַט אַזוי ווי די
מעדיצינישע וויסנשאַפט, די פאָראויסשטויסערין פון דער עוואָלוציע, איז
בײַ אירע פאָרשונגען און פעסטשטעלונגען אַ שאַצנדיקע וויסנשאַפט.

פּחיתות=געפיל, דאָס שטרעבן צום גובר=זײַן און ציבור=געפיל, אַט
די גרונדזײַלן אין דער אינדיווידואַלפּסיכאָלאָגישער פאָרשונג, טאָרן בכן
ניט פעלן אין דער באַטראַכטונג פון אַן אינדיוויד אָדער מאַסע. מען
קען אַרומגיין אַרום זייער ממשות, אויסדריקן זי פאַרשטעלטערהייט,
מען קען זיי פאַלש פאַרשטיין, מען קען פּרוּוון זיך פּילפּלען, — מען קען
זי אָבער ניט אויסלעשן. יעדע ריכטיקע באַטראַכטונג פון אַ פּערזענלעכ=
קייט מוז די דאָזיקע פאַקטן אויף וועלכן ס'איז אופן אַרײַננעמען אין

חשבון און פעסטשטעלן, ווי עס האלט מיטן פחיתות־געפיל, מיטן שטרעבן צום גובר־זיין, מיט דעם ציבור־געפיל.

אָבער אזוי ווי אנדערע קולטורן האָבן אוים דעם צוואַנג פון דער עוואָלוציע אבסטראהירט אנדערע פאָרשטעלונגען און ניט־ריכטיקע וועגן, אזוי — אויך יעדער איינצלנער אינדיוויד. דער גערענקלעכער און דער דערמיט פאַרבונדענער געפילמעסיקער אויפבוי פון א לעבן־סטיל אין שטראָם פון דער אַנטוויקלונג איז דאָס ווערק פונם קינד. אלס מאסשטאב פון זיין קראַפט דינט אים זיין אויפטו־פעיִקייט, וואָס ער איז געפילמעסיק און בערכדיק תופס, אין א דורכאוים ניט נייטראַלער סביבה, וואָס שפּילט נאָר שוואך די ראָלע פון א פאָרשול פון לעבן. בויענדיק אויף א סוביעק־טיוון איינדרוק, געפירט אָפט דורך ווינציק פאַרלאָזלעכע דערפאָלגן אָדער דורכפאַלן, שאַפט זיך דאָס קינד אַנשוילעכקייט, א וועג און א ציל צו א הייך, וואָס ליגט אין דער צוקונפט. אלע מיטלען פון דער אינדי־ווידואלפּסיכאָלאָגיע, וואָס דאַרפן פירן צום פאַרשטיין די פּערזענלעכקייט, רעכענען זיך מיט דער מיינונג פון דעם אינדיוויד וועגן דעם ציל פון יתרון, מיט דער שטאַרקייט פון זיין פּחיתות־געפיל און מיט דעם גראַד פון זיין ציבור־געפיל. ביי א נעענטערן אריינבליק אין דער פאַרהעלטעניש פון די דאָזיקע גורמים קען מען זען, אז זיי אלע קאָנסטיטויִרן דעם אַרט און גראַד פון דעם ציבור־געפיל. די פּרוווּנג קומט פאָר ענלעך ווי ביי דער עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע, אָדער ווי אין דער פונקציע־פּרוווּנג ביי מעדיצינישע פאַלן: נייערט וואָס דאָ שטעלט די פּרוווּנג אוועק דאָס לעבן אליין, וואָס עס ווייזט אויף דער טיפער פאַרבונדנקייט פון דעם אינדיוויד מיט די פראַגן פון לעבן. דאָס גאַנצע פון דעם אינדיוויד קען דאָך ניט אַרויסגעריסן ווערן פון דער שייכות מיטן לעבן — בעסער געזאָגט — מיט דעם ציבור. ערשט זיין שטעלונג צו דעם ציבור זאָגט עדות וועגן זיין לעבן־סטיל. דערפאַר קען די עקס־פּערימענטאַלע פּרוווּנג, וועלכע נעמט אין אַכט, אין בעסטן פאַל, בלויז אָנטיילן אין לעבן, גאָר ניט זאָגן וועגן דעם כאַראַקטער אָדער וועגן די קומיינדיקע אויפטוען אין דעם ציבור. אויך די „געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע" דאַרף האָבן די דערגאַנצונג דורך דער אינדיווידואלפּסיכאָלאָגיע, כּדי צו קענען אויפקלערן דאָס נעמען שטעלונג פון אינדיוויד אין דעם לעבנס־פּראָצעס.

די טעכניק פון דער אינדיווידואלפּסיכאָלאָגיע אויסצופאָרשן דעם לעבן־סטיל מוז דעריבער כּחייב זיין אין דער ערשטער ליניע א קענט־שאַפט פון די לעבנס־פּראָבלעמען און זייערע פאָדערונגען צום אינדיוויד.

עס וועט זיך ארויסווייזן, אז זייער באשייד איז כחיוב א געוויסן גראד פון ציבור־געפיל, א צוגעבונדנקייט צו דער גאנצקייט פון לעבן, א פעיקייט צו מיטארבעטן און צו מיטמענטשלעכקייט. אויב די דאזיקע פעיקייט פעלט, דעמאלט לאזט זיך אבסערווירן אין טויזנטפאכיקע װאריאנטן א פארשטארקטער פחיתות־געפיל און זיינע פועל־יוצאס, אין אלגעמיין גענומען, ווי אן „אפווארטנדיקע פאזע" און ווי אן אויסמיידונג. די קערפערלעכע אדער פסיכישע דערשיינונגען, וועלכע טרעטן דערביי ארויס, האב איך אין זייער צוזאמענהאנג באצייכנט אלס „פחיתות־קאמפלעקס". די קיינמאל ניט רוענדיקע שטרעבונג צו יתרון באמיט זיך צו פארדעקן דעם דאזיקן קאמפלעקס מיט א יתרון־קאמפלעקס, וועלכער צילט שטענדיק מחוץ דעם ציבור־געפיל צו דער אילוזיע פון א פערזענלעכן יתרון. פארשטייט מען די אלע דערשיינונגען, וואס טרעטן ארויס ביי א מפלה, דארף מען פארשן די סיבות פון דער קנאפער צוגרייטונג אין דער פריער קינדהייט. אויף אזא אופן גראט צו באקומען א געטריי בילד פונם איינהייטלעכן לעבן־סטיל פון אן אינדיווידואום, אין דער זעלבער צייט תופס צו זיין, אין פאל פון א שטרויכלונג, דעם גראד פון דער אפווייכונג, וואס ווייזט זיך שטענדיק ארויס ווי א פעלן פון אנשלוס־פעיקייט. דערביי ווערט געגעבן די אויפגאבע, וואס געהערט דעם דערציער, דעם לערער, דעם דאקטאר, דעם גייסטיקן מדריך (Seelsorger): הייבן דעם ציבור־געפיל און דערמיט דעם מוט דורך איבערצייגן אין די ווירקלעכע סיבות פון דער שטרויכלונג, דורך אויפדעקן די פאלשע מיינונג, דעם פארגרייזטן זין, וואס דער אינדיווידואום האט אונטערגערוקט דעם לעבן, כדי אים צו דערנעענטערן צום זין, וועלכן דאס לעבן האט פאר דעם מענטשן אוועקגעשטעלט ווי אן אויפגאבע.

די דאזיקע אויפגאבע קען מען באשיידן נאר דאן, ווען עס איז פאראן א גענויע קענטשאפט פון די לעבנס־פראבלעמען און ווען עס איז געווארן פארשטאנען, אז ביי יעדן פאל פון פחיתות־און יתרון־קאמפלעקס, פונקט ווי אין אלע טיפן פון די מענטשלעכע שטרויכלונגען, האט מען צו זוכן די סיבה אין א צו ווינציקן צושטייער פון ציבור־געפיל. דאס גלייכן אין נייטיק א גרויסע דערפארונג בנוגע יענע אומשטענדן און סיטואציעס, וועלכע שטערן משמעות די אנטוויקלונג פון דעם ציבור־געפיל אין דער קינדהייט. אין מיין ביז איצטיקער דערפארונג האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער צום בעסטן אויסגעפרואוטער צוגאנג צו דער אויספארשונג פון דער פערזענלעכקייט איז געגעבן אין א פולדיקער פארשטענדעניש פון די ערשטע קינדהייט־זכרונות, פון דער פאזיציע

פונם קינד אין דער ריי פון מיטקינדער, פון וועלכע ס׳איז קינדער־פעלערן, אין טאג־ און נאכט־חלומות און אין דעם ארט פון עקזאגענעם, קראנקמאכנ־דיקן פאקטאר. אלע רעזולטאטן פון אזא אויספארשונג, בתוכם אויך די שטעלונג צום דאקטאר, דארפן מיט דער גרעסטער פארזיכטיקייט אפגע־שאצט ווערן און זייער באוועגונגס־פארלויף דארף מען כסדר אויספרווון לויט דער גלייך־קלינגעוודיקייט מיט אנדערע פעסטשטעלונגען.

3

די אויפגאַבן פון לעבן

דאָ איז דער פּונקט, ווו די אינדיווידואַלפּסיכאָלאָגיע קומט אין באַרירונג מיט דער סאָציאָלאָגיע. עס איז אוממעגלעך צו געווינען אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פון אַן אינדיוויד, אויב מען קען ניט די סטרוקטור פון זײַנע לעבנס־פּראָבלעמען און די אויפגאַבע, וואָס זיי שטעלן פאַר אים אַוועק. זײַן מהות ווערט אונדז קלאָר ערשט דורך דעם אופן, ווי אַזוי דער אינדיוויד שטעלט זיך לגבי זיי, און פון דעם, וואָס עס קומט דערבײַ פאָר אין אים. מיר דאַרפן פעסטשטעלן, צי ער גייט מיט, אָדער צי ער ציט אָפּ, שטעלט זיך אָפּ, באַמיט זיך זיי אַרומצוגיין, זוכט אויס און שאַפט תירוצים, צי ער באַשיידט די אויפגאַבע טיילווײַז, וואַקסט זי אַריבער, אָדער לאָזט זי אומבאַשיידט, כּדי אויף אַ וועג, וואָס איז שעדלעך פאַרן ציבור, צו געווינען די אילוזיע פון אַ פּערזענלעכן יתרון.

פון שטענדיק אָן האָב איך זיך געהאַלטן פעסט בײַ דעם — אונטערצואָרדענען אַלע לעבנספראַגן אונטער די דרײַ גרויסע פּראָבלעמען: דעם פּראָבלעם פון דעם ציבור־לעבן, פון אַרבעט און פון ליבע. ווי עס איז לייכט צו זען, זײַנען עס ניט קיין צופעליקע פראַגן, נײַערט זיי שטייען פאַר אונדז כּסדר דרינגענדיק און פאָדערנדיק, ניט צו אַנטרינען פון זיי. וואָרום אונדזער גאַנצע האַלטונג לגבי די דאָזיקע דרײַ פראַגן איז דער ענטפער, וואָס מיר גיבן דורך אונדזער לעבן־סטיל. היות זיי זײַנען צווישן זיך ענג פאַרבונדן און דהיינו דערמיט, וואָס אַלע דריי פּראָבלעמען פאַרלאַנגען פאַר זייער ריכטיקן באַשייד אַ געהעריקע מאָס פון ציבור־געפיל, איז פאַרשטענדלעך, אַז דער לעבן־סטיל פון יעדן מענטשן שפּיגלט זיך מער אָדער ווייניקער דײַטלעך אָפּ אין דער שטעלונג צו אַלע דרײַ פראַגן. *ווייניקער דײַטלעך* אין דער, וואָס ליגט איצט ווײַטער פון אים, אָדער שטעלט אַרויס גינציקערע אומשטענדן, *דײַטלעכער*, אויף ווי ווײַט עס ווערט שטרענגער געפּרווט דעם

אינדיווידס טויגעוודיקייט. פּראָבלעמען, ווי קונסט און רעליגיע, וואָס שטייגן אַריבער איבער דעם דורכשניטלעכן באַשייד פון די פּראָבלעמען, האָבן זייער חלק אין די אַלע דריי פראַגן. די דאָזיקע דרינגען אַרויס פון דער אומבאַדינגטער געבונדנקייט פון דעם מענטשן צום הכרח פון פאַרגעזעלשאַפטלעכונג, פון זאָרג פאַר אויסהאַלטונג און פון זאָרג פאַר נאָכוווּקס. דאָ וויקלען זיך פאַר אונדז אויף פראַגן פון אונדזער ערדישער עקזיסטענץ. דער מענטש האָט געקענט אַלס פּראָדוקט פון דער ערד אין זיין קאָסמישער באַציִונג זיך אַנטוויקלען און האָבן אַ קיום נאָר דורך דער פאַרבינדונג מיט דעם ציבור, ביי אַ קערפּערלעכער און גייסטיקער זאָרגעוודיקייט פאַר אים, ביי אַרבעטס־טיילונג און פליים און ביי אַ גענוגנדיקער פאַרמערונג. אין זיין עוואָלוציע איז ער קערפּערלעך און גייסטיק אויסגעריכט געוואָרן מיט דעם שטרעבן צו בעסערער קערפּערלעכער טויגעוודיקייט און צו בעסערער גייסטיקער אַנטוויקלונג. אַלע דערפאַרונגען, טראַדיציעס, געבאָטן און געזעצן זיינען געווען, גוט אָדער שלעכט, דויערנדיק אָדער וואַקלדיק, פּרוּוון אין דעם שטרעבן פון דער מענטשהייט צו יתרונדיקייט איבער די שוועריקייטן פונם לעבן. אין אונדזער היינטיקער קולטור זעען מיר די ביז אַהער דערגרייכטע, אמת, ניט באַפרידיקנדיקע, מדרגה פון דעם דאָזיקן שטרעבן. דאָס צוקומען פון אַ מינוס־סיטואַציע צו אַ פּלוס־סיטואַציע כאַראַקטעריזירט די באַוועגונג פון יחיד און פון דער מאַסע און גיט אונדז דאָס רעכט צו ריידן וועגן אַ דויערנדיקן פּחיתות־געפיל סיי ביים יחיד סיי ביי דער מאַסע. אין דעם שטראָם פון דער עוואָלוציע איז ניטאָ קיין רו־צושטאַנד. דער ציל פון דער פולקומענהייט ציט אונדז אין דער הייך.

אויב אָבער די דאָזיקע דריי פראַגן מיט זייער בשותּפותדיקן באַזיס אין דעם סאָציאַלן אינטערעס זיינען ניט אויסצומיידן, איז קלאָר, אַז זיי קענען באַשיידט ווערן נאָר פון אַזעלכע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אַ באַפרידיקנדיקע מאָס פון ציבור־געפיל. מען קען לייכט זאָגן, אַז אפילו ביי היינטיקן טאָג איז אין יעדן יחיד בנימצא די פעיִקייט צו דערגרייכן די דאָזיקע מאָס; אָבער די עוואָלוציע פון דער מענטשהייט איז נאָך ניט דערגאַנגען צו דעם פּונקט, ווען זי זאָל האָבן איינגעפלאַנצט דעם ציבור־געפיל אין מענטשן אַזוי טיף, אַז ער זאָל זיך אויטאָמאַטיש אויסווירקן, ענלעך ווי דאָס אָטעמען אָדער ווי דאָס גראָדע גיין. עס איז ביי מיר קיין שום פראַגע ניט, אַז עס וועט אין אַ צייט — אפשר אין אַ זייער וויטער — די דאָזיקע מדרגה דערגרייכט ווערן, אויב די מענטשהייט וועט זיך ניט איינברעכן אין דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, אויף וואָס עס איז היינט פאַראַן אַ לייכטער חשד.

צו דעם באַשייד פון די דאָזיקע דריַי הויפּטפראַגן ציִלן אַלע אַנדערע פראַגן, צי עס האַנדלט זיך וועגן פריַינדשאַפט, חברשאַפט, אינטערעס פאַר היים און לאַנד, פאַר פאָלק און פאַר דער מענטשהייט, וועגן גוטע מאַנירן, וועגן אויסאַרבעטן זיך אַ קולטורעלע פונקציע פון די אָרגאַנען, וועגן צוגרייטונג צו מיטאַרבעט, אין שפּיל, אין שול און אין לערנען; וועגן אַכטונג און רעספּעקט פאַר דעם צווייטן געשלעכט, וועגן דער קערפּערלעכער און גיַיסטיקער צוגרייטונג צו די דאָזיקע אַלע פראַגעס, ווי אויך וועגן דעם אויסקליַיב פון דעם געשלעכטלעכן פּאַרטנער. די דאָזיקע צוגרייטונג קומט פאַר דורך דער מוטער, ריכטיק אָדער ניט ריכטיק, פון דעם ערשטן טאָג אָן פון דעם קינדס געבוירן ווערן; זי איז אין דער עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג פון דער מוטער-ליבע דער פון נאַטור אויס צוגעקליבנסטער פּאַרטנער אין דער מיט-מענטשלעכער איבערלעבונג פונם קינד. די ערשטע אימפּולסן פאַרן קינד אַריַינצופּאַסן זיך אין לעבן אַלס טייל פונם גאַנצן, צו זוכן דעם ריכטיקן קאָנטאַקט מיט דער מיט-וועלט גייען אַרויס פון דער מוטער, וועלכע שטייט אַלס ערשטער מיטמענטש ביים טויער פון דער אַנטוויקלונג פון דעם ציבור-געפיל.

פון צוויי זייטן קענען אויפקומען שוועריקייטן: מצד דער מוטער, ווען זי פאַרשווערט מחמת אומבאַהאָלפנקייט, אומגעלומפּערטקייט, עס-הארצות דעם קאָנטאַקט פאַרן קינד, אָדער ווען מחמת זאָרגלאָזיקייט נעמט זי אויף איר אויפגאַבע צו לײַכט; אָדער דאָס, וואָס עס טרעפט צום אָפטסטן, ווען זי באַפרייט דאָס קינד פון יעדער מיטהילף און פון יעדער מיטאַרבעט, באַשיט עס מיט קושן און צערטלעכקייטן, טוט, דענקט און רעדט שטענדיק פאַר דעם קינד, נעמט צו ביי אים יעדע אַנטוויקלונגס-מעגלעכקייט און געוווינט עס צו צו אַן אילוזיאָנערער ניט-דאָיִקער וועלט, אין וועלכער אַלץ ווערט פאַר דעם פאַרצערטלטן קינד געטאָן דורך אַנדערע. עס איז גענוג אַ בערכדיק קורצער צייט-משך, כּדי צו שאַפן ביים קינד די נטיה צו זען שטענדיק זיך אין צענטער פון געשעען און אַלע אַנדערע סיטואַציעס און מענטשן אויפצונעמען ווי פיינדלעכע. מען דאַרף דערביי ניט שאַצן גרינג די פילפאַכיקייט פון די פּועל-יוצאס, וואָס פליסן אַרויס פון דעם קינדס פריִען אורטייל, און די מיטווירקונג פון זיין פריִער שעפערישער קראַפט. דאָס קינד נוצט אויס די השפּעות פון דרויסן, כּדי זיי איבערצואַרבעטן אין זיין זין. אין פאַל פון פאַרצערטלונג מצד דער מוטער וואַרפט דאָס קינד אָפּ די אויסשפּרייטונג פון זיין ציבור-געפיל אויף אַנדערע פּערזאָנען; עס באַמיט זיך צו דערוויטערן זיך פון דעם פאָטער, פון ברידער און שוועסטער און אַנדערע

פּערזאָנען, וואָס באַגעגענען אים ניט מיט דער זעלבער מאָס וואַרעמקייט. אין טרענינג פון דעם דאָזיקן לעבן־סטיל, אין דער מיינונג וועגן לעבן, אַז אַלץ לאָזט זיך כּלומרשט גרינג, בלויז דורך דער מיטהילף פון דרויסן, גלייך ביים אָנהייבן דערגרייכן, ווערט דאָס קינד שפּעטער מער אָדער ווייניקער אומפעיִק צו דעם באַשייד פון די לעבנס־פראַגן. און ווען די דאָזיקע שטעלן זיך פאַר אים, לעבט עס איבער, ניט צוגעגרייט זייענדיק מיט דעם ציבור־געפיל, וועלכן זיי פאָדערן, אַ שאָקווירקונג, וואָס ברענגט, אין לייכטע פאַלן — איבערגייענדיק, אין שווערע — דויערנדיק, צו אַ שטערונג פון אַ באַשייד. ביי אַ פאַרצערטלט קינד איז רעכט אויסצונוצן יעדע געלעגנהייט, כּדי צו פאַרנעמען מיט זיך די מוטער. עס דערגרייכט דעם דאָזיקן ציל פון יתרון צום גרינגסטן, ווען עס שטעלט זיך אַנטקעגן דער קולטיווירונג פון זיינע פונקציעס, צי איז עס דורך עקשנות — [אַ געמיט־צושטאַנד, וועלכער ווערט, ניט געקוקט אויף דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער אויפקלערונג, אויפסניי באַטראַכט פון שאַרלאָטע בילער אַלס אַ נאַטירלעכע אַנטוויקלונגס־סטאַדיע] — צי דורך אַ קנאַפּער פאַראינטערעסירונג, וואָס דאַרף שטענדיק ווערן פאַרשטאַנען אַלס דוחק אין דער סאָציאַלער פאַראינטערעסירונג. אַנדערע פאַרעקשנטע פּרוּוון אַרויסצופירן די דערקלערונג פון קינדער־פעלערן, ווי עצירות אָדער נעצן אין בעט, פון דעם סעקסואַל־ליבידאָ, אָדער פון סאַדיסטישע יצרם און משער צו זיין, אַז דערמיט ווערן אויפגעדעקט פּרימיטיווערע אָדער גאָר טיפערע שיכטן פון נשמה־לעבן,—פאַרבייטן דעם פּועל־יוצא אין אַ סיבה, ווייל זיי האָבן ניט דערקענט די גרונדשטימונג פון אַזעלכע קינדער, זייער גוזמאדיקע באַדערפעניש אין צערטלעכקייטן; זיי גרייזן אויך דערמיט, וואָס זיי באַטראַכטן די עוואָלוציאָנערע אָרגאַנען־פונקציע אַזוי, ווי מען וואָלט זי כּלומרשט געדאַרפט כּסדר פונדאָסניי קונה זיין. די אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע פונקציעס איז אַקוראַט אַזוי מענטשלעכער נאַטור־געבאָט און מענטשלעכע נאַטור־דערגרייכונג, ווי דאָס גראָדע גיין און דאָס ריידן. אין זיין אילוזיאָנערער וועלט קען, אמת, דאָס פאַרצערטלטע קינד זיי אויסמיידן, פּונקט ווי עס קען עובר זיין אויף דעם אינצעסט־פאַרבאָט; דאָס באַדייט דעמאָלט אַ צייכן פון וועלן זיין פאַרצערטלט מיטן צוועק אויסצונוצן אַנדערע פּערזאָנען, אָדער מיטן צוועק פון נקמה און אָנקלאָג אין פאַל ווען די פאַרצערטלונג קומט ניט.

פאַרצערטלטע קינדער ווארפן אויך אָפּ אין טויזנטער וואַריאַנטן יעדע ענדערונג פון זייער צופרידנשטעלנדיקער סיטואַציע. אויב זי קומט דאָך, קען מען כּסדר באַמערקן אַנטקעגן־שטראָמענדיקע רעאַקציעס און

אַקציעס, וועלכע ווערן אויסגעפירט אויף אַ מער אַקטיוון אָדער אַ מער פּאַסיוון אופן. אַן אָנגריף אָדער אַ צוריקצי — די אויספאָרמירונג איז מייסטנס געווענדט אַן דעם גראַד אַקטיווקייט, דאָך אויך אַן דער דרויסנדיקער סיטואַציע, וואָס פאָדערט דעם באַשייד (פון דעם עקזאָגענעם פאַקטאָר). געראָט עס אין ענלעכע פאַלן, דאַן אַרבעט זיך אויס אויף שפּעטער אַ שאַבלאָן. די דאָזיקע דערשיינונג ווערט פון אַנדערע אין זייער באַגרענעצטן באַנעם אָפּגעפטרט אַלס רעגרעסיע. אַנדערע מחברים גייען אין זייערע השערות נאָך ווייטער און פּרווון צוריקפירן דעם פּסיכישן קאָמפּלעקס, וואָס דאַרף איצט באַטראַכט ווערן ווי אַ דויערנדיקע פעסטע עוואָלוציאָנערע דערגרייכונג, צו אַן איבערבלייבעכץ פון אורצייטן און קומען דערביי צו פאַנטאַסטישע אויסגעפינסן פון איינשטימיקייט על פּי רוב ווערן זיי אַריינגעפירט אין טעות דורך דעם, וואָס די מענטשלעכע אויסדרוק-פאָרמען, ספּעציעל ווען מען נעמט ניט אין חשבון די אָרעמקייט פון אונדזער שפּראַך, ווייזן אַרויס אין אַלע צייטן אַן ענלעכקייט. און מען טרעפט בלויז אַן אַנדער ענלעכקייט, ווען מען פּרוווט אַלע מענטשלעכע באַוועגונגס-פאָרמען ברענגען אין שייכות צו דער סעקסואַליטעט.

איך האָב קלאָר געמאַכט, אַז פאַרצערטלטע קינדער פילן זיך מחוץ דעם קרייז פון דער פאַרצערטלטקייט כסדר באַדראָט, ווי אין אַ פיינדלעכן לאַנד. אַלע זייערע פאַרשיידענע כאַראַקטער-שטריכן דאַרפן מיטשטימען מיט זייער מיינונג וועגן לעבן, ראשית כל זייער אָפּט כמעט אומבאַגרייפלעכע אייגנליבע און שפּיגלען זיך אין זיך. דערפון דרינגט איינצייטיק, אַז די דאָזיקע אַלע כאַראַקטער-שטריכן זיינען קינסטלעכע פּראָדוקטן, אַז זיי זיינען באַקומענע און ניט קיין איינגעבאָרענע. עס איז ניט שווער איינצוזען, אַז אַלע כאַראַקטער-שטריכן באַטייטן, להיפּוך דער מיינונג פון די אַזוי גערופענע כאַראַקטעראָלאָגן, סאָציאַלע שייכותן און שטאַמען אָפּ פון דעם קינד געשאַפענעם לעבן-סטיל. אַזוי-אַרום ווערט אויך געלייזט די אַלטע פּלוגתא, צי דער מענטש איז פון דער נאַטור אויס גוט אָדער שלעכט. דער עוואָלוציאָנער וואַקסנדיקער, ניט אויפהערנדיקער פאָרויסגאַנג פון דעם ציבור-געפיל באַרעכטיקט צו מאַכן די הנחה, אַז דער קיום פון דער מענטשהייט איז ניט אָפּצורייסן פאַרקניפּט מיט דעם „גוט זיין". דאָס, וואָס רעדט כלומרשט קעגן דעם, דאַרף מען באַטראַכטן אַלס שטרויכלונג אין דער עוואָלוציע און עס לאָזט זיך צוריקפירן אויף די טעותים, ווי עס פלעגט אויך שטענדיק טרעפן אַן אומנוציקער קערפּערלעכער מאַטעריאַל ביי די חיות-אַרטן אויף דעם גרויסן עקספּערימענטאַל-פעלד פון דער נאַטור. די כאַראַקטער-לערע וועט אָבער

באַלד זיך מוזן אַנטשליסן מסכים צו זײַן, אַז כאַראַקטערן, ווי מוטיק, בעל־מידות, פויל, מיזאַנטראָפּיש, פעסט אין דער דעה אאַז"וו, קירעווען זיך לויט אונדזער כסדר זיך־ענדערנדיקער דרויסן־וועלט און אַז אָן דער דאָזיקער דרויסן־וועלט עקזיסטירן זיי פּשוט ניט.

עס זײַנען דאָ, ווי איך האָב געוויזן, נאָך אַנדערע טירדות אין דער קינדהייט, וואָס שטערן אַזוי ווי די פאַרצערטלונג דאָס וואַקסן פון דעם ציבור־געפיל. די אויסווירקונגען פון די דאָזיקע שטערונגען פאַר־פירן אַנדערע צו דער השערה וועגן אַ הערשנדיקן קאַוואַלן געזעץ. מיר מוזן די אַ השערה אָפּפרעגן און באַטראַכטן די דאָזיקע אויסווירקונגען, ווי אַ סטאַטיסטישע וואַרשײַנלעכקייט. מען טאָר אויך קיינמאָל ניט פאַרזען די פאַרשיידנקייט און די איינמאָליקייט פון אַן אינדיווידועלער דערשײַנונג; זי איז דער אויסדרוק פון דער כמעט ווילקירלעך שאַפנדיקער קראַפט פון קינד אין דער פאָרמירונג פון זײַן באַוועגונגס־געזעץ. די דאָזיקע אַנדערע שוועריקייטן זײַנען דאָס פאַרנאַכלעסיקן דאָס קינד און דאָס פאַרמאָגן פחיתותדיקע אָרגאַנען. ביידע ציִען אָפּ, אַזוי ווי די פאַרצערטלונג, דעם קינדס בליק אויז פאַראינטערעסירונג פון „מיטלעבן" און ווענדן אים צו דער אייגענער סכנותדיקייט און צו דעם אייגענעם וווּיל. אַז דאָס צווייטע קען נאָר געזיכערט זײַן, ווען מען פאַרמאָגט אַ גענוגנדיקן ציבור־געפיל, וועט ווײַטער קלאָרער באַוויזן ווערן. מען קען אָבער לײַכט פאַרשטיין, אַז דאָס ערדישע געשען שטעלט זיך קעגן דעם, וועלכער איז מיט אים צו ווייניק אין קאָנטאַקט, אין איינקלאַנג.

וועגן אַלע דרײַ טירדות פון דער ערשטער קינדהייט קען מען זאָגן, אַז די שאַפנדיקע קראַפט פונם קינד קען זיי גובר זײַן אַמאָל בעסער און אַמאָל ערגער. יעדער נצחון אָדער דורכפאַל איז געווענדט אָן דעם לעבן־סטיל, אָן דער על פּי רוב פאַרן מענטשן אומבאַקאַנטער מיינונג וועגן זײַן לעבן. מיר האָבן פריער גערעדט וועגן דער סטאַטיס־טישער וואַרשײַנלעכקייט פון די רעזולטאַטן פון די דרײַ טירדות, — אויף דעם זעלבן אופן מוזן מיר איצט פעסטשטעלן, אַז ס'עקזיסטירט בלויז אַ סטאַטיסטישע וואַרשײַנלעכקייט, הגם אַ באַדײַטנדיקע, אַז דער אינדי־ווּיד זאָל אויפנעמען די פראַגן פון לעבן, סײַ די גרויסע סײַ די קליינע, אַלס שאָקפראַגן. מען קען טאַקע מיט אַ געוויסער זיכערקייט פאָרויס־זאָגן, וואָס פאַר אַ רעזולטאַט עס וועט האָבן פאַר אַן אינדיווּיד, בשעת ער וועט קומען אין באַרירונג מיט די לעבנס־פראַגן. מען וועט זיך אָבער שטענדיק מוזן האַלטן אָן דעם — צו משפּטן וועגן דער ריכטיקייט פון אַ הנחה ערשט פון די ריכטיק פאָרויסגעזאָגטע רעזולטאַטן.

דאָס, וואָס די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע קען פון איר דערפאַרונג און מיט אירע וואַרשײַנלעכקייט־געזעצן אָפּטרעפן דעם עבר, ווי קיין שום אַנדערע פּסיכאָלאָגישע ריכטונג, איז באמת אַ גוטער צייכן פאַר איר וויסנשאַפטלעכער פונדירונג.

עס בלײַבט אונדז איצט אויסצופּרוּוון אויך יענע כּלומרשט אונטערגעאָרדנטע פראַגן, צי אויך זיי פאָדערן צו זייער באַשייד אַן אַנטוויקלטן ציבור־געפיל. דאָ שטויסן מיר זיך אָן אין דער ערשטער שורה אויף דעם קינדס שטעלונג צום פאָטער. די נאָרמע וואָלט געדאַרפט זײַן כּמעט אַ גלײַכער אינטערעס פאַר מוטער און פאָטער. אויסוויניקסטע פאַרהעלטענישן, די פּערזענלעכקייט פון דעם פאָטער, פאַרצערטלונג מצד דער מוטער אָדער קראַנקייטן און אַ שווערע אַנטוויקלונג פון אָרגאַנען, וואָס זייער פלעגע פאַלט מערער אויף דער מוטער, קענען שאַפן צווישן קינד און פאָטער אַ דיסטאַנץ און אַזוי אַרום שטערן די אויסברייטערונג פון דעם ציבור־געפיל. די שטרענגערע אַרײַנמישונג פון דעם פאָטער, בעת ער וויל פאַרמײַדן די רעזולטאַטן פון דער פאַרצערטלונג מצד דער מוטער, פאַרגרעסערט נאָר די דאָזיקע דיסטאַנץ. דאָס אייגענע דער מוטערס אָפּט פון איר ניט פאַרשטאַנענע נטיה אַריבערצוציִען דאָס קינד אויף איר זײַט. וועגט איבער די פאַרצערטלונג מצד דעם פאָטער, דעמאָלט ציט זיך דאָס קינד צו אים צו און קערט זיך אָפּ פון דער מוטער. דער דאָזיקער פאַל דאַרף שטענדיק פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ צווייטע פאַזע אין לעבן פון אַ קינד און ווײַזט אויף דעם, אַז דאָס קינד האָט צוליב דער מוטער איבערגעלעבט אַ טראַגעדיע. בלײַבט עס אַלס פאַרצערטלט קינד קלעפּן אָן דער מוטער, וועט עס זיך אַנטוויקלען מער־וויניקער ווי אַ פּאַראַזיט, וואָס דערוואַרט די באַפרידיקונג פון אַלע זײַנע באַדערפעניש, צומאָלס אויך סעקסועלע, פון זײַן מוטער. דאָס דאָזיקע נאָך מער דערפאַר, וואָס דער סעקסועלער יצר, וואָס האָט זיך אויפגעוועקט אין קינד, טרעפט אים אין אַ געמיט־צושטאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך ניט אויסגעלערנט אָפּצוזאָגן זיך פון וועלכן־ס׳איז פאַרלאַנג, ווײַל עס דערוואַרט די באַפרידיקונג פון אַלע פאַרלאַנגען שטענדיק נאָר פון דער מוטער. דאָס, וואָס פרויד האָט באַצייכנט אַלס עדיפּ־קאָמפּלעקס, וועלכער ווײַזט אים אויס ווי אַ נאַטירלעכער יסוד פון דער פּסיכישער אַנטוויקלונג, איז ניט מער ווי איינע פון די פיל דערשײַנונגס־פאָרמען אין דעם לעבן פון אַ פאַרצערטלטן קינד, וואָס איז אַ ווידערשטאַנדלאָזער שפּילבאַלעם פון זײַנע צערייצטע פאַרלאַנגען. מיר מוזן דערבײַ אוועקקוקן דערפון, וואָס דער זעלבער מחבר צווינגט אַרײַן מיט אַזאַ פעסטן פאַנאַ=

טיזם אלע באציונגען פון א קינד צו זיין מוטער אין א משל, וואס זיין יסוד זעט ער אין דעם עדיפ-קאמפלעקס. דאס גלייבן מוזן מיר אפווארפן די הנחה, וואס פאר פיל מחברים זעט זי כלומרשט אויס צו זיין א גלויבווערדיקער פאקט, אז פון דער נאטור אויס בינדן זיך די מיידלעך מער צו צום פאטער, די יינגלעך — מערער צו דער מוטער. דארט ווו דאס קומט פאר אן פארצערטלונג, דארפן מיר אין דעם דערזען א פארשטענדעניש פאר דער קומענדיקער געשלעכטלעכער ראלע, בכן פאר א סך א שפעטערער סטאדיע: — דאס קינד גרייט זיך אויף א שפילערישן אופן צו צו דער צוקונפט, ניט ברענגענדיק מיינסטנס דערצו אין באוועגונג דעם געשלעכטלעכן יצר, ווי עס טוט עס טאקע דורך פארשיידענע אנדערע שפילן. א פריצייטיק אויפגעוועקטער און כמעט אומגעצאמטער סעקסועלער יצר רעדט אין דער ערשטער ליניע וועגן אן עגאצענטריש קינד, מיינסטנס וועגן א פארצערטלטס, וואס קען זיך ניט אפזאגן פון קיין שום פארלאנג.

אויך די שטעלונג צו מיטקינדער, באטראכט ווי אן אויפגאבע, גיט צו דערקענען דעם גראד פון קאנטאקט-פעיקייט פונם קינד. די אויבן כאראקטעריזירטע דריי גרופעס קינדער וועלן על פי רוב שפירן דאס אנדערע קינד, ספעציעל א יינגערס, אלס שטערונג און באגרענעצונג פון זייער השפעה. די ווירקונגען זיינען פארשיידן, זיי לאזן אבער איבער אין דעם פלאסטישן פעריאד פונם קינד אזא גרויסן איינדרוק, אז מען קען אים דערקענען במשך פונם גאנצן לעבן אלס כאראקטער-שטריך, אלס כסדרדיקער וועט-געיעג, אלס מאניע צו דאמינירן, אין מילדסטן פאל אלס א שטענדיקע נטיה צו באהאנדלען דעם צווייטן ווי א קינד. ביי דער דאזיקער אויספארמירונג איז א סך געווענדט אן דעם ניצחון אדער מפלה אין דעם קאנקורס. דעם איינדרוק אבער, אז עס איז ארויפגעשטויסן געווארן פון זיין שטעלונג דורך א יינגערן קינד, וועט מען, ספעציעל ביי פארצערטלטע קינדער, צוזאמען מיט די פונם קינד געשאפענע רעזולטאטן שטענדיק געפינען.

אן אנדער פראגע איז נוגע דער האלטונג פון דעם קינד צו א קראנקייט און די שטעלונג, וואס עס דעצידירט זיך אנצונעמען. די באציונג פון די עלטערן צו דעם, ספעציעל ביי שווערער אויסזעענדיקע קראנקייטן, ווערט דורך דעם קינד איינגעשלאסן אין זיין חשבון. פריצייטיקע קראנקייטן, ווי ראכיטיס, לונגען-אנצינדונג, קייכהוסט, וויטוס-טאנץ (Veitstanz), שארלעך, קאפ-גריפע אאז"וו, ביי וועלכע דאס קינד לעבט אדורך דעם אומפארזיכטיקן שרעק-געפילדער פון די עלטערן, קענען ניט נאר מאכן, אז די ליידן זאלן זיך ארויסווייזן ערגער, ווי זיי זיינען אין

דער ווירקלעכקייט, ניט נאָר אויסבילדן אַן אומגעווײַנלעכע רגילות צו פאַר־צערטלטקייט און אונטערדרוקן דעם קינד אַן אומגעהייערן חשיבות־געפיל אַן קאָאָפּעראַציע. נאָר אויך פירן צו אַ נטיה קראַנק צו זײַן און צו באַקלאָגן זיך. הערט־אויף בײַם געזונט־ווערן די אומגעווײנלעכע פאַר־צערטלונג, זעט מען דעמאָלט אָפט דאָס קינד אײַנגעשפּאַרט, אָדער אונטער אַן עקשנותדיקן קראַנקײַט־געפיל מיט באַקלאָגן זיך אויף מידקייט, אַפּעטיטלאָזיקייט, אָדער מיט אַן אָנהאַלטעוודיקן ניט באַגרינדעטן הוסט, דערשײַנונגען, וואָס ווערן ניט זעלטן באַטראַכט, און אָפט ניט ריכטיק, אַלס רעזולטאַטן פון דער קראַנקײַט. אַזעלכע קינדער האָבן אַ נטיה צו האַלטן זיך שטאַרק מיט די זכרונות פון זייערע קראַנקייטן אַ גאַנצן לעבן, דאָס ברענגט צום אויסדרוק זייער מיינונג וועגן אַ רעכט אויף שוינונג אָדער אויף זוכן אַ זכות בײַ מילדערנדיקע אומשטענדן. מען טאָר ניט פאַרזען, אַז מחמת דעם קנאַפּן קאָנטאַקט מיט די דרויסנדיקע אומשטענדן שאַפט זיך אין אַזעלכע פאַלן אַ געדויערנדיקער גרונד פאַר אַן אינטענסיווירונג אין דער געפיל־ספערע, אַן אינטענסיווירונג פון די עמאָציעס און אַפעקטן. פאַר אַ ווײַטערדיקן עקזאַמען פון זײַן קאָאָפּע־ראַציע־פעיִקייט, — אָפּגעזען דערפון, ווי אַזוי עס ברענגט אַ נוץ אין שטוב, צי עס באַטייליקט זיך ריכטיק אין שפּיל און האַלט זיך חבריש, — ווערט דאָס קינד אַוועקגעשטעלט בײַם אָנקומען אין קינדער־גאָרטן אָדער אין שול. דאָ קען מען דײַטלעך אָבסערווירן זײַן פעיִקייט צו מיטאַרבעט. דער גראַד פון זײַן אויפרעגונג, די פאָרמען פון זײַן אַנטקעגנשטעלן זיך, דאָס שטיין אַן אַ זײַט, דאָס פעלן פון פאַראינטערעסירונגען, פון קאָנ־צענטראַציע און אַן אַ שיעור אַנדערע „שול־פײַנדלעכע“ האַנדלונגען, ווי קומען שפּעט, שטערונגס־פּרוון, אַ נטיה דורכצולאָזן, דאָס שטענדיקע פאַרלירן די מכשירים, צײַט־צעפּטרונג אַנשטאָט אַרבעטן אין דער היים, ווײַזן־אָן אויף דער קנאַפּער צוגרייטונג צו מיטאַרבעט. דער פּסיכישער פּראָצעס אין אַזעלכע פאַלן איז ניט גענוג דערקענט, אויב מען פאַר־שטייט ניט, אַז די דאָזיקע קינדער טראָגן אין זיך צו דער זעלבער צײַט, צי זיי ווייסן עס אָדער ניט, אַ שווערן פּחיתות־געפיל, וועלכער טרעט אַרויס בהסכם מיט דער אויבנדיקער שילדערונג אַלס פּחיתות־קאָמפּלעקס אין פאָרם פון אומדרײַסטקייט, אויפרעגונגס־צושטאַנדן מיט אַלע מעג־לעכע קערפּערלעכע און פּסיכישע סימפּטאָמען, אָדער אַלס עגאָיִסטישער יתרון־קאָמפּלעקס און קאָמפּס־מאַניע, אין שפּיל־צעשטערערישקייט, אין פעלן פון חברישקייט אאַז״וו. קיין מוט קען מען דערבײַ ניט געפינען. אַפילו עזותדיקע קינדער ווײַזן זיך אַרויס פאַר פּחדנותדיק, ווי נאָר עס האַנדלט זיך וועגן נוצלעכע אַרבעטן. ליגנערישקייט פירט זיי אויף ביטרע

גענג, אינם געפיל פון באַוואוסטקייט קומען־אויף אלס שעדלעכע קאָמ־פענסאַציעס נטיות צו גנבה. דאָס כסדרדיקע פאַרגלײַכן און מעסטן מיט לײַטישערע קינדער ברענגט ניט קיין פעולה, נאָר אַ בהדרגהדיקע אָפּ־טעמפּונג און אָפט דאָס אָפּשטעלן־זיך פון שול־ערפאָלג. גראָד די שול ווירקט ווי אַן עקספּערימענט אויפן קינד און ווײַזט פון ערשטן טאָג אָן דעם גראַד פון דעם קינדס קאָאָפּעראַציע־פעיִקייט. גראָד די שול איז אויך דאָס ריכטיקע אָרט אויף צו הייבן מיט קלוגער פאַרשטענדעניש דעם קינדס ציבור־געפיל, כדי עס זאָל ניט פאַרלאָזן די שול אַלס קעגנער פונם ציבור. די דאָזיקע דערפאַרונגען האָבן מיך באַוואוגן אײַנצואָרדענען אין די שולן אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע באַראַטונגס־שטעלעס, וואָס העלפן דעם לערער צו געפינען דעם ריכטיקן וועג אין דער דערציִונג פון הינ־טערשטעליקע קינדער.

עס איז קיין שום פראַגע ניט, אַז אויך דער ערפאָלג אין די שול־לימודים איז אין דער ערשטער ליניע אָפּהענגיק פון דעם קינדס ציבור־געפיל, וואָס היט דאָך אויף אין זיך דעם אויסבליק אין דער קומענ־דיקער פאָרמירונג פון זײַן לעבן. אין דעם שול־לעבן זײַנען אײַנגעשלאָסן די פראַגן פון פרײַנדשאַפט, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר דעם שפּעטער־דיקן צוזאַמענלעבן, פון חברשאַפט צוזאַמען מיט אַלע נויטווענדיקע כאַ־ראַקטער־שטריכן פון געטרײַשאַפט, פאַרלאָזלעכקייט, נטיה צו צוזאַמענ־אַרבעט, אינטערעס פאַר מלוכה, פאָלק און מענטשהייט, און זיי דאַרפן זאַכקענעריש אָפּגעהיט ווערן. די שול איז בכוח אויפצוּוועקן די מיט־מענטשלעכקייט און זי ווײַטער צו אַנטוויקלען. זײַנען דעם לערער קלאָר אונדזערע אויסגאַנגס־פּונקטן, דאַן וועט ער אויך זײַן ביכולת קלאָר צו מאַכן פאַרן קינד אין אַ פרײַנדלעכן שמועס וועגן זײַן דוחק אין ציבור־געפיל, די סיבות דערפון און זייער באַזײַטיקונג, און ברענגען אים נעענטער צום ציבור. אין אַלגעמיינע שמועסן מיט די קינדער וועט אים געראָטן זיי איבערצוצײַגן, אַז זייער צוקונפט און די צוקונפט פון דער מענטש־הייט איז אָפּהענגיק פון אַ פאַרשטאַרקונג פון אונדזער ציבור־געפיל און אַז די גרויסע פעלערן אין אונדזער לעבן: מלחמה, טויט־שטראָף, ראַסנ־האַס, פעלקער־האַס, אָבער אויך נעווראָז, זעלבסטמאָרד, פאַרברעכן, שיכּרות אאַז״וו, שטאַמען פון דעם דוחק אין ציבור־געפיל און דאַרפן באַטראַכט ווערן אַלס פחיתות־קאָמפּלעקסן, אַלס שעדלעכע פרוּוון צו לייזן אַ סיטו־אַציע אויף אַ ניט־דערלויבטן, ניט־צוועקמעסיקן אופן.

אויך די סעקסועלע פראַגע, וואָס ווערט צו דער צײַט בולט, קען אַרײַנברענגען יִנגלעך און מיידלעך אין צעטומלעניש. ניט אַזוינע, וואָס זײַנען געוווּנען געוואָרן פאַר קאָאָפּעראַציע. זיי, וואָס זיינען געוויינט זיך

צו פילן אַלס טייל פון אַ גאַנצן, וועלן קיינמאָל ניט אַרומטראָגן זיך מיט אויפרעגנדיקע סודות, ניט רייידנדיק וועגן דעם מיט די עלטערן, אָדער ניט ווענדנדיק זיך נאָך אַן עצה צום לערער. אַנדערש זיינען די, וואָס שוין אין זייער פאַמיליע זעען זיי אַ פיינדלעכן עלעמענט. זיי, און קודם-כל טאַקע די פאַרצערטלטע קינדער, איז צום גרינגסטן איינצושרעקן און צו פאַרפירן דורך קאָמפּלימענטן. דער אופן, ווי אַזוי עלטערן פירן-דורך די אויפקלערונג, דרינגט אַרויס פון זייער מיטלעבן גופא. דאָס קינד דאַרף אַזוי פיל וויסן, וויפיל עס פאַרלאַנגט, און עס דאַרף אים געגעבן ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל אויך קענען די נייע ידיעות ריכטיק אויפנעמען און פאַרדייען. מען דאַרף ניט פאַרזאַמען, אָבער אויך איילעניש איז איבעריק. עס איז קוים אויסצומיידן, אַז קינדער זאָלן אין שול ניט רייידן וועגן סעקסועלע ענינים. דאָס זעלבשטענדיקע קינד, וואָס קוקט אין דער צוקונפט, וועט אָפּוואַרפן פון זיך שמוציקייטן און וועט ניט גלויבן אין שטותים. אַ הדרכה צו מורא פאַר ליבע און חתונה איז נאַטירלעך אַ גרויסער פעלער, אָבער נאָר אָפּהענגיקע קינדער, וואָס זיינען בטבע מוטלאָז, נעמען זי אָן.

די פובערטעט, ווי אַ ווייטערדיקע לעבנספראַגע, ווערט פון אַ סך באַטראַכט אַלס אַ טונקעלע מיסטעריע. אויך אין דער צייט געפינט מען נאָר דאָס, וואָס עס האָט פריִער געדרימלט אינעם קינד. האָט אים ביז איצט געפעלט ציבור-געפיל, וועט זיין פובערטעט-צייט דורכגיין אַנטשפּרעכנדיק צו דעם. מען וועט בלויז דייטלעכער זען, ווי ווייט דאָס קינד איז צוגעגרייט צו מיטאַרבעטן. עס שטייט אין זיין רשות אַ גרעסערער באַוועגונגס-רוים. עס האָט מער קראַפט. קודם-כל האָט עס אָבער דעם דראַנג צו ווייזן אויף אַ וועלכן-ס'איז פאַר אים צוגעפאַסטן, אים צוציִענדיקן אופן, אַז עס איז מער ניט קיין קינד, אָדער — זעלטענער — אַז עס איז נאָך אַזאַ. אויב עס איז געשטערט געוואָרן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם ציבור-געפיל, וועט דער אומסאָציאַלער אָבנייג פון זיין פעלערדיקן וועג זיך דייטלעכער אַרויסווייזן ווי פריִער. אַ סך פון זיי וועלן אין דער מאַניע צו גילטן אַלס דערוואַקסן אָננעמען גיכער די חסרונות איידער די מעלות פון די דערוואַקסענע, וואָרום דאָס גיט זיך זיי אַ סך גרינגער איידער אַן ערך צו דינען דעם ציבור. פלערליי עבירות קענען באַגאַנגען ווערן — ווידער אַמאָל גרינגער דורך פאַרצערטלטע קינדער, ווי דורך אַנדערע, ווייל די דאָזיקע, טרענירט אויף אַ תיכפדיקער באַפרידיקונג, קענען שטענדיק שווער ביישטיין אַ וועלכן ס'איז ניסיון. אַזעלכע מיידלעך און יינגלעך פאַלן אָפט אַ קרבן פון קאָמפּלימענטן אָדער פון אַ סטימול פאַר זייער פוסטער אייגנליבע. שטאַרק

באַדראַט זײַנען אין דער צייט אויך מיידלעך, וועלכע לעבן־דורך אין דער היים אַ שווערן געפיל פון פאַרשטויסנקייט און אין זייער ווערט קענען זיי גלויבן נאָר דעמאָלט, ווען זיי הערן קאָמפּלימענטן.

דאָס קינד, וואָס איז ביז איצט געווען אין הינטערלאַנד, דערנע־ענטערט זיך דעמאָלט שוין צום פראָנט פון לעבן, ווו עס דערזעט פאַר זיך די דרײַ גרויסע לעבנס־פראַגן: געזעלשאַפט, אַרבעט און ליבע. זיי אַלע פאַרלאַנגען פאַר זייער באַשייד אַן אַנטוויקלטן אינטערעס פאַרן צווייטן. עס אַנטשיידט די צוגרייטונג דערצו. מיר געפינען דאָ: שרעק פאַר מענטשן, מענטשנהאַס, חשדישקייט, שאָדנפרייד, כּלערליי פוסטקייטן, איבערשפּירעוודיקייט, אויפרעגונגס־צושטאַנדן בײַם טרעפן זיך מיט אַנדערע, טרעמע (אימתא דציבורא), אַפּנאַרערײַ און שווינדל, רכילות, הערש־מאַניע, בײַסיקייט און אַ סך אַנדערע. דער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן פאַר דעם ציבור, וועט לײַכט געווינען פרײַנד. ער וועט אויך האָבן אינטערעס פאַר אַלע פראַגן פון דער מענטשהייט און וועט אויסבילדן זײַן באַנעם און זײַן הנהגה צו איר נוצן. זײַן ערפאָלג וועט ער ניט זוכן דורך וואַרפן זיך אין די אויגן אין גוטן אָדער אין שלעכטן. זיין לעבן אין דער געזעלשאַפט וועט כּסדר זיין באַגלייט פון פרײַנדלעכקייט, הגם קעגן שעדיקער פון דעם ציבור וועט ער אין דער זעלביקער צײַט אויפ־הייבן זײַן שטים. אויך דער אוהב הבריות קען צומאָלס זיך ניט ווערן קעגן זײַן געפיל פון פאַראַכטונג.

די ערד־שאָל, אויף וועלכער מיר לעבן, צווינגט די מענטשהייט צו אַרבעט און צו אַרבעטס־טיילונג. דער ציבור־געפיל דריקט זיך דאָ אויס אַלס מיטאַרבעט לטובת אַנדערע. דער ציבורדיקער מענטש וועט קיינמאָל ניט צווייפלען אין דעם, אַז יעדערן קומט דער לוין פאַר זיין אַרבעט און אַז די אויסנוצונג פון לעבן און אַרבעט פון אַנדערע מענטשן קען קיינמאָל ניט מיטהעלפן דעם ווויל פון דער מענטשהייט. סוף־כּל־סוף לעבן מיר, די היינטיקע דורות, על־פּי־רוב פון די אויפטואונגען פון גרויסע אָבות, וועלכע האָבן בײַגעשטייערט צום וווויל פון דער מענטש־הייט. דער גרויסער ציבור־געדאַנק, וואָס איז אויסגעדריקט אויך אין די רעליגיעס און אין גרויסע פּאָליטישע שטרעמונגען, פאָדערט מיט רעכט די מעגלעך בעסטע פאַרטיילונג פון אַרבעט און קאָנסומציע. אויב איינער אַרבעט אויס שיך, איז ער נוצלעך פאַרן צווייטן און האָט דאָס רעכט אויף אַ באַפרידיקטן אויסקום, אויף אַלע היגיענישע מעלות און אויף אַ גוטער דערציִונג פאַר זיינע קינדער. דאָס, וואָס ער באַקומט געלט דערפאַר, איז, אין אַ פּעריאָד פון אַנטוויקלטן האַנדל, די אָנערקענונג פון זײַן נוצלעכקייט. אויף אַזאַ אופן קומט ער צו צום געפיל פון זיין ווערט

פארן כלל, צו דער איינציקער מעגלעכקייט צו מילדערן דעם אלגעמיינעם מענטשלעכן פחיתות־געפיל. דער, וואס טוט נוצלעכע ארבעט, לעבט אין דעם זיך־אנטוויקלענדיקן ציבור און דינט זיין פראגרעס. די דאזיקע שייכות איז אזוי שטארק, הגם ניט שטענדיק דורכגעטראכט, אז זי קירעוועט די אלגעמיינע מיינונג וועגן פלײַסיקייט און אומפלײַסיקייט. קיינער וועט ניט אנרופן אומפלײַסיקייט א מידה טובה. אויך דאס רעכט פון דעם, וואס האט פארלארן די ארבעט צוליב קריזיסן אדער איבערפראדוקציע, אויף א גענוגנדיקער אויסהאלטונג איז הײַנט־צו־טאג שוין אלגעמיין אנערקענט, — א רעזולטאט אויב ניט פון א געזעלשאפטלעכער סכנה, איז עס פון דעם וואקסנדיקן ציבור־געפיל. אויך די ענדערונגען, וואס די צוקונפט וועט ברענגען אין דעם פראדוקציע־אופן און אין דער פארטיילונג פון די אוצרות, וועלן על פי הכרח מוזן זײַן מער אין הסכם מיט דער קראפט פון דעם ציבור־געפיל איידער איצט, צי די ענדערונג וועט זײַן אן אויפגעצוואונגענע אדער א געגעבענע.

אין דער ליבע, וואס איז אויסגעשטײַערט מיט אזעלכע שטארקע קערפערלעכע און גײַסטיקע באפרידיקונגען, ווײַזט זיך ארויס דער ציבור־געפיל אלס דירעקטער און אנספּעקדיקער פארמירער פון דעם גורל. אזוי ווי אין דער פרײַנדשאפט און אין דער באציִונג צווישן מיטקינדער אדער צווישן עלטערן, האנדלט זיך אויך אין דער ליבע וועגן אן אויפגאבע פאר צוויי פערזאן, דאס מאל פון פארשיידענע מינים, מיט דעם אויסבליק אויף נאכוווקס, אויפן קיום המין. קיין איינער פון די מענטשלעכע פראבלעמען שטייט אפשר ניט אזוי נאענט צו דעם וווּל און גליק פון דעם יחיד און דעם כלל, ווי דאס פראבלעם פון ליבע. אן אויפגאבע פאר צוויי פערזאן האט אן אייגענע סטרוקטור און קען ניט ריכטיק באשיידט ווערן אויף דעם זעלבן אופן ווי אן אויפגאבע פאר איין פערזאן. עס איז אזוי ווי יעדערע פון די דאזיקע פערזאנען וואלט געמוזט אינגאנצן פארגעסן אן זיך און זיך אינגאנצן אפגעבן דער צווייטער פערזאן, כדי צו באפרידיקן דאס פראבלעם פון ליבע; ווי פון צוויי מענטשן וואלט געמוזט געשאפן ווערן איין וועזן. די זעלבע נויטווענדיקייט איז נוגע אויך ביז צו א געווויסן גראד דער פרײַנדשאפט און אזעלכע אויפגאבן, ווי טאנץ אדער שפּיל, אדער ארבעט פון צוויי פערזאן מיט גלײַכע מכשירים בײַ דעם זעלבן אביעקט. עס ליגט אן אפּוועגנד אין דער דאזיקער סטרוקטור, אז פראגן פון אומגלײַכקייט, ספיקות איינער לגבי דעם אנדערן, פײַנדלעכע געדאנקען אדער געפילן מוזן דערבײַ ווערן אויסגעשלאסן. און עס ליגט אין דעם מהות פון דער ליבע, אז קערפּערלעכע צוציִונג טאר ניט פעלן. עס ליגט, אפנים, אויך אין דעם מהות און אין דער אינדיווידועלער

אויסווירקונג פון דער עוואָלוציע, אַז זי איז ביז אַ געוויסן גראַד, וואָס אַנטשפּרעכט דעם נויטווענדיקן אויפשטייג פון דער מענטשהייט, משפּיע אויף דעם אויסקלייַב פון דעם פּאַרטנער.

פאַר דעם ריכטיקן אויסקלייַב פון פּאַרטנער דאַרפן אָבער בעיקר גענומען ווערן אין באַטראַכט, חוץ דער קערפּערלעכער טויגעוודיקייט און צוציִונג, אויך די ווייַטערדיקע פונקטן, וועלכע דאַרפן באַווייַזן דעם גענוגנדיקן גראַד פון זייַן ציבור־געפיל:

דער פּאַרטנער מוז האָבן באַוויזן, אַז ער קען האַלטן פרייַנדשאַפט;

ער מוז פאַרמאָגן אינטערעס פאַר זייַן אַרבעט;

ער מוז דערווייַזן מער אינטערעס צו דעם פּאַרטנער ווי צו זיך.

אַזוי שטעלט די עוואָלוציע אונדזערע עסטעטישע געפילן אין דינסט פון דער מענשהייט־אַנטוויקלונג דערמיט, וואָס זי לאָזט אונדז ביודעים און בלא יודעים דערשפּירן אין דעם פּאַרטנער דעם העכערן אידעאַל. לעבן דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון גלייַכקייט אין דער ליבע, וואָס ווערט נאָך היינט צו טאָג דורך מאַן און ווייַב אָפט ניט אָנערקענט, איז ניט אויסצומייַדן דאָס געפיל פון אָפּגעגעבנקייט צואנאַנד. דער דאָזיקער געפיל פון אָפּגעגעבנקייט ווערט גוואַלדיק אָפט פאַלש פאַרשטאַנען פון מענער, נאָך מער פון מיידלעך, ווי אַ שקלאַפיש אונטערוואַרפן־זיך און שרעקט אָפּ פון דער ליבע, אָדער מאַכט פונקציע־אומפעיִק, ספּעציעל די יעניקע, וואָס זייַנען דורך זייער לעבן־סטיל געקומען צו דעם פּרינציפּ פון עגאָיִסטישן יתרון. די ניט־גענוגנדיקע קוואַליפיקאַציעס אין אַלע דרייַ פונקטן: אין דער צוגרייטונג צו אַן אויפגאַבע זאַלבעצווייט, אין דעם באַוווּסטזייַן פון גלייַכווערטיקייט און אין דער פעיִקייט צו אָפּגעגעבנקייט כאַראַקטעריזירט אַלע פּערזאָנען מיט אַ קנאַפּן ציבור־געפיל. די שוועריקייטן, וואָס וואַקסן אַרויס פאַר זיי פון דער דאָזיקער אויפגאַבע, פירט זיי כסדר צו פאַרלייכטערונג־פּרוּוון אין די פראַגן פון ליבע און צוזאַמענלעבן, וואָס איז אין זייַן מאָנאָגאַמישער אויספורעמונג זיכער די בעסטע אַקטיווע צופּאַסונג צו דער עוואָלוציע. די אויבן געשילדערטע סטרוקטור פון דער ליבע פאָדערט אויסער דעם, היות ווי זי איז אַן אויפגאַבע און ניט קיין ענדפּונקט פון אַן אַנטוויקלונג, אַן ענדגילטיקע אַנטשיידונג פאַר דער אייביקייט, ווי זי דאַרף זיך אַלס אייביק אויסווירקן אין די קינדער און אין זייער דערציִונג פאַר דעם ווויל פון דער מענטשהייט. עס איז אַן אומהיימלעכער אויסבליק, וואָס גיט אונדז צו פאַרשטיין, אַז פעלערן און טעותים, אַ פעלן פון ציבור־געפיל אין דער ליבע קענען גורם־זייַן די אויסשליסונג פון אייביקער עקזיסטענץ אויף דער ערד אין קינדער און אין דעם עניַן

דערציִונג. א באַגאַטעליזירונג פון דער ליבע, — ווי זי ווײַזט זיך אַרויס אין דער פּראָמיסקויִטעט, אין דער פּראָסטיטוציע, אין די פּערווערזיעס און אין דער געהיימער באַהעלטעניש פון דער נאַקעטקייט־קולטור, — איז עלול אָוועקצונעמען פון דער ליבע יעדע גרויסקייט, יעדן גלאַנץ און עסטעטישן צויבער. דאָס אָפּהאַלטן זיך פון א געדויערנדיקער פאַרבינדונג פאַרזייט ספיקות און חשדים צווישן די פּאַרטנערן פון א בשותפותדיקער אויפגאַבע און מאַכט זיי אומפעיִק זיך איינגאַנצן אָפּצוגעבן. ענלעכע שוועריקייטן, אין יעדן פאַל פאַרשיידענע, קען מען אויפווײַזן אַלס צייכן פון א געמינערטן ציבור־געפיל אין אַלע פאַלן פון אומגליקלעכער ליבע און צוזאַמענלעבן, אין אַלע פאַלן פון ניט־באַווײַזן־זיך פון די מיט רעכט דערוואַרטע פונקציעס, וווּ בלויז די קאַראַקטער פון לעבן־סטיל איז בכוח צו ברענגען א פאַרבעסערונג. עס איז פאַר מיר אויך קיין שום פראַגע ניט, אַז די באַגאַטעליזירונג פון דער ליבע, בכן א דוחק אין ציבור־געפיל, אין דער פּראָמיסקויִטעט, למשל, איז געווען די סיבה פון אָרײַנ־רײַסן־זיך פון געשלעכטלעכע קראַנקייטן און האָט געפירט אַזוי אַרום צו דער פאַרניכטונג פון יחידים, פון פאַמיליעס און פאָלקס־שבטים. אַזוי ווי מען קען ניט געפינען אין לעבן קיין כּלל, וועלכער וואָלט געווען אויף הונדערט פּראָצענט אָנטעותדיק, אַזוי זײַנען אויך פאַראַן סיבות, וואָס ריידן פאַר אַן אויפבינדונג פון א ליבע־ און חתונה־בונד. אמת, מען קען ניט יעדערן אָנטרויען אַזוי פיל פאַרשטענדעניש, אַז ער אַליין זאָל קענען אַרויסטראָגן א ריכטיקן אורטייל. דערפאַר וואָלט מען געדאַרפט אַזעלכע פראַגן איבערגעבן אין די הענט פון דערפאַרענע פּסיכאָלאָגן, וועמען מען קען אָנטרויען אַן אורטייל אין זין פון ציבור־געפיל.

אויך די פראַגע פון פאַרהיטן זיך פון קינדער רודערט שטאַרק אויף אונדזער צײַט. זינט די מענטשהייט האָט מקיים געווען די הבטחה און זי איז אַזוי צאָלרײַך, ווי דער זאַמד ביים ברעג ים, איז מעגלעך, אַז דער מענטשלעכער ציבור־געפיל האָט א סך נאָכגעלאָזן אין דער שטרענג־קייט פון דער פאָדערונג בנוגע אַן אומבאַגרענעצטער פאַרמערונג. אויך די אומגעהײַערע אַנטוויקלונג פון דער טעכניק מאַכט, אַז צו פיל הענט זיינען שוין איבעריק. דער דראַנג נאָך מיטאַרבעטער איז באַדײַטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן לאָזן ניט צו קיין ווײַטערדיקער האַסטיקער פאַרמערונג. דער שטאַרק געשטויגענער גראַד פון ליבע־פעיִקייט רעכנט זיך מער ווי פריִער מיט דעם ווויל און מיט דעם געזונט פון דער מוטער. די וואַקסנדיקע קולטור האָט אויך פאַר די פרויען אַראָפּגענומען די גרענעצן פון דער בילדונגס־פעיִקייט און פון נשמהדיקן אינטערעס. די הײַנטיקע טעכניק דערלויבט דעם מאַן און

דער פרוי אָפּצוגעבן מערער צײַט אויף בילדונג, אויף אָפּרו און אויף פאַרווײַלונג, דאָס גלײַכן אויף דער דערציִונג פון די קינדער, — אַ פאַרגרעסערונג פון דער אָפּרו־הפסקה אין דער פּראַצע, וואָס וועט אין דער נאָענטער צוקונפט נאָך מער אויסוואַקסן, וועט מיטהעלפן, אויב נאָר ריכטיק פאַרווענדט, צו דעם אייגענעם וויל און צו דעם וויל פון די צוגעהעריקע. די אַלע פאַקטן האָבן געבראַכט דערצו, אַז די ליבע האָט פּאַראַלעל צו איר אויפגאַבע צו דינען דעם קיום המין באַקומען כּמעט אַן אומאָפּהענגיקע פון דעם ראָלע, אַ העכערן ניוואָ, אַ גליק־גײַסטיגערקייט, וואָס העלפט זיכער מיט דעם וויל פון דער מענטשהייט. מען וועט דורך געזעצן און פאָרמולעס ניט קענען האַמעווען אָט דעם דאָזיקן אין מאָל געוווּנענעם אַנטוויקלונגס־פּראָגרעס, וועלכער אונטערשיידט טאַקע אויך דעם מענטשן פון דער חיה. די אַנטשיידונג וועגן געבורטן וועט מען צום בעסטן מוזן אינגאַנצן איבערלאָזן דער ריכטיק אויפגעקלערטער פרוי. אין פראַגן פון קינסטלעכער איבעררײַסונג פון דער שוואַנגערשאַפט וואָלטן מוטער און קינד צום בעסטן אָפּגעהיט געוואָרן דאָ, ווען חוץ אַ מעדיצינישן באַשלוס וואָלט אַ קוואַליפיצירטער פּסיכאָלאָגישער ראַטגעבער אָפּפרעגן די ניט־ממשותדיקע מאָטיוון, וואָס ווערן אָנגעגעבן פאַר דער איבעררײַסונג, וואָלט אָבער אָנערקענען די ממשותדיקע; אין אַן ערנסטן פאַל וועט די איבעררײַסונג שטענדיק דאַרפן דורכגעפירט ווערן אומזיסט אין אַן אַנשטאַלט.

די מורא פאַר אַ סך קינדער קען אויך האָבן דורכאויס עגאָיִסטישע סיבות, וועלכע פירן שטענדיק צוריק, ווי זיי זאָלן זיך ניט אויסדריקן אין דער לעצטער שורה, צו אַן אָפּגעשוואַכטן ציבור־געפיל. אַזוי איז אויב אַ פאַרצערטלטע מיידל וויל נאָך דער חתונה ווײַטער שפּילן נאָר דאָס פאַרצערטלטע קינד, אָדער קלערנדיק בלויז וועגן איר אויסערלעכקייט, איז זי מגזם דאָס מיאוס־ווערן דורך דער שוואַנגערשאַפט אָדער געבורט און שרעקט זיך פאַר איר, ווען זי וויל בלײַבן אָן אַ קאָנקורענטין, אַן אַנדערש מאָל אויך, ווען זי איז געגאַנגען חתונה האָבן אָן ליבע. אין אַ סך פאַלן שפּילט דער „מענלעכער פּראָטעסט" אין די פונקציעס פון דער פרוי און אין דעם אָפּזאָגן זיך פון געבוירן אַ פאַרדאַרבנדיקע ראָלע. די דאָזיקע פּראָטעסט־שטעלונג פון דער פרוי קעגן איר געשלעכטלעכער ראָלע, וועלכע איך האָב דער ערשטער באַשריבן אונטער דעם אויבנדיקן נאָמען, איז אָפט דער גורם פון מענסטרואַציע־שטערונגען און פונקציע־שטערונגען אין דער סעקסואַל־ספערע; זי שטאַמט שטענדיק פון דער אומצופרידנקייט מיט אַ געשלעכטלעכער ראָלע, וועלכע איז שוין אין איר משפּחה געווען באַטראַכט אַלס אַן אונטערגעאָרדנטע און זי ווערט

אָבער דורך דער אומפּולקומענקייט פון אונדזער קולטור, וועלכע וויל דער פּרוי באַהאַלטענערהייט אָדער אָפן צוטיילן אַ נידעריקערן ראַנג, ממשותדיק געשטיצט. אַזוי קען אויך ניט איינמאָל דאָס באַקומען די מענסטרואַציע פירן, מחמת אַ פּסיכישן אָפּוואָר פון דער מיידל, צו אַלערליי באַשווערונגען און עדות-זאָגן וועגן איר שוואַכער צוגרייטונג צו קאָאָפּעראַציע. דער „מענלעכער פּראָטעסט" אין זיינע פילפאַכע פאָרמען, צווישן וועלכע איינע ווייזט זיך אַלס מאַניע צו שפּילן די ראָלע פון אַ מאַן און קען פירן צו לעסבישער ליבע, דאַרף על-פּי-כן אויפגענומען ווערן ווי אַ יתרון-קאָמפּלעקס, וואָס בויט זיך אויף איבער אַ פּחיתות-קאָמפּלעקס: „ניט מער ווי אַ מיידל".

אין דעם פּעריאָד, וואָס געהערט צו דער ליבע, ווייזן זיך גלייכצייטיק אַרויס ביי אַ שוואַכער צוגרייטונג צו באַרוף און געזעלשאַפט אויך אַנדערע פאָרמען פון אַ צוריקצי פון סאָציאַלע אינטערעסן. די שווערסטע פאָרם קען מען אפשר זען אין דעם יוגנטלעכן שיגעון, אַ כמעט לחלוטנדיק צוריקציען זיך פון די פאָדערונגען פון דעם ציבור. דאָס דאָזיקע פּסיכישע קראַנק-ווערן שטייט אין שייכות מיט אָרגאַן-פּחיתותדיקייט, ווי קרעטשמער האָט עס אויסגעפונען. זיינע אויפווייזן דערגאַנצן מיין באַשרייבונג וועגן דער באַדייטונג פון דער אָרגאַן-שווערקייט אין אָנהויב פון לעבן. דער אויטאָר האָט אָבער דערביי ניט גענומען אין חשבון די באַדייטונג פון אַזעלכע פּחיתותדיקע אָרגאַנען פאַר דעם אויפבוי פון דעם לעבן-סטיל, ווי דאָס טוט די אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע. אויך דאָס אַריינפאַלן אין אַ נעווראָז ווערט אונטער דעם פּסדרדיקן דרוק פון די דרויסנדיקע אומשטענדן, וועלכע פאָדערן אַ צוגרייטונג צו מיטאַרבעט, אַלץ אָפּטער, דאָס גלייכן זעלבסטמאָרד אַלס לחלוטנדיקער צוריקצי, גלייכצייטיק אַלס קאָמפּלעטע פאַראורטיילונג פון די פאָדערונגען פון לעבן אין אַ מער אָדער ווייניקער שנאה-פולער כוונה. שיכּרות ווי אַ טריק זיך אַרויסצומאַכן פון סאָציאַלע פאָדערונגען אויף אַן אומסאָציאַלן אופן, דאָס גלייכן מאָרפיניזם און קאָקאַיניזם זיינען ניסיונות, וועלכע דער מענטש אָן אַ ציבור-געפיל, אַנטלויפנדיק פאַר די ציבור-פּראָבלעמען, ווען זיי טרעטן שטאַרקער אַרויס, קען זיך נאָר שווער קעגנשטעלן. ביי אַזעלכע פּערזאָנען, ווי די אויבן-אויסגערעכנטע, ווער מען, אויב מען האָט נאָר אין דעם געביט אַ גענוגנדיקע געניטקייט, קענען שטענדיק אויפווייזן די מאַניע צו פאַרצערטלונג און צו פאַרלייכטערונג פונם לעבן. דאָס אייגענע גילט פאַר אַ גרויסער צאָל פאַרברעכער, ביי וועמען מען קען שוין אין דער קינדהייט אַרויסזען דעם דוחק אין ציבור-געפיל ביי אַ פאַראַנענער אַקטיווקייט און גלייכצייטיק אויך דעם דוחק אין מוט. עס דאַרף ניט חידושן, וואָס אין

דער צײַט װערן בולטער אויך פערװערזיעס, װעלכע זייערע טרעגער פארבינדן מיט ירושהדיקייט. דערבײַ באטראכטן זיי, װי אויך פיל אויטארן, פערװערזע דערשײַנונגען אין דער קינדהייט אלס אײַנגעבארענע אדער אלס באקומענע דורך אן איבערלעבונג, בעת זיי װײַזן זיך ארויס אלס שפורן פון א טרענירונג אין א פאלשער ריכטונג, שטענדיק איינ־צײַטיק אויך אלס דײַטלעכע סימנים פון א קנאפן ציבור־געפיל, װאס עס טרעט געװיג קלאר ארויס אויף אנדערע זײַטן פון זייער לעבן *.

װײַטערדיקע פרוװן פון דעם גראד פון ציבור־געפיל קומען אין דער פירונג פון דעם פארפאלק־לעבן, פון דעם בארוף, בײַם פארלירן א געליבטע פערזאן, מחמת װאס דער באטרעפנדיקער אינדיװיד האלט די גאנצע װעלט פאר פארלארן, בעת ער האט דאך שוין פריער אין איר קיין איינטייל ניט גענומען; בײַם פארלירן דעם פארמעגן, בײַ אלערליי אנטוישונגען, בײַ װעלכע די פארצערטלטע פערזאן װײַזט ארויס, אז אין דער אנגעשפאנטער סיטואציע איז זי נישט ביכולת אויפצוהאלטן די הארמאניע מיט דעם גאנצן. אויך דאס פארלירן אן ארבעטס־פלאץ באװעגט א סך מענטשן ניט צום אנשלוס אין דעם ציבור, כדי מיט שותפותדיקע כוחות צו באזײַטיקן די בײז, נײַערט פירט זיי ארײַן אין א צעטומלעניש און צװינגט זיי ארויסצוטרעטן קעגן דעם ציבור.

נאך א לעצטע פרוװנג װיל איך דערמאנען: די שרעק פאר אלט־װערן און פאר דעם טויט. זיי װעלן ניט דערשרעקן דעם, װאס איז זיכער אין זײַן השארת הנפש אין דער געשטאלט פון זײַנע קינדער און כחמת דעם, װאס ער װייס, אז ער האט בײַגעשטײַערט צום װוקס פון דער קולטור. מען טרעפט אבער אומגעװיינלעך אפט, אלס דײַטלעכן אפדרוק פון דעם שרעק פאר א פולקומען אונטערגאנג, א האסטיקן קערפערלעכן חורבן און א גײַסטיקע צעטרייסלונג. ספעציעל אפט װײַזן זיך ארויס פרויען ביז צום לעצטן געטראפן דורך דעם איבערגלויבן אין די געפארן פון קלימאקטעריום, בעיקר יענע פרויען, װאס האבן געזען דעם װערט פון דער פרוי ניט אין קאאפעראציע, נײַערט אין דער יוגנט און אין דער שיינקייט, לײַדן דערבײַ אויף א שארפן אופן, פאלן אויך אפט ארײַן אין א זייער פײַנדלעכער דעפענסיװע װי קעגן אן אומרעכט, װאס איז לגבי זיי באגאנגען געװארן, אין א דעפרעסיע, װאס קען זיך פארטיפן ביז צו מעלאנכאליע. עס איז פאר מיר קיין שום פראגע ניט, אז אין דעם ביז איצט דערגרייכטן ניװא פון אונדזער קולטור איז ניט געשאפן געװארן דער געהעריקער פלאץ פאר אלט־װערנדיקע מענער און

---

* Adler, Problem der Homosexualität, S. Hirzel, Leipzig.

פרויען. אזא פלאַץ מעגלעך צו מאַכן אָדער לכל הפחות, אים אַליין פאַר זיך צו שאַפן — איז דאָס הייליקע רעכט פון אַלטווערנדיקע מענטשן. לײדער ווערן בײַ אַ סך מענטשן אין דער צײַט קענטיק די גרענעצן פון זייער ווילן צו מיטאַרבעט. זיי זײַנען מגזם זייער חשיבות, ווילן אַלץ בעסער פאַרשטיין, פאַרעקשנען זיך אין זייער געפיל פון באַעוולטקייט, שטערן אַזוי אַרום אַנדערע און העלפן נאָך צו שאַפן יענע אַטמאָספערע, פאַר וועלכע זיי האָבן זיך אפשר אַליין פון לאַנג כסדר געשראָקן.

בײַ אַ געווויסער דערפאַרונג און בײַ אַ רויִקן, פרײַנדלעכן ישוב־הדעת וואָלט געדאַרפט יעדערן קלאָר ווערן, אַז מיר ווערן פאַקטיש כסדר אויסגעפרוווט דורך די פראַגן פון לעבן אויף דעם גראַד פון אונדזער ציבור־געפיל און ווערן אָנערקענט אָדער אָפּגעוואָרפן.

4

דאָס פּראָבלעם קערפּער=נשמה

עס קען שוין הײַנט מער קיין ספק ניט זײַן, אַז אַלץ, וואָס מיר באַצייכענען אַלס קערפּער, ווײַזט אַרויס אַ שטרעבן צו ווערן אַ גאַנצקייט. בדרך כּלל קען מען אין דער הינזיכט פאַרגלײַכן דעם אַטאָם מיט דעם לעבעדיקן קעמערל. ביידע פאַרמאָגן לאַטענטע און זיך מאַניפעסטירנ=דיקע כּוחות, וואָס זײַנען די גורמים טיילווײַז פון דער פאַרקײַלעכונג און באַגרענעצונג און טיילווײַז פון אויסבילדונג פון אַנדערע חלקים. דער הויפּט=אונטערשייד ליגט, קען מען זאָגן, אין דעם שטאָפּאומבײַט פון דעם קעמערל להיפּוך צו דער אַליין=גענוגנדיקייט פון דעם אַטאָם. אַפילו די באַוועגונג אין אָדער מחוץ פון קעמערל און אַטאָם ווײַזט ניט אַרויס קיין יסודותדיקע אונטערשיידן. אויך די עלעקטראָנען זײַנען קיינמאָל ניט אין אַ רו=צושטאַנד, און אַ שטרעבונג צו אַזוינס, ווי פרויד פּאָסטו=לירט צוליב זײַנע אַנשווינגען וועגן פאַרלאַנג צו טויט, קען מען אין דער נאַטור אין ערגעץ ניט געפינען. דאָס, וואָס עס אונטערשיידט ביידן צום בולטסטן, איז דער אַסימילאַציע= און אויסשיידונגס=פּראָצעס פון דעם לעבעדיקן קעמערל, וואָס איז אַ גורם פון וואַקסן, פון אויפהאַלטן די פאָרם, פון פאַרמערונג און פון דער שטרעבונג צו אַ שלימותדיקער ענדפאָרם *.

וואָלט דאָס לעבעדיקע קעמערל, אָן אונטערשייד פון וואַנען עס האָט זיך גענומען, אוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַן אידעאַלער סביבה, וועלכע וואָלט אים געזיכערט אָן מי די אייביקע אַליין=דערהאַלטונג, — אַ פאַל, וואָס מען קען זיך, אמת, ניט פאָרשטעלן, — וואָלט עס שטענ=דיק געבליבן אומגעענדערט. אונטער דעם דרוק פון שוועריקייטן, וועלכע מען קען אין פּשוטסטן פאַל זיך פאָרשטעלן כּמעט פיזיקאַליש, האָט גע=מוזט דאָס, וואָס מיר רופן אָן ניט פאַרשטאַנענערהייט לעבנס=פּראָצעס,

---

* S. Smuts, Wholeness and Evolution, London, McMillan Co.

ווערן געשטויסן צו וועלכע=ס'איז תחבולות. די טויזנטפאַכיקע פאַרשיידנקייטן, וואָס עקזיסטירן אין דער נאַטור און געפינען זיך געווים אויך אין דער אַמעבע, ברענגען די אינדיווידן, וואָס געפינען זיך אין אַ גינציקערער לאַגע, נעענטער צום דערפאָלג און גיבן זיי די מעגלעכקייט צו געפינען די בעסערע פאָרם און דערמיט די בעסערע צופּאַסונג. אין די ביליאָנען יאָרן, זינט עס עקזיסטירט אויף דער ערד לעבן, איז משמעות געווען גענוג צייט אויף צו פאָרמירן פון דעם לעבנס=פּראָצעס פון די איינפאַכסטע קעמערלעך דעם מענטשן, דאָס גלייכן צו לאָזן אונטערגיין מיריאַדן לעבעדיקע וועזנס, וועלכע זיינען ניט געווען מסוגל אויסצוהאַלטן דעם אימפּעט פון אָנגריפן פון זייער סביבה.

אין דעם דאָזיקן באַנעם, וועלכער פאַרבינדט די יסודותדיקע אָנשויאונגען פון דאַרווינען און לאַמאַרקן, מוז דער „לעבנס=פּראָצעס" באַטראַכט ווערן ווי אַ שטרעבן, וואָס באַקומט זיין ריכטונג אינם שטראָם פון דער עוואָלוציע דורך אַן אייביקן ציל פון צופּאַסונג צו די פאָדערונגען פון דער דרויסנדיקער וועלט.

די דאָזיקע צילשטרעביקייט קען קיינמאָל ניט קומען צו אַ רוענדיקן אויסגלייך, מחמת עס קענען, אַפּנים, קיינמאָל ניט ווערן פאַרענטפערט שלימותדיק די פאָדערונגען און תביעות, וואָס די כוחות פון דער דרויסנוועלט שטעלן צו די וועזנס, וועלכע זי האָט געשאַפן. אין דער דאָזיקער צילשטרעביקייט האָט זיך טאַקע אויך געמוזט האָבן אַנטוויקלט יענע פעיִקייט, וואָס מיר, באַטראַכטנדיק פון פאַרשיידענע זייטן, רופן אַן נשמה, גייסט, פּסיכע, שכל, וועלכע זיינען כולל אַלע אַנדערע „פּסיכישע פעיִקייטן". און הגם ביי דער באַטראַכטונג פון דעם פּסיכישן פּראָצעס באַוועגן מיר זיך אויף אַ טראַנסצענדענטאַלן באָדן, מעגן מיר, אַנטוויקלענדיק ווייטער אונדזער אָנשויאונג, באַהויפּטן, אַז די נשמה, געהערנדיק צום לעבנס=פּראָצעס און צו אַלץ, וואָס נאָר מיר נעמען אַרונטער אונטער דעם פּראָצעס, מוז אַרויסווייזן דעם זעלבן גרונד=כאַראַקטער, ווי די matrix, דאָס לעבעדיקע קעמערל, פון וועלכער זי איז אַרויסגעקומען. דעם דאָזיקן גרונד=כאַראַקטער קען מען אין דער ערשטער ריי געפינען אין דער כסדרדיקער באַמיִונג זיגעריש צו געבן זיך אַן עצה מיט די פאָדערונגען פון דער דרויסן=וועלט, גובר צו זיין דעם טויט, שטרעבן צו אַן אידעאַלער, צו דעם צוועק צוגעפּאַסטער ענדפאָרם און בשותּפות מיט די כוחות פונם קערפּער, וואָס זיינען דערצו געגרייט געוואָרן אין גאַנג פון דער עוואָלוציע, אין קעגנזייטיקער השפּעה און הילף צו דערגרייכן אַ ציל פון יתרון, פון שלימות, פון זיכערקייט.

אַלפרעד אַדלער

אזוי ווי אין דער עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג פון דעם קערפּער, אזוי איז אויך אין דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג כּסדר אָנגעצייכנט די ריכטונג: גובר זײַן די שוועריקייטן פון דער דרויסן=וועלט דורך אַ ריכטיקן באַשייד פון אירע אויפגאַבן. יעדער ניט ריכטיקער באַשייד, סײַ דורך אַ ניט=צוועקמעסיקער קערפּערלעכער סײַ פּסיכישער אַנטוויקלונג, ווײַזט אַרויס זײַן פעלן פון צופּאַסונג דורך דער מפּלה, וואָס קען פירן ביז אַן אויס=מעקונג און פאַרטיליקונג פון דעם גרײַזנדיקן אינדיווידו. דער פּראָצעס פון דער מפּלה קען אַרומכאַפּן ווייטער ווי דעם יחיד און זיינע טייל=גלידער, ער קען שעדיקן זיין נאָכוווּקס און פאַרוויקלען פאַמיליעס, שבטים, פעלקער און ראַסן אין גרעסערע שוועריקייטן. אָפּט, ווי דאָס איז שטענדיק אין דער עוואָלוציע, קענען די דאָזיקע שוועריקייטן פירן אין זייער איבערווינדונג צו גרעסערע דערפאָלגן, צו אַ גרעסערער ווידערשטאַנד=קראַפט. העקאַטאָמבעס פון געוויקסן, חיות און מענטשן האָט אָבער געפאָדערט אָט דער גרויזאַמער פּראָצעס פון זעלבסט=רייניקונג. דאָס, וואָס עס ווײַזט זיך איצט אַרויס אין דורכשניט פאַר ווידערשטאַנד=פעיִק, האָט דערווײַל אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו *. פון דער דאָזיקער אָנשויונג דרינגט אַרויס, אַז אינם קערפּערלעכן פּראָצעס האָבן מיר צו טאָן מיט אַ שטרעבן, וואָס דאַרף האַלטן דעם קערפּער בערך אין גלייכוואָג בשייכות מיט זיינע טאוונגען, כּדי צו קענען זיגעריש אַנטקעגנגיין די פאָדערונגען פון דער דרויסנוועלט, איר נוצן און שאָדן. באַטראַכט מען די דאָזיקע פּראָצעסן אייגנזייטיק, דאַן קומט מען צו דעם באַנעם וועגן „דער חכמה פונם קערפּער". ** אָבער אויך דער פּסיכישער פּראָצעס איז געצוווּנגען אָנצוקומען צו דער דאָזיקער חכמה, וואָס מאַכט אים מסוגל צו באַשיידן מיט ניצחון די פראַגן פון דער דרויסנוועלט לטובת אַ כּסדר אַקטיווער גלייכוואָג פון קערפּער און נשמה. פאַר דער גלײַכוואָג זאָרגט אין געוויסע גרענעצן די דערגרייכטע עוואָלוציאָנערע מדרגה, פאַר דער אַקטיווקייט — דער אין דער קינדהייט געפונענער ציל פון יתרון, דער לעבן=סטיל, דער באַוועגונגס=געזעץ פון דעם יחיד.

ד ע ר ג ר ו נ ד = ג ע ז ע ץ פ ו ן ל ע ב ן א י ז ע ל פ י כ ן ד אָ ס ג ו ב ר ז ײַ ן. אים דינט דאָס שטרעבן צו אַליין=דערהאַלטונג, צו קערפּערלעכער און נשמהדיקער גלײַכוואָג, דאָס קערפּערלעכע און דאָס פּסיכישע וואַקסן און די שטרעבונג צו שלימות.

---

* זע: Adler, „Heilen u. Bilden", III Aufl., Bergmann, München

** Cannon. The wisdom of the body. Norton and Co. New-York.

אין דעם שטרעבן צו אליין=דערהאלטונג איז איינגעשלאסן די פארשטענדעניש פאר סכנות און דאס אויסמיידן זיי, דער קיום המין אלס עוואלוציאנערער וועג צו איבערלעבן אין א קערפערלעכן שריד — דעם פערזענלעכן טויט, די מיטארבעט פאר דער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, אין וועלכער דער גייסט פון די מיטארבעטער איז אומשטערבלעך, און דער פארגעזעלשאפטלעכער אויפטו פון אלע ביישטייערער צו די אלע דערמאנטע צוועקן.

דאס וואונדער=ווערק פון דער עוואלוציע וויזט, ווי דער קערפער שטרעבט כסדר גלייכצייטיק צו דערגאנצן, צו פארבייטן און אויפצוהאלטן אלע לעבנס=וויכטיקע טיילן. די בלוט=פארגליווערונג ביי בלוטנדיקע וואונדן, די אין ברייטע גרעניצן געזיכערטע אויפהאלטונג פון וואסער, צוקער, קאלך, אייווייס=שטאפן, פון בלוט= און קעמערלעך=רעגענעראציע, דאס צוזאמענווירקן פון די דריזן פון אינערלעכער סעקרעציע — דאס אלץ זיינען פראדוקטן פון דער עוואלוציע און באווייזן דעם קעגנשטעל=כוח פון דעם ארגאניזם לגבי די דרויסנדיקע שעדלעכקייטן. דער קיום און די געהעכערטקייט פון דעם דאזיקן קעגנשטעל=כוח איז דער רעזולטאט פון א ווייטגייענדיקער בלוט=מישונג, אין וועלכער חסרונות קענען פארקלענערט ווערן און מעלות אויפגעהאלטן און פארגרעסערט ווערן. אויך דא האט די פארגעזעלשאפטלעכונג פון מענטשן, דער ציבור דורכגעדרונגען מיט זיין העלפנדיקן, זיגערישן כוח. דאס באפרייען זיך פון אינצעסט איז על פי כן געווען ניט מער ווי א זעלבסט=פארשטענדלעכקייט אין דער שטרעבונג צום ציבור.

די פסיכישע גלייכוואג איז כסדר באדראט. אין דער שטרעבונג צו שלימות איז דער מענטש שטענדיק פסיכיש באוועגט און פילט זיין ניט=בשלום=זיין מיט דעם ציל פון פולקומענקייט. בלויז דער געפיל, אז ער האט דערגרייכט א צופרידנשטעלנדיקע פאזיציע אין דער שטרעבונג צו דער הייך, איז אים ביכולת צו געבן דעם געפיל פון רו, פון ווערטיקייט, פון גליק. אין דער קומענדיקער רגע ציט אים זיין ציל ווייטער אין דער הייך. אין דער דאזיקער רגע ווערט קלאר, אז זיין *מענטש הייסט פארמאגן א פחיתות=געפיל, וואס שטויסט שטענדיק אים גובר צו זיין*. די ריכטונג פון דעם געזוכטן גובר זיין איז אזוי טויזנטפאכיק פארשיידן, ווי דער ציל פון דער געזוכטער פולקומענקייט. וואס גרעסער עס איז דער פחיתות=געפיל און וואס שטארקער ער ווערט אדורכגעלעבט, אלץ האסטיקער איז דער דראנג צום גובר=זיין, אלץ שטארקער די באוועגונג פון געפילן. דער שטורמישער אנפלייץ פון געפילן, די עמאציעס און אפעקטן בלייבן אבער ניט אן

א ווירקונג אויף דער קערפּערלעכער גלײַכוואָג. אויף די וועגן פון וועגע־טאַטיוון נערוון־סיסטעם, פון דעם Nervus vagus, פון די ענדאָקרינע פאַרענדערונגען פאַלט דער קערפּער אַרײַן אין באַוועגונגען, וואָס קענען זיך אויסדריקן אין ענדערונגען פון דער בלוט־צירקולאַציע, פון די סעקרעציעס, פון מוסקול־טאָנוס און פון כמעט אַלע אָרגאַנען. ווי איבער־גייענדיקע דערשײַנונגען זײַנען די דאָזיקע פאַרענדערונגען נאַטירלעך; זיי ווײַזן זיך נאָר אַרויס פאַרשיידן אין זייער אויספאָרמירונג אָפּהענגיק פון לעבן־סטיל פון דעם געטראָפענעם. אויב זיי געדויערן לענגער, דעמאָלט רעדט מען פון פונקציאָנעלע אָרגאַנען־נעווראָזן, וואָס פאַר־דאַנקען זייער אויפקומען, ווי די פסיכאָ־נעווראָזן, א לעבן־סטיל, וועלכער ווײַזט אַרויס א נטיה אין פאַל פון א הינטערשטעליקייט, בײַ א שטאַר־קערן פחיתות־געפיל, צו נעמען זיך צוריקציען פון דעם געגעבענעם פּראָ־בלעם און צו פאַרזיכערן דעם דאָזיקן צוריקצי דורך האַלטן זיך מיט די אויפגעקומענע שאָק־סימפּטאָמען פון קערפּערלעכן אָדער פסיכישן אַרט. אַזוי ווירקט זיך דער פסיכישער פּראָצעס אויס אויפן קערפּער, אָבער אויך אין דער פסיכיק גופא דערמיט, וואָס ער שאַפט די סיבה פאַר אַלע פסיכישע שטרויכלונגען, פאַר אַקטיווע און פּאַסיווע אופנים, וואָס זײַנען פײַנדלעך צו די פאָדערונגען פון דעם ציבור.

אויך דער קערפּערלעכער פאַרמעג ווירקט זיך אויס אויף דעם פסיכישן פּראָצעס. דער לעבן־סטיל ווערט, לויט אונדזערע דערפאַרונגען, אויסגעפאָרמירט אין דער פריסטער קינדהייט. דער אײַנגעבאָרענער קערפּערלעכער פאַרמעג האָט דערבײַ די גרעסטע השפּעה. אין זײַנע ערשטע באַוועגונגען און אויפטוען לעבט איבער דאָס קינד די אויפטו־פעיִקייט פון זײַנע קערפּער־אָרגאַנען. עס לעבט זיי איבער, האָט אָבער נאָך ניט א לאַנגע צײַט ניט קיין ווערטער, ניט קיין באַגריפן פאַר דעם. היות אויך די גינציקייט פון דער סביבה איז דורכאויס פאַרשיידן, בלײַבט נאָך אַלץ אומבאַקאַנט, וואָס דאָס קינד, אשטייגער, פילט פון זײַן אויפטו־פעיִקייט. מיט גרויסער פאָרזיכטיקייט און פאַרמאָגנדיק א סטאַ־טיסטישע וואַרשײַנלעכקייטס־דערפאַרונג מעג מען פון אונדזער קענטעניש וועגן דער פחיתותדיקייט פון אָרגאַנען: פון דעם פאַרדײַ־אַפּאַראַט, פון דער בלוט־צירקולאַציע, פון די אָטעמונגס־אָרגאַנען, פון די סעקרעציע־אָרגאַנען, פון די ענדאָקרינע דריזן, פון די חושים־אָרגאַנען, מאַכן דעם אויספיר, אַז דאָס קינד לעבט אַדורך זײַן צו גרויסע באַלאַדנקייט אין אָנהויב פון זײַן לעבן. אָבער ווי אַזוי עס קלײַבט זיך צו געבן זיך מיט דעם אַן עצה, קען מען אַרויסזען ניט אַנדערש, ווי פון זײַנע באַוועגונגען און פּרוּוון. וואָרעם דאָ איז יעדע קאַוזאַלע באַטראַכטונג אומזיסט. דאָ

ווירקט זיך אויס די שעפערישע קראפט פונם קינד. שטרעבנדיק אין דעם רוים פון זיינע אומצאָליקע מעגלעכקייטן, באַקומט דאָס קינד דורך פרווו און טעות א טרעניגג און א הויפטוועג צו א ציל פון פולקומענקייט, וואס עס זעט אים אויס, אז ער קען אים געבן א פולן תיקון. צי אַקטיוו־שטרעבנדיק, אָדער דאָס פארעקשנען זיך אין פּאסיווקייט, צי הערשעריש אָדער קנעכטיש, צי קאָנטאַקט־פעיִק אָדער עגאָיִסטיש, מוטיק אָדער פחדנותדיק, פארשיידן אין ריטם און טעמפעראַמענט, צי גרינג באַוועגעוודיק אָדער טעמפּ, — אנטשיידט דאָס קינד אין פלומרשדיקן הסכּם מיט זיין סביבה, וואס עס איז תּופס און פארענטפערט אין זיין זין, אויף זיין גאנצן לעבן און אנטוויקלט זיין באַוועגונגס־געזעץ. און אַלע ריכטונגען צו דעם ציל פון גובר זיין זיינען אנדערש פאר יעדן אינדיווּיד און פארשיידן אין טויזנטער ניואַנסן, אזוי אז עס פעלן אונדז ווערטער אויסצורעכענען אין יעדן פאַל מערער, ווי דאָס טיפּישע, און מיר זיינען געצוווּנגען זיך ארויסצוהעלפן מיט פּרטימדיקע באַשרייבונגען.

וווהין זיין וועג פירט, קען צומאָלס דער אינדיווּיד גופא אָן אַן אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער פארשטענדעניש קוים קלאָר זאָגן. אָפט זאָגט ער דעם היפּוך. ערשט דער דערקענטער באַוועגונגס־געזעץ גיט אונדז די אויפקלערונג. דערביי שטויסן מיר זיך אָן אויף דעם זין, אויף דעם מיין פון די אויסדרוקס־באַוועגונגען, וואס קענען זיין ווערטער, געדאנקען, געפילן און טואונגען. ווי שטארק אָבער עס שטייט אויך דער קערפּער אונטער דעם דאָזיקן באַוועגונגס־געזעץ, גיט אויס דער זין פון זיינע פונקציעס, א שפּראַך, וואס איז מיינסטנס אויסדרוקספולער, וויַזט דייטלעכער די מיינונג, ווי ווערטער זיינען עס בּיכולת צו טאָן, אָבער דאָך א שפּראַך פונם קערפּער, וואס איך האָב אָנגערופן אָרגאַן־דיאַלעקט. א קינד, למשל, וואס פירט זיך אויף פאָלגעוודיק, אָבער ביי נאַכט נעצט עס אין בעט, גיט דערמיט דייטלעך צו וויסן זיין מיינונג, אז עס וויל זיך ניט אונטערגעבן דער איינגעשטעלטער קולטור. א מאַן, וואס גיט זיך אויס פאר א מוטיקן, גלויבט אפשר אפילו אין זיין מוט, וויַזט דאָך דורך זיין ציטערן און הארצקלאַפּן, אז ער איז ארוים פון גלייכוואָג.

א 32־יאָריקע חתונה־געהאַטע פרוי קלאָגט זיך אויף א שטארקן ווייטאָג לינקס ארום דעם לינקן אויג און אויף טאָפּלט־זען, וואס צווינגט איר צו האַלטן פארמאַכט דעם לינקן אויג. אזעלכע אָנפאַלן האָט די פּאציענטין צייט עלף יאָר; דעם ערשטן — באַקומען, ווען זי האָט זיך פארקנסט מיט איר מאַן. דער לעצטער אָנפאַל איז געוועזן מיט זיבן חדשים צוריק, די ווייטאָגן זיינען צייטווייליק אריבער, דאָס טאָפּל־זען איז אָבער פארבליבן קאָנסטאַנט.

די סיבה פון דעם דאָזיקן לעצטן אַנפאַל שרײַבט זי צו אַ קאַלטער באָד און האַלט, אַז די דערפאַרונג האָט איר געוויזן, אַז די איבע־ריקע אַנפאַלן זײַנען אויך געקומען מחמת אַ צוגווינט. אַ ייִנגערער ברודער לײַדט אויף ענלעכע אַנפאַלן מיט טאָפּל־זען, די מוטער — אויף די נאַכווייעניש פון אַ קאַפּגריפּע. די ווייטאָגן פלעגן אין די פריערדיקע אַנפאַלן, ווי זי זאָגט, אַרויסטרעטן אויך אַרום דעם רעכטן אויג אָדער זיי פלעגן איבערגיין פון איין זײַט אויף דער אַנדערער.

פאַר דער חתונה פלעגט זי געבן לעקציעס פון פידל־שפּילן, פלעגט אויך אויפטרעטן אויף קאָנצערטן און האָט ליב געהאַט איר באַרוף, וועלכן זי האָט זינט דער חתונה אָפּגעלאָזט. זי לעבט איצטער אין דער פאַמיליע פון איר שוואָגער דערפאַר, ווי זי מיינט, כּדי נעענטער צו זיין צום דאָקטאָר, און פילט זיך דאָ גליקלעך.

זי שילדערט איר פאַמיליע, ספּעציעל דעם פאָטער, זיך אַליין און עטלעכע ברידער און שוועסטער, ווי אויפּבּרויזנדיקע און כּעסנים. ווען מיר נאָך צוגעבן צו דעם דאָס, וואָס ס׳איז בײַם אויספרעגן באַשטעטיקט געוואָרן, אַז זיי זײַנען הערשגיריק, דאַן האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט יענעם טיפּ, וועלכן איך האָב באַשריבן אַלס אַזאַ, וואָס האָט אַ נטיה צו קאָפּווייטאָגן, מיגרענעס, צו נערוועזער טריגעמינוס־נעווראַלגיע און צו עפּילעפּטפאָרמע אַנפאַלן (זע ספּעציעל אין „Praxis und Theorie der Individualpsychologie", 4 Auflage, l. c.).

די פּאַציענטין קלאָגט זיך אויך אויף אורינדראַנג, וואָס קומט שטענדיק, ווי נאָר זי איז אין אַ נערוועזער שפּאַנונג, בעת וויזיטן, בײַם טרעפן זיך מיט פרעמדע מענטשן אאַז״וו.

אין מײַן אַרבעט וועגן די פּסיכישע וואָרצלען פון דער טריגעמינוס־נעווראַלגיע האָב איך אָנגעוויזן אויף דעם, אַז אין ניט אָרגאַניש־בּונדירטע פאַלן געפינט מען שטענדיק אַ געהעכערטע עמאָציאָנעלע שפּאַנונג, וועלכע דריקט זיך לײַבּט אויס אין אַלערליי נערוועזע סימפּטאָמען, ווי זיי זײַנען אויך אויבן פעסטגעשטעלט געוואָרן, און וועלכע קען מיט גרויסער וואָר־שײַנלעכקייט, אויף דעם וועג פון וואַזאָמאָטאָרישער אויפרייצונג, דאָס גלײַכן פון דער רייצונג פון דעם סימפּאַטיקאָ־אַדרענאַלין־סיסטעם דורך דער פאַרענדערונג פון די בלוט־געפעסן און פון בלוט־צופיר אַרויסרופן אויף פרעדלעקציע־ערטער סימפּטאָמען, ווי ווייטאָגן, אָבער אויך דערשײַ־נונגען פון געליימטקייט. איך האָב דעמאָלט אויך אויסגעדריקט די השערה, אַז אַסימעטרישקייטן פונם שאַרבן, פוןביידע העלפטן פּנים, פון די קאָפּוועגעס און קאָפּ־אַרטעריעס זײַנען פּאַרעטערישע סימנים דערבּון,

אַז אויך אינעווייניק אין דעם שאַרבן=דעק, אין די מוח=הײַטלעך און טאַקע אויך אינם מאַרך דאַרפן זיך געפינען אַזעלכע אַסימעטרישקייטן, וועלכע זײַנען וואַרשיינלעך נוגע דעם לויף און קאַליבער פון די דאָרטיקע וועגעס און אַרטעריעס; אפשר ווײַזן אויך אַרויס די באַגלייטנדיקע און נאָענט=ליגנדיקע נערוון=פעדים און קעמערלעך אין איינער פון די ביידע העלפטן אַ שוואַכערע אויסבילדונג. אַ ספּעציעלן אויפמערק וואָלט מען בכן געדאַרפט שענקען דעם לויף פון די נערוון=קאַנאַלן, וועלכע, זייענדיק זיכער אויך אַסימעטריש, וואָלטן זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו ענג בײַ אַ פאַרברייטערונג פון די וועגעס און אַרטעריעס אויף איין זײַט. אַז בײַ עמאָציעס, ספּעציעל בײַ פאַרדרוס, אָבער אויך בײַ פרייד, פחד, עגמת=נפש, בײַט זיך די אָנפילונג פון די געפעסן, קען מען זען פון דער פאַרב אין פנים און, בײַ פאַרדרוס, אָן דעם אַרויסבוילטן זיך פון די שאַרבן=וועגעס. עס איז קרוב לאמת אָנצונעמען אַזעלכע פאַרענדערונגען אויך אין די טיפער ליגנדיקע שיכטן. עס זײַנען, אמת, נייטיק נאָך אַ סך אויספאָרשונגען, כדי אויפצוקלערן די אַלע קאָמפּליקאַציעס, וואָס קומען דערבײַ אַרײַן אין קאָן.

געראָט אונדז אָבער, אויך אין דעם פאַל, צו באַווײַזן ניט נאָר דעם צאָרנדיקן געמיט, וואָס ווערט געשאַפן דורך דעם הערשונגס=גיריקן לעבן=סטיל, נאָר אויך דעם עקזאַגענעם מאָמענט פאַר דעם אָנפאַל, וואָס איז געווען פון אַלע ביז איצטיקע דער שטאַרקסטער, קענען מיר פעסטשטעלן די אָנהאַלטנדיקע פּסיכישע שפּאַנונג פון זינט דער פריסטער קינדהייט, דעם פחיתות=קאָמפּלעקס און דעם יתרון=קאָמפּלעקס, דאָס פעלן פון אינטערעס צו אַנדערע, אייגנליבע סײַ אין איר איצטיקן לעבן, סײַ אין זכרונות און אין חלומות, האָבן מיר צו דעם נאָך אויך ערפאָלג מיט דער אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגישער באַהאַנדלונג, אפשר גאָר אַ דויערנדיקן ערפאָלג, — דעמאָלט ווערט דערמיט געליפערט אַ ווײַטערדיקער באַווײַז, אַז קראַנקייטן, ווי נערוועזער קאָפּווייטאָג, מיגרען, טריגעמינוס=נעוורַאַלגיע און עפּילעפּט=פאָרמע אָנפאַלן קען מען אפשר, אויף ווי ווײַט מען קען ניט אויפווײַזן קיין אָרגאַנישע שטערונגען, ברענגען צו אַ ממשותדיקער היילונג דורך ענדערן דעם לעבן=סטיל, דורך אַראָפּזעצן די פּסיכישע שפּאַנונג, דורך אַ פאַרברייטערונג פון דעם ציבור=געפיל.

דער אורינדראַנג בײַ ווזיטן גיט אונדז שוין אַ בילד פון אַ צו לייכט זיך אויפרעגנדיקער פּערזאָן, דערבײַ איז די סיבה פונם אורינדראַנג עקזאָגען. זי ליגט אין דער באַגעגעניש מיט

אנדערע פערזאָנען, אזוי ווי די סיבה פון שטאַמלען און אנדערע נערוועזע שטערונגען און כאראַקטער־שטריכן, דאָס גלייכן טרעמע פאַר עפנטלעכקייט (אימתא דציבורא). דערביי לאָזט זיך אויך דערקענען דאָס פאַרשטאַרקטע פחיתות־געפיל, דער וואָס פאַרמאָגט אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע פאַרשטענדעניש וועט דאָ אויך גרינג באַמערקן די אָפּהענגיקייט פון דער מיינונג פון אנדערע און בכן די פאַרשטאַרקטע שטרעבונג צו אָנערקענונג, צו פערזענלעכן יתרון. די פּאַציענטין אליין דערקלערט, אז זי האָט ניט קיין ספּעציעלן אינטערעס פאַר אנדערע. זי באַהויפּט, אז זי איז ניט שרעקעוודיק, אז זי קען אָן שום אָנשטרענגונג ריידן מיט אנדערע, זי שטייגט אָבער אין פילריידעריי ווייט אריבער די געוויינלעכע מאָס און לאָזט מיך קוים קומען צום וואָרט, וואָס עס איז א זיכערער סימן פון איר נטיה צו קראַמפּהאַפטיקן ארויסווייזן־זיך. אין איר פאַמיליע־לעבן איז זי, ווייזט אויס, די הערשנדיקע פערזאָן, איז אָבער מאַכטלאָז לגבי דער מהיכא תיתאדיקייט און רו־באַדערפעניש פון איר מאַן, וועלכער ארבעט אָנגעשטרענגט און קומט שפּעט אין אָוונט א מידער א היים, ניט גענייגט ערגעץ צו גיין מיט זיין פרוי אָדער צו באַזוכן מיט איר פאַרוויילונגען. ווען זי פלעגט דאַרפן פאַר עמעצן שפּילן, פלעגט זי ליידן פון א שטאַרקער טרעמע (אימתא דציבורא). אויף דער פראַגע, וואָס וועט זי טאָן, ווען זי וועט געזונט ווערן, — א פראַגע, וואָס איך רעקאָמענדיר אלס באַדייטנדיקע, ווייל די תשובה אויף איר ווייזט דייטלעך, פאַר וואָס די פּאַציענטן האָבן מורא, — גיט די פּאַציענטין אָן אויסמיידנדיקן ענטפער, אָנווייזנדיק אויף אירע שטענדיקע קאַפּריזן. לעבן לינקן אויגברעם געפינט זיך ביי איר א טיפער שראַם נאָך אן אָפּעראַציע פון דער עטמאָיד־הייל, אן אָפּעראַציע, נאָך וועלכער עס איז זייער גיך ווידער געקומען דער מיגרען־אָנפאַל. די פּאַציענטין באַהויפּט שטייף און פעסט, אז קעלט שאַדט איר אין יעדער פאָרם און קען ארויסרופן די אָנפאַלן. פונדעסטוועגן האָט זי פאַר דעם לעצטן אָנפאַל גענומען א קאַלטע באָד, וואָס האָט, ווי זי מיינט, תיכף ארויסגערופן דעם אָנפאַל. די אָנפאַלן הייבן זיך ניט אָן מיט קיין Aura, אמאָל קומען איבלענישן ביים אָנהויב פון דעם אָנפאַל, ניט שטענדיק. פאַר־שיידענע דאָקטוירים האָבן איר גרינדלעך באַטראַכט און ניט געפונען קיין אָרגאַנישע פאַרענדערונג. רענטגען־אויספאָרשונג פון שאַרבן, בלוט־ און אורין־אויספאָרשונג זיינען אויסגעפאַלן נעגאַטיוו. געבער־

מוטער: אינפֿאַנטיל, אַנטעווערסיע און אַנטעפֿלעקסיע. איך האָב אין מיין „Studie über Minderwertigkeit von Organen“ אָנגעוויזן אויף דעם, אַז ביי נעוראָטיקער געפֿינט מען ניט נאָר אָפֿט פּחיתותדיקייט פֿון אָרגאַנען, פֿאַרוואָס די מסקנאָס פֿון דער קרעטשמערשער אויספֿאָרשונג גיבן אַ גוטע באַשטעטיקונג, נאָר אויך, אַז ביי אָרגאַן-מינערקייטן דאַרף מען זיך כּסדר ריכטן אויף מינערקייט פֿון די געשלעכטלעכע אָרגאַנען, וואָס דער ליידער צו פֿרי פֿאַרשטאָרבענער קירלע (Kürle) האָט דערוויזן. דאָ האָבן מיר אַזאַ ביישפּיל.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זינט די פּאַציענטין האָט איבערגעלעבט די געבורט פֿון אַ יינגערן בן-בית מיט דער גרעסטער שרעק, האָט זי געהאַט אַ שיגעונדיקן פּחד פֿאַר געבוירן. דאָס באַשטעטיקט מיינע וואָרענונגען, ניט אויפֿצושטעלן צו פֿרי פֿאַר קינדער סעקסועלע פֿאַקטן, אַזוי לאַנג ווי מען איז ניט זיכער, אַז זיי וועלן זיי קענען ריכטיק פֿאַרשטיין און פֿאַרדייען. ווען זי איז אַלט געווען עלף יאָר, האָט איר דער פֿאָטער אומגערעכט באַשולדיקט, אַז זי האָט געהאַט סעקסועלע באַציִונגען מיט אַ שכנס אַ זון. אויך דאָס דאָזיקע מיט שרעק און פּחד פֿאַרבונדענע אויפֿשטעלן פּנים אל פּנים מיטן ענין סעקסועלע באַציִונג האָט פֿאַרשטאַרקט איר פּראָטעסט קעגן דער ליבע, וועלכער האָט זיך זינט איר פֿאַמיליע-לעבן אַרויסגעוויזן אַלס עראָטישע קאַלטקייט. פֿאַר דער חתונה האָט זי פֿאַרלאַנגט ביי איר חתן אַ בינדנדיקע דערקלערונג, אַז ער וועט אויף שטענדיק מוותר זיין אויף קינדער. אירע מיגרען-אָנפֿאַלן און די שטענדיק אָנהאַלטנדיקע מורא פֿאַר אַזוינע האָבן עס איר לייכט געמאַכט צו רעדוצירן די מאַן-ווייב באַציִונגען ביז אַ מינימום. ווי מען טרעפֿט אָפֿט ביי זייער אַמביציעזע מיידלעך, האָבן זיך אירע ליבע-באַציִונגען פֿאַרמירט עפּעס קשהדיק, ווייל זי האָט זיי פֿאַלש אויפֿגענומען ווי אַ דעגראַדירונג פֿון דער פֿרוי, זייענדיק דורכגעדרונגען פֿון שווערן פּחיתות-געפֿיל, וועלכן די אָפּגעשטאַנענקייט פֿון אונדזער קולטור האַלט אונטער.

דער פּחיתות-געפֿיל און דער פּחיתות-קאָמפּלעקס, די דאָזיקע פֿונדאַמענטאַלע אָנשויונג פֿון דער אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז אַמאָל באַטראַכט געווען פֿון די פּסיכאָאַנאַליטיקער ווי די רויטע טוך, דאָס גלייכן דער מענלעכער פּראָטעסט, זיינען היינט דורך פֿרוידן פֿולקום אָנגענומען געוואָרן און זיינען נאָר גאַנץ שוואַכלעך אַריינגעפּאַסט אין זיין סיסטעם. דאָס, וואָס ס'איז אָבער ביז היינט נאָך פֿון דער דאָזיקער שול

ניט געוואָרן פאַרשטאַנען, איז דער פאַקט, אַז אַזאַ מיידל שטייט אין רשות פון כסדרדיקע פּראָטעסטירנדיקע עמאָציעס, וועלכע מאַכן איבערירן דעם קערפּער און די נשמה און דריקן זיך יעדעס מאָל אויס אין אַקוטע סימפּטאָמען נאָר אין פאַל פון אַן עקזאָגענעם פאַקטאָר, אין פאַל, ווען עס ווערט געשטעלט צום פּרווו די עקזיסטענץ פון ציבור־געפיל.

אין דעם פאַל זיינען די סימפּטאָמאַטישע אַרויסווייזן מיגרען און אורינדראַנג. אַלס דויערנדיקער סימפּטאָם האַלט זיך זינט דער חתונה מורא פאַר קינדער־האָבן און עראָטישע קאַלטקייט (Frigidität). איך גלויב, אַז איך האָב צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו דער דערקלערונג פון דער מיגרען ביי דער דאָזיקער הערשונגס־גיריקער און כעסנדיקער פּערזאָן, און עס זעט אויס, אַז נאָר אַזעלכע פּערזאָנען קענען אין פאַלן, ווען דערצו איז נאָך פאַראַן די אויבנ־באַשריבענע אַסימעטריע, קראַנק ווערן אויף מיגרען און ענלעכע ווייטאָגן. איך דאַרף נאָך אָבער אויפווייזן יענעם עקזאָגענעם פאַקטאָר, וועלכער האָט געשאַפן דעם לעצטן, אַזוי אומגעווייגלעך שווערן אָנפאַל. איך קען ניט אינגאַנצן לייקענען, אַז אין דעם פאַל האָט די קאַלטע באָד אַרויסגערופן דעם אָנפאַל, איך בין אָבער פאַרחידושט דערפון, וואָס די פּאַציענטין, וועלכע ווייס אַזוי גענוי און אַזוי לאַנג וועגן דער שעדלעכקייט פון קעלט, איז מיט זיבן חדשים צוריק אָן מחזקות געוועזן גרייט אַריינצוגיין, ווי זי זאָגט, ניט נאָכטראַכטנדיק וועגן דער סכנה, אין קאַלטע וואַסער. צי זאָל האָבן דעמאָלט געשטיגן איר כעס־כוואַליע? האָט איר אפשר יעמאָלט געלוינט דער אָנפאַל? האָט זי אפשר געהאַט אַ קעגנ־פּאַרטנער, אַן ערך ווי דער איר אין ליבע איבערגעגעבענער מאַן, וועמען זי האָט געוואָלט דערמיט טרעפן, און זי איז אַריין אינם קאַלטן וואַסער, אַ שטייגער, ווי איינער, וואָס וויל באַגיין זעלבסט־מאָרד אויס נקמה, אויף צו באַשטראָפן אַן איבערגעגעבענע פּער־זאָן? צי כעסט זי נאָך אַלץ אויף זיך, ווייל זי איז אין כעס אויף אַן אַנדערן? צי פאַרטיפט זי זיך אין לעקטור וועגן מיגרען, צי גייט זי צו דאָקטוירים און נעמט זיך אָן מיט דער איבערצייגונג, אַז זי וועט קיינמאָל ניט קענען געזונט ווערן, כדי אָפּצורוקן דעם באַשייד פון אירע לעבנס־פּראָבלעמען, פאַר וועלכע זי שרעקט זיך מחמת איר קנאַפּן ציבור־געפיל?

דעם מאַן אירן שאַצט זי, אמת, איז אָבער ווייט פון ליבע, זי האָט אויך קיינמאָל מיט אַן אמת ניט געליבט. אויף דער פראַגע, וואָס איז איר צום צווייטן מאָל געשטעלט געוואָרן, וואָס

וואָלט זי געטאָן, ווען זי וואָלט אויף שטענדיק אויסגעהיילט געוואָרן, ענטפֿערט זי לסוף, אַז זי וואָלט אַריבערגעפֿאָרן פֿון דער פּראָווינץ אין דער גרויסער שטאָט, דאָרט געבן לעקציעס פֿון פֿידל=שפּילן און שפּילן אין אַן אָרקעסטער. דער, וואָס האָט דערגרייכט די אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגישע קונסט פֿון דערשפּירן, וועט ניט שווער אַרויסהערן, אַז דאָ איז דער טײַטש די צעשיידונג מיט איר מאַן, וועלכער איז געבונדן מיט דער פּראָווינץ=שטאָט. אַ באַשטעטיקונג זע אויבן: ווי גוט זי פֿילט זיך אינם הויז פֿון דער שוועגערין, דאָס גלײַכן די טענות קעגן מאַן. היות ווי דער מאַן פֿאַרערט זי זייער, גיט איר אויך די אומפֿאַרגלײַכלעך גוטע געלעגנהייט פֿרײַ צו לאָזן די לייצעס פֿון איר הערש=גיריקייט, איז נאַטירלעך זייער שווער פֿאַר איר צו שיידן זיך מיט אים. איך וואָלט געוואָרנט פֿון פֿאַרלײַכטערן איר דעם וועג פֿון צעשיידונג דורך אַן עצה און גוטע ווערטער. איך מוז ספּעציעל וואָרענען פֿון רעקאָמענדירן אין אַזאַ אָדער אין ענלעכע פֿאַלן זיך אײַנצושאַפֿן אַ ליבהאָבער. אַזעלכע פּאַציענטן ווייסן גוט, וואָס ליבע איז, זיי פֿאַרשטייען עס אָבער ניט און וואָלטן זיך בלויז פֿאַרשאַפֿט שווערע אַנטטוישונגען, די אחריות פֿאַר אַלץ וואָלטן זיי אָבער אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן דאָקטאָר, ווען זיי וואָלטן געפֿאָלגט זײַן עצה. די אויפֿגאַבע אין דעם פֿאַל באַשטייט אין דעם: צו מאַכן די דאָזיקע פֿרוי טויגעוודיקער פֿאַר איר פֿאַר=פֿאָלק=לעבן. אַ פֿריער מוזן אָבער אָפּגעראַמט ווערן די טעותים אין איר לעבן=סטיל.

די פֿעסטשטעלונג נאָך אַ גענויער באַטראַכטונג: די לינקע העלפֿט פֿון פּנים איז עטוואָס קלענער, ווי די רעכטע, דערפֿאַר איז די שפּיץ נאָז געווענדט עטוואָס אויף לינקס. דאָס לינקע איצט קראַנקע אויג האָט אַן ערגערן אויגנשפּאַלט ווי דאָס רעכטע. פֿאַר וואָס די פּאַציענטין ווײַזט דעם סימפּטאָם אַן אַנדערש מאָל אויך אויף דער רעכטער זײַט, בין איך לעת עתה ניט ביכולת צו דערקלערן. אפֿשר גרײַזט די פּאַציענטין אין דער דאָזיקער אַנווײַזונג.

אַ חלום: „איך בין געווען מיט אַ שוועגערין און מיט אַן עלטערער שוועסטער אין טעאַטער. איך האָב צו זיי געזאָגט, זיי זאָלן אַביסל אויפֿוואַרטן, וועל איך מיך באַווײַזן פֿאַר זיי אויף דער בינע". דערקלערונג: זי זוכט שטענדיק זיך אויסצוצייכענען פֿאַר אירע קרובים. זי וואָלט אויך געוואָלט שפּילן אין אַ טעאַטער=אָרקעסטער. זי מיינט, אַז זי ווערט ניט גענוג געשעצט דורך

אירע קרובים. דאָ באַקומט אויך אַ תיקון די פון מיר באַגרינדעטע לערע וועגן דער פּחיתותדיקייט פון אָרגאַנען און פּסיכישער קאָמפּענסאַציע, וואָס ליגט, ווי עס דאַרף איין מאָל פעסטגעשטעלט ווערן, אַלס יסוד אין קרעטשמערס און יענטשס אויפוויַזן. מען קען ניט סָפֿקן, אַז אין דעם זעאַפּאַראַט פון דער דאָזיקער פרוי איז עפּעס ניט אין אָרדענונג. דאָס אייגענע אויך ביַי איר ברודער, וואָס לייַדט אויף דער זעלבער קראַנקייט. צי דאָס איז מער ווי געפעס-אַנאָמאַליעס אָדער וועג-אַנאָמאַליעס, קען איך ניט אַנטשיידן. די ראיה איז, ווי ס׳איז מיר אָנגעגעבן, נאָרמאַל, דאָס זעלבע דער גרונט-אומזאַץ. דער שילד-דריז איז אויסערלעך ניט פאַרענדערט. דער חלום וועגן טעאַטער און וועגן וויַזן-זיך אויף דער בינע ריידן דיַטלעך וועגן אַ וויזועלן מענטשנטיפּ, וואָס איז איַנגעשטעלט אויף דעם אויסערלעכן אויסזען פון די דערשיַנונגען. איר פאַרפאַלק-לעבן, איר וויַנאַרט אויף דער פּראָווינץ שטערן איר זיך צו באַוויַזן. די זעלבע שטערונג וואָלט געבראַכט מיט זיך שוואַנגערשאַפט און אַ קינד.

די פולשטענדיקע אויסהיילונג איז צושטאַנדגעקומען במשך פון אַ חודש. פריער איז געקומען די דערקלערונג פון דעם עקזאַגענעם פאַקטאָר, וועלכער האָט געפירט צום לעצטן אַטאַק. זי האָט געהאַט געפונען אין דער קעשענע פון איר מאַן דעם בריוו פון אַ מיידל, אין וועלכן ס׳איז געווען בלויז אַ קורצער גרוס. איר מאַן איז ניט שווער געווען צו נישט מאַכן איר חשד. פונדעסטוועגן איז זי פאַרבליבן אין אַ חשדימדיקער שטימונג און האָט געשפּיַזט די ביז איצט קיין מאָל ניט געפילטע אייפערזוכט, זי האָט אויך זינט דעמאָלט געהיט איר מאַן. אין דעם פּעריאָד איז אויסגעפאַלן די קאַלטע באָד און דער אָנהויב פון איר אָנפאַל. איינער פון אירע לעצטע חלומות, וואָס ס׳האָט זיך איר געחלומט שוין נאָכן פעסטשטעלן איר אייפערזוכט און איר באַליידיקטע אַמביציע, וויַזט נאָך דאָס האַלטן זיך ביַי איר חשד און איז געווענדט אויף פאַרזיכטיקייט און אומצוטרוי לגבי איר מאַן. זי האָט געזען, ווי אַ קאַץ האָט געכאַפּט אַ פיש און איז מיט אים אַנטלאָפן. נאָך איר איז נאָכגעלאָפן אַ פרוי, וואָס האָט געוואָלט אַרויסקריגן ביַי דער קאַץ דעם פיש. די דערקלערונג באַקומט מען אָן אַ גרויסן וועזן. זי באַמיט זיך אין אַ מעטאַפאָרישער שפּראַך, אין וועלכער אַלץ קלינגט שטאַרקער, אָנצורייצן זיך צו אַן אַפּוואָר קענען אַן ענלעכן צורויבן פון איר איר מאַן. אַ שמועס וויַזט אַרויס, אַז זי

איז קיינמאָל ניט געווען אייפערזיכטיק, וואָרעם איר שטאָלץ האָט איר ניט דערלויבט אָט די מיאוסע מידה, אַז זינט אָבער זי האָט געפונען יענעם בריוו, האָט זי גענומען זיך רעכענען מיט דער מעגלעכקייט פון אַן אומגעטרײַקייט מצד איר מאַן. צוזאַמען דערמיט האָט זיך פאַרגרעסערט איר רציחה קעגן דער כלומרשטער אָפּהענגיקייט פון דער פרוי לגבי דעם מאַן. די קאַלטע באָד איז דערפאַר ווירקלעך געווען די נקמה פון איר לעבן=סטיל דערפאַר, וואָס איר אייגענער ווערט איז אָפּהענגיק פון איר מאַן, ווי זי האָט כלומרשט געהאַט פעסטגעשטעלט, — און פאַר דעם, וואָס ער שאַצט צו ווייניק אָפּ איר ווערט. וואָלט זי ניט געהאַט איר מיגרען=אָנפאַל — דעם פועל=יוצא פון איר שאָק — וואָלט זי בײַ זיך געמוזט אויסזען געפאַלן. דאָס וואָלט אָבער געווען דאָס שרעקלעכסטע פון אַלץ.

5

קערפּער־פאָרם, באַוועגונג און כאַראַקטער

דאָ דאַרפן די דרײַ אַרויסווײַז־פאָרמען: קערפּער־פאָרם, באַוועגונג און כאַראַקטער, ווי זיי ווײַזן זיך אַרויס בײַם מין מענטש, אַרומגערעדט ווערן לויט זייער ווערט און אין שייכות מיט זייער זין. אַ וויסנשאַפט־לעבע מענטשן־קענטעניש מוז נאַטירלעך מאַכן דערפאַרונגען פאַר איר יסוד. אָבער די זאַמלונג פון פאַקטן שאַפט נאָך ניט קיין וויסנשאַפט, זי איז גיכער דער ערשטער שטאַפּל פאַר דער וויסנשאַפט און דער געזאַמלטער מאַטעריאַל נייטיקט זיך אין אַ באַפרידיקנדיקער אויסס֫דרונג לויט אַ געמיינזאַמען פּרינציפּ. אַז די אין צאָרן אויפגעהויבענע פויסט, אַזוי ווי דאָס קריצן מיט די ציין, אַ צאָרנפול געשליַדערטער בליק, הויך אַרויסגעשריענע קללות וכדומה זײַנען באַוועגונגען, וואָס אַנטשפּרעכן אַן אָנגריף, איז שוין אַזוי שטאַרק אַרײַן אין דעם שכל הישר, אַז פאַר דעם מענטשלעכן פאָרשונגס־דראַנג צוצוקומען נעענטער צום אמת — וואָס דאָס איז דער תוך פון דער וויסנשאַפט — ווערט אין דעם גבול ניט געשטעלט קיין שום אויפגאַבע. ערשט ווען עס געראָט די דאָזיקע און אַנדערע מאַניפעסטאַציעס צו ברענגען אין אַ גרעסערן, ביז אַהער ניט אויפגע־דעקטן צוזאַמענהאַנג, אין וועלכן עס עפענען זיך נײַע אויסבליק־פּונקטן, עס שווימען אַרויס אָדער ווײַזן זיך פאַר געלייזט פריערדיקע פּראָבלעמען, — האָט מען דאָס רעכט צו ריידן וועגן וויסנשאַפט.

די פאָרם פון די מענטשלעכע אָרגאַנען, אַזוי ווי די אויסערלעכע פאָרם פונם מענטשן, שטייט אין אַן ערכדיקן הסכם מיט זײַן לעבנס־אופן און פאַרדאַנקט איר גרונד־סכעמע דעם צופּאַסונגס־פּראָצעס צו די דרויסנדיקע פאַרהעלטענישן, וואָס זײַנען אויף אַ לאַנגן צײַט־משך סטאַביל. דער גראַד פון צופּאַסונג וואַריִירט מיליאָנענפאַכיק און ווערט אין זײַן פאָרם אויפפאַלנדיק ערשט דעמאָלט, ווען עס ווערט אַריבערגעטראָטן אַ געוויסע, אויף וועלכן־ס׳איז אופן קענטיקע גרענעץ. אויף דעם דאָזיקן

יסוד פון מענטשלעכער פאָרם־אַנטוויקלונג זײַנען נאָך, אמת, משפּיע
אַ גרויסע צאָל אַנדערע פאַקטאָרן, פון וועלכע איך וויל אַרויסהייבן:

1. דעם אונטערגאַנג פון באַשטימטע וואַריאַנטן, פאַר וועלכע עס זײַנען צײַטווײַליק אָדער אויף שטענדיק ניטאָ קיין לעבנס־מעגלעכקייטן. דאָ קומט אין קאָן ניט בלויז דער געזעץ פון אָרגאַנישער צופּאַסונג, נײַערט אויך טעותדיקע פאָרמען פון די לעבנס־אופנים, וועלכע האָבן איבער דער מאָס באַלאָדן קלענערע אָדער גרעסערע גרופּן־עקזיסטענצן (מלחמה, שלעכטע אַנפירונג, דאָס פעלן פון סאָציאַלער צופּאַסונג). מיר וועלן דערפאַר חוץ די פאַרגליווערטע ירושהדיקייט־געזעצן, אָן ערך לויט דעם מענדעלשן כּלל, נעמען אויך אין אַכט אַ מושפּעדיקייט פון אָרגאַן־ און פאָרם־ווערטיקייט אין צופּאַסונגס־פּראָצעס. אַ באַציִונג פון דער פאָרם צו די אינדיווידועלע און אַלגעמיינע באַשווערונגען וועט זיך לאָזן אויס־ דריקן אַלס פונקציע־ווערט.

2. דער סעקסועלער אָפּקלײַב. אין פּועל־יוצא פון דער וואַקסנ־ דיקער קולטור און געשטיגענער קאָמוניקאַציע ווירקט ער, משמעות, אין דער ריכטונג פון אַ צוקלײַב לויט פאָרם, טיפּ און ווערט מער אָדער ווייניקער מושפּע דורך אַ ביאָלאָגישער, מעדיצינישער פאַרשטענדעניש, דאָס גלײַכן דורך דעם דערמיט פאַרבונדענעם עסטעטישן געפיל, וואָס איז, וואָס אַן אמת, אויסגעשטעלט אויף וואַנדלענישן און פאַרגרײַזונגען. שיינקייטס־אידעאַלן, ווי דער אַטלעט, דער הערמאַפראָדיט, צװואַקסנקייט, שלאַנקייט ווײַזן די וואַנדלעניש פון די דאָזיקע השפּעות, וועלכע ווערט געווים באַדײַטנדיק אָנגערעגט דורך דער קונסט.

3. די קאָרעלאַציע פון די אָרגאַנען. זיי שטייען איינער לגבי דעם אַנדערן, צוזאַמען מיט די דריזן פון אינערלעכער סעקרעציע (שילד־דריז, געשלעכטס־דריזן, בײַניר (Gehirnanhangsdrüse), ווי אין אַ געהיימען בונד און קענען זיך קעגנזײַטיק אונטערשטיצן אָדער שעדיקן. אויף אַזאַ אופן באַקומט זיך עס, אַז דערפאַר טאָקע קענען עקזיסטירן אַזעלכע פאָרמען, וואָס ביחידות וואָלטן זיי געוווּן פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג, אין זייער צוזאַמענהאַנג אָבער שטערן זיי ניט ממשותדיק דעם אַלגעמיינעם פונק־ ציע־ווערט פון דעם אינדיווידו. אין דער דאָזיקער טאָטאַליטעט־ווירקונג שפּילט די פּעריפערישע און צענטראַלע נערוון־סיסטעם אַ חשובע ראָלע: זי ווײַזט אַרויס אין פאַרבינדונג מיט דער וועגעטאַטיווער סיסטעם אַ גרויסע שטײַגערונגס־פעיִקייט אין אירע פונקציעס און איז ביכולת אויפצוהייבן אין דער אייגענער טרענירונג, קערפּערלעך און גײַסטיק, דעם אַלגעמיינעם פונקציע־ווערט פון דעם אינדיווידו. דעם דאָזיקן אומשטאַנד איז צו פאַר־ דאַנקען, אַז אַפילו אַ טיפּישע, פּשוט פעלערדיקע פאָרמען מוזן ניט דווקא

באַדראָען דעם קיום פון יחידים און דורות, ווײַל זיי באַקומען פון אַנדערע קראַפט־מקורים אַ קאָמפּענסאַציע אַזוי, אַז דער בילאַנס פון גאַנצן אינדיווידע קען זיך האַלטן אין גלײַכוואָג, אַן אַנדערש מאָל אַפילו איבער איר. אַן אָנפּגיוּתדיקע אויספאָרשונג וועט טאַקע ווײַזן, אַז צווישן די אויסגעצייכנטסטע, אויפטו־פעיִקסטע מענטשן געפינען זיך ניט דווקא שטענדיק די שענסטע. דאָס ברענגט אויך אַרויף אויפן געדאַנק, אַז אַן אינדיווידועלע ראַסן־ אָדער פעלקער־עאוגעניק וואָלט געקענט בלויז אין זייער אַ באַגרענעצטן פאַרנעם שאַפן ווערטן און וואָלט געווען באַלאָדן מיט אַזאַ גוזמא פון קאָמפּליצירטע פאַקטאָרן, אַז אַ פאַלשער אורטייל וואָלט געווען אַ סך וואַרשײַנלעכער איידער אַ גרונדפעסטיקער אויספיר. אַפילו אַ סטאַטיסטיק, וואָס וואָלט נאָך אַ סך מער געווען געגרונדפעסטיקט, וואָלט פאַר דעם איינצלפאַל בשום אופן ניט געקענט זײַן דעצידירנדיק.

דאָס מעסיק קורצזיכטיקע אויג מיט זיין לענגלעכן בוי איז צומיינסט אין אונדזער קולטור, וואָס איז אײַנגעשטעלט אויף נאָענטער אַרבעט, בלי ספק אַ מעלה, וואָרום עס איז כמעט אויסגעשלאָסן אַן אײַנמידונג פון אויג. געלינקטקייט, וואָס איז פאַרשפּרייט כמעט אין 40 פּראָצענט, איז געוויס אַ חסרון אין אַ רעכטהאַנטיקער קולטור. און דאָך טרעפן מיר צווישן די בעסטע צייכנער און מאָלער, צווישן די האַנט־טויגלעכסטע מענטשן אַן אויפפאַלנדיקע צאָל געלינקטע, וועלכע טוען־אויף מײַסטעריש מיט זייערע בעסער טרענירטע רעכטע הענט. די דיקע מענטשן, אַקוראַט ווי די דינע, זײַנען באַדראָט פון פאַרשיידענע, אָבער אין זייער שווערקייט כמעט גלייכע, געפאַרן, הגם פון שטאַנדפּונקט פון דער עסטעטיק און מעדיצין איז די וואָג־שאָל שטענדיק מכריע לטובת די שלאַנקע. געוויס ווײַזט זיך אַרויס אַ קורצע ברייטע מיטעלע האַנט, צוליב דער גינציקער הייבער־פונקציע, בעסער צוגעפּאַסט צו שווערער אַרבעט. אָבער די טעכנישע אַנטוויקלונג דורך דער פאַרפולקומונג פון מאַשינען מאַכט קערפּערלעכע שווערע אַרבעט אַלץ מער איבעריק. קערפּערלעכע שיינקייט, — הגם מיר קענען זיך ניט באַפרײַען פון איר רייץ, — ברענגט מיט זיך אַזוי אָפט מעלות ווי חסרונות. עס וואָלט געדאַרפט אַנדערע זיך וואַרפן אין די אויגן, אַז צווישן די ניט־חתונה־געהאַטע און פּערזאָנען, וואָס האָבן ניט קיין קינדער, געפינען זיך אויפפאַלנדיק אַ סך גוט־געבויטע מענטשן, בעת אָפט ווייניקער רייצנדיקע טיפּן נעמען צוליב אַנדערע מעלות אַן אָנטייל אין קיום המין. ווי אָפט טרעפט מען אויף אַ פּאָזיציע אַנדערע טיפּן, ווי מען וואָלט געקענט דערוואַרטן: קורץ־פיסיקע, פּלאַטש־פיסיקע באַרג־טוריסטן, הערקולעסיש געבויטע שנײַדערס, פּאַרזעענישן אַלס ליבלינגען פון פרויען, און ערשט אַ נעענטערער אַרײַנבליק אין די

פסיכישע קאָמפּליקאַציעס מאַכט דאָס מעגלעך צו פאַרשטיין. יעדערער קען גוט קינדערשע געשטאַלטן פון אַ זעלטענער צײַטיקייט און מענלעכע טיפּן מיט אינפאַנטילע געמיטער, פּחדנותדיקע ריזן און מוטיקע קאַרליקעס, העסלעכע פאַרקריפּלטע דזשענטל-לײַט און שיינע לײַדאַקעס, צאַרט געפּאַרמטע שווערע פאַרברעכער, און האַרט אויסזעענדיקע בחורים מיט ווייכע הערצער. אַז סיפּילים און שיכּרות שעדיקן דעם שפּראָצל פון דעם נאָכוווקס, גיבן אים איבער גענוג אָפט אַ קענטיקן אויסערלעכן שטעמפּל, איז אַ פעסטער פאַקט, אַזוי ווי דאָס, אַז דער דאָזיקער נאָכוווקס גייט לײַכטער אונטער. אָבער אויסנאַמען זיינען ניט זעלטן און אָקערשט אין די לעצטע טעג האָט אונדז בערנאַרד שאָו, וועלכער איז נאָך אַזוי פריש אויף דער עלטער, באַקאַנט געמאַכט מיט זיין שיכּרותדיקן פאָטער. — אַנטקעגן דעם טראַנסצענדענטן פּרינציפּ פון אָפּקלייב שטייט די טונקעלע, ווייל צו קאָמפּליצירטע, געוועלטיקונג פון די צופּאַסונגס-געזעצן. אַזוי ווי דער דיכטער האָט שוין געקלאָגט: „און פּאַטראָקלעס ליגט באַגראָבן און טערסיטעס קומט צוריק". נאָך די פאַרטיליקנדיקע שווידישע מלחמות האָבן אויסגעפּעלט מענער. אַ געזעץ האָט געצוווּנגען אַלע איבערגעבליבענע מענער, קראַנקע און קריפּלס חתונה צו האָבן. אָבער אויב מען קען פאַרגלײַכן לויט פעלקער, געהערן היינט די שווידן צו דעם בעסטן טיפּ. אין דעם אַלטן גריכנלאַנד האָט מען שלעכט-געבויטע קינדער אַרויסגעשטויסן. אין דער עדיפּ-לעגענדע זעט מען די קללה פון דער פאַרגוואַלדיקטער נאַטור, אפשר בעסער געזאָגט: פון דער פאַרגוואַלדיקטער לאָגיק פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן.

אפשר טראָגט יעדערער פון אונדז אין זיך אַן אידעאַלן בילד פון דער מענטשלעכער פאָרם און מעסט לויט אים דעם צווייטן. מיר קענען קיינמאָל ניט אויסמײַדן די נויטווענדיקייט פון דערשפּירן אין לעבן. גײַסטער פון אַ העכערן פלי רופן דאָס אינטויִציע. פאַר דעם פסיכיאַטער און פאַר דעם פסיכאָלאָג שטעלט זיך די פראַגע: לויט וועלכע אינעווייניקסטע נאָרמעס שאַצן מיר אָפּ די מענטשלעכע פאָרם. דאָ דעצידירן, זעט אויס, דערפאַרונגען פון לעבן, אָפט פון אַ ניט באַדײַטנדיקן פאַרנעם, און סטערעאָטיפּישע בילדער, צו-מיינסט פאַרפיקסירטע אין דער קינדהייט. לאַפאַטער און אַנדערע האָבן דערפון געמאַכט אַ סיסטעם. אַנטשפּרעכנדיק צו דער אומגעהײַערער גלײַכאַרטיקייט פון אַזעלכע אײַנדרוקן, לויט וועלכע מיר שטעלן זיך פאָר גיריקע, לײַטזעליקע, בײַסיקע און פאַרברעכערישע מענטשן, דאַרף מען, ניט געקוקט אויף אַלע באַרעכטיקטע ספקות, ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די השערה, אַז אונדזער פאַרבאָרגן אָפּוועגנדיקער

פארשטאנד פרעגט די פארם וועגן איר אינהאלט און זין. זאָל עס זיין, אז דער גייסט שאפט פאר זיך דעם קערפער?

פון די אויפטוען אויף דעם פעלד וואָלט איך געוואָלט ארויסהייבן צוויי, ווייל זיי זיינען ביכולת צו ווארפן א געוויסן שיין אויף דער טונקלקייט פון דעם פּראָבלעם פאָרם און זין. מיר דארפן ניט פארגעסן אַן קאַרוסעס בײַשטייער, פאַר וועמענס ווידעראויפלעבונג קלאָגעס האָט זייער פיל פארדינסט. פון נייערע פארשער דארף מען אויך ניט דורכלאָזן יענשן און באוערן. אָבער ספּעציעל וואָלט איך געוואָלט אפירברענגען די אויסגעצייכנטע ארבעט קרעטשמערס בנוגע „קערפּער־בוי און כאראקטער" („Körperbau und Charakter")‚ דאָס גלייכן מײַן „Studie über Minderwertigkeit von Organen„. די לעצטע איז א סך עלטער. איך האָב געקלערט צו האָבן געפונען די שפּורן פון דער בריק, וועלכע שאפט פון אַן איינגעבאָרענער קערפּערלעכער פּחיתותדיקייט — מינערווערטיקייט, — פון א פאָרמעלן מינוס־וואריאַנט — די סיבה פאר א ספּעציעלער שפּאַנונג אין דעם פּסיכישן אַפּאַראַט דורך דער בילדונג פון א שטאַרקערן פּחיתות־געפיל. די פאָדערונגען פון דער דרויסנוועלט ווערן דורך דעם אויפגענומען אַלס צו פיל פיינדלעך און די זאָרג וועגן אייגענעם איך הייבט זיך ביי א פעלן פון א ריכטיקער טרענירונג אויף א בולט עגאָצענטרישן אופן. דערפון קומט עס צו פּסיכישער איבער־שפּירעוודיקייט, צו פעלן פון מוט און פון דעצידירונגס־פעיִקייט און צו אַן אומסאָציאַלער סכעמע פון אַפּערצעפּציע. די פּערספּעקטיוו צו דער דרויסנדיקער וועלט שטייט אין וועג דער צופּאַסונג און פירט צו שטרויכלונגען. דאָ עפנט זיך אַן אויסבליק־פּונקט, פון וועלכן מען וואָלט געקענט, מיט דער גרעסטער פּאָזיטיוויטעט, ביי א כּסדרדיקן אויסקוקן אויף באָשטעטיקונגען אָדער סתירות, משפּטן אויס דער פאָרם אויף דעם וועזן, אויף דעם זין. צי דערפּאַרענע פיזיאָגנאָמיקער אויף יענער זייט פון דער וויסנשאפט זיינען אינסטינקטיוו געגאַנגען אויף דעם וועג, לאָז איך ווי א פראגע. פון דער צווייטער זייט האָב איך געקענט אָפט באַ־שטעטיקן, אז די פּסיכישע טרענירונג, וואָס קומט ארויס פון אָט דער גרעסערער שפּאַנונג, קען פירן צו גרעסערע אויפטוען. איך גלויב, אז איך האָב ניט קיין טעות, אויב איך מאַך דעם אויספיר פון אייניקע דערפאַרונגען, אז די ענדאָקרינע דריזן, ווי, למשל, די געשלעכטס־דריזן, קענען דורך א צוגעפּאַסטער טרענירונג אין דער פּסיכיק געשטיצט ווערן אין זייער האַלטונג, און פאַרקערט—קאָנען זיי ווערן דורך א ניט צוגעפּאַסטן טרענינג געשעדיקט. עס איז אפשר ניט קיין צופאַל, וואָס איך האָב אַזוי אָפט געפונען ביי אינפאַנטילע מיידלאַרטיקע יינגלעך, אַזוי ווי ביי

יינגלאַרטיקע מיידלעך אַ טרענירונג אין פאַרקערטן זין, וואָס איז פאַרוועבט געוואָרן דורך די עלטערן.

קרעטשמער האָט דורך דער אַנטקעגנשטעלונג פון דעם פיקנישן און סכיזאָישן טיפּ מיט זייערע אויסערלעכע פאָרם=פאַרשיידנקייטן און זייערע ספּעציפישע פּסיכישע פּראָצעסן געגעבן אַ באַשרײַבונג, וואָס האָט אַ גורלדיקע גילטיקייט. די בריק צווישן פאָרם און זין איז געווען מחוץ פון זײַן פאָראינטערעסירונג. זײַן גלענצנדיקע באַשרײַבונג פון דעם דאָזיקן פּאַקטישן מצב וועט געווים אַמאָל זײַן איינער פון די אויסגאַנגס=פּונקטן, וואָס וועלן מיטהעלפן צו דער באַלויכטונג פון אונדזער פּראָבלעם.

אויף אַ פיל זיכערערן באָדן געפינט זיך דער פאָרשער, ווען ער שטרעבט צו געפינען דעם זין פון דער באַוועגונג. אויך דאָ בלײַבט איבער אַ סך פאַר דעם דערשפּירן און באַשטעטיקונגען, צי מען האָט טאַקע ריכטיק דערשפּירט, וועט מען יעדעס מאָל מוזן נעמען פון דעם גאַנצן צוזאַמענהאַנג. דערמיט זאָגן מיר צוגלײַך, ווי די אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע באַטאָנט עס שטענדיק, אַז יעדע באַוועגונג האָט איר מקור אין דער פּערזענלעכקייט ווי אַ גאַנצקייט און טראָגט אין זיך איר לעבן=סטיל, אַז יעדער אויסדרוקס=אופן שטאַמט פון דער איינהייט פון דער פּערזענלעכקייט, אין וועלכער עס איז ניטאָ קיין סתירות צו זיך, קיין אַמביוואַלענץ, קיין צוויי נשמות. אַז עמיצער זאָל קענען זײַן אין אומבאַוווסטזײַן אַן אַנדערער, ווי אין באַוווסטזײַן — איבעריקס אַ קינסטלעכע טיילונג, וואָס שטאַמט בלויז פון דעם אַנאַליזיר=פאַנאַטיזם — וועט לייקענען יעדערער, וואָס האָט דערקענט די פײַנקייטן און די ניואַנסן פון דעם באַוווסטזײַן. ווי אַזוי איינער באַוועגט זיך, אַזוי איז דער זין פון זײַן לעבן.

די אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע האָט געפּרווט וויסנשאַפטלעך אויסבויען די לערע וועגן זין פון די אויסדרוקס=באַוועגונגען. צווייערליי פּראָצעסן אין זיי מאַכן דורך זייערע טויזנטפאַכיקע וואַריאַציעס מעגלעך אַן אויסטײַטשונג. איינער פון זיי פאָרמירט זיך זינט דער פריסטער קינדהייט און ווײַזט דעם דראַנג צו דערגיין פון אַ סיטואַציע פון ניט באַפרידיקטקייט צו איר איבערווינדונג, צו געפינען אַ וועג, וואָס פירט פון אַ פחיתות=געפיל צו יתרון, צו דער אויפלייזונג פון דער שפּאַנונג. דער דאָזיקער וועג בירגערט זיך אײַן אין זיין אייגנאַרט און וואַריאַנט שוין אין דער קינדהייט און ווײַזט זיך אַרויס אין דעם גאַנצן לעבן אַלס באַוועגונגס=פאָרם אין אַ שטענדיק גלײַכער אַרט. זײַן אינדיווידועלער ניואַנס איז מחייב דעם אָבסערווירער צו קינסטלערישער פאַרשטענדעניש.

דער צווייטער פאַקטאָר עפנט פאַר אונדז דעם אַרײַנבליק אין דעם ציבור=

אינטערעס פון דעם האַנדלענדיקן אין דעם גראַד אָדער אין דעם פעלן פון זיין גרייטשאַפט צו מיטמענטשלעכקייט. אונדזער אורטייל וועגן דעם בליק, וועגן דעם צוהערן־זיך, ריידן, האַנדלען און טאָן, אונדזער אָפּשאַצונג און דיפערענצירן אַלע אויסדרוקס־באַוועגונגען צילט צו דעם ווערט פון זייער באַשטייערנדיקן אויפטו. אויסגעפורעמט אין אַן אימאַנענטער ספערע פון אַ קעגנזייטיקן אינטערעס, באַווייזן זיי ביי יעדער פרווונג דעם גראַד פון זייער צוגרייטונג צו אַ ביישטייערנדיקן אויפטו. די ערשטע באַוועגונגס־ליניע וועט שטענדיק זיך באַווייזן, אמת, אין טויזנטפאַכיקע פאָרמען און קען ניט פאַרשווינדן ביזן טויט. דער דראַנג צום גובר זיין קירעוועט יערע באַוועגונג אין דעם ניט אויפהערנדיקן בייט פון דער צייט. דער פאַקטאָר פון דעם ציבור־געפיל גיט טאָן און פאַרב דער דאָזיקער פאַראויסשטרעבנדיקער באַוועגונג.

ווילן מיר איצט ביים נאָכזוכן די טיפסטע איינהייטן מאַכן מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט אַ טריט ווייטער, קומען מיר צו אַ פּערספּעקטיוו, וואָס לאָזט אונדז פאָרפילן, ווי אַזוי פון באַוועגונג ווערט פאָרם. די פלאַסטישקייט פון דער לעבעדיקער פאָרם האָט זיכער אירע גרענעצן, אָבער אין זייער גבול ווירקט זיך באַוועגונג אויס אינדיווידועל, אין דורות, אין פעלקער, אין ראַסן, בלייבנדיק די זעלבע אין שטראָם פון צייט. באַוועגונג ווערט פאָרמירטע באַוועגונג: פאָרם.

אַזוי איז מעגלעך מענטשנקענטעניש דורך פאָרם, אויב אין איר דערקענען מיר די פאָרמירנדיקע באַוועגונג.

6

דער פּחיתות־קאָמפּלעקס

איך האָב מיט א לאַנגער צייט צוריק אונטערגעשטראָכן, אַז זײַן מענטש הייסט זיך פילן פּחיתותדיק. ניט יעדערער קען זיך אפשר דערמאָנען אָן דעם. עס קען אויך זײַן, אַז אַנדערע פילן זיך פון דעם אויסדרוק אָפּגעשטויסן און וועלן ליבערשט אויסקלײַבן אַן אַנדער נאָמען. איך האָב ניט קעגן דעם, נאָך וויניקער, בעת איך זע, אַז פאַרשײדענע מחברים האָבן עס שוין געטאָן. אייבער־חכמים האָבן קאַלקולירט, כּדי צו מאַכן מיך אומגערעכט, אַז כּדי צו קענען קומען צו א געפיל פון מינערווערטיקייט, וואָלט דאָס קינד פריִער געמוזט דערפילן א פול־ווערטיקייט. דאָס געפיל פון אומבאַפרידיקטקייט איז א פּאָזיטיווער ליידן און געדויערט לכל־הפּחות אַזוי לאַנג, כּל־זמן אָן אויפגאַבע, א באַדער־פעניש, א שפּאַנונג ווערט ניט באַשיידט. דאָס איז, משמעות, א געפיל, געגעבן און מעגלעך געמאַכט פון דער נאַטור, וואָס לאָזט זיך פאַרגלײַכן מיט א ווייטאָגדיקער שפּאַנונג, וואָס פאָדערט אָן אויפלייזונג. דער דאָזיקער באַשייד מוז ניט דווקא זײַן תּענוג־פול, ווי עס נעמט אָן, אַשטייגער, פרויד; ער קען אָבער באַגלייט זײַן פון תּענוג־געפילן, וואָס עס וואָלט געווען בהסכּם מיט ניצשעס באַנעם. בײַ געוויסע אומשטענדן קען די אויפלייזונג פון דער דאָזיקער שפּאַנונג זײַן פאַרבונדן אויך מיט א דויערנ־דיקן אָדער אַריבערגייענדיקן ליידן, מיט ווייטאָג, אַשטייגער, ווי די צע־שיידונג מיט אַן אומגעטרײַען פרײַנד אָדער א ווייטאָגדיקע אָפּעראַציע. נאָר דורך פּילפּוליסטיק קען אָפּגעשאַצט ווערן אַלס תּענוג דער „סוף מיט שרעק", איידער שרעק אָן א סוף.

אַקוראַט ווי דאָס זויגקינד גיט אויס אין זײַנע באַוועגונגען דעם געפיל פון אומבאַפרידיקטקייט, דאָס כּסדרדיקע שטרעבן צו פאַרפולקומונג און צו דעם באַשייד פון די לעבנס־פאָדערונגען, אַזוי דאַרף מען באַ־טראַכטן די געשיכטלעכע באַוועגונג פון דער מענטשהייט ווי די געשיכטע

פון דעם פּחיתות־געפיל און פון די פּרוּוון צו באַשיידן אים. געלאָזט איין מאָל אין באַוועגונג, האָט זיך די לעבעדיקע מאַטעריע שטענדיק גע־פּלייסט איבערצוגיין פון מינוס־סיטואַציע אין פּלוס־סיטואַציע. די דאָ־זיקע באַוועגונג, וועלכע כ׳האָב שוין אין יאָר 1907 געשילדערט אין דער פריִער ציטירטער „Studie über Minderwertigkeit der Organe“ איז דאָס, וואָס מיר זײַנען תּופס אונטער דעם באַגריף עוואָלוציע. אָט די באַוועגונג, וועלכע טאָר לחלוטין ניט באַטראַכט ווערן פאַר אַזאַ, וואָס פירט צום טויט, איז גיכער געווענדט אויף דער באַהערשונג פון דער דרויסנוועלט, באין־אופן ניט צו אַן אויסגלײַך, צו אַ רו־צושטאַנד. אויב פרויד זאָגט, אַז דער טויט ציט צו די מענטשן, אַזוי אַז אין חלום אָדער אויך אַנדערשוווּ בענקען זיי צו אים, איז עס אפילו אין זײַן באַנעם אַ צו גע־אײַלטע אַנטיציפּאַציע. אַנטקעגן דעם קען קיין ספק ניט זײַן, אַז עס זיינען דאָ מענטשן, וועלכע ווילן ליבערשט דעם טויט איידער דעם גע־ראַנגל מיט די דרויסנדיקע אומשטענדן. וואָרום כּחמת זייער אַמבי־ציעזקייט שרעקן זיי זיך צו שטאַרק פאַר אַ מפּלה. דאָס זײַנען די מענטשן, וועלכע בענקען כּסדר צו פאַרצערטלונג, צו פערזענלעכע פאַר־לײַכטערונגען, וועלכע זאָלן באַזאָרגט ווערן דורך אַנדערע.

עס לאָזט זיך באַווײַזן, אַז דער מענטשלעכער קערפּער איז געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון זיכערונג. מעלטצער האָט אין „The Harvard Lectures“ אין יאָר 1906 און 1907, בכן אַן ערך אין דער זעלבער צײַט, ווי איך האָב עס געטאָן אין דער אויבן ציטירטער סטודיע, נאָר גרינד־לעכער און פולדיקער, אָנגעוויזן אויף דעם דאָזיקן פּרינציפּ פון זיכערונג. איין אָרגאַן שטעלט זיך אײַן פאַר אַ צווייטן אַ באַשעדיקטן, אַ באַשע־דיקטער אָרגאַן שאַפט פון זיך גופא אַרויס אַ דערגאַנצנדיקע קראַפט. אַלע אָרגאַנען קענען מער אויפטאָן, איידער זיי וואָלטן געמוזט אויפטאָן בײַ אַ נאָרמאַלער אָנשטרענגונג, איין אָרגאַן באַפרידיקט אָפט עטלעכע פאַרשיידענע לעבנס־וויכטיקע פונקציעס אאַז״וו. דאָס לעבן, וואָס פאַר אים איז געגעבן דאָס געזעץ פון אַליינדערהאַלטונג, האָט אויס זײַן ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג אויך געוווּנען דערצו די קראַפט און די פעיִקייט. דאָס אָפּשפּאַלטן זיך אין קינדער און אין ווײַטערע דורות איז נאָר אַ טייל פון דער דאָזיקער לעבנס־זיכערונג.

אָבער אויך די כּסדר שטײַגנדיקע קולטור, וואָס רינגלט אונדז אַרום, ווײַזט אַן אויף דער דאָזיקער זיכערונגס־טענדענץ און אַנטפּלעקט דעם מענטשן אין אַ כּסדרדיקן געמיט פון פּחיתות־געפיל, וואָס שפּאָרנט כּסדר אַן אונדזער טעטיקייט, כּדי צו דערגרייכן צו אַ גרעסערער זיכער־קייט. תּענוג אָדער אומתּענוג, וועלכע באַגלייטן דאָס דאָזיקע שטרעבן,

זיינען בלויז העלפערס און פּרעמיעס אויף דעם דאָזיקן וועג. אַ צופּאַסונג צו דער געגעבענער רעאַליטעט וואָלט אָבער געווען ניט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס אויסנוצן די שטרעבנדיקע אויפטוען פון אַנדערע, ווי ס'פאַרלאַנגט דאָס וועלט-בילד פון דעם פאַרצערטלטן קינד. דאָס כּסדרדיקע שטרעבן צו זיכערקייט שטויסט גובר-צו-זיין די איצטיקע רעאַליטעט לטובת אַ בעסערער. אָן דעם דאָזיקן שטראָם פון דער פאַראויס שטויסנדיקער קולטור וואָלט דאָס מענטשלעכע לעבן געווען ניט מעגלעך. דער מענטש וואָלט געמוזט אונטערגעבן זיך דעם אָנפאַלייץ פון די נאַטור-כּוחות, אויב ער וואָלט זיי ניט פאַרווענדט זיך לטובה. עס פעלט אים דאָס אַלץ, וואָס עס וואָלט געקענט מאַכן שטאַרקערע לעבנס-וועזנס פאַר זיגער איבער אים. די השפּעות פון דעם קלימאַט צווינגען אים צו שיצן זיך פון קעלט מיט שטאָפן, וואָס ער נעמט ביי בעסער געשיצטע חיות. זיין אָרגאַניזם פאָדערט אַ קינסטלעכע וווינונג, קינסטלעכע צוגרייטונג פון שפּייז. זיין לעבן איז געזיכערט נאָר ביי אַן אַרבעטס-טיילונג, ביי אַ גענוגנדיקער פאַרמערונג. זיינע אָרגאַנען און זיין גייסט אַרבעטן כּסדר אויף איבערווינדונג, אויף זיכערונג. דערצו קומט צו זיין גרעסערע קענטשאַפט פון די סכּנות פון לעבן, זיין וויסן וועגן טויט. ווער קען אויף אַן אמת סָפֵקן אין דעם, אַז דעם פון נאַטור אַזוי שטיפמוטעריש באַהאַנדלטן מענטשלעכן אינדיוויד איז אַלס ברכה מיטגעגעבן געוואָרן אַ שטאַרקער פּחיתות-געפיל, וואָס שטויסט אים צו אַ פּלוס-סיטואַציע, צו זיכערונג, צו גובר-זיין? און דער דאָזיקער אומגעהייערער בהכרחדיקער בונט קעגן אַ טיף-הויערנדיקן פּחיתות-געפיל אַלס יסוד פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט דערוועקט זיך אויפסניי און חזרט זיך איבער אין יעדן עופּהלע און אין יעדן קליינקינד.

דאָס קינד, אויב ס'איז ניט צו שטאַרק געשעדיקט, ווי אַשטייגער דאָס אידיאָטישע קינד, שטייט שוין אונטער דעם הכרח פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג אין דער הייך, וואָס טרייבט זיין קערפּער און זיין נשמה צום וואַקסן. אויך אים איז אָנגעצייכנט פון דער נאַטור די שטרעבונג צו איבערווינדונג. זיין קליינקייט, זיין שוואַכקייט, דאָס פעלן פון אַליין-געשאַפענע באַפרידיקונגען, די קלענערע און גרעסערע פאַרנאַכלעסיקונגען זיינען אינדיווידועלע סטימולן פאַר זיין קראַפט-אַנטוויקלונג. אויס דעם דרוק פון זיין קאַרגער עקזיסטענץ שאַפן זיך נייע, אפשר קיינמאָל ניט געוועזענע לעבנס-פאָרמען. זיינע שפּילן, וואָס זיינען שטענדיק געווענדט אויף אַ ציל אין דער צוקונפט, זיינען צייכנס פון זיין זעלבסטשעפערישער קראַפט, וועלכע מען קען בשום אופן ניט דערקלערן מיט באַדינגטע רעפלעקסן. געטריבן פון דעם הכרח פון דער איבערווינדונגס-נויטווענ-

דיקייט, בויט עס שטענדיק אַרײַן אין חלל פון דער צוקונפט. אײַנגעצאַמט אין וועג פון דעם הכּרח פון לעבן ציט אים זײַן כּסדר וואַקסנדיקע בענקשאַפט צום ענדציל פון יתרון איבער דעם ערדישן ישוב, וואָס איז פאַר אים אָנגעוויזן, מיט אַלע זיינע ניט־אויסצומײַדנדיקע פאָדערונגען. און דער דאָזיקער ציל, וועלכער ציט אים אין דער הייך, באַקומט פאָרם און טאָן אין דער קליינער סביבה, אין וועלכער דאָס קינד שטרעבט צו איבערווינדונג.

איך קען דאָ אָפּגעבן בלויז אַ קליינעם אָרט פאַר אַ טעאָרעטישער באַטראַכטונג, וועלכע כ׳האָב אַלס יסודותדיק פּובליקירט אין יאָר 1912 אין מײַן בוך „Über den nervösen Charakter“ *. אויב ס׳איז דאָ אַזאַ ציל פון איבערווינדונג, ווי עס איז דורך דער עוואָלוציע פעסטגעשטעלט, דעמאָלט ווערט פאַר דעם דאָזיקן ציל דער דערגרייכטער גראַד פון אינעם קינד קאָנקרעטיזירטער עוואָלוציע דער בוי־מאַטעריאַל פאַר זײַן ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג. מיט אַנדערע ווערטער: זײַן ירושהדיקייט אויסגעדריקט אין מעגלעכקייטן קערפּערלעך אָדער גײַסטיק גייט נאָר אַזוי ווייט, אויף וויפיל זי קען ווערן און ווערט פאַרווענדט פאַר דעם ענדציל. דאָס, וואָס מען געפינט שפּעטער אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אינדיווויד, איז אַרויסגעקומען פון דעם באַנוץ פון דעם ירושהדיקן מאַטעריאַל און פאַרדאַנקט זײַן פאַרענדיקטקייט דער שעפערישער קראַפט פון דעם קינד. אויף די פאַרפירערישקייטן פון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל האָב איך אַליין צום שאַרפסטן אָנגעוויזן. איך מוז אָבער אָפּלייקענען אַ קאָזאַלע באַדײַטונג פון דעם מאַטעריאַל, ווײַל די פילגעשטאַלטיקע און כּסדר זיך־ענדערנדיקע דרויסן־וועלט פאָדערט אַ שעפערישע עלאַסטישע פאַרווענדונג פון אים. די ריכטונג צו איבערווינדונג ווערט כּסדר אויפגעהאַלטן, הגם דער ציל פון דער איבערווינדונג, ווי נאָר ער האָט אָנגענומען אין שטראָם פון דער וועלט אַ קאָנקרעטע געשטאַלט, צייכנט אָן פאַר יעדן אינדיווויד אַן אַנדער ריכטונג.

פּחיתותדיקע אָרגאַנען, פאַרצערטלטקייט אָדער פאַרנאַכלעסיקונג פאַרפירן די קינדער אָפט דערצו, אַז זיי זאָלן אויפשטעלן קאָנקרעטע צילן פון איבערווינדונג, וועלכע שטייען אין סתירה סײַ מיט דעם ווויל פון דעם יחיד, סײַ מיט דער העכערער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. עס זײַנען אָבער דאָ גענוג אַנדערע פאַלן און אויסגאַנגען, וואָס באַרעכטיקן אונדז צו ריידן ניט וועגן קאַוזאַליטעט, נײַערט וועגן סטאַטיסטישער וואַרשײַנלעכקייט, וועגן אַ נטיה, וואָס איז אויפגעקומען פון אַ טעות. דערבײַ דאַרף מען זיך נאָך פאַרטראַכטן, אַז יעדע שלעכטיקייט זעט

* 4 אויפלאַגע, בערגמאַן, מינכען.

אוים אנדערש, אז יעדער אָנהענגער פון אַ באַשטימטער וועלט־אַנשויונג ווײַזט אַרויס אין דעם אַן אַנדער פּערספּעקטיוו, אַז יעדער ליטעראַרישער שונדמאַכער האָט זײַנע אייגנטימלעכקייטן, אַז יעדער נעוראָטיקער אונטערשיידט זיך פון אַ צווייטן, דאָס אייגענע אויך יעדער פאַרברעכער — פון דעם צווייטן. און דווקא אין דער דאָזיקער אַנדערשאַרטיקייט פון יעדן אינדיווידי ווײַזט זיך אַרויס די אַליינשאַפונג פון דעם קינד, זײַן באַנוצן און אויסנוצן די אײַנגעבאָרענע מעגלעכקייטן און פעיִקייטן.

דאָס אייגענע גילט אויך פאַר די סביבה־פאַקטאָרן און פאַר די דערצײִערישע מאָס־מיטלען. דאָס קינד נעמט זיי אויף און פאַרווענדט זיי צו דער קאָנקרעטיזירונג פון זײַן לעבן־סטיל, שאַפט זיך אַ ציל, פון וועלכן עס הענגט כּסדר אָפּ, בהסכּם מיט וועלכן עס אַפּערציפּירט, דענקט, פילט און האַנדלט. האָט מען איין מאָל געמומען אין באַטראַכט די באַוועגונג פון דעם אינדיווידי, דעמאָלט קען קיין מאַכט אין דער וועלט ניט אָפּהאַלטן אונדז פון אָנערקענען אַ ציל, צו וועלכן די באַוועגונג שטראָמט. אָן אַ ציל איז ניטאָ קיין באַוועגונג. דער דאָזיקער ציל קען קיינמאָל ניט דערגרייכט ווערן. די סיבה ליגט אין דעם פּרימיטיוון פאַרשטיין פונם מענטשן, אַז ער קען קיינמאָל ניט זײַן דער האַר פון דער וועלט, אַזוי אַז ער מוז דעם דאָזיקן געדאַנק, אויב ער שווימט אַמאָל אַרויף, איבערטראָגן אין דער ספערע פון וווּנדער אָדער פון דער געטלעכער אַלמעכטיקייט. *

דער פּחיתות־געפיל באַהערשט דאָס נשמה־לעבן און לאָזט זיך לײַכט פאַרשטיין אוים דעם געפיל פון דער ניט־פאַרענדיקטקייט, פון ניט־שלימותדיקייט און אוים דעם ניט אויפהערנדיקן שטרעבן פון דעם מענטשן און פון דער מענטשהייט.

יעדע איינע פון די טויזנט אויפגאַבן פון דעם טאָג, פון לעבן שטעלט אַוועק דעם יחיד אין גרייטשאַפט צום אָנגריף. יעדע באַוועגונג שפּרײַזט פון ניט־פאַרענדיקטקייט צו פאַרענדיקטקייט. איך האָב אין יאָר 1909 אין Aggressionstrieb im Leben und in der Neurose (זע: Heilen und Bilden, 3 Auflage, Bergmann, München) געפּרוּווט דעם דאָזיקן פאַקט נעענטער צו באַלויכטן און בין געקומען צום אויספיר, אַז דער אופן פון דער דאָזיקער אָנגריף־גרייטשאַפט, וואָס איז אויפגעקומען אינם צוואַנג פון דער עוואָלוציע, וואַקסט אַרויס פון דעם לעבן־סטיל, איז אַ טייל פון דעם גאַנצן. עס פעלט יעדער גרונד צו באַטראַכטן זי אַלס ראַדיקאַל שלעכטס און אַרויסצופירן זי פון אַן אײַנגעבאָרענעם סאַ־

---

* זע Jahn u. Adler, Religion und Individualpsychologie, Verlag Dr. Passer, Wien.

דיסטישן יצר. אויב מען מאַכט שוין יאָ דעם טרייסטלאָזן פּרווו אויסצובויען אַ נשמה־לעבן אויף יצרים אָן אַ ריכטונג און אָן אַ ציל, וואָלט מען געדאַרפט לכל הפּחות ניט פאַרגעסן אָן דעם צוואַנג פון דער עוואָלוציע און אויך ניט פאַרגעסן אָן דער עוואָלוציאָנער געגעבענער נטיה אין מענטשן צום ציבור. עס איז ניט קיין חידוש, אַז קריטיקלאָזע מענטשן פון אַלע שיכטן האַלטן דעם דאָזיקן אומפאַרשטאַנענעם באַנעם פון נשמה־לעבן, וואָס באַזירט זיך אויף פאַרצערטלטע און דערפאַר אַנטטוישטע, קיינמאָל ניט צופרידענע פּערזאָנען, פאַר אַ יסודותדיקער לערע פון דעם נשמה־לעבן. די סיבה דערפון איז די גוואַלדיק גרויסע צאָל פון פאַרצערטלטע און אַנטטוישטע.

די אײַנאָרדענונג פון קינד אין זײַן ערשטן סביבה־קרײַז מיטן באַנוץ פון זײַנע פעיִקייטן איז מחמת דעם זײַן ערשטער שעפערישער אַקט, צו וועלכן עס ווערט געשטויסן דורך זײַן פּחיתות־געפיל. די דאָזיקע אײַנאָרדענונג, אין יעדן פאַל פאַרשיידן, איז באַוועגונג, וועלכע ווערט לסוף אויפגענומען דורך אונדז ווי פאָרם, ווי פאַרגליווערטע באַוועגונג, איז לעבנס־פאָרם, וואָס ווײַזט אויס צוצוזאָגן אַ ציל פון זיכערקייט און גובר־זײַן. די גרענעצן, אין וועלכע די דאָזיקע אַנטוויקלונג שפּילט זיך אָפּ, זײַנען די אַלגעמיין מענטשלעכע, געגעבענע דורך דעם מצב פון דער אַלגעמיינער און אינדיווידועלער עוואָלוציע. אָבער ניט יעדע לעבנס־פאָרם נוצט ריכטיק אויס דעם דאָזיקן מצב און דאַן שטעלט זי זיך אין סתירה מיט דעם זין פון דער עוואָלוציע. אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָב איך געוויזן, אַז די פולע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן קערפּער און גײַסט איז צום בעסטן געזיכערט דאַן, ווען דער אינדיווידו פּאַסט זיך אַרײַן אַלס שטרעבנדיקער און ווירקנדיקער אין די ראַמען פון דעם אידעאַלן ציבור, צו וועלכן מען דאַרף שטרעבן. צווישן די, וואָס אָנערקענען ביודעים אָדער בלא יודעים דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, און די, וואָס רעכענען זיך ניט מיט אים, עפנט זיך אַ תהום ניט אַריבערצובריקן. די סתירה, אין וועלכער זיי שטייען, פילט אויס די מענטשנוועלט מיט קלײנלעכע מחלוקתן און מיט גוואַלדיקע קאַמפן. די שטרעבנדיקע בויען און העלפן־מיט דעם וואוויל פון דער מענטשהייט, אָבער אויך די קעגנער זײַנען ניט דורכאויס אָן ווערט. דורך זייערע פעלערן און טעותים, וועלכע שעדיקן קלענערע און גרעסערע קרײַזן, צווינגען זיי די ערשטע צו מאַכן גרעסערע אָנשטרענגונגען. אויף אַזאַ אופן זײַנען זיי געגליכן צו דעם גײַסט, „וואָס וויל כּסדר דאָס שלעכטע און שאַפט דאָך דאָס גוטע" („der stets das Böse will und doch das Gute schaft"). זיי ווירקן אויף־

דעם קריטישן גײַסט פון די ערשטע און העלפן זיי צו אַ בעסערן אַרײַנ־בליק, זיי העלפן־מיט דעם שאַפנדיקן פּחיתות־געפיל.

די ריכטונג פון דער אַנטוויקלונג פון יחיד און פון ציבור איז על פּי כּן אָנגעצייכנט דורך דעם גראַד פון ציבור־געפיל. דערמיט ווערט געוווּנען אַ פעסטער שטאַנדפּונקט אויף צו משפּטן, וואָס ס'איז ריכטיק און וואָס ס'איז ניט ריכטיק. עס אַנטפּלעקט זיך אַ וועג, וואָס גיט אַן איבעראַשנדיקע זיכערקייט אַזוי פאַר דער דערציִונג און היילונג, ווי אויך פאַר דער אָפּשאַצונג פון אָפּנייגן. די מאָס, וועלכע עס קומט דאָ אוים אָנצוווענדן, איז אַ סך שאַרפער, ווי דאָס וואָלט ווען עס איז געקענט באַווײַזן אַן עקספּערימענט. דאָ מאַכט די טעסט־פּרוּווּנגען דאָס לעבן; יעדע קלענסטע אויסדרוק־באַוועגונג קען מען פּרוּוון אויף דער ריכטונג און דיסטאַנץ צו דעם ציבור. אין פאַרגלײַך, אַשטייגער, מיט די אָנגענומענע מאָסן פון דער פּסיכיאַטריע, וואָס מעסט לויט די שעדיקנדיקע סימפּטאָמען אָדער לויט די שעדיקונגען פון דעם ציבור און באַמיט זיך טאַקע צו פאַרפײַנערן אירע מעטאָדן, געצווּנגען, משמעות, דורך דעם פאַרוים־שטרעבנדיקן ציבור, ווײַזט אַרוים דורכאויס די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע מעטאָדע אַ יתרון. אַ יתרון אויך דערפאַר, ווײַל זי פאַרמשפּט ניט, נאָר באַמיט זיך צו פאַרבעסערן, ווײַל זי נעמט אַוועק די שולד פון דעם יחיד און לייגט זי אַרויף אויף די חסרונות פון אונדזער קולטור, וואָס אין איר חסרונותדיקייט זײַנען אַלע איבעריקע מיטשולדיק, און פאַדערט־אויף מיטצואַרבעטן פאַר איר באַזײַטיקונג. צוליב דער קלײנער מדרגה, צו וועלכער אונדזער עוואָלוציע איז ביז אַהער דערגאַנ־גען, מוזן מיר נאָך היינט טראַכטן וועגן דער פאַרשטאַרקונג פון דעם ציבור־געפיל, וועגן דעם געפיל גופא, ווי אים צו געווינען. עס קען קיין ספק ניט זײַן, אַז די קומענדיקע דורות וועלן עס אין זייער לעבן האָבן אַזוי שטאַרק אײַנגעוואָרצלט, ווי מיר דאָס אָטעמען, דאָס גראָדע גיין אָדער דאָס זען די כּסדר זיך־באַוועגנדיקע ליכט־אײַנדרוקן אויף דעם רעגנבויגן־הײַטל אַלס רוענדיקע בילדער.

אויב די יעניקע, וואָס פאַרשטייען ניט די כּוחות, וואָס העלפן אין מענטשלעכן נשמה־לעבן צו דער אַנטוויקלונג פון ציבור, זײַנען „האָב ליב דײַן נאָענטסטן", אַלע, וואָס שטרעבן נאָר אויפצודעקן אין דעם מענטשן דעם „אינווייניקסטן מנוול", וואָס פאַרטײַעט זיך ביטרע פון דערקענט־ און באַשטראָפט־ווערן, זײַנען אַ וויכטיקע באַמיסטיקונג פאַר דער אין דער הייך שטרעבנדיקער מענטשהייט און ווײַזן בלויז אין אַ משונהדיקער פאַרגרעסערונג זייער הינטערשטעליקייט. זייער פּחיתות־געפיל זוכט די קאָמפּענסאַציע אין פערזענלעכן זין אין דער איבערצײַגונג

פון דער אומווערטיקייט פון אלע אנדערע. דער צומאָלס ביז איצטער פאַרנעפּלטער וועג צום ציבור־געפיל ווערט פון געוויסע זייטן אויסגענוצט צו באַרעכטיקן און צו פאַרסירן אַזעלכע אָנשווינגען און לעבנס־פאָרמען, וואָס שעדיקן דעם ציבור. דער דאָזיקער מיסברויך ווייזט מיר אויס געפערלעך, ווייל דאָס געשעט אין נאָמען פון ראַטעווען דעם איצטיקן אָדער אַ קומענדיקן ציבור.

אַזוי געפינען צומאָלס די טויט־שטראָף, די מלחמה, אָדער אַפילו דאָס מקריב־זיין די קעגנער זייערע מויל־פלינקע פירשפּרעכער, וועלכע דראַפּירן זיך אויך שטענדיק אין דעם מאַנטל פון ציבור־געפיל, — וואָס פאַר אַ צייכן פון דער אַלמעכטיקייט פון דעם ציבור־געפיל! די דאָזיקע אַלע פאַרעלטערטע אָנשווינגען זיינען גיכער דייטלעכע סימנים פון דעם, אַז די דאָזיקע פירשפּרעכער שטאַמט דערפון, וואָס עס פעלט דער ביטחון צו געפינען אַ בעסערן, אַ נייעם וועג, בכן פון אַ פּחיתות־געפיל, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרלייקענען. די מענטשהייט־געשיכטע וואָלט שוין געדאַרפט יעדערן האָבן געלערנט, אַז אויך דער מאָרד בייט גאָרנישט אין דער אַלמעכטיקייט פון פּראָגרעסיווע אידייען און אויך ניט אין דעם צוזאַמענבראָך פון די אָפּשטאַרבנדיקע. עס איז אָבער דאָ, אויף ווי ווייט מיר קענען זען, בלויז איין איינציקער פאַל, וואָס קען רעכטפאַרטיקן אַ מאָרד, — דער פאַל פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג ביי אַן אייגענער לעבנס־געפאַר אָדער ביי אַ לעבנס־געפאַר פון אַנדערע. ניט קיין קלענערער ווי שעקספּיר האָט אין האַמלעט אַרויסגעשטעלט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם קלאָר פאַר די אויגן פון דער מענטשהייט, ניט ווערנדיק פאַרשטאַנען. דער זעלבער שעקספּיר, וועלכער שיקט אָן, אַזוי ווי די גריכישע דיכטער, אין אַלע זיינע טראַגעדיעס, די עריניען אויף דעם מערדער, אויף דעם פאַרברעכער אין אַ צייט, ווען בלוטיקע מעשים האָבן נאָך טיפער ווי היינט געמאַכט אויפציטערן דעם ציבור־געפיל פון די, וואָס האָבן שטאַרקער געשטרעבט צום אידעאַל פון ציבור, זיינען אויך געווען נעענטער צו אים און האָבן געזיגט. אַלע בלאָנדזשעניש פון דעם פאַרברעכער ווייזן אונדז אָן די ווייטסטע גרענעצן, ביז וועלכע עס האָט געגרייכט דער ציבור־געפיל פון דעם פאַלנדיקן. אויף דעם פאַרויס־שטרעבנדיקן טייל פון דער מענטשהייט ליגט דעריבער דער שטרענגער חוב ניט בלויז אויפצוקלערן און ריכטיק צו דערציען, נייערט אויך ניט איינליק געשטאַלטיקן צו שווער די פּרוון פאַר דעם, וואָס איז ניט געשולט אין ציבור־געפיל; מען דאַרף, אַשטייגער, אים ניט באַטראַכטן אַזוי, ווי ער וואָלט געקענט אויפטאָן דאָס, וואָס לאָזט זיך אויפטאָן בלויז ביי אַן אַנטוויקלטן ציבור־געפיל, קיין מאָל אָבער ניט ווען ער פעלט. ווארום

ביים צוזאמענשטויסן זיך מיט א פראבלעם, וואס פאדערט א שטארקן ציבור=געפיל, לעבט איבער דער ניט=צוגעגרייטער א שאקווירקונג, וואס שאפט, ביי דער אויספארמירונג פון א פחיתות=קאמפלעקס, די סיבה פאר אלע מינים שטרויכלונגען. די סטרוקטור פון דעם פארברעכער ווייזט דייטלעך דעם לעבן=סטיל פון א מענטשן, וואס איז באשענקט מיט אקטיווקייט און וואס איז ווייניק נוטה צום ציבור און האט פון דער קינדהייט אן אנטוויקלט א מיינונג וועגן לעבן, אז ער איז בארעכטיקט אויסצונוצן דעם ביישטייער פון אנדערע פאר זיך. אז דער דאזיקער טיפ טרעפט זיך על פי רוב ביי פארצערטלטע קינדער, זעלטענער ביי פארלאזטע, וואלט ניט געדארפט בלייבן לענגער קיין סוד. דאס באטראכטן דעם פארברעכן אלס זעלבסט=באשטראפונג, צוריקפירן אים צו אור=פארמען פון קינדישער סעקסועלער פערווערזיע, צומאלס אויך צו דעם אזוי=גערופענעם עדיפ=קאמפלעקס, איז גרינג אפצופרעגן, ווען מען פארשטייט, אז דער מענטש, וואס יאגט זיך אין רעאלן לעבן נאך מעטאפארן, לאזט זיך זייער לייכט פאנגען אין די נעץ=אייגלעך פון משלים און ענלעכקייטן. האמלעט: „זעט ניט אויס אט דער וואלקן ווי א קעמל?" פאלאניוס: „לחלוטין ווי א קעמל".

קינדער=פעלערן, ווי עצירות, נעצן אין בעט, אן אויפפאלנדיקע צוגע=בונדנקייט צו דער מוטער, ניט צו קענען זיך אפרייסן פון איר וכדומה, זיינען בולטע סימנים פון א פארצערטלט קינד, וועמענס לעבנס=שטח עס גייט ניט ווייטער פון דער מוטער, אויך אין די אלע פונקציעס, וואס אפצוהיטן זיי ריכטיק איז דער מוטערס אויפגאבע. אויב עס מישט זיך אריין אין די דאזיקע קינדער=פעלערן א קיצל=געפיל, ווי ביים זויגן דעם גראבן פינגער און ביי עצירות, וואס עס קען זיכער זיין דער פאל ביי קינדער מיט א ווייניקער אפגעטעמפטן קיצל=געפיל, אדער אן אויפ=שפראצנדיקער סעקסועלער געפיל ביי פארצערטלטע קינדער אין זייער פאראזיטישן לעבן, ביי זייער צוגעבונדנקייט צו דער מוטער, — דאן זיינען עס צוגאבן און פועל=יוצאס, פון וועלכע עס זיינען באדראט אין דער ערשטער ליניע פארצערטלטע קינדער. אבער דאס שטארקע האלטן זיך אן די דאזיקע קינדער=פעלערן, ווי אויך אן דער קינדערשער מאסטורבאציע, רוקט איבער דעם קינדס אינטערעס פון דעם וועג פון קאאפעראציע, וועלכע איז צוליב פארשיידענע טעמים, קודם=כל מחמת פארצערטלטקייט, ניט אויסגעלערנט געווארן, אויף דעם וועג פון זוכן א פארלייכטערונג און באפרייונג פון מיטלעבן. דערביי ווערט מיינסטנס פארשטארקט א זיכערונג פון דעם בונד צווישן מוטער און קינד דורך איר גרעסערער אויפמערקזאמקייט (אבער די זיכערונג איז ניט עפעס אן אפווער, ווי

פרויד האט דעם באגריף מײַנעם פאלש אינטערפרעטירט). דער דוחק אין ציבור=געפיל און דער פארשטארקטער פחיתות=געפיל, בײדע ענג פארבונדן, װײַזן זיך שױן בולט ארױס אין דער דאזיקע פאזע פונם קינדישן לעבן, על=פי=רוב מיט אלע כאראקטער=שטריכן אלס אױסדרוקפארמען פון א לעבן אין א בלומרשט פײַנדלעכער סביבה: איבערשפּירעװדיקײט, אומגעדולד, אפעקט=פארשטארקונג, לעבנס=פחדנות, פארזיכטיקײט און גיריקײט, דאס לעצטע מיט דער פרעטענזיע, װי אלץ װאלט געדארפט געהערן דעם קינד.

הארבע פראגן אין לעבן, סכנות, נױט, אנטױשונגען, דאגות, אנװערן, ספעציעל פון געליבטע פערזאנען, יעדער מין פון סאציאלן דרוק קען מען שטענדיק זען אינם בילד פון דעם פחיתות=געפיל על=פי=רוב אין אלגעמײן באקאנטע עפעקטן און געמיטן, װעלכע מיר קענען אלס פחד, עגמת נפש, יאוש, חרפה, שרעק, פארלעגנהײט, עקל וכדומה. זײ װײַזן זיך ארױס אין דעם פנים=אױסדרוק און אין דער האלטונג פון דעם קערפער. עס איז אזױ װי דער טאנוס פון דער מוסקולאטור װאלט דערבײ פארלארן געגאנגען. אדער עס באװײַזט זיך א באװעגונגס=פארם, װאס לאזט זיך דאס=רוב אבסערװירן אלס דערװײַטערונג פון דעם אױפרעגנדיקן אביעקט אדער אלס דערװײַטערונג פון די כסדרדיקע פראגן פון לעבן. די דענק=ספערע פראיעצירט דערבײַ, אינגאנצן אין אײנקלאנג מיטן ציל פון אױסװײַכונג, געדאנקען װעגן צוריקצי. די געפיל=ספערע, אױף װיפיל זי לאזט זיך דערקענען, שפיגלט אפ צו דער פארשטארקונג פון דעם צוריקצי אין איר אױפגערעגטקײט און אױפרעגונגס=פארם דעם פאקט פון אומבאשיצטקײט, פון פחיתותדיקײט. דאס מענטשלעכע פחיתות=געפיל, װאס זאפט זיך געװײנלעך ארײַן אין דעם שטרעבן פאראױס, װײַזט זיך שױן דײַטלעכער אין די שטורעמס פון לעבן, בײ שװערע ניסיונות — גאר דײַטלעך. אין יעדן פאל פארשײדן אין אױסדרוק שטעלט ער פאר, װען מען איז דערבײ כולל אלע זײַנע דערשײַנונגען, דעם לעבן=סטיל פון דעם יחיד, װאס קומט אײנהײטלעך צום דורכברא‏ך אין אלע סיטואציעס פון לעבן.

מען טאר אבער ניט פארפעלן צו זען אױך אין דעם פרװו פון גובר=זײַן די אױבנדיקע רעגונגען, אין דעם ארױס=טאן זיך, אין צארן, אפילו אױך אין עקל און פאראכטונג א טואונג פון אן אקטיװערן לעבן=סטיל, װאס איז אױפגעצװאונגען דורך דעם ציל פון יתרון און אנגעשפּארנט דורך דעם פחיתות=געפיל. בעת די ערשטע לעבנס=פארם מיט דעם שטארקן האלטן=זיך בײ דער צוריקצי=ליניע פון דעם סכנותדיקן פראבלעם קען פירן צו די פארמען פון דעם נעװראז, פסיכאז, צו מאזאכיסטישע

אויפפירן, וועט מען ביי דער לעצטער פאָרם, אָפּגעזען פון נעוראָטישע מישפאָרמען, אַ סך גיכער באַמערקן, בהסכם מיטן לעבן־סטיל, אַזאַ, וואָס פאַרמאָגט אַ גרעסערע אַקטיווקייט (די אַקטיווקייט דאַרף מען ניט פאַרביטן מיט מוט, וועלכער איז חל בלויז אויף דער זייט פון לעבן, וואָס חעלפט דער אַנטוויקלונג פון ציבור): זעלבסטמאָרד־נטיה, שיכרות, פאַרברעכן אָדער אַן אַקטיווע פּערווערזיע. עס ליגט ווי אויף דער האַנט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן ניי־בילדונגען פון דעם זעלבן לעבן־סטיל און ניט וועגן יענעם פיקטיוון פּראָצעס, וועלכן פרויד רופט אָן „רעגרעסיע". די ענלעכקייט פון די דאָזיקע לעבנס־פאָרמען צו פריערדיקע אָדער אויך צו פּרטים פון די זעלבע דאַרף ניט באַטראַכט ווערן אַלס אידענטישקייט, און דער פאַקט, אַז יעדער לעבעדיקער ווען האָט אין זיין רשות דעם פאָנד פון זיין גייסטיקן און קערפּערלעכן באַוועגונגס־גבול און חוץ דעם גאָר ניט, דאַרף ניט באַטראַכט ווערן אַלס צוריקפאַל אין אַן אינפאַנטילער אָדער אור־מענטשלעכער סטאַדיע. דאָס לעבן פאָדערט דעם באַשייד פון די אויפגאַבן פון דעם ציבור און דערפאַר ווייזט יעדע אויפפירונג שטענדיק אויף דער צוקונפט, אויך דאַן, ווען די מיטלען צום אויסבוי פון זיין אויפפירונג ווערן גענומען פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אַ ניט־גענוגנדיקע צוגרייטונג צו אַלע לעבנס־פּראָבלעמען שטאַמט שטענדיק פון דעם קנאַפּן ציבור־געפיל, מעג מען אים אָנרופן מיטמענטשלעכקייט, קאָאָפּעראַציע, הומאַניטעט אָדער גאָר אידעאַל־איך. די דאָזיקע קנאַפּע צוגרייטונג שאַפט עס, פּנים־אל־פּנים מיט אַ פּראָבלעם אָדער אין מיטן פון אים, די סיבה פאַר די טויזנטפאַכיקע אויסדרוקספאָרמען פון קערפּערלעכער און פּסיכישער פּחיתותדיקייט און אומזיכערקייט. דער דאָזיקער דוחק רופט שוין טאַקע אויך פריער אַרויס כלערליי פּחיתות־געפילן, וועלכע ווייזן זיך בלויז ניט אַזוי דייטלעך אַרויס, דריקן זיך אָבער אויס אין דעם כאַראַקטער, אין דער באַוועגונג, אין דער האַלטונג און אין דעם דענק־אופן, וואָס איז אינדוצירט דורך דעם פּחיתות־געפיל, און אין די אָפּנייגן אין דעם פאָראויסגאַנג. די דאָזיקע אַלע אויסדרוק־פאָרמען פון פּחיתות־געפיל, וואָס ווערן פאַרשטאַרקט דורך דעם דוחק אין ציבור־געפיל, אַנטפּלעקן זיך אין מאָמענט פון אַ געפערלעכן פּראָבלעם, פון אַן „עקזאָגענער סיבה", וועלכע פעלט ניט אין קיין שום פאַל פון אַ „טיפּישער שטרויכלונג", מעג אויך ניט יעדערער זי געפינען. די „טיפּישע" שטרויכלונגען ווערן ערשט געשאַפן דורך דעם האַלטן זיך פעסט אָן די אויפטרייסלונגען, וואָס איז אַ פּרווו פון פאַרלייכטערן די דריקנדיקע סיטואַציע פון דעם שווערן געמיינשאַפט־געפיל, אַ פּועל־יוצא פון דעם אומאויפהערלעכן שטרעבן אַרויסצובאַקומען זיך

פון דער מינוס=סיטואציע. אין קיין איינעם פון די פאלן ווערט אבער די בכורה פון דעם געמיינשאפט=געפיל ניט קוועסטיאנירט אדער דער אונטערשייד צווישן „גוט" און „שלעכט" ווערט נישט פארווישט. אין יעדן פון די דאזיקע פאלן געפינט זיך א „יא", וואס שטרייבט אונטער דעם דרוק פון דעם ציבור=געפיל, שטענדיק ווערט ער אבער באגלייט פון אן „אבער", וואס פארמאגט א שטארקערע קראפט און שטערט די נייטיקע פארשטארקונג פון דעם געמיינשאפט=געפיל. דער „אבער" איז אין אלע טיפישע און איינצל=פאלן פארשיידן. די שוועריקייט פון א היילונג אנטשפרעכט זיין שטארקייט. צום שטארקסטן ווערט ער אויסגעדריקט אין זעלבסט=מארד און אין פסיכאז, פועל=יוצאס פון אויפטרייסלונגען, ביי וועלכע דער „יא" פארשווינדט כמעט.

כאראקטער=שטריכן, ווי שרעקעוודיקייט, אומדרייסטקייט, פארשלאסנקייט, פעסימיזם כאראקטעריזירן דעם פון א לאנגער צייט קנאפן קאנטאקט און ווערן ביי א שטרענגערן פרווו פון גורל ממשותדיק פארשטארקט זיי ווייזן זיך ארויס אין דעם נעווראז, למשל, ווי מער אדער ווייניקער בולטע קראנקייט=סימפטאמען. דאס אייגענע גילט פאר א כאראקטעריסטיש פארלאנגזאמטער באוועגונג, וואס ווייזט שטענדיק דעם אינדיוויד אויפן צווייטן פלאן, אין אן אויפפאלנדיקער דיסטאנץ צום געגעבענעם פראבלעם. (זע: Adler, Praxix und Theorie der Individualpsychologie, 4 Auflage, München).

די דאזיקע סימפאטיע צום הינטערלאנד פונם לעבן איז באדייטנדיק געזיכערט דורך דעם דענק=אופן און דורך דער ארגומענטאציע פון דעם אינדיוויד, אז אנדערש מאל דורך צוואנגס=דענקען אדער דורך אומפרוכפערדיקע שולדגעפילן. מען קען לייכט פארשטיין, אז ניט די שולדגעפילן שאפן די דיסטאנץ, נייערט אז די קנאפע נטיה און צוגרייטונג פון דער גאנצער פערזענלעכקייט געפינט, אז עס לוינט איר די שולדגעפילן, כדי צו שטערן דעם פאראויסגאנג. די אנגרונטיקע זעלבסט=באשולדיקונג צוליב מאסטורבאציע, למשל, גיט דערפאר א צוגעפאסטן אויסרייד. אויך דער אומשטאנד, אז יעדער מענטש, ווען ער קוקט צוריק אויף זיין לעבן, וואלט ער געוועז גערן, אז ניט איין זאך זאל לגמרי ניט האבן געשען, דינט פאר אזעלכע אינדיווידן ווי א געלונגענער אויסרייד אויף ניט מיטצוארבעטן.

וועלן צוריקפירן אזעלכע שטרויכלונגען, ווי דעם נעווראז אדער דאס פארברעכן צו קונציקע שולדגעפילן, הייסט ניט פארשטיין דעם ערנסט פון דער סיטואציע. די ריכטונג, אין וועלכער מען לאזט זיך, אין פאלן פון קנאפן ציבור=געפיל, ווייזט אויך שטענדיק א שטארקן ספק

לגבי א ציבור-פראבלעם; דערביי העלפט די גרעסערע אויפטרייסלונג
דורך קערפערלעכע פארענדערונגען אנצוווייזן אנדערע וועגן. די דאזיקע
קערפערלעכע פארענדערונגען ברענגען באמת דעם גאנצן קערפער צו אן
איבערגייענדיקער אדער דויערנדיקער אומארדענונג, זיי שאפן אבער על
פי רוב אויף אן אויפפאלנדיקן אופן פונקציע-שטערונגען אויף אזעלכע
ערטער, וואס ענטפערן, סיי אין רעזולטאט פון איינגעבארענער ארגאן-
מינערווערטיקייט, סיי צוליב אן איבערלאדונג פון אויפמערקזאמקייט,
צום שטארקסטן אויף דער פסיכישער שטערונג. די פונקציע-שטערונג
קען זיך ארויסווייזן אינם פארשווינדן פון מוסקול-טאנוס אדער אין זיין
אויפגערייצטקייט, אין דעם אויפשטעלן זיך פון די האר, אין א שוויס-
אויסברוך, אין הארץ-, מאגן- און געדערים-שטערונגען, אין אטעם-פאר-
קלעמונגען, אין פארשטיקונגען פון דער קעל, אין אורינדרוק און אין
סעקסועלער גערייצטקייט, אדער אין דעם היפוך דערפון. אפט געפינט
מען די זעלבע שטערונגען ביי שווערע סיטואציעס פארשפרייט אין דעם
גבול פון א משפחה. אזוי אויך קאפווייטאגן, מיגרען, האסטיקער רויט
אדער בלאסווערן. דורך נייערע פארשונגען, ספעציעל פון קאנאן, מאראַ-
נאן און פון אנדערע, איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז ביי די מייסטע פון
די דאזיקע פארענדערונגען איז דאמינירנדיק באטייליקט דער סימפאטיקא-
אדרענאלין-סיסטעם, דאס זעלבע דער קראניאלער און פעלווישער אנטייל
פון דעם וועגעטאטיוון סיסטעם, וועלכע רעאגירן בכן אויף א פארשיידע-
נעם אופן אויף כל המינים עמאציעס. דערמיט ווערט אויך באשטעטיקט
אונדזער אלטע השערה, אז די פונקציעס פון די ענדאקרינע דריזן, פון
דעם שילדדריז, פון דער ביינירי, פון דער היפאפיזע און פון די געשלעכטס-
דריזן שטייען אונטער די השפעות פון דער דרויסנדיקער וועלט, און אז
אנטשפרעכנדיק צום לעבנסטיל פון דעם אינדיוויד, ענטפערן זיי אויף
פסיכישע איינדרוקן אפהענגיק פון זייער סוביעקטיוו-אפגעשפירטער שטאר-
קייט, — אין א נארמאלן פאל: כדי צוריקצושטעלן די קערפערלעכע
גלייכוואג, ביי א קנאפער צוגעפאסטקייט פון דעם אינדיוויד לגבי די
לעבנספראגן — אויף אן עקסטרעמען איבערקאמפענסירנדיקן אופן (זע—
א״צ Adler, „Studie über Minderwertigkeit von Organen“).

דער בחיתות-געפיל פון אן אינדיוויד קען זיך אויך ארויסווייזן דורך
דער ריכטונג פון זיין וועג. וועגן דער גרויסער דיסטאנץ צו די לעבנס-
פראבלעמען, וועגן דעם שטיין-בלייבן און וועגן דעם באפרייען-זיך האב
איך שוין גערעדט. ס׳איז קיין פראגע ניט, אז צומאלס לאזט זיך א פרא-
צעס דערווייזן פאר ריכטיק, פאר אנטשפרעכנדיק צום געמיינשאפט-

געפיל. דער דאָזיקער געדעכטפּאַרטיקער שטאַנדפּונקט איז ספּעציעל נאָענט דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, ווײַל די דאָזיקע וויסנשאַפט שרײַבט שטענ־דיק צו די כּללים און די פאָרמולעס נאָר אַ ביתנאַיקע גילטיקייט און האַלט זיך מחויב אַרויסצוברענגען אַלץ נײַע באַווײַזן פאַר זייער באַשטע־טיקונג. איינער פון די דאָזיקע באַווײַזן ליגט אין דער רגילותדיקער האַלטונג פון דער אויבן־כאַראַקטעריזירטער באַוועגונג. אַ צווייטן גאַנג, וואָס איז חשוד אויף פּחיתות־געפיל, אָן אַנדערער ווי די „אָפּוואַרטנדיקע פּאָזע", קען מען אָבסערווירן אין דעם אויסקירעווען זיך אַרום אַ לעבנס־פּראָבלעם, פולשטענדיק אָדער טיילווײַז. פולשטענדיק — ווי אין דעם פּסיכאָז, אין זעלבסטמאָרד, אין דער רגילותדיקער פּערווערזיע, טייל־ווײַז — ווי אין שיכּרות אָדער אין אַנדערע נאַרקאָמאַניעס. אַלס לעצטן גאַנג, וואָס שטאַמט אָפּ פונם פּחיתות־געפיל, ווייל איך נאָך ברענגען די אויפפאַלנדיקע פאַרענגונג פון דעם לעבנס־שטח און פאַרשמעלערטן אָנגריף־פּראַנט. דערבײַ זײַנען וויכטיקע אָנטיילן אין די לעבנס־פּראָבלעמען אויסגעשלאָסן. אויך דאָ מוזן מיר לאָזן גילטן אַלס יוצא מן הכּלל, ווען איינער מאַכט זיך פרײַ פון דעם באַשייד פון איינצלנע אָנטיילן אין די לעבנספּראָבלעמען מיטן צוועק פון אַ גרעסערער בײַשטײַערונג פאַר דעם פּראָגרעס פון דעם ציבור, ווי דאָס איז דער פאַל מיטן קינסטלער און גאון.

עס איז מיר שוין פון לאַנג קלאָר, אַז אין אַלע פאַלן פון טיפּישע שטרויכלונגען איז דאָ אַ פּחיתות־קאָמפּלעקס. איך האָב זיך אָבער לאַנג געראַנגלט מיט דער וויכטיקסטער דאָ פראַגע, ווי אַזוי דער פּחיתות־קאָמפּלעקס קומט אַרויס פון דעם פּחיתות־געפיל מיט זײַנע קערפּערלעכע און פּסיכישע פּועל־יוצאס בײַם צוזאַמענשטויס מיט אַ לעבנס־פּראָבלעם. אויף וויפל איך ווייס, איז די דאָזיקע פראַגע שטענדיק געשטאַנען אין הינטערגרונט פון די באַטראַכטונגען פון די מחברים, אַ פּשיטא שוין, אַז זי איז ביז איצט ניט געלייזט געוואָרן. פאַר מיר האָט זיך די לייזונג באַקומען, ווי בנוגע אַלע אַנדערע פראַגן, אין דעם זעפּעלד פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, וווּ איינס לאָזט זיך דערקלערן פון אַלץ און אַלץ פון איינעם. דער פּחיתות־קאָמפּלעקס, דאָס הייסט די דויערנדיקע דערשײַנונג פון די פּועל־יוצאס פון דעם פּחיתות־געפיל, דאָס האַלטן־זיך פעסט בײַ אים — דערקלערט זיך מיט אַ גרעסערן דוחק און ציבור־געפיל. גלײַכע איבערלעבונגען, גלײַכע חלומות, גלײַכע סיטואַציעס און גלײַכע לעבנס־פראַגן — ווען עס וואָלט אין זיי געקענט זײַן אַן אַבסאָלוטע גלײַכקייט — ווירקן זיך אויס בײַ יעדערן אַנדערש. דערבײַ האָט דער לעבן־סטיל און די מאָס ציבור־געפיל אין אים אַ דעצידירנדיקע באַדײַ־

טונג. דאָס, וואָס עס קען אין מאַנכע פאַלן פאַרפירן און אריינברענגען אין ספק וועגן דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער דערפאַרונג, איז דער אומשטאַנד, אַז מענטשן מיט אַ פעסטגעשטעלטן דוחק אין ציבור־געפיל (אַ פעסטשטעלונג, וואָס איך וואָלט אָנגעטרויט נאָר זייער דערפאַרענע פאָרשער) ווייזן צומאָלס ארויס צייטווייליקע דערשיינונגען פון פחיתות־געפיל, אָבער ניט קיין פחיתות־קאָמפלעקס. די דאָזיקע דערפאַרונגען קען מען צומאָלס מאַכן ביי מענטשן, וועלכע פאַרמאָגן ווייניק ציבור־געפיל, האָבן אָבער לטובת זיך דעם חסד פון די דרויסנדיקע אומשטענדן. אין פאַל פון פחיתות־קאָמפלעקס וועט מען שטענדיק געפינען באַשטעטיקונגען אין דעם פריערדיקן לעבן פון דעם באַטרעפנדיקן מענטשן, פון זיין ביזאַהעריקער האַלטונג, פון זיין פאַרצערטלטקייט אין דער קינדהייט, פון דער עקזיסטענץ פון פחיתותדיקע אָרגאַנען, פון דעם געפיל פון פאַרלאָזטקייט אין דער קינדהייט. מען וועט זיך אויך באַדינען מיט די ווייטער געבראַכטע מיטלען פון דער אינדיווידואַל־פסיכאָלאָגיע, מיט דער פאַרשטענדעניש פאַר די עלטסטע קינדהייט־זכרונות, מיט דער אינדיווידואַל־פסיכאָלאָגישער דערפאַרונג וועגן דעם לעבן־סטיל בכלל און זיין מושפע־ווערן דורך דער פּאָזיציע אין דער קינדער־ריי און מיט דעם אינדיווידואַל־פסיכאָלאָגישן חלום־אויסטייטש. אין פאַל פון פחיתות־קאָמפלעקס איז אויך די סעקסועלע האַלטונג און אַנטוויקלונג פון אַן אינדיוויד נאָר אַ טייל פון דעם גאַנצן און איז פולשטענדיק איינגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן קאָמפלעקס.

7

דער יתרון־קאָמפּלעקס

דער לייענער וועט איצט מיט רעכט שטעלן די פראַגע: ווי קען מען דען געפינען אין פאַל פון פחיתות־קאָמפּלעקס דאָס שטרעבן צו יתרון? וואָרום באמת, אויב עס וואָלט אונדז ניט געראָטן אויפצווייזן אין דעם שלל פאַלן פון פחיתות־קאָמפּלעקסן דאָס דאָזיקע שטרעבן, וואָלט די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט געהאַט צו פאַרצייכענען אזא מין סתירה, אַז זי וואָלט זיך געמוזט אָן איר איינברעכן. א גרויסער טייל פון דער דאָזיקער פראַגע איז שוין אָבער פאַרענטפערט. דאָס שטרעבן צו יתרון וואַרפט אָפּ דעם אינדיוויד צוריק פון דעם געפערלעכן אָרט, אויב נאָר עס ווייזט אים אויס, מחמת זיין דוחק אין ציבור־געפיל, וואָס דריקט זיך אויס אין אָפענער אָדער אין באַהאַלטענער מוטלאָזיקייט, אַז עס דראָט אים אַ מפּלה. דאָס שטרעבן צו יתרון ווירקט זיך אויך אויס אין דעם, וואָס עס האַלט דעם אינדיוויד פעסט אויף דער צוריקצי־ליניע פון ציבור־פּראָבלעם, אָדער עס צווינגט אים צו אַן אָפּנייג. געהאַלטן אין דער סתירה פון „יאָ, אָבער", וואַרפט עס אים אָן אַ מיינונג, וואָס רעכנט זיך אַ סך מער מיטן „אָבער" און האַלט זיין געדאַנקען־וועלט אזוי שטאַרק אין קלעם, אַז ער פאַרנעמט זיך בלויז אָדער דער־עיקר מיט די רעזולטאַטן פון דער שאָקווירקונג. דאָס דאָזיקע נאָך מער דערפאַר, ווייל עס האַנדלט זיך דערביי שטענדיק וועגן אינדיווידן, וועלכע, ניט פאַרמאָגנדיק פון קינדהייט קיין געהעריקן ציבור־געפיל, האָבן זיך פאַרנומען כמעט אויסשליסלעך מיט זייער פּערזאָן, מיט זייער תענוג אָדער אומתענוג. אין די דאָזיקע פאַלן קען מען דרך אגב אונטערשיידן דריי טיפּן, וועמענס אומהאַרמאָנישער לעבן־סטיל האָט ספּעציעל דייטלעך אַנטוויקלט איין פאַקטאָר פון פּסיכישן לעבן. דער ערשטער טיפּ איז נוגע אזעלכע מענטשן, ביי וועלכע די דענקספערע באַהערשט די אויסדרוקס־פאָרמען. דער צווייטער טיפּ ווערט כאַראַקטעריזירט דורך דעם

ווילד צעוואקסענעם געפיל- און יצר-לעבן. א דריטער טיפ אנטוויקלט זיך מער אין דער ריכטונג פון דער אקטיוויקייט. א פולשטענדיק פעלן פון איינער פון די דאזיקע דריי זייטן געפינען מיר נאטירלעך קיין מאל ניט. יעדע שטרויכלונג וועט דערפאר אויך די דאזיקע זייט פון זיין לעבן-סטיל ספעציעל דייטלעך ארויסווייזן אין דער אנהאלטנדיקער שאקוויר-קונג. בעת ביים פארברעכער און ביים זעלבסטמערדער ווייזט זיך בדרך כלל מערער ארויסגעבולט דער פאקטאר פון אקטיוויקייט, צייכנט זיך א טייל נעוראזן אויס דורך דער באטאנונג פון דער געפילס-זייט, אויב עס טרעט ניט ארויס, אזוי ווי דאס רוב אין דעם צוואנגס-נעוראז און אין די פסיכאזן, די מיינסטנס שטארקערע אקצענטירונג פון דעם געדאנק-לעבן מאטעריאל (Adler, „Zwangsneurose", Zeitschrift für Individual-psychologie, 1931, Hirzel. Leipzig). דער נארקאמאן איז, קען מען זאגן, שטענדיק א געפילס-מענטש. דאס דאזיקע פריי מאכן זיך פון רעאליזירן א לעבנס-פראבלעם צווינגט אבער ארויף אן אויפגאבע אויף דעם מענטשלעכן ציבור און מאכט אים פאר אן אביעקט פון עקספלואטאציע. דער דוחק אין מיטארבעט פון איין טייל מוז דערגאנצט ווערן דורך א פארגרעסערטער טעטיקייט פון אנדערע, דורך דער פאמיליע אדער דורך דער געזעלשאפט. עס איז א שטילער ניט פארשטאנענער קאמף, וואס ווערט דא געפירט קעגן דעם אידעאל פון ציבור, א שטענדיקער פראטעסט, וואס דינט ניט דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דעם ציבור-געפיל, נאר צילט צו זיין דורכבראך. דער פערזענלעכער יתרון שטייט אבער שטענדיק אין קעגנזאץ צו מיטארבעט. און מען קען אויך פון דעם דאזיקן פונקט ארויסזען, אז ביי שטרויכלונגען האנדלט עס זיך וועגן מענטשן, וועמענס אנטוויקלונג צום מיטמענטשן איז פארהאלטן געווארן, וועמען עס פעלט אפילו דאס ריכטיקע זען, דאס ריכטיקע הערן, ריידן און אורטיילן. אנשטאט דעם common sense פארמאגן זיי א „פריוואטע אינטעליגענץ", וועלכע זיי באנוצן קלוג צו שיצן זייער אפנייג.

איך האב געשילדערט דאס פארצערטלטע קינד אלס פאראזיט, וואס שטרעבט כסדר צו מאכן דעם צווייטן צו מס. ווערט דערפון א לעבנסטיל, קען מען פארשטיין, אז פאר דעם גרעסטן רוב שטרויכלונגען זעט אויס דער ביישטייער פון אנדערע אלס זייער אייגנס, מעג עס זיך האנדלען וועגן צערטלעכקייט, וועגן פארמעגן, וועגן מאטעריעלער אדער גייסטיקער ארבעט. אבער שטענדיק איז עס א פראטעסט קעגן דעם צוואנג פון מיטלעבן, וואס ווייזט אויס פאר אינדיווידן, ניט געשולטע אין ציבור-געפיל, אלס אומדערטרעגלעך, אלס דערווידער זייער

פריוואטער אינטעליגענץ און ווי עס וואָלט באדראַט זייער שטרעבן צו פערזענלכן יתרון.

דער ציבור, — ער מעג זיך ווערן קעגן אזעלכע מינים עובר־זיין מיט די שטאַרקסטע מיטלען אָדער ווערטער, — מוז אוים זיין טיף אינעווייניקסטן דראַנג, ווייניקער מחמת זיין פארשטענדעניש, אָנווענדן על פי טבע מילדקייט און שוינונג, וואָרום זיין אייביקע אויפגאַבע איז ניט באשטראָפן אָדער נקמה נעמען פאר טעותים, נייערט זיי אויפצוקלערן און צו באַזייטיקן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאר דער מאַכט פון דעם ציבור־געפיל, אַז יעדער איינער אָנערקענט די אָפּנייגן און שטרויכלונגען פון אַ העכערן און נידעריקערן גראַד אַלס סתירה צו דער נאָרמע, אַלס אומריכטיק, אַזוי ווי עס וואָלט יעדערער געמוזט טראָגן פאר דעם ציבור־געפיל זיין מס. אפילו מחברים, אויסגעשטייערט צומאָלס מיט געניאַלע שטריכן, וואָס זעען אין ווייסנשאַפטלעכער פארבלענדעניש דעם קינסטלעך געהאָ־דעוועטן ווילן צו פערזענלעכער מאַכט אין אַ לבוש פון בייזן אור־יצר, פון איבערמענטשלעכקייט, פון סאַדיסטישן אור־יצר, זעען זיך געצוווּנגען אַ נייג־צו־טאָן־זיך פאר דעם ציבור־געפיל אין זיין אידעאַלער צושפּיצונג. אפילו דער פארברעכער, שוין מיט זיין ציל אין אויג, מוז מערקירן און זוכן אַ רעכטפאַרטיקונג פאר זיין טאַט, ביז ער קען איבערטרעטן די גרענעץ, וואָס טיילט אים נאָך אָפּ פון אַנציבורדיקייט. געזען פון אייביק פעסטן שטאַנדפּונקט פון דעם אידעאַלן ציבור־געפיל, שטעלט זיך יעדע אָפּנייגונג פאר, ווי אַ קונציקער פרווו, וועלכער וואַרפט אַן אויג צום ציל פון אַ פערזענלעכן יתרון. דאָס אַנטרינען פון אַ מפּלה אויפן באָדן פון דעם ציבור איז פאר דעם רוב פון די דאָזיקע מענטשן פאר־בונדן מיט אַ געפיל פון יתרון. און דאָרט, ווו די מורא פאר אַ מפּלה זוכט צו האַלטן זיי שטענדיק ווייט פון דעם קרייז פון מיטאַרבעטער, לעבן זיי איבער אָדער זיי געניסן זייער בלייבן פון דער ווייטנס פון די לעבנס־אויפגאַבן, ווי אַ פאַרלייכטערונג און ווי אַ פריווילעגיע, וואָס זיי האָבן לגבי אַנדערע. אפילו דאָרט, ווו זיי ליידן, ווי אין דעם נעווראָז, זיינען זיי אינגאַנצן פאַרוויקלט אין די מיטלען פון זייער פריווילעגירטער לאַגע, אין זייער ליידן, ניט דערקענענדיק, אַז דער ליידנסוועג דאַרף זיי פירן צו דעם פריי־מאַכן־זיך פון די לעבנס־אויפגאַבן. וואָס גרעסער עס איז זייער ליידן, אַלץ ווייניקער זיינען זיי חייב, אַלץ מער זיינען זיי פריי פון דעםווירקלעכן זין פון לעבן. די דאָזיקע ליידן, וואָס זיינען אַזוי ניט אָפּצושיידן פארבונדן מיט דער פאַרלייכטערונג און באַפרייונג פון די לעבנס־פראַגן, קען נאָר יענער באַטראַכטן ווי אַ זעלבסטבאַשטראָפונג,

ווער ס'האָט זיך ניט אויסגעלערנט תופס צו זיין אויסדרוקספאָרמען, ווי א טייל פון דעם גאַנצן, מער נאָך, ווי אַן ענטפער אויף די פראַגן פון דעם פאָדערנדיקן ציבור. ער וועט די נעוראָטישע לײַדן באַטראַכטן אַלס זעלבשטענדיקן פאַקטאָר, אַזוי ווי דער נעוראָטיקער זעט עס.

דער לייענער אָדער דער קעגנער פון מיינע אָנשויונגען וועט צום שווערסטן קענען שלום מאַכן דערמיט, אַז אפילו הכנעהדיקייט, קנעכטישקייט, ניט זעלבשטענדיקייט, פוילקייט און מאַזאָכיסטישע שטריכן — דייטלעכע צייכנס פון א פחיתות־געפיל — לאָזן דורכבליקן דאָס געפיל פון א פאַרלײַכטערונג אָדער גאָר פון א פריווילעגיע. אַז דאָס זיינען פּראָטעסטן קעגן אַן אַקטיוון באַשייד פון די לעבנס־פראַגן אין זין פון דעם ציבור, איז לייכט צו פאַרשטיין. דאָס גלייכן, אַז זיי שטעלן פאַר קונציקע פרווון אויסצומיידן א מפלה דאָרט, וווּ עס ווערט פון זיי פאַרלאַנגט ציבור־געפיל, וועלכן זיי פאַרמאָגן צו ווייניק, ווי עס דרינגט אַרויס פון זייער גאַנצן לעבן־סטיל. דאָס־רוב פאַלט דערביי אויף אַנדערע א פלײַסיקייטס־אויפגאַבע, אָדער זי ווערט זיי אפילו אָפט דיקטירט, ווי בײַם מאַזאָכיזם — אָפט קעגן זייער ווילן. אין אַלע פאַלן פון שטרויכלונגען איז קלאָר צו זען די ספּעציעלע לאַגע, וועלכע דער אינדיוויד האָט פאַר זיך רעזערווירט, א ספּעציעלע לאַגע, פאַר וועלכער ער באַצאָלט ווען ניט ווען מיט לײַדן, מיט קלאָגן זיך, מיט שולד־געפילן, ניט רירנדיק זיך אָבער פון דעם אָרט, וועלכער ווײַזט אים אויס, מחמת זיין דוחק אין צוגרייטונג צום ציבור־געפיל, אַלס געלונגענער אַליבי, ווען עס שטעלט זיך פאַר אים די פראַגע: „וווּ ביגסטו דען געווען, בעת איך האָב די וועלט פאַרטיילט?"

דער יתרון־קאָמפּלעקס, ווי איך האָב אים באַשריבן, טרעט מיינסטנס קלאָר אַרויס כאַראַקטעריזירט אין האַלטונג, כאַראַקטער־שטריכן און מיינונגען וועגן דער אייגענער איבערמענטשלעכער גאָב און אויפטו־פעיִקייט. מען קען אים אויך דערזען אין די איבערגעטריבענע פאָדערונגען צו זיך און צו אַנדערע. דאָס פאַררײַסן די נאָז, ביטול, פוסטע אַמביציעס בנוגע דעם אייגענעם אויסזען, צי דער דאָזיקער איז פראַנטיש אָדער אָפּגעלאָזן, אַן אויסטערלישער הילוך, א באַטאָנטער מאַנסבילשער באַנעמען זיך בײַ פרויען, א ווײַבלעכער — בײַ מענער, גאווה, געפיל־איבערשטראָם, סנאָביזם, גרויסהאַלטערײַ, טיראַנישקייט, דאָס עקבערן יענעם, די באַשריבענע דורך מיר אַלס כאַראַקטעריסטישע ביטול־טענדענץ, איבערגעטריבענער העראָען־קולט, אַזוי ווי אויך א נייגונג צו באַפרײַנדן זיך מיט פראָמינענטע פערזאָנען אָדער צו באַפעלן איבער שוואַכע, קראַנקע, איבער פערזאָנען פון א קלענערן פאַרנעם, באַטאָנונג פון ספּעציעלער אייגנאַרט,

מיסברויך פון ווערטפולע אידעען און שטרעמונגען מיטן ציל צו דערנידעריקן אנדערע וכדומה, — דאָס אַלץ קען ווענדן אונדזער אויפמערקזאַמקייט אויף אַ יתרון=קאָמפּלעקס, וואָס לאָזט זיך אויכגעפינען. דאָס אייגענע אפעקט=שטײַגערונגען, ווי צאָרן, נקמה=גיריקייט, טרויער, ענטוזיאַזם, רגילותדיקער שאַלנדיקער געלעכטער, ניט דערהערן, אַוועקקוקן בײַם צוזאַמענטרעפן זיך מיט אַנדערע, דאָס אַרויספירן דעם שמועס אויף דער אייגענער פּערזאָן, רגילותדיקער ענטוזיאַזם בײַ אָפט נישטיקע ענינים — דאָס אַלץ ווײַזט גאַנץ אָפט אַ פּחיתות=געפיל, וואָס פּאַלט אַרײַן אין אַ יתרון=קאָמפּלעקס. אויך גלויבעניש, גלויבן אין טעלעפּאַטישע אָדער ענלעכע פעיִקייטן, אין נביאישע אינספּיראַציעס דערוועקן מיט רעכט דעם חשד אויף אַ יתרון=קאָמפּלעקס. איך וואָלט נאָך ווען וואָרענען די יעניקע, וואָס זײַנען געטרײַ דער ציבור=אידעע, ניט צו באַנוצן זי צו אַ יתרון=קאָמפּלעקס, אָדער ניט צו וואַרפן זי אומבאַרעכנט יעדן איינעם אין קאָפּ. דאָס אייגענע גילט פון דער קענטניש פון דעם פּחיתות=קאָמפּלעקס און פון זײַן פאַרהילנדיקן איבערבוי. מען מאַכט זיך גופא חשודיק אין ביידע זאַכן, ווען מען וואַרפט זיך צו אײַליק אַרום דערמיט, און מען דערגרייכט מיט דעם ניט מער ווי אַ — אָפט באַרעכטיקטע — קעגנערשאַפט. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן בײַ דער ריכטיקער פעסטשטעלונג פון אַזעלכע פאַקטן די אַלגעמיינע מענטשלעכע חסרונדיקייט, וואָס איז גורם, אַז אויך בכבודיקע און ווערטיקע כאַראַקטערן קענען אַרונטערפאַלן דעם פעלער פון אַ יתרון=קאָמפּלעקס. אָפּגערעדט שוין דערפון, אַז, ווי באַרבים זאָגט עס אַזוי שיין: „אויך דער אוהב הבריות קען צומאָלס ניט אויסמײַדן אַ געפיל פון פאַראַכטונג". פון דער אַנדערער זײַט קענען אונדז פירן די דאָזיקע קליינע און דערפאַר ווייניק מאַסקירטע שטריכן צו קירעווען דעם אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגישן שײַנוואַרפער אויף די טעותים אין די גרויסע לעבנספראַגן, כדי דאָרט צו פאַרשטיין און דערקלערן. ווערטער, פראַזעס, אַפילו פעסטגעשטעלטע פּסיכישע מעכאַניזמען העלפן גאָר ניט צו פאַרשטיין דעם יחיד. דאָס אייגענע אונדזערע קענטענישן וועגן דעם טיפּישן. אָבער זיי קענען בדרך השערה דינען דערצו— צו באַלויכטן אַ באַשטימטן זע=פעלד, אויף וועלכן מיר האָבן צו געפינען דאָס איינמאָליקע פון אַ פערזענלעכקייט, דאָס איינמאָליקע, וועלכע מיר דאַרפן דערקלערן אויך אין דער באַראַטונג, געבנדיק שטענדיק אַכטונג אויף דעם, וואָס פאַר אַ גראַד פון ציבור=געפיל מיר דאַרפן דערגאַנצן.

דעסטילירט מען לשם אַ קורצן איבערבליק די פירנדיקע אידעען אין דעם אַנטוויקלונגס=פּראָצעס פון דער מענטשהייט, ביז עס בלײַבט זייער קווינט=עסענץ, געפינט מען דעמאָלט צו לעצט דרײַ פּאָר=

מאָלע באַוועגונגס־ליניעס, וועלכע גיבן מאָמענטנווייז און נאָך דער ריי יעדער מענטשלעכער טואונג איר ווערט. נאָך אַן אידילישן אפשר יאָר־הונדערט־טויזנט, ווען אַלס פועל־יוצא פון דעם „פאַרמערט אײַך” זײַנען צו ענג געוואָרן די פיטער־פּלעצער, האָט די מענטשהייט אויסגעפונען פאַר זיך אַלס אידעאַל פון דער אויסלייזונג דעם טיטאַן, דעם הערקולעס אָדער דעם אימפּעראַטאָר. ביז צום היינטיקן טאָג געפינט מען בײַ אַלע שיכטן — אין דעם העראָען־קולט, אין געשלעג־לוסט, אין מלחמה — דעם שטאַרקן אָפּקלאַנג פון פאַרקלונגענע צייטן, וואָס ווערט געלויבט בײַ הויך און נידעריק ווי דער בעסטער וועג צום אויפשטייג פון דער מענטשהייט. געבאָרן פון דער ענגשאַפט אין פיטער־פּלעצער, האָט דער דאָזיקער מוסקולערער דראַנג קאָנסעקווענט געפירט צו פּענטען און אויס־ראָטן דעם שוואַכערן. דער פויסטלער האָט ליב אַן איינפאַכן באַשייד: דאָרט, וווּ עס איז דאָ ווייניק פּאַשע, נעמט ער זי צו פאַר זיך. ער האָט ליב אַן איינפאַכן קלאָרן חשבון, ווייל אַזאַ פאַלט אויס לטובת אים. אין דעם קווערשניט פון אונדזער קולטור פאַרנעמט דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג אַ גרויסן אָרט. פרויען זיינען כמעט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פון די דירעקטע מיני טעטיקייטן, זיי קומען נאָר אין באַטראַכט ווי געווינע־רינס, באַוווּנדערינס און פלעגערינס. די פיטער־מיטלען זיינען אָבער גע־שטיגן ביז אַן אומהיימלעכער הייך. זיי שטייגן נאָך אַלץ. צי איז דער דאָזיקער גייסט פון אומקאָמפּליצירטן מאַכטשטרעבן שוין היינט אַן אַבסורד?

עס בלײַבט נאָך אויך די זאָרג פאַר דער צוקונפט, פאַר דעם נאָכוווּקס. דער פאָטער כאַפּט אַרײַן פאַר זײַנע קינדער, זאָרגט פאַר שפּעטערדיקע דורות. אויב ער זאָרגט פאַר דעם פינפטן דור, זאָרגט ער דעמאָלט גלײַכצײַטיק פאַר דעם נאָכוווּקס פון לכל הפחות 32 פּערזאָן פון זײַן דור, וועלכע האָבן די זעלבע רעכט אויף דעם דאָזיקן נאָכוווּקס.

סחורות ווערן איבערגעפירט. מען קען זיי פאַרוואַנדלען אין גאָלד. מען קען דעם סחורות־ווערט איבערגעבן אין גאָלד. מען קען קויפן די קראַפט פון אַנדערע. מען קען איבער זיי באַפעלן, נאָך מער, מען קען אַרויפדריקן אויף זיי אַן איבערצײַגונג, אַ זין פון לעבן. מען קען זיי דערציִען אין פאַרערונג פון קראַפט, פון גאָלד. מען קען זיי געבן געזעצן, וואָס שטעלן זיי אין דינסט פון דער מאַכט, פון פאַרמעגן.

אויך אין דער דאָזיקער ספערע שטייט די פרוי ניט שעפעריש בײַ דער אַרבעט. טראַדיציע און דערציִונג זײַנען געלייגט פאַר איר ווי פאַרצאַמונגען אין וועג. זי קען אָדער באַוווּנדערנדיק נעמען אָנטייל, אָדער שטיין אַנטוישט אַן אַ זײַט. זי קען זיך אונטערגעבן דער מאַכט,

אָדער, וואָס עס טרעפט על פּי רוב, זיך ווערן קעגן איר איינענער אָנ־מאַכט. דערבײַ דאַרף מען געדענקען, אַז דער אָפּוואַר פון איינצלנע פון זיי פאַלט אַרײַן דאָס רוב אין פאַלשע וועגן.

דאָס רוב מענער און פרויען קענען איינצײַטיק פאַרערן קראַפט און פאַרמעגן, איינע — אין אָנמעשימדיקער באַוואונדערונג, די אַנדערע — אין האָפענונגס־פולן שטרעבן. די פרוי איז אַוועקגעשטעלט אין אַ גרע־סערער דיסטאַנץ צו דער דערגרייכונג פון די דאָזיקע קולטור־אידעאַלן.

מיט דעם קראַפט־ און פאַרמעגן־פיליסטער פאַרט זיך אין האַרמאָ־נישן שטרעבן צו פאַרזענלעכן יתרון דער בילדונגס־פיליסטער. וויסן איז (אויך) מאַכט. די אומזיכערקייט פון לעבן האָט ביזאהער — בדרך כּלל — קיין בעסערן באַשייד ניט געפונען, ווי דאָס שטרעבן צו מאַכט. איצט איז די צײַט צו באַטראַכטן זיך, צי דאָס איז דער איינציקער, דער בעסטער וועג צו דער זיכערונג פון לעבן, צו דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. מען קען אויך לערנען אויס דער סטרוקטור פון דעם פרויען־לעבן, וואָרום די פרוי איז ביז היינט נאָך ניט קיין שותּף צו דער מאַכט פון דעם בילדונגס־פיליסטעריום.

און דאָך קענען מאַן און פרוי לײַכט פאַרשטיין, אַז בײַ אַ גלײַכ־ווערטיקער צוגרייטונג וואָלט די פרוי געקענט מיט ערפאָלג זײַן אַ שותּף צו דער מאַכט פון דעם פיליסטעריום. די פּלאַטאָנישע אידעע וועגן יתרון פון מוסקולקראַפט מוז דאָך שוין באמת אין אומפאַרשטאַנענעם (אומ־באַוווּסטן) האָבן פאַרלאָרן פון איר באַדײַטונג. ווי אַזוי וויל מען בכן קירעווען דעם שטילן און אָפענעם בונט פון דער פרויען־וועלט (דעם מענלעכן פּראָטעסט) אין זײַנע טויזנטערליי וואַריאַנטן לטובת דעם גאַנצן כּלל?

סוף כּל סוף לעבן מיר דאָך אַלע ווי די פּאַראַזיטן אויף די אומ־שטערבלעכע אויפטוען פון די קינסטלער, גאונים, דענקער, פאָרשער און אויפדעקער. זיי זײַנען די אייגנטלעכע פירער פון דער מענטשהייט. זיי זײַנען דער מאָטאָר פון דער וועלט־געשיכטע, מיר — די פּאַרטיילער. צווישן מאַן און פרוי האָט ביזאהער אַנטשיידט די קראַפט, דער פאַר־מעגן, די בילדונגס־גאווה.

פון דאַנען דער טומל און די סך ביכער וועגן ליבע און חתונה.

די גרויסע אויפטוען אָבער, פון וועלכע מיר לעבן, האָבן זיך שטענדיק געמאַכט אַ וועג אַלס העכסטער ווערט. זייער נצחון ווערט דאָס רוב ניט געפּײַערט אין גלאַנציקע ווערטער. אָבער אַלע געניסן פון אים. אין די דאָזיקע גרויסע אויפטוען האָבן אייגנטלעך זיכער אויך די פרויען אַ חלק. קראַפט, פאַרמעגן און בילדונגס־גאווה האָבן זיכער גע־

שטערט, אז זייער חלק זאָל זיין גרעסער. דורך דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער קונסט קלינגט אָבער אַ מענלעכע שטימע. דאָרט איז די פרוי אַ פאַרטרעטערין פון דעם מאַן און דערפאַר צווייטראַנגיק. אזוי לאַנג ביז איינע פון זיי וועט דאָרט אויפדעקן די ווייבלעכע שטימע, כדי זי צו אַנטוויקלען. אין צוויי אַרטן קונסט איז דאָס שוין געשען, אין טעאַטער און אין טאַנץ. דאָ קען זי געבן זיך ווי אַ פרוי, דאָ האָט זי אויך דערגרייכט די העכסטע אויפטוען.

8

טיפן פון שטרויכלונגען

איך נעם זיך נאָר מיט גרויסער פאָרזיכטיקייט צו אַ טיפּן־לערע, וואָרום עס קען זיך דערבײַ לײַכט פאַרגנבענען בײַ דעם לערנענדיקן די אילוזיע, אַז אַ טיפּ איז כּלומרשט עפּעס פעסט אין זיך געבונדנס, עטוואָס זעלבשטענדיקס, אין וועמענס יסוד עס ליגט מער, ווי אַן אַלגעמיין ענלעכע סטרוקטור. בלײַבט ער שטיין בײַ דעם און מיינט, אַז ווען ער הערט דאָס וואָרט פאַרברעכער, אָדער שרעקנעוראָז, אָדער סיזאָפרעניע, אַז ער האָט שוין עפּעס תּופס געווען פון דעם אינדיווי־דועלן פאַל,—דעמאָלט שנײַדט ער זיך ניט נאָר אָפּ די מעגלעכקייט פון אינדיווידועלער פאָרשונג, נײַערט, ער וועט זיך קיין מאָל ניט קענען אַרויסבאַקומען פון די אומפאַרשטייענדיש, וואָס קומען־אויף צווישן אים און דעם באַהאַנדלטן. די בעסטע אפשר פאַרשטענדעניש, וואָס איך האָב געווונען אין דער באַשעפטיקונג מיט דעם פּסיכישן לעבן, שטאַמען פון מײַן פאָרזיכטיקייט אין דעם באַנוץ פון דער טיפּן־לערע, אַ באַנוץ, וועלכער קען ניט נאַטירלעך לגמרי אויסגעמיטן ווערן, וועלכער מאַכט פאַר אונדז מעגלעך די אַלגעמיינע, אשטייגער, גענערעלע דיאַגנאָסטיק, קען אָבער אונדז ווייניק זאָגן וועגן דעם ספּעציעלן פאַל און זײַן באַ־האַנדלונג. צום בעסטן טוט דער, ווער עס גערענקט שטענדיק, אַז אין יעדן פאַל פון אַ שטרויכלונג האָבן מיר צו טאָן מיט סימפּטאָמען. אין אַנבליק פון אַן עקזאָגענעם פאַקטאָר, וועלכער האָט פאַרלאַנגט אַ גרעסערן ציבור־געפיל, ווי דער אינדיוויד האָט אין זײַן קינדהייט פאַרגרייט, וואַקסן אַרויס פון אַ ספּעציעלן פּחיתות־געפיל, וועלכן מען דאַרף אויסגעפינען, אָט די סימפּטאָמען פון יתרון־קאָמפּלעקס.

הויבן מיר אָן מיט „די שווער דערציִעוודיקע קינדער". מען רעדט וועגן דעם דאָזיקן טיפּ נאַטירלעך דעמאָלט, ווען עס האָט זיך במשך פון אַ לענגערער צײַט אַרויסגעוויזן, אַז אַ קינד פּאַסט זיך ניט אַרײַן אַלס

גלײַכבארעכטיקטער אָנטײלנעמער אין מיטארבעט. עס פעלט דער ציבור־געפיל, הגם על פי יושר איז מען אַפּט געצווונגען פעסטצושטעלן, אַז אַ ציבור־געפיל, וואָס איז געווען פאר דורכשניטלעכע פארהעלטענישן, באַפרידיקט שוין ניט אין רעזולטאַט פון אַן אומגערעכטער אָנשפּאַנונג אין שטוב אָדער אין שול. דער דאָזיקער פאַל איז אַן אָפטער און איז אַלגעמיין באַקאַנט אין זײַנע דערשײַנונגען. מיר קענען פון דעם עפּעס לערנען וועגן דעם ווערט פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג, כדי צו זײַן צוגעגרייט צו שווערערע פאַלן. אַ פּרוּווּנג פון דעם אינדיוויד, עקספּערימענטעל, גראַפאָלאָגיש, בכן אָפּגעריסן פון זײַן סביבה, קען זײַן די סיבה פון גרויסע טעותים און באַרעכטיקט באין אופן ניט צו מאַכן דעם אַזוי איזאָלירטן אינדיוויד ספּעציעלע פאָרשלאָגן אָדער אויף וועלכן ס׳איז אופן אים קלאַסיפיצירן. בײַ אַזעלכע און ענלעכע פאַקטן ווערט קלאָר, אַז דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָג מוז זיך אײַנשאַפן אַ גענוגנדיקע קענטניש פון אַלע מעגלעכע סאָציאַלע שייכותן און קריזיסן, כדי צו קענען ריכטיק זען. מען קען גיין נאָך ווײַטער און פאָדערן, אַז דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָג מוז פאַרמאָגן אַ מיינונג וועגן זײַנע אויפגאַבן, אַ מיינונג וועגן די פאָדערונגען פון לעבן, אַ וועלט־אָנשויונג, וועלכע שטרעבט צום וויל פון כלל.

איך האָב פאַרגעשלאָגן אַן אײַנטײלונג פון די שווער־דערציִעוודיקע קינדער, וועלכע האָט זיך ארויסגעוויזן אין געוויסע הינזיכטן פאר נוצלעך: אין מער פּאַסיווע, ווי פוילע, אָפּגעטעמפּטע, פאָלגעוודיקע אָדער אָפּהענגיקע, אין אומדרײַסטע, שרעקעוודיקע, ליגנערישע און ענלעכע קינדער, און אין מער אַקטיווע, ווי הערשגיריקע, אומגעדולדיקע, אויפגערעגטע און גענייגטע צו אַפעקטן, אין שטערערישע, אכזריותדיקע, באַרימערישע, אין וואַגאַבונדן, גנבישע, סעקסועל גרינג גערייצטע וכדומה. מען דאַרף זיך דערבײַ ניט פּילפּלען, נײַערט אינם פּרט־פאַל פּרוּוון זיך פאַרשאַפן די זיכערקייט, וועלכן גראַד פון אַקטיווקייט מען קען בערך פעסטשטעלן. דאָס איז נאָך מער וויכטיק דאָ, ווען מען קען דערוואַרטן און באַמערקן אין פאַל פון אַ פאַרעלטערטער געשטרויכלטקייט בערך דעם זעלבן גראַד פון געשטרויכלטער אַקטיווקייט, ווי אין דער קינדהייט. בײַ קינדער מיט גענוגנדיקן ציבור־געפיל וועט מען געפינען דעם בערך ריכטיקן גראַד פון אַקטיווקייט, וואָס דאָ הייסט ער מוט. אויב מען באַמיט זיך אויסצוגעפינען דעם דאָזיקן גראַד פון אַקטיווקייט אין טעמפּעראַמענט, אין דער שנעלקייט אָדער לאַנגזאַמקייט פון דעם פאָרויסגאַנג, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז אויך די דאָזיקע אויסדרוק־פאָרמען זײַנען טיילן פון דעם גאַנצן לעבן־סטיל, דערפאַר טרעטן זיי אַרויס בײַ אַ געלונגענער בעסערונג.

מאַדיפיצירט. מען וועט ניט איבערראשט זײַן, ווען מען וועט אויפדעקן צווישן נעוראָטיקער אַ סך אַ גרעסערע פּראָצענט־נאָרמע פון פּאַסיווע קינדער־פעלערס, צווישן פאַרברעכער — אַקטיווע.

די השערה, אַז עס קען צושטאַנד קומען אַ שפּעטערדיקע שטרויכלונג אָן שוווער־דערציִעוודיקייט, וואָלט איך צוגעשריבן צו אַ טעותדיקער אָבסערוואַציע. גענווים קענען אין אַן אויסנאַמלעכן אופן גינציקע דרויסנדיקע פאַרהעלטענישן פאַרדעקן דאָס אַרויסשווימען פון אַ קינדער־פעלער, וואָס ווײַזט זיך אָבער בײַ אַ שטרענגערן פּרווו גלײַך אַרויס. מיר גיבן בכל אופן אָפּ די בכורה די פּרוווונגען, וועלכע דאָס לעבן שטעלט אוועק איבער די עקספּערימענטעלע, ווײַל דערבײַ ווערט ניט פאַרזען דער צוזאַמענבונד מיטן לעבן.

קינדער־פעלער, וועלכע געהערן צום גבול פון דער מעדיצינישער פּסיכאָלאָגיע, געפינען זיך, אָפּגעזען פון פאַלן פון אַ ברוטאַלער באַהאַנדלונג, כמעט אויסשליסלעך בײַ פאַרצערטלטע אָפּהענגיקע קינדער און קענען זײַן פאַרבונדן מיט גרעסערער אָדער קלענערער אַקטיווקייט. אַזוי איז נעצן אין בעט, שוועריקייטן מיטן עסן, אויסשרײַען בײַנאַכט, פאַרקײַכן זיך, עצירות, פאַרײַקען זיך וכדומה. זיי דריקן זיך אויס ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער אויפוואַכונג צו זעלבשטענדיקייט און מיטאַרבעט און פאָדערן אַרויס פון אַנדערע אונטערשטיצונג. אויך קינדערשע מאַסטורבאַציע, געפירט ווײַטער אַ לענגערע צײַט ניט געקוקט אויף דער אויפדעקונג, כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן דוחק אין ציבור־געפיל. מען וועט קיינמאָל ניט האָבן געטאָן געניג, אויב מען האַלט זיך בלויז אָן די סימפּטאָמען און מען פּרוווט אויסראָטן בלויז דעם פעלער. דער זיכערער ערפאָלג קען דערוואַרט ווערן נאָר פון אַ פאַרשטאַרקונג פון דעם ציבור־געפיל.

אויב די מער פּאַסיווע קינדער־פעלער און שוועריקייטן ווייזן שוין אַרויס אַ קרובישן שטריך צום נעוראָז: די שטאַרקע באַטאָנונג פון „יאָ", די שטאַרקערע באַטאָנונג פון „אָבער", טרעט דעמאָלט דײַטלעכער אַרויס דער צוריקצי פון די לעבנס־פּראָבלעמען אין דעם נעוראָז אָן אַן אָפענער באַטאָנונג פון דעם יתרון־קאָמפּלעקס. מען קען שטענדיק באַמערקן אַ פאַרטריבן־זײַן הינטער דעם פראָנט פון לעבן, אַ דערווײַטערונג פון מיטאַרבעט אָדער דאָס זוכן פאַרלײַכטערונגען און אויסריידן אויף דעם פאַל פון קנאַפּער געראַטנקייט. די דויערנדיקע אַנטוויקלונג, די מורא פאַר נײַע אַנטוישונגען און מפּלות ווײַזט זיך אין דעם האַלטן זיך פעסט בײַ שאָק־סימפּטאָמען, וועלכע זיכערן דאָס ווײַט־בלײַבן פון באַשיידונגען פון ציבור־פּראָבלעמען. אַן אַנדערש מאָל, ווי אָפט אין דעם צוואַנגס־נעוראָז, דערגייט דער קראַנקער ביז צו אָנמעכטיקע קללות, וואָס גיט אויס זײַן

אומצופרידנקייט מיט אנדערע. טאמער האט מען ניט דערזען די קראנקהאפטיקע שפירונג פון דער פײַנטלעכקייט פון לעבן אין דעם דערווײַטערן זיך פון די לעבנס־פראבלעמען, דער מוז עס דערזען אין דעם פארפאלגונגס־משוגעת. געדאנקען, געפילן, אורטיילן און אנשווינגען גייען שטענדיק אין דער ריכטונג פון דעם צוריקציַ אזוי, אז יעדערער קען דײַטלעך באמערקן: דער נעווראז איז א שעפערישער אקט און ניט קיין אומקער אין אינפאנטילע אדער אטאוויסטישע פארמען. דער דאזיקער שעפערישער אקט, וואס זײַן טרעגער איז דער לעבן־סטיל, דער זעלבסט־געשאפענער באוועגונגס־געזעץ, געצילט שטענדיק אין וועלכער־ס׳איז פארם צו יתרון, איז אויך דער, וועלכער באמיט זיך אין פארשיידנארטיקע אופנים, ווידער אנטשפרעכנדיק צום לעבן־סטיל, צו לייגן פאר דער היילונג שטערונגען אין וועג ביז די איבערצײַגונג, דער common sense געווינט בײַם פאציענט די אייבערהאנט. ניט זעלטן איז דער געהיימער ציל פון יתרון, ווי איך האב אויפגעדעקט, באהאלטן אין דעם האלב טרויערפולן, האלב טרייסטנדיקן אויסקוק: וואס וואלט דער פאציענט ניט אויפגעטאן, ווען זײַן איינציקארטיקער שווונג וואלט ניט געמאכט געווארן צו נישט דורך א קלייניקייט, על־פי־רוב דורך דער שולד פון אנדערע. אין דער תקופה, וואס גייט פאראויס דער שטרויכלונג, קען מען בײַ א געוויסער דערפארנקייט שטענדיק געפינען פחיתות־געפילן פון א העכערן גראד, און דאס שטרעבן צו פערזענלעכן יתרון און א קנאפן ציבור־געפיל. דער צוריקציַ פון די לעבנס־פראבלעמען ווערט בשלימות דורכגעפירט אין זעלבסט־מארד. אין זײַן פסיכישער סטרוקטור ליגט אקטיווקייט, פאר קיין פאל ניט מוט; אן אקטיווער פראטעסט קעגן נוצלעכער מיטארבעט. דער קלאפ, וואס עס טרעפט דעם זעלבסטמערדער, טרעפט אויך די אנדערע. דער פאראויס־שטרעבנדיקער ציבור וועט זיך שטענדיק פילן פארוואונדיקט פון א זעלבסטמארד. די עקזאגענע פאקטארן, וואס מאכן אויסלעשן דעם צו קליינעם ציבור־געפיל, זײַנען פארבונדן מיט די פון אונדז אנגעוויזענע דרײַ גרויסע לעבנס־פראבלעמען. אין אלע פאלן ברענגט דער דוחק אין אנערקענונג, די דורכגעלעבטע מפלה, אדער די שרעק פאר איר אין איינער פון די דרײַ לעבנס־פראגן דעם זעלבסטמארד אדער דעם פארלאנג צו טויט.

צומאלס איז אים מקדים א פאזע פון דעפרעסיע אדער מעלאנכאליע. אין יאר 1912 האב איך פארענדיקט מײַן אויספארשונג וועגן דער נארוואס דערמאנטער גײַסטיקער קראנקהייט און געקענט פעסטשטעלן, אז יעדע עכטע מעלאנכאליע (זע: Adler, Praxis und Theorie der Individualpsychologie, 1. C.), ווי זעלבסטמארד־דראונגען און זעלבסטמארד,

שטעלן פאַר דעם פיינדלעכן אָנגריף אויף אַנדערע ביי אַ צו קליינעם ציבור=געפיל. דער ביישטייער פון דער אינדיווידואַל=פסיכאָלאָגיע האָט שפּעטער אויסגעלייגט אַ וועג פאַר דער צוקונפט צו אַ בעסערער פאַרשטענדעניש פון דעם דאָזיקן פּסיכאָז. אַזוי ווי דער זעלבסטמאָרד, מיט וועלכן דער דאָזיקער פּסיכאָז ענדיקט זיך, ליידער, אָפט, איז דער פּסיכאָז גופא דאָס אַוועקשטעלן אַ פאַרצווייפלונגס=אַקט אויפן אָרט פון אַלגעמיין נוצלעכער מיטאַרבעט. דאָס פאַרלירן דעם פאַרמעגן, אַן אַרבעטס=פּאָסטן, אַנטטוישונג אין דער ליבע, דערנידעריקונגען פון יעדן מין קענען דערפירן דעם דאָזיקן פאַרצווייפלונגס=אַקט, ביי אַן אַנטשפּרעכנדיקן באַוועגונגס=געזעץ, צו אַ פאָרם, אין וועלכער דער באַטרעפנדיקער שרעקט זיך אויך ניט אָפּ פאַר מקריב זיין זיינע נאָענטע אָדער אַנדערע מענטשן. דער מענטש מיט אַ פּסיכאָלאָגיש פיינעם געהער וועט דערשפּירן, אַז דאָ גייט וועגן מענטשן, וועלכע ווערן פון לעבן לייכטער ווי אַנדערע אַנטטוישט, ווייל זיי דערוואַרטן צופיל. לויט דעם קינדערשן לעבן=סטיל וואָלט מען אין זייער קינדהייט געדאַרפט מיט רעכט דערוואַרטן אַ הויכן גראַד פון אויפטרייסלעוודיקייט מיט אַ לאַנג דויערנדיקער פאַרשטערטער שטימונג (דערשלאָגנקייט) אָדער מיט אַ נטיה צו זעלבסטשעדיקונג, ווי אויך צו באַשטראָפן אַנדערע. די שאָק=ווירקונג, וואָס איז אַ סך גרעסער אין פאַרגלייך מיט דער נאָרמע, רופט אַרויס, ווי נייערע פאָרשונגען האָבן באַשטעטיקט, אויך קערפּערלעכע ענדערונגען, וועלכע וואָלטן אייגנטלעך געדאַרפט שטיין אונטער דער השפּעה פון דעם וועגעטאַטיוון און ענדאָקרינעם סיסטעם. ביי אַ גענויערער אויספאָרשונג וועט זיך זיכער אַרויסווייזן, ווי אין דאָס רוב פון מיינע פאַלן, אַז אָרגאַן=פחיתותדיקייטן און נאָך מער אַ פאַרצערטלענדיקער רעזשים אין דער קינדהייט האָבן פאַרפירט דאָס קינד צו אַזאַ מין לעבן=סטיל און האָבן איינגעשרומפּן די אַנטוויקלונג פון אַ גענוגנדיקן ציבור=געפיל. ניט זעלטן קען מען ביי זיי אויפווייזן אַן אָפענע אָדער פאַרבאָרגענע נטיה צו כעס=אויסבראָכן און צו ווייזן בריהשאַפט ביי קליינע און גרויסע אויפגאַבן אין זייער גאַנצער סביבה, און אַ מאַנגען דרך=ארץ פאַר דער אייגענער ווערדע.

אַ זיבעצן=יאָריקער יינגל, דער י ִ נ ג ס ט ע ר אין דער משפחה, אויסערגעוויינלעך פאַרצערטלט דורך דער מוטער, איז איבערגעבליבן, בעת די מוטער האָט געמוזט מאַכן אַ רייזע, אונטער דער השגחה פון אַן עלטערער שוועסטער. ער האָט גראַד געהאַט צו קעמפן אין שול מיט כלומרשט ניט=ביי צוקומענדיקע שוועריקייטן. אין איינעם אַן אָוונט, בעת די שוועסטער האָט אים איבערגעלאָזט אַליין אין דער

היים, איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט איבערגעלאָזט אַזאַ בריוו: „זײַ ניט מודיע דער מוטער, וואָס איך האָב געטאָן. איר איצטיקער אַדרעס איז... זאָג איר, ווען זי וועט צוריקקומען, אַז דאָס לעבן האָט מיך מער ניט געפרייט, און אַז זי זאָל מיר יעדן טאָג ברענגען בלומען אויף מײַן קבר".

אַן אַלטע אומהיילבאַרע קראַנקע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דערפאַר, ווײַל איר שכן האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט זײַן ראַדיאָ.

דער שאָפער פון אַ רײַכן מאַן האָט זיך דערוווּסט בײַ יענעמס טויט, אַז ער וועט ניט באַקומען אַ צוגעזאָגטן ירושה-טייל, האָט ער אומגעבראַכט זײַן פרוי און זײַן טאָכטער און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אַ 56-יאָריקע פרוי, וועלכע איז אַלס קינד און שפּעטער פון איר מאַן שטענדיק געווען פאַרצערטלט און האָט אויך געשפּילט אַ גלענצנדיקע ראָלע אין דער געזעלשאַפט, האָט זייער געליטן נאָך איר מאַנס טויט. אירע קינדער זײַנען געווען אויסגעגעבענע און זײַנען ניט געווען שטאַרק גענייגט צו זײַן אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט דער מוטער. אין אַן אומגליקספאַל האָט זי צעבראָכן דעם פוס. אויך נאָך דער אויסהיילונג איז זי געבליבן ווײַט פון דער געזעלשאַפט. עס איז איר גראָד אײַנגעפאַלן דער געדאַנק צו זוכן אויף אַ וועלט-רײַזע פרײַנדלעכע אָנרעגונגען, וועלכע האָבן איר געפעלט אין דער היים. עס האָבן זיך געפונען צוויי פרײַנדינס, וואָס זײַנען געווען גרייט צו פאָרן מיט איר. אין גרעסערע שטעט פון קאָנטינענט פלעגן איר די פרײַנדינס מחמת איר שווער-באַוועגלעכקייט איבערלאָזן שטענדיק אַליין. זי איז אַרײַנגעפאַלן אין אַן אויסערגעוויינלעך שווערער שטימונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן ביז צו מעלאַנכאָליע. זי האָט אַרויסגערופן איינס פון אירע קינדער, אַנשטאָט אים איז געקומען אַ קראַנקן-שוועסטער, וועלכע האָט זי געבראַכט אַהיים. איך האָב געזען די פרוי נאָך דרײַ יאָר לײַדן אָן אַ סימן פון בעסערונג. איר עיקר באַקלאָגן זיך איז געווען, אַז די קינדער מוזן שטאַרק לײַדן פון איר קראַנקייט. די קינדער פלעגן אָפּבײַטן איינע די אַנדערע אין זייערע באַזוכן, אָפּגעטעמפּט אָבער דורך דעם דויער פון זייער מוטערס לײַדן, האָבן זיי ניט אַרויסגעוויזן קיין איבעריק גרויסן אינטערעס. די קראַנקע האָט כּסדר אַרויסגעבראַכט זעלבסטמאָרד-געדאַנקען און האָט ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דער צו גרויסער זאָרגעוודיקייט פון די קינדער. עס איז געווען לײַכט צו זען, אַז די פרוי האָט גענאָסן מער זאָרגעוודיקייט איידער פאַר איר קראַנק-ווערן, אויך דאָס, אַז איר אָנערקענונג פון די קינדערס זאָרגעוודיקייט שטייט אין סתירה מיטן אמת, ספּעציעל

מיט יענער איבערגעבנקייט, וואָס זי האָט אַלס פאַרצערטלטע פרוי דער־וואַרט. שטעלט מען זיך אויף איר אַרט, קען מען פאַרשטיין, ווי שווער עס איז אָנגעקומען דער דאָזיקער פרוי מוותר צו זײַן אַפילו נאָך אויף דער זאָרגעוודיקייט, וואָס איז אַזוי שווער אײַנגעקויפט געוואָרן דורך איר קראַנקייט.

אַן אַנדער אַרט פון אַקטיוויקייט, געווענדט ניט קעגן דער אייגענער פּערזאָן, נאָר קעגן אַנדערע, באַקומען פּריצײַטיק קינדער, וועלכע פאַלן אַרונטער דער מיינונג, אַז אַנדערע זײַנען כּלומרשט זייערע אָביעקטן, און זיי דריקן אויס זייער מיינונג דורך דעם, וואָס זיי באַדראָען דורך זייער האַלטונג דעם פאַרמעגן, די אַרבעט, דעם געזונט און דעם לעבן פון אַנדערע. ווי ווײַט זיי גייען אין דעם, איז ווײַטער געווענדט אָן דעם גראַד פון זייער ציבור־געפיל. און אין איינצל־פאַל וועט מען שטענדיק דאַרפן פונדאַסנײַ נעמען אין באַטראַכט דעם דאָזיקן פונקט. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע אָנשווייזונג וועגן זין פון לעבן, וואָס ווערט קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט אין צוגעקליבענע ווערטער און ווערט אויס־געדריקט דורך געדאַנקען, געפילן און שטימונגען, דורך כאַראַקטער־שטריכן און האַנדלונגען, מאַכט פאַר זיי שווערער דאָס ווירקלעכע לעבן מיט זיינע פאָדערונגען פון ציבורדיקייט. אין דער דערוואַרטונג פון אַ תּיכּפדיקער באַפרידיקונג, וואָס מען פילט ווי אַ באַרעכטיקטע, איז שטענדיק דאָ די שפּירונג פון דער פּײַנלעכקייט פונם לעבן. צו דעם קומט נאָך צו דאָס, וואָס די דאָזיקע שטימונג פאַרבינדט זיך ענג מיט דעם געפיל פון באַרויבט־זײַן, מחמת וואָס עס בלייבן אין אַ הויכן גראַד וואַך קינאה, אייפערזוכט, גיריקייט און אַ שטרעבונג צו באַהערשן דעם אויסגעקליבענעם קרבן. היות צוליב דעם קנאַפּן ציבור־געפיל בלייבט הינטערשטעליק דאָס שטרעבן צו נוצלעכער אַנטוויקלונג, עס בלייבן ניט רעאַליזירט די שטאַרקע דערוואַרטונגען, געשפּייזט דורך דער יתרון־באַרוישונג, זיינען אַפעקט־געשטייגערטקייטן אָפּט די סיבה פון אָנגריפן אויף אַנדערע. ווי נאָר עס ווערט דערשפּירט דאָס צוזאַמענברעכן זיך אויף דער ליניע פון דעם ציבור, אין דער שול, אין דער געזעלשאַפט, אין דער ליבע, ווערט דער פּחיתות־קאָמפּלעקס אַ דויערנדיקער.

אַ העלפט פון די מענטשן, וואָס דערגייען צו פאַרברעכנס, זיינען אומגעלערנטע אַרבעטער און זיינען שוין אין שול געווען הינטערשטעליק; אַ גרויסע צאָל רעגיסטרירטע פאַרברעכער לײַדט פון געשלעכט־קראַנ־קייטן, אַ סימן פון אַ ניט־צופרידנשטעלנדיקן באַשייד פון דעם ליבע־פּראָבלעם. זיי זוכן זיך חברים נאָר צווישן זייער גלײַכן און ווײַזן אַזוי־אַרום אַרויס די באַגרענעצטקייט פון זייערע פרײַנדשאַפט־געפילן. זייער

יתרון=קאָמפּלעקס שטאַמט פון דער איבערצייגונג, אַז זיי זיינען יתרונדיק לגבי זייערע קרבנות און אַז זיי קענען ביי אַ גרעסטענער שטיקל אַרבעט מאַכן צו נאַר די געזעצן און זייערע אָרגאַנען. אין דער אמתן איז ניטאָ אַזאַ פאַרברעכער, וועלכער זאָל ניט האָבן אויף זיין געוויסן מער, ווי מען קען אים אויפווייזן, אָפּגעזען שוין אינגאַנצן פון דער שפע פאַרברעכנס, וועלכע ווערן קיינמאָל ניט אויפגעדעקט. דער פאַרברעכער באַגייט זיין אַקט אין דער אילוזיע, אַז ער וועט ניט אויפגעדעקט ווערן, אויב ער וועט זיך נאָר ריכטיק נעמען צו דעם. כאַפּט מען אים, איז ער פעסט איבערצייגט, אַז ער האָט דורכגעלאָזן אַ קלייניקייט, צוליב וואָס ער איז אויפגעדעקט געוואָרן. גייט מען נאָך אויף צוריק נאָך די שפּורן פון דער פאַרברעכערישער נטיה אין דעם קינדערשן לעבן, טרעפט מען דעמאָלט לעבן דער פּריציפּיטיקער שלעכט אָנגעווענדטער אַקטיוויקייט מיט אירע פיינדלעכע כאַראַקטער=שטריכן און לעבן דעם דוחק אין ציבור=געפיל— אָרגאַן=פחיתותדיקייטן, פאַרצערטלונג און פאַרלאָזטקייט, ווי גורמים, וואָס פאַרפירן צו דער אַנטוויקלונג פון דעם פאַרברעכערישן לעבן=סטיל. די אָפטסטע אפשר סיבה איז פאַרצערטלונג. אַזוי ווי אַ בעסערונג פון לעבן=סטיל קען קיינמאָל ניט זיין אויסגעשלאָסן, איז אויך נייטיק אומצופאַרשן יעדן איינצלנעם פאַל בנוגע דעם גראַד פון זיין ציבור=געפיל און נעמען אין באַטראַכט די שווערקייט פון דעם עקזאָגענעם פאַקטאָר. קיינער גיט זיך ניט אַזוי גרינג אונטער דער סכנה פון אַ ניסיון, ווי אַ פאַרצערטלט קינד, וואָס איז טרענירט צו באַקומען אַלץ, וואָס עס וויל. מען מוז קלאָר באַנעמען די גרייס פון דעם ניסיון, וואָס שלאָגט זיך אָפּ ביי אַ מענטשן, וואָס איז באַלאָדן מיט אַ פאַרברעכערישער נטיה, נאָך געפערלעכער דעמאָלט, ווען ער דיספּאָנירט מיט אַקטיוויקייט. אויך אין פאַל פון אַ פאַרברעכן איז קלאָר, אַז מיר מוזן באַנעמען דעם אינדיווידו אין זיין שייכות צו די געזעלשאַפטלעכע צושטאַנדן. אין אַ סך פאַלן וואָלט געקענט זיין געניג דער פאַראַנענער ציבור=געפיל, כדי צו דערוויטערן אַ מענטשן פון פאַרברעכן, אויב עס ווערן ניט געשטעלט קיין צו גרויסע פאָדערונגען צו זיין ציבור=געפיל. דער דאָזיקער טעם דערקלערט אויך, פאַרוואָס אין שלעכטע פאַרהעלטענישן באַקומט זיך אַ באַדייטנדיקע געשטייגערטקייט פון דער צאָל פאַרברעכנס. אַז דער טעם איז ניט די סיבה פון די פאַרברעכנס, ווייזט דער פאַקט, וואָס אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מען אויך אין דער צייט פון דער פּראָספּעריטי געקענט פאַרצייכענען אַן אויפשטייג פון דער צאָל פאַרברעכנס דערפאַר, ווייל די צוציִונגען צו אַ גרינגן און גיכן רייך=ווערן זיינען געווען זייער אַ סך. דאָס, וואָס ביים זוכן די סיבות פון דער פאַרברעכן=נטיה

אין דער קינדהייט, שטויסט מען זיך אָן אויף דער שלעכטער סביבה; דאָס, וואָס מען געפינט אין באַשטימטע באַצירקן פון דער גרויסער שטאָט אַן אָנזאַמלונג פון פאַרברעכנס, דאַרף באין־אופן ניט פירן צו דער מסקנא, אַז דאָ האָט מען געפונען די סיבה. עס איז אדרבא גרינג אײַנצוזען, אַז אין אַזעלכע תּנאים איז שווער צו דערוואַרטן אַ גוטע אַנטוויקלונג פון דעם ציבור־געפיל. מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן, ווי חסרונותדיק עס איז די צוגרייטונג פון אַ קינד צו זײַן שפּעטערדיקן לעבן, ווען עס וואַקסט אויס פּריצײַטיק, אַזוי־צו־זאָגן, אין אַ פּראָטעסט קעגן לעבן, אין דחקות און נויט און זעט פאַר זיך טעגלעך דאָס בעסערע לעבן פון אַנדערע אין דער נאָענטסטער שכינות, און באַקומט נאָך דערבײַ אויך ניט קיין שום שטיצע אין דער אַנטוויקלונג פון זײַן ציבור־געפיל. אַ זייער גוטע באַלערעוודיקע אילוסטראַציע צו דעם גיט די אויספאָרשונג פון ד״ר יאָנג (Joung) וועגן דער אויספאָרמירונג פון פאַרברעכן אין אײַנגעוואַנדערטער סעקטע. אין דעם ערשטן דור, וואָס האָט געלעבט אָפּגעזונדערט און באַשיידן, איז ניט געווען קיין איין פאַרברעכער. אין דעם צווייטן דור, וועמעס קינדער עס האָבן שוין באַזוכט די אַלגעמיינע שולן, אָבער זײַנען נאָך אַלץ געווען דערצויגן אין די טראַדיציעס פון זייער סעקטע, אין פרומקייט און אין באַשיידנקייט, האָט זיך שוין באַוויזן אַ גרעסערע צאָל פאַרברעכער. אין דעם דריטן דור איז געווען אַ מאָומדיק גרויסע צאָל פאַרברעכער.

אויך דער „געבאָרענער פאַרברעכער" איז אַן אָפּגעלעבטע קאַטעגאָריע. מען קען קומען צו אַזעלכע טעותים אָדער צו דער אידעע פון דעם פאַרברעכער אויס שולדגעפיל נאָך דעמאָלט, ווען מען נעמט ניט אין אַכט אונדזערע אויספירן, וועלכע ווײַזן כּסדר אויף דעם שווערן פּחיתות־געפיל אין דער קינדהייט, אויף דער אויספאָרמירונג פון דעם יתרון־קאָמפּלעקס און אויף דעם קנאַפּ אַנטוויקלטן ציבור־געפיל. צווישן די פאַרברעכער טרעפט מען אַ גרויסע צאָל סימנים פון אָרגאַן־פּחיתות און גרעסערע וואַקלונגען אין הויפּט־שטאָפּבײַט אין דער שאַקווירקונג צוליב אַ פאַרמשפּטונג, ווי וואַרשײַנלעכע סימנים פון אַ קאָנסטיטוציע, וואָס דערגייט שווערער ווי אַנדערע צו גלײַכוואָג. מען געפינט אַ זייער גרויסע צאָל מענטשן, וועלכע זײַנען געוואָרן פאַרצערטלט אָדער וועלכע בענקען נאָך פאַרצערטלונג. און מען געפינט אַמאָל צווישן זיי די געוועזענע פאַרוואָרלאָזטע קינדער. אויב מען גייט נאָר ניט צו צו דער פראָווונג מיט אַ פּראַזע, מיט אַן ענגער פאָרמל, וועט מען זיך שטענדיק קענען איבערצײַגן אין די דאָזיקע פאַקטן. דער פאַקט פון אָרגאַן־פּחיתות ווײַזט זיך ניט איין מאָל אויספאַלנדיק אַרויס אין דער העכ־

לעבקייט פון פארברעכערס. אין אַנבליק פון די פיל שיינע, וואָס מען טרעפט צווישן פארברעכער, וועקט זיך אויף דער חשד אויף פארצערט־לונג, וואָס מוז נאָך אָבער ווערן כּסדר באַשטעטיקט.

אזא מין שיינער בחור איז געווען נ., וועלכער איז נאָך 6 חדשים אַרעסט אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי אויף אַ פּראָבע. זיין פארברעכן איז געווען אַ גנבה פון אַ באַדייטנדיקער סומע פון זיין שעפס קאַסע. ניט געקוקט אויף דער גרויסער געפאַר צו מוזן ביי אַ וויטערדיקן שטראָף־פאַל אָפּזיצן זיינע דריי יאָר, האָט ער אין אַ קורצער צייט אַרום ווידער געגנבעט אַ קליינע סומע. איידער די זאַך איז מפורסם געוואָרן, האָט מען אים געשיקט צו מיר. ער איז געווען דער עלטסטער זון פון זייער אָן ערנווערדיקער משפּחה, דער פארצערטלטער ליבלינג פון זיין מו־טער. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַמביציעז און האָט אומעטום געוואָלט שפּילן דעם פירער. פריינד האָט ער פאַר זיך געזוכט נאָר אַזעלכע, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זיין ניוואָ. און אויף אַזאַ אופן האָט ער אויסגעגעבן זיין פּחיתות־געפיל. אין זיינע פריסטע קינדהייט־זכרונות איז ער שטענדיק געווען דער באַקומענדיקער. אין דער לאַגע, אין וועלכער ער איז באַגאַנגען די גרויסע גנבה, האָט ער געזען אַרום זיך די רייכסטע לייט, אין דער צייט ווען זיין פאָטער האָט פאַרלאָרן זיין שטעלע און ניט געקענט ווי פריִער זאָרגן פאַר דער משפּחה. חלומות וועגן פליען און געחלומטע סיטואַציעס, אין וועלכע ער איז געווען דער העלד, כאַראַקטעריזירן זיין אַמביציעזן שטרעבן און צוגלייך זיין גלויבן אין זיין גוטן מזל. ביי אַ רייצנדיקער געלעגנהייט איז געקומען די גנבה מיט דעם מיין צו קענען זיך איצט וויזן יתרונדיק פאַר דעם פאָטער. די צווייטע קליינע גנבה איז געקומען ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער פּראָבע־צייט און קעגן דער אונטערגעאָרדנטער פּאָזיציע, וועלכע ער האָט איצט פאַרנומען. בעת ער איז געזעסן אין תּפיסה, האָט זיך אים איינמאָל געחלומט, אַז מען האָט דערלאַנגט אים זיין באַליבטע שפּייז; ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אין חלום, אַז אין תּפיסה איז דאָס ניט מעגלעך. חוץ גיריקייט קען מען לייכט אַרויספילן פון דעם דאָזיקן חלום אויך זיין פּראָטעסט קעגן דעם פּסק־דין.

וויניקער אַקטיווקייט וועט מען בדרך כּלל געפינען ביי נאַרקאָ־מאַנען. סביבה, צורייזונג, באַקאַנטשאַפט מיט סמען, ווי מאָרפיום,

קאָקאַין, ביי קראַנקייטן אָדער אין מעדיציניש באַרוף, ווייזן זיך אַרויס ווי געלעגנהייטן, וועלכע ווערן אָבער אויסגענוצט בלויז אין אַזעלכע סיטואַציעס, אין וועלכע דער בעל־דבר שטייט פאַר אַ פּראָבלעם, וואָס ווייזט אים אויס צו זיין אומבאַשיידלעך. ענלעך ווי ביי זעלבסטמאָרד, איז אָפט דאָ פאַראַן דער פאַרשלייערטער אַנגריף אויף אַנדערע, וועלכע האָבן די זאָרג איבער דעם באַפאַלענעם. ווי איך האָב געוויזן, וואָלט אין שיכּרות געדאַרפט שפּילן אַ ראָלע אַ ספּעציעלער טעם־קאָמפּאָנענט, פּונקט אַזוי ווי די לחלוטנדיקע אַבסטינענץ ווערט געווים ממשותדיק פאַרגרינגערט דורך דעם, וואָס עס פעלט די צונייגונג צו אַלקאָהאָל. די התחלה פון נאַרקאָמאַניע ווייזט גאַנץ אָפט, אויב ניט קיין אַנטוויקלטן יתרון־קאָמפּלעקס, אַ שווערן פּחיתות־קאָמפּלעקס, וועלכער האָט זיך שוין אין אַ געוויסער מאָס דייטלעך אַרויסגעוויזן פריִער אין אומדרייסטקייט, אַליין־בלייבן, איבערשפּירעוודיקייט, אומגעדולד, רייצעוודיקייט און נערוועַישע סימפּטאָמען, ווי שרעק, דעפּרעסיע, סעקסועלע מינערקייט, אָדער ער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ יתרון־קאָמפּלעקס, ווי באַרימעריי, בייסיקע קריטישע נטיה, תּאווה צו מאַכט וכדומה. אויך דאָס איבערמאָסיקע רויכערן און שוואַכקייט צו שטאַרקער, שוואַרצער קאַווע כאַראַקטעריזירן אָפט אַ געמיט פון מוטלאָזער ניט־דעצידירטקייט. ווי דורך אַ קונצשטיק ווערט דער דריקנדיקער פּחיתות־געפיל צייטנווייז אָפּגערוקט אָן אַ זייט, אָדער אַפילו, ווי למשל אין קרימינעלע האַנדלונגען, איבערגעבויט אין פאַרשטאַרקטער אַקטיווקייט. יעדע שלימזלדיקייט, סיי אין געזעלשאַפטלעכער באַציִונג, סיי אין באַרוף אָדער אין דער ליבע דאַרף אַרויסגעשטעלט ווערן אויפן חשבון פון דער ניט־צו־באַזיגנדיקער מידה רעה. אויך די דירעקטע ווירקונגען פונם סם גיבן אָפט דעם באַפאַלענעם אַ געפיל פון פאַרלייַכטערונג.

אַ 26־יאָריקער מאַן, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט אויפן אַכטן יאָר נאָך אַ שוועסטער, האָט זיך געהאָדעוועט ביי גינציקע פאַרהעלטענישן אויסערגעוויינלעך פאַרצערטלט און מוטוויליק. ער געדענקט, אַז די מוטער און שוועסטער פלעגן אים אָפט האַלטן אויף די הענט אָנגעטאָן, ווי אַ ליאַלקע. ווען ער איז, אַלט זייענדיק פיר יאָר, אַרונטערגעפאַלן אויף צוויי טעג אונטער דער באַבעס שטרענגערער השגחה, האָט ער ביי איר ערשטער אָפּזאָגנדיקער באַמערקונג צונויפגעפּאַקט זיין פּעקל און געוואָלט גיין אַהיים. דער פאָטער פלעגט טרינקען, צוליב וואָס די מוטער פלעגט זיך זייער אויפרעגן. אין שול האָט זיך די עלטערנס השפּעה אויסגעווירקט צו פיל לטובת אים. ווען די פאַרצערטלונג מצד

דער מוטער איז מיט דער צייט שוואַכער געוואָרן, האָט ער פאַר־לאָזן די הויז פון די עלטערן, ווי ער האָט עס שוין געטאָן אַלס פיריאָריקער יינגל. אין דער פרעמד האָט ער, ווי עס טרעפט אַזוי אָפט מיט פאַרצערטלטע קינדער, ניט געקענט ווי געהעריק זיך פאַרוואָרצלען און איז בײַ גרויסלשאַפטלעכע צוזאַמענטרעפענישן אין באַרוף־לעבן און לגבי מיידלעך אַרײַנגעפאַלן בסדר אין אַ שרע־קעוודיקער דערשלאָגנקייט און אויפרעגונג. ער איז זיך נעענטער צונויפגעקומען מיט אייניקע מענטשן, וועלכע האָבן אים אויס־געלערנט טרינקען. ווען זיין מוטער איז דערפון געוואָר־געוואָרן און ספּעציעל ווען זי האָט דערהערט, אַז ער איז אין אַ שיכּורן צושטאַנד געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט דער פּאָליציי, האָט זי אים אויפגעזוכט און אין רירנדיקע ווערטער אים געבעטן אָוועק־וואַרפן דאָס טרינקען. דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז ער האָט ניט נאָר ווײַטער געזוכט פאַרלײַכטערונג אין טרינקען, נײַערט דערמיט האָט ער אַרויסגערופן נאָך אין אַ העכערן גראַד ווי פריִער די אַלטע זאָרג און די פאַרצערטלונג מצד דער מוטער.

אַ 24־יאָריקער סטודענט האָט זיך געקלאָגט אויף אַ ניט־אָפּלאָזנדיקן קאָפּווייטאָק. שוין אין שול האָבן זיך געוויזן שווערע נערוועזישע סימפּטאָמען פון רוים־פּחד. מען האָט אים דערלויבט אָפּצוגעבן מאַטורע אין דער היים. ער איז נאָכדעם געווען אין אַ סך אַ בעסערן צושטאַנד. אין דעם ערשטן יאָר פון אוניווער־זיטעט־שטודיום האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ מיידל און האָט חתונה געהאַט. קורץ נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן די קאָפּווייטאָגן. אַלס סיבה האָט זיך אַרויסבאַוויזן בײַ דעם דאָזיקן שטאַרק אַמבי־ציעזן און אומגלויבלעך פאַרצערטלטן מאַן אַ בסדרדיקע אומצו־פרידנקייט מיט זיין פרוי און אייפערזוכט, וועלכע האָט זיך באמת דײַטלעך אַנטפּלעקט פון זײַן האַלטונג און פון זײַנע חלומות, פון וועלכע ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון. אַזוי האָט זיך אים איינמאָל געחלומט, אַז ער זעט זײַן פרוי אָנגעטאָן ווי צום יאַגד. קינדווײַז האָט ער געליטן אויף ראַכיטיס און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די ניאַניע, וועלכע ער האָט שטענדיק פאַרנומען מיט זיך, פלעגט — כּדי אָפּצורוען זיך אַ ביסל פון אים — אַוועקלייגן אים אַ פיריאָרקן נאָך אויפן רוקן אין אַ פּאָזיציע, פון וועלכער ער פלעגט זיך צוליב זיין פעטלײַבי־קייט ניט קענען אַליין אויפהויבן. אַלס צווייט־געבאָרענער האָט ער מיטן עלטערן ברודער געלעבט שטענדיק אין קאָנפליקט און

שטענדיק געוואָלט זײַן דער ערשטער. גינציקע אומשטענדן האָבן אים שפּעטער געהאָלפֿן צו פֿאַרנעמען אַ הויכע שטעלע, צו וועלכער ער איז גײַסטיק, וואָס אַן אמת, געוואַקסן, אָבער פּסיכיש — ניט. אין די ניט־אויסצומײַדנדיקע אויפֿרעגונגען פֿון זײַן שטעלונג האָט ער זיך גענומען צו מאָרפֿיום. אַ סך מאָל באַפֿרײַט דערפֿון, איז ער אָבער שטענדיק אויפֿדאָסנײַ געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אים. ווײַטער איז אַלס באַשווערנדיקער באַדינג געקומען פֿאַר אים אין קאָן די אַנגרונטיקע אײַפֿערזוכט. ווען ער איז געוואָרן אומזיכער מיט זײַן שטעלע, איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

9

די פיקטיווע וועלט פון דעם פארצערטלטן

פארצערטלטע פערזאנען האבן ניט קיין גוטן שם. זיי האבן אים קיין מאל ניט געהאט. עלטערן האבן ניט ליב, ווען מען באשולדיקט זיי אין פארצערטלונג. יעדע פארצערטלטע פערזאן ווערט זיך קעגן דעם, אז מען זאל זי האלטן פאר אזא. מען שטויסט זיך שטענדיק אן אויף ספקות בנוגע דעם, וואס מען דארף פארשטיין אונטער פארצערטלטקייט. אבער ווי על-פי אינטויציע פילט זי יעדערער אלס לאסט און אלס א שטערונג פאר א ריכטיקער אנטוויקלונג.

פונדעסטוועגן האט יעדערער ליב צו זיין דער אביעקט פון פארצערטלונג. אנדערע גאר ספעציעל. א סך מוטערס קענען ניט אנדערש, ווי פארצערטלען. צום גליק ווערן זיך א סך קינדער אזוי שטארק קעגן דעם, אז דער שאדן פאלט אוים א קלענערער. פסיכאלאגישע פארמולעס זיינען א הארטער נוס. מיר קענען זיי ניט באנוצן אלס שטרענגע ריכטליניעס, וואס וואלטן געקענט אומבארעכנט אנגעווענדט ווערן אויף אויסצוגעפינען די יסודות פון א פערזענלעכקייט, אדער אויף דער דערקלערונג פון שטעלונג-נעמען און פון כאראקטערן. אדרבא, מיר מוזן אין יעדער ריכטונג דערוואַרטן א מיליאן וואריאנטן און ניואנסן, און דאס וואס מיר מיינען, אז מיר האבן אויסגעפונען, מוז כסדר ווערן פארגליכן און באשטעטיקט מיט אנדערע פאקטן. ווארום ווען א קינד ווערט זיך קעגן פארצערטלונג, גייט עס געוויינלעך אין זיין קעגנשטעל צו ווייט און טראגט אריבער זיין אפּוועך אויך אויף סיטואציעס, אין וועלכע פריינדלעכע הילף פון דרויסן וואלט געווען דאס איינציק שכל-הישרדיקע.

ווען די פארצערטלונג בירגערט זיך איין שפעטער אין לעבן און איז ניט פארבונדן, ווי דאס איז אזוי אפט אין אזעלכע פאלן, מיט דער

אונטערדריקונג פון דעם פרײַען ווילן, קען זי, וואָס אַן אמת, ווערן אַמאָל דעם פאַרצערטלטן ווידערוויליק. אָבער זײַן לעבן־סטיל, וואָס ער האָט זיך קונה געווען אין דער קינדהייט, ווערט דורך דעם ניט געענדערט.

די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע באַהויפּט, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדערער וועג אויף צו פאַרשטיין דעם מענטשן, ווי די באַטראַכטונג פון די באַוועגונגען, וואָס ער מאַכט אויף צו באַשיידן זײַנע לעבנס־פּראָבלעמען. מען דאַרף דערבײַ זאָרגעוודיק אָבסערווירן דעם ווי אין דעם פאַרוואָס. זײַן לעבן הויבט זיך אָן מיט דעם פאַרמעג פון מענטש־לעכע מעגלעכקייטן, אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, וועלכע זײַנען געוויס פאַרשיידן, און מיר זײַנען ניט אימשטאַנד צו דערקענען די דאָזיקע פאַרשיידנקייטן פון עפּעס אַנדערש, ווי פון זײַנע טועונגען. דאָס, וואָס מיר זעען אין אָנהייב פון לעבן, איז שוין שטאַרק מושפּע פון דעם ערשטן טאָג אָן פון זײַן געבאָרן־ווערן דורך דרויסנדיקע אומ־שטענדן. ביידע השפּעות, ירושהדיקייט און סביבה, ווערן זײַן אייגנס, וועלכן דאָס קינד ווענדט אָן און באַנוצט, כדי צו געפינען זײַן וועג פון דער אַנטוויקלונג. וועג און באַוועגונג קען מען אָבער ניט דענקען אָדער אָנהויבן אָן ריכטונג און ציל. דער ציל פון דער מענטשלע־כער נשמה איז גובר זײַן, פולקומענהייט, זיכערקייט, יתרונדיקייט.

בײַם באַנוצן די איבערגעלעבטע השפּעות פון קערפּער און סביבה איז דאָס קינד מער־ווייניקער אָנגעוויזן אויף זײַן אייגענער שעפערישער קראַפט, אויף זײַן דערשפּירן אַ וועג. די מיינונג וועגן לעבן, וואָס ליגט אין יסוד פון זײַן האַלטונג און וואָס איז ניט אַרײַנגענומען אין קיין ווערטער און ניט אויסגעדריקט געדאַנקלעך, איז זײַן אייגן מײַסטער־ווערק. אַזוי אַרום קומט דאָס קינד צו זײַן באַוועגונגס־געזעץ, וואָס העלפט אים צו נאָך אַ געוויסן טרענינג צו דערגיין צו יענעם לעבן־סטיל, אין וועלכן מיר זעען דעם אינדיווידוּום דענקען, פילן און האַנדלען במשך פון זײַן גאַנצן לעבן. דער דאָזיקער לעבן־סטיל וואַקסט כמעט שטענדיק אַרויס אין אַ סיטואַציע, אין וועלכער עס איז געזיכערט פאַרן קינד די אונ־טערשטיצונג פון דרויסן. בײַ פאַרשיידענע אומשטענדן ווײַזט זיך אַרויס אַזאַ לעבן־סטיל פאַר ניט אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו האָבן אַ קיום, אויב עס קומט אויס אין דרויסנדיקן לעבן צו האַנדלען אָן ליבעפולער הילף.

איצט שווימט דאָ אַרויס די פראַגע: וועלכע האַלטונג אין לעבן איז ריכטיק, וואָס פאַר אַ באַשייד פון די לעבנספראַגן דאַרף מען דערוואַרטן. די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע זוכט וויפיל ס'איז נאָר מעגלעך צו העלפן באַשיידן די דאָזיקע פראַגע. קיינער איז ניט געבענטשט מיטן

אבסאָלוטן אמת. א קאָנקרעטער באשייד, וואָס וואָלט געמוזט אין אַלגעמיין פעסטגעשטעלט ווערן פאַר ריכטיק, מוז לכל הפּחות זײַן אויס־האַלטעוודיק אין צוויי פּונקטן. אַ גדאַנק, אַ געפיל, אַ האַנדלונג קען מען באַצייכענען אַלס ריכטיק נאָר דעמאָלט, ווען זי איז ריכטיק sub specie aeternitatis (אין דער פּערספּעקטיוו פון דער אייביקייט) און ווײַטער מוז אין איר זײַן אײַנגעשלאָסן ניט אָפּצופרעגן דאָס ווײַל פון דעם ציבור. דאָס אַ גילט פאַר טראַדיציעס אַזוי גוט, ווי פאַר ניי־אויס־שווימענדיקע פּראָבלעמען, און עס גילט אויך פאַר לעבנס־וויכטיקע, פּונקט ווי פאַר קלענערע פראַגן פון לעבן. די דרײַ גרויסע לעבנס־פראַגן, וועלכע יעדערער דאַרף און מוז אויף זײַן אופן באַשיירן, די פראַגן פון ציבור, פון אַרבעט און פון ליבע, קענען באַשיידט ווערן לפי ערך ריכטיק נאָר פון אַזעלכע מענטשן, וועלכע טראָגן אין זיך דאָס לעבעדיק־געוואָ־רענע שטרעבן צום ציבור. עס איז קיין פראַגע ניט, אַז אין ניי־אויס־שווימענדיקע פּראָבלעמען קען געמאָלט זײַן אַן אומזיכערקייט, אַ ספק. אָבער בלויז דער ווילן צום ציבור קען פאַרהיטן פון גרויסע פעלערן.

ווען מיר שטויסן זיך אָן בײַ אַזאַ באַטראַכטונג אויף טיפן, זײַנען מיר ניט פרײַ פון דער התחייבות צו געפינען דאָס איינמאָליקע פון דעם איינצלפאַל. דאָס גילט אויך פאַר פאַרצערטלטע קינדער, פאַר דער דאָזיקער אויפגעטורעמטער שווערקייט פאַר היים, שול און געזעלשאַפט. מיר דאַרפן געפינען דעם איינצלפאַל, ווען עס האַנדלט זיך וועגן שווער־דערציִעוודיקע קינדער, וועגן נערוועזע אָדער שיגעונדיקע פּערזאָנען, וועגן זעלבסטמערדער, פאַרברעכער, נאַרקאָמאַנען, פּערווערזע אאַז״וו. זיי אַלע לײַדן אויף אַ דוחק אין ציבור־געפיל, וועלכער לאָזט זיך כמעט שטענדיק צוריקפירן אויף פאַרצערטלונג אין דער קינדהייט אָדער אויף אַן עקסטרעמען פאַרלאַנג צו פאַרצערטלונג און פאַרלײַכטערונג.

די אַקטיווע האַלטונג פון אַ מענטשן קען דערקענט ווערן בלויז פון דער ריכטיק פאַרשטאַנענער באַוועגונג לגבי די לעבנס־פראַגן. דאָס זעלביקע — דאָס פעלן פון אַזאַ מין האַלטונג. פאַר דעם איינצלפאַל האָט קיין שום באַדײַטונג ניט, ווען מען פלײַסט זיך, ווי דאָס טוען די פאַרמעג־פּסיכאָלאָגן, צוריקצופירן וואָסערע ס׳ניט איז פעלערדיקע סימפּ־טאָמען צו די טונקעלע געביטן פון אַן אומזיכערער ירושהדיקייט, אָדער צו השפּעות פון סביבה, וואָס זײַנען אַלגעמיין אָנגענומען פאַר ניט גינציקע, וועלכע דאָס קינד נעמט דאָך אָבער אויף, פאַרדײַט און פאַרענט־פערט מיט אַ געוויסער ווילקירלעכקייט. די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע איז די פּסיכאָלאָגיע פון באַנוץ און באַטאָנט די שעפערישע צואייגענונג און אויסנוץ פון אַט די אַלע השפּעות. ווער עס באַטראַכט די פּסדר פאַר־

שיידענע פראגן פון לעבן ווי שטענדיק די זעלבע און איז ניט משיג אין יעדן פאל זייער איינמאליקייט, קען גרינג פארפירט ווערן צו גלייבן אין ווירקנדיקע סיבות, יצרם, אינסטינקטן אלס דעמאנישע קירעווער פון דעם גורל. ווער עס איז ניט משיג, אז פאר יעדן דור שווימען ארויף כסדר נייע פראגן, וועלכע האבן פריער ניט עקזיסטירט, קען טראכטן וועגן דער ווירקעוודיקייט פון א ירושהדיקן אומבאוווסטזיין. די אינדיווידואל-פסיכאלאגיע קען צו גוט דאס טאפן און דאס זוכן, די קינסטלערישע טואונג פון דעם מענטשלעכן גייסט ביים באשייד פון זיינע פראבלעמען, סיי בעת ער איז ריכטיק, סיי בעת ער איז ניט ריכטיק. עס איז די טואונג פון דעם איינצל-מענטש, וואס קומט פון זיין לעבן-סטיל און איז מחייב אן אינדיווידועלן באשייד פון זיינע פראבלעמען. ווען מען קען די ארעמקייט פון דער מענטשלעכער שפראך, פאלט אפ א סך פון דעם ווערט פון דער טיפן-לערע. ווי פארשיידן עס זיינען די באציאונגען, וועלכע מיר באצייכענען מיט ליבע. צי זיינען צוויי אין זיך געווענדטע מענטשן ווען עס איז גלייך? צי לאזט זיך דען דענקען, אז דאס לעבן פון אן אידענטישן צווילינג, וואס האט — דרך אגב — זייער אפט דעם פארלאנג און דאס שטרעבן צו זיין אידענטיש, זאל דא אונטער דער זיך-בייטנדיקער לבנה קענען דורכגיין גלייכפאר-מיק? מיר קענען באנוצן דאס טיפישע, מוזן עס אפילו טאן, אקוראט אזוי, ווי מיר טוען מיט דער וואַרשיינלעכקייט, — מיר טארן אבער ניט פארגעסן, אפילו ביי ענלעכקייט, וואס פאר א פארשיידנקייטן עס ווייזט ארויס דער איינמאליקער אינדיווידי. אין אונדזער דערוואַרטונג קענען מיר זיך באדינען מיט דער וואַרשיינלעכקייט, כדי צו באלויכטן דאס זע-פעלד, ווו מיר האפן צו געפינען דאס איינמאליקע, — מיר מוזן אבער מוותר זיין אויף דער דאזיקער הילף, ווי נאר עס קומען אונדז אנטקעגן סתירות.

ביים נאכזוכן די ווארצלען פון דעם ציבור-געפיל, אננעמענדיק די מעגלעכקייט פון זיין אנטוויקלונג ביים מענטש, שטויסן מיר זיך תיכף אן אויף דער מוטער ווי אויף דעם ערשטן און וויכטיקסטן פירער. די נאטור האט זי צו דעם באשטימט. איר באציונג צום קינד איז א באציונג פון אן אינטימער קאאפעראציע (לעבן- און ארבעטס-ציבור), ביי וועלכערביידע זיינען מרויח, ניט ווי אנדערע האלטן, אז דאס איז אן איינזייטיקע סאדיסטישע אויסנוצונג פון דער מוטער מצד דעם קינד. דער פאטער, די איבעריקע קינדער, די קרובים, די שכנים דארפן דעם דאזיקן ענין פון קאאפעראציע צוהעלפן דערמיט, וואס זיי דארפן מדריך זיין דאס קינד אלס א גלייכבארעכטיקטן מיטארבעטער צום מיטמענטשן און ניט צום

קעגנמענטשן. וואָס מער דאָס קינד באַקומט דעם אײַנדרוק פון פאַרלאָזלעכקייט און מיטאַרבעט פון אַנדערע, אַלץ גיכער וועט עס זיין נוטה צום מיטלעבן און צו זעלבשטענדיקן מיטאַרבעטן. עס וועט שטעלן אין רשות פון דער קאָאָפּעראַציע אַלץ, וואָס עס פאַרמאָגט.

אַזוי אָבער די מוטער צעגיסט זיך צו קענטיק מיט גוזמאדיקער צערטלעכקייט, פאַרשפּאַרט דעם קינד זיין מיטאַרבעט אין זיין אויפפיר, דענקען, האַנדלען, אַפילו אויך אין ריידן, — דאָרט וועט דאָס קינד גיכער נוטה זיין צו אַנטוויקלען זיך פּאַראַזיטיש (אויסנוצעריש) און צו דערוואַרטן אַלצדינג פון אַנדערע. עס וועט זיך שטענדיק שטופּן אין דעם מיטלפּונקט און שטרעבן אַלע איבעריקע צו שטעלן אין זיין דינסט. עס וועט אַנטוויקלען עגאָיִסטישע טענדענצן און באַטראַכטן פאַר זיין רעכט אונטערצודריקן אַנדערע, צו ווערן שטענדיק פון זיי פאַרצערטלט, צו נעמען און ניט צו געבן. איין אָדער צוויי יאָר פון אַזאַ טרענירונג איז גענוג, כּדי צו מאַכן אַ סוף צו דער אַנטוויקלונג פון דעם ציבור־געפיל און פון דער נטיה צו מיטאַרבעט.

איין מאָל ביים אָנשפּאַרן זיך אויף אַנדערע, אַן אַנדערש מאָל אין דער לײַדנשאַפט צו אונטערדריקן אַנדערע, שטויסן זיי זיך זייער גיך אָן אויף אַ קעגנשטעל, וואָס זיי קענען ניט גובר־זיין, פון אַ וועלט, וועלכע פאָדערט מיטמענטשלעכקייט, מיטאַרבעט. באַרויבט פון זייערע אילוזיעס, באַשולדיקן זיי אַנדערע און זעען אין לעבן שטענדיק בלויז דעם פײַנדלעכן פּרינציפּ. זייערע פראַגעס זײַנען פון אַ פּעסימיסטישן מין: „וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס לעבן?״ „פאַרוואָס זאָל איך ליב האָבן דעם נאָענטסטן?״ אויב זיי גיבן זיך אונטער די לעגיטימע פאָדערונגען פון אַן אַקטיווער ציבור־אידעע, איז עס נאָר דערפאַר, ווײַל זיי האָבן פון דער צווייטער זײַט מורא פאַר אַ צוריקשטויס, פאַר דער שטראָף. אַוועקגעשטעלט פאַר דער פראַגע פון ציבור, פון אַרבעט, פון ליבע, געפינען זיי ניט דעם וועג פון סאָציאַלן אינטערעס, מאַכן דורך אַ שאָק און שפּירן אָפּ זיין ווירקונג גייסטיק און קערפּערלעך. זיי הויבן זיך אָן צוריקציִען איידער אָדער נאָך דעם ווי זיי האָבן געליטן אַ מפּלה, וואָס אַנטשפּרעכט זייער לעבנס־זין, זיי בלײַבן אָבער שטענדיק בײַ זייער פון קינדהייט אָן אײַנגעאיבטער האַלטונג, אַזוי ווי זיי וואָלט געשען אַן אומרעכט.

מען קען איצט אויך פאַרשטיין, אַז אַלע כאַראַקטער־שטריכן זיינען ניט נאָר ניט אײַנגעבאָרן, נײַערט, אַז זיי דריקן אויס אין דער ערשטער שורה באַציִונגען, וועלכע זײַנען אינגאַנצן אײַנגעפּאַסט אין לעבן־סטיל. זיי זײַנען אַ מיטשאַפונג פון דעם קינדס שעפערישן ווירקן. געקירעוועט צו איגן־ליבע, וועט דאָס פאַרצערטלטע קינד אַנטוויקלען אין אַ העכערער,

הגם פאַרשיידענער מאָס, עגאָיִסטישע קינאהדיקע און איבּערזיכטיקע שטריכן, עס ווערט, לעבּנדיק ווי אין אַ פיינדלעכן לאַנד, אַרויסווייזן איבּערשפּירעוודיקייט, אומגעדולד, אַ דוחק אין אויסדויער, אַ נטיה צו אַפעקט־אויסבּראָכן און גיריקייט. דערבּיי זיינען געוויינלעכע דערשיינונגען די נטיה צום צוריקצי און אַן איבּערגעטריבּענע פאָרזיכטיקייט.

דעם גאַנג, בּילדלעך גערעדט, פון אַ פאַרצערטלטער פערזאָן איז אין גינציקע סיטואַציעס אָפטמאָל ניט גרינג דורכצובּליקן. אַ סך גרינגער איז אין אַן אומגינציקער לאַגע, ווען דער אינדיווידו ווערט אויסגעשטעלט אויף אַ פּרוּוו פון דער עקזיסטענץ פון זיין ציבּור־געפיל. דעמאָלט טרעפט מען אים אין אַ וואַקלדיקער האַלטונג, אָדער ער בּלייבּט שטיין אין אַ גרעסערער דיסטאַנץ צו זיין פּראָבּלעם. דער אינדיווידו דערקלערט די דאָזיקע דיסטאַנץ מיט כּלומרשטע סיבּות, וועלכע ווייזן, אַז מען האָט דאָ ניט צו טאָן מיט דער פאָרזיכטיקייט פון דעם קלוגן. ער בּייט אָפט זיין געזעלשאַפט, זיינע פריינד, זיין ליבּע־פאַרטנער, זיין בּארוף, ניט דערגייענדיק בּיז צו אַן איינגעגעבּענעם סוף. אַן אַנדערש מאָל וואַרפן זיך אַזעלכע מענטשן אין אָנהויבּ פון אַן אויפגאַבּע מיט אַזאַ האַסטיקייט פאָרויס, אַז דעם מבין קומט בּאַלד אויפן געדאַנק, ווי ווייניק צוטרוי דאָ איז פאַראַן צו זיך און ווי גיך עס וועט זיך אָפּקילן דער בּרען. פון אַנדערע פאַרצערטלטע פערזאָנען ווערן אויסטערלישע בּרואים, וואָס וואָלטן צום בּעסטן אַנטלאָפן אין דער מידבּר, כּדי אויסצומייַדן אַלע אויפגאַבּן, אָדער זיי בּאַשיידן אַן אויפגאַבּע בּלויז טיילווייז און שרומפּן אַזוי אַרום שטאַרק איין זייער ווירקונגס־קרייז אַנטשפּרעכיק צו זייער פחיתות־קאָמפּלעקס. אויבּ זיי דיספּאָנירן מיט אַ געוויסן פאָנד פון אַקטיוויקייט, וועלכע מען קען געוויס ניט אָנרופן „מוט“, וואַרפן זיי זיך אַריבּער בּיי עפּעס אַ דריקנדיקער לאַגע אין דעם געבּיט פון דעם סאָציאַל־אומנוצלעכן, אַפילו שעדלעכן, זיי ווערן פאַרבּרעכער, זעלבּסטמערדער, טרינקער אָדער פּערווערזע.

מיט דעם לעבּן פון אַ זייער פאַרצערטלטער פערזאָן איז ניט פאַר יעדערן גרינג זיך צו אידענטיפיצירן, דאָס הייסט פולשטענדיק זיי צו פאַרשטיין. מען מוז ווי אַ גוטער אַקטיאָר שוין האָבּן די דאָזיקע ראָלע אינעווייניק אין זיך און פאַרשטיין דעם גאַנצן לעבּנסקרייז, אויף וועלכן אופן מען מאַכט זיך פאַר דעם צענטער, ווי מען טאָר ניט דורכלאָזן קיין שום סיטואַציע, אין וועלכער מען אונטערדריקט אַנדערע, מען איז קיינמאָל ניט קיין מיטאַרבּעטער, ווו מען דאַרף אַלץ דערוואַרטן, אָבּער קיין זאַך ניט געבּן. מען מוז האָבּן דערקענט, ווי אַזוי זיי בּאַמיִען זיך אויסצונוצן פאַר זיך די מיטאַרבּעט פון אַנדערע, פריינדשאַפט, אַרבּעט

און ליבע, ווי זיי האָבן נאָר אַן אינטערעס פאַר זייער אייגענעם ווויל, פאַר זייער אייגענער פּערזענלעכער גדלות און טראַכטן שטענדיק בלויז וועגן דער פאַרגרינגערונג פון זייערע אויפגאַבן לרעה פון אַנדערע, כּדי צו פאַרשטיין, אַז זיי ווערן ניט געפירט דורך פאַרנונפט. דאָס פּסיכיש־געזונטע קינד אַנטוויקלט (אין זיך) מוט, אַלגעמיין גילטיקן פאַרשטאַנד און אַקטיווע צופּאַסונגס־פעיִקייט. דאָס פאַרצערטלטע קינד האָט גאָר ניט אָדער ווייניק פון דעם אַלעם, דערפאַר אָבער פּחדנות און טריקן. דערצו האָט עס אַן אויסערגעוויינלעך פאַרשמעלטע סטעזשקע אַזוי, אַז עס ווײַזט זיך אויס, אַז ער מאַכט שטענדיק דעם זעלבן פעלער. אַ טי־ראַניש קינד ווײַזט זיך שטענדיק אַרויס טיראַניש. אַ קעשענע־גנב בלײַבט שטענדיק בײַ זײַן מלאכה. דער שרעקנעוורטיקער ענטפערט אויף אַלע אויפגאַבן פון לעבן מיט שרעק. דער נאַרקאָמאַן פאַרבלײַבט בײַ זײַן סם. דער סעקסועל־פּערווערזער ווײַזט ניט קיין שום נטיה אָפּצוווײַכן פון זײַן פּערווערזיע. אין דעם אויסשליסן אַנדערע טואונגען, אין דער שמאָ־לער סטעזשקע, אויף וועלכער עס גייט דורך זייער לעבן, ווײַזט זיך ווי־דער אַמאָל דײַטלעך זייער לעבנס־פּחדנות, זייער קנאַפּער זעלבסטצוטרוי, זייער פּחיתות־קאָמפּלעקס, זייער אויסשליסונגס־טענדענץ.

די אויסגעטרוימטע וועלט פון פאַרצערטלטע פּערזאָנען, זייער פּערספּעקטיוו, זייער מיינונג און באַנעם פון לעבן אונטערשיידט זיך אומ־געהײַער פון דערווירקלעכער וועלט. זייער צופּאַסונג צו דער עוואָלו־ציע פון דער מענטשהייט איז מער אָדער ווייניקער דערשטיקט און דאָס ברענגט זיי כּסדר אין קאָנפליקטן מיטן לעבן, וואָס פון זייערע שעדלעכע רעזולטאַטן לײַדן מיט אַנדערע. מיר געפינען זיי אין דער קינדהייט צווישן די איבעראַקטיווע און פּאַסיווע קינדער, שפּעטער צווישן פאַר־ברעכער, זעלבסטמערדער, נערוועזשע און נאַרקאָמאַנען שטענדיק פאַר־שיידן איינער פון דעם אַנדערן. על פּי רוב ניט באַפרידיקט, קוקן זיי זיך צו מיט אויפעסנדיקער קינאה צו די ערפאָלגן פון אַנדערע, ניט נע־מענדיק אַליין זיך אין די הענט. עס האַלט זיי אין שטענדיק אין קלעם די מורא פאַר אַ מפּלה, פאַר דער אויפדעקונג פון זייער אַנווערטיקייט, על פּי רוב זעט מען זיי צוריקציִען זיך פון די אויפגאַבן פון לעבן, צו וואָס זיי האָבן שטענדיק גרייט אַ תּירוץ. עס דאַרף ניט פאַרזען ווערן, אַז אַנדערע פון זיי קעמפן זיך אויס ערפאָלגן אין לעבן, דאָס זײַנען די יעניקע, וואָס האָבן גובר געווען זייערע פעלערן און פון זיי געלערנט.

די היילונג און איבעראַנדערשונג פון אַזעלכע פּערזאָנען קען געראָטן נאָר אויפן וועג פון גײַסט דורך דער וואַקסנדיקער איבערצײַגונג אין דער פעלערהאַפטיקייט פון דעם אויפבוי פון לעבנסטיל. וויכטיקער דערפון

וואָלט געווען די פאַרהיטונג: די פאַמיליע, ספּעציעל די מוטער, וואָלט געמוזט פאַרשטיין ניט צו דערלאָזן שטייגן איר ליבע צום קינד ביז פאַרצערטלונג. מערער וואָלט מען געדאַרפט דערוואַרטן פון א לערער־שאַפט, וועלכע האָט זיך געלערנט צו דערקענען און קאָרעגירן דעם דאָזיקן פעלער. עס וועט דאַן קלאָרער ווערן, איידער דאָס זעט ביז איצט אויס, אז ס׳איז ניטאָ קיין גרעסערע בייז איידער די פאַרצערטלטקייט פון קינדער מיט אירע פועל־יוצאס.

10

וואָס איז באמת אַ נעווראָז?

דער, וואָס האָט זיך יאָרנלאַנג באַשעפטיקט מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם, וועט פאַרשטיין, אַז אויף דער פראַגע: וואָס איז טאַקע באמת נערוועזשקייט, מוז מען געבן אַן אָפענע קלאָרע תשובה. ווען מען זאָל דורכוואַנדערן דורך דער ליטעראַטור, כדי צו באַקומען אויפקלערונגען, וועט מען זיך אָנטרעפן מיט אַזאַ געפּלאָנטער פון דעפיניציעס, אַז מען וועט לסוף באמת קוים דערגיין צו אַן איינהייטלעכער אָנשויונג.

אַזוי ווי שטענדיק, ווען אין אַ פראַגע זיינען דאָ אַ סך אומקלאָרקייטן, איז פאַראַן אַ ים דערקלערונגען און אַ סך קאַמף. אַזוי איז אויך אין אונדזער פאַל. נעווראָז איז רייצעוודיקייט, אַ רייצעוודיקע חולשה, אַ קראַנק-ווערן פון די ענדאָקרינע דריזן, אַ רעזולטאַט פון צאָן-נאָז-אינפעקציע, אַ קראַנק-ווערן פון דער געשלעכטס-ספערע, חולשות פון דעם נערוון-סיסטעם, אַ רעזולטאַט פון אַ האָרמאָנאַלער, פון אַן אורין-זויערער דיאַטעזע, פון דער געבורטס-טראַוומע, פון דעם קאָנפליקט מיט דער דרויסן-וועלט, מיט דער רעליגיע, מיט דער עטיק, פון קאָנפליקט צווישן דעם רשעותדיקן אומבאַוווּסטזיין און דעם צום פשרות געניגטן באַוווּסטזיין, פון דער אונטערדריקונג פון סעקסועלע, סאַדיסטישע, קרימינעלע יצרים, פון דעם לאַרעם און פון די סכנות פון דער גרויסשטאָט, פון אַ צו-ווייבער, פון אַ שטרענגער דערציונג, פון דער פאַמיליע-דערציונג בכלל, פון געוויסע באַדינגטע רעפלעקסן אאַז״וו.

אַ סך פון די דאָזיקע אָנשויונגען זיינען צוטרעפנדיקע און קענען אויסגענוצט ווערן צו דער דערקלערונג פון מער אָדער ווייניקער באַדײַטנדיקע טייל-דערשיינונגען פון דעם נעוורויז. דאָס-רוב דערפון טרעפט מען אָפט ביי פערזאָנען, וועלכע ליידן ניט פון אַ נעווראָז. דאָס ווינציקסטע דערפון ליגט אויפן וועג פון קלאָרמאַכן די פראַגע: וואָס איז באמת

א נעווראָז? די אומגעהײַערע אָפּטקייט פון דער דאָזיקער קראַנקייט, איר אויסערגעוויינלעך שווערע סאָציאַלע אויכווירקונג, דער פאַקט, אַז נאָר א קליינער טייל פון נערוועיִשע מענטשן פאַלן אַרונטער א באַהאַנדלונג, טראָגט זיך אָבער לעבנסלאַנג אַרום מיט זײַן לײַדן, ווי מיט אַן אומדערהערטן פּײַן, דערצו נאָך דער גרויסער אויפגעבלאָזענער אינטערעס פון דער הדיוט-וועלט צו דער דאָזיקער פראַגע — דאָס אַ״ץ רעכטפאַרטיקט א קילע וויכנשאַפטלעכע באַלויכטונג פאַר א גרעסערן פאָרום. מען וועט דערבײַ אויך אײַנזען, וויפל מעדיציניש וויסן עס איז נייטיק צו דער פאַרשטענדעניש און צו דער באַהאַנדלונג פון דער דאָזיקער קראַנקייט. מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט דעם אויסבליקפּונקט, אַז א פאַרהיטונג פון דעם נעווראָז איז מעגלעך און פאָדערט זיך, מען קען זי אָבער דערווארטן נאָר בײַ א קלאָרער דערקענטעניש פון די יסודותדיקע שאָדנס. די מאָסמיטלען צו דער פאַרהיטונג, אויסמײַדונג און דערקענטעניש פון די קליינע התחלות שטאַמען פון דעם מעדיצינישן וויסן. אָבער די מיטהילף פון דער פאַמיליע, פון דעם לערער, דערציִער און אַנדערע הילפספערזאָנען איז דערבײַ אומבאַדינגט נייטיק. דאָס רעכטפאַרטיקט א ברייטע פאַרשפּרייטונג פון די קענטענישן וועגן דעם תּוך און וועגן דעם אויפקום פון דעם נעווראָז.

מען מוז אומבאַדינגט אָפּרוקן אָן א זײַט ווילקירלעכע דעפיניציעס, וועלכע עקזיסטירן פון לאַנג, למשל, אַז דער נעווראָז איז א קאָנפליקט צווישן דעם באַוווּסטזײַן און דעם אומבאַוווּסטזײַן. וועגן דעם איז שווער צו דיסקוטירן, ווארום סוף-כּל-סוף וואָלטן די מחברים, וואָס זײַנען געטרײַ דעם דאָזיקן באַנעם, געמוזט אײַנזען, אַז אָן קאָנפליקטן קען מען בכלל ניט אויסקומען, אַזוי, אַז דערמיט ווערט ניט געזאָגט עפּעס, וואָס זאָל קענען באַלויכטן דעם תּוך פון דעם נעווראָז. עפּעס אַזוינס ווערט אויך דאָן ניט געזאָגט, ווען מען וויל אין וויסנשאַפטלעכער גדלות אײַנריידן, אַז עס לאָזט זיך אויפדעקן אָרגאַנישע פאַרענדערונגען, כעמיזמען. דערמיט וועט מען קוים עפּעס קענען בײַשטײַערן, ווײַל מיר ווייסן גאָר ניט קלאָרס וועגן כעמיזמען. אויך די איבעריקע סקאַרבאָווע דעפיניציעס זאָגן גאָר קיין נײַעס ניט. אונטער נערוועיִשקייט פאַרשטייט מען רייצעוודיקייט, אומצוטרוי, אומדרײַסטקייט אאַז״וו, קורץ, געוויסע דערשײַנונגען, וואָס צייכענען זיך אויס מיט נעגאַטיווע כאַראַקטער-שטריכן, מיט כאַראַקטער-שטריכן, וועלכע פּאַסן זיך ניט אַרײַן אין לעבן און טרעטן אַרויס באַלאָדן מיט אַפעקטן. אַלע מחברים גיבן צו, אַז די נערוועיִשקייט איז פאַרבונדן מיט א געהעכערטן אַפעקט-לעבן. ווען איך בין מיט א סך יאָרן צוריק צוגעגאַנגען באַשרײַבן, וואָס מיר פאַרשטייען אונטער א נערוועיִשן

כאַראַקטער, האָב איך בולט אַרויסגעפירט די איבערשפּירעוודיקייט פון דעם נערוועןשן. דער דאָזיקער כאַראַקטער־שטריך געפינט זיך באמת ביי יעדן נערוועןשן. הגם אין אַנדערע זעלטענע פאַלן איז ניט גרינג אויפצודעקן דעם אַ שטריך, ווייל ער איז פאַרשלייערט, אָבער ווען מען קוקט זיך נעענטער צו, קען מען דערזען, אַז דאָס זיינען דאָך מענטשן מיט אַ שטאַרקער שפּירעוודיקייט. ווייטערדיקע פאָרשונגען פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע האָבן באַוויזן, פונוואַנען די שפּירעוודיקייט שטאַמט. דער, וואָס פילט זיך זיכער אויף דער דאָזיקער אָרעמער ערדשאָל, איז אַזוי איינגעשטעלט, אַז אים געהערן ניט נאָר די אַנגענעמלעכקייט פון לעבן, נאָר אויך די אומאַנגענעמלעכקייטן. דער, וואָס איז גרייט ביי צו שטייערן מיט עפּעס, וועט ניט אַרויסבאַווייזן קיין שום איבערשפּירעוודיקייט. די איבערשפּירעוודיקייט איז דער אויסדרוק פון דעם פּחיתות־געפיל. אַזוי קומען אַרויס זייער גרינג אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן פון דעם נערוועןשן, ווי, למשל, די אומגעדולדיקייט, אַ מידה, וואָס עס ווייזט אויך ניט אַרויס דער, וואָס פילט זיך זיכער, דער וואָס האָט צוטרוי צו זיך, דער, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין דער ריכטונג צו געבן זיך אַן עצה מיט די פראַגן פון לעבן. אויב מען האָט אין אויג די דאָזיקע צוויי כאַראַקטער־שטריכן, וועט מען פאַרשטיין, אַז דאָס זיינען מענטשן, וועלכע לעבן אין געהעכערטע אַפעקטן. ווען מען גיט צו, אַז דער דאָזיקער אומזיכערקייט־געפיל שטרעבט גוואַלדיק צו אַ רו־צושטאַנד, צו זיכערקייט, קען מען פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס שטרעבן פון דעם נערוועןשן צו יתרון, צו פולקומענקייט איז אויפגעשרויפט, אַז דעם דאָזיקן שטריך פון אַ שטרעבונג אין דער הייך טרעפט מען אין דער געשטאַלט פון כבוד־גיריקייט, וואָס רעכנט זיך נאָר מיט דער אייגענער פּערזאָן. דאָס איז פאַרשטענדלעך ביי אַ מענטשן, וואָס געפינט זיך אין נויט. אַן אַנדערש מאָל נעמט אַן דאָס דאָזיקע שטרעבן אין דער הייך אויך אַזעלכע פאָרמען, ווי למשל: גיריקייט, קאַרגשאַפט, קינאה, אייפערזוכט, וועלכע ווערן לכתחילה אָפּגעוואָרפן פון כּלל. דאָ האַנדלט זיך וועגן מענטשן, וועלכע באַמיען זיך אַריבערצוּוואַקסן בגוואַלד איבער די שוועריקייטן, ווייל זיי טרויען זיך ניט צו געפינען אויף זיי אַ גלאַטן באַשייד. דערצו קומט צו, אַז דער פאַרשטאַרקטער פּחיתות־געפיל גייט האַנט אין האַנט מיט אַ קנאַפּער אַנטוויקלונג פון מוט, אַז אַנשטאָט אים שטעלט זיך איין אַן אַנזאַמלונג פון קונציקע פּרוּוון אַרומצוגיין דאָס פּראָבלעם פון לעבן, צו מאַכן זיך דאָס לעבן לייכטער, אַרויפוואַרפן די שוועריקייטן אויף אַנדערע. דאָס איז פאַרבונדן מיט דעם קנאַפּן אינטערעס צום אַנדערן. מיר זיינען ווייט דערפון צו קריטיקירן אָדער

פאראורטיילן די גרויסע צאָל מענטשן, וואָס ווייזן ארויס אַ נידעריקן אָדער העכערן גראַד פון דעם דאָזיקן אויפפיר; מיר ווייסן, אַז אויך די שווערסטע עבירות קומען ניט צושטאַנד אונטער אַ באַוווסטזיניקער פאראַנטוואָרטלעכקייט, ניערט, אַז דער באַטרעפנדיקער מענטש איז געוואָרן אַ שפּילבאַלעם פון זײַן שלעכטער אײַנשטעלונג לגבי דעם לעבן. די דאָזיקע מענטשן האָבן פאר די אויגן אַ ציל, וואָס נאָכגייענדיק אים פאלן זיי אַרײַן אין סתירה מיט דעם שכל הישר. ווען דעם מהות פון נערוועזישקייט, וועגן איר אויפקומען, איר סטרוקטור איז דערמיט נאָך גאָרנישט געזאָגט געוואָרן. מיר זײַנען געקומען אַ טריט ווײַטער און מיר האָבן געקאָנט פעסטשטעלן אויפן סמך פון דעם קנאַפּן מוט פון דעם נערוועזישן זיין וואַקלענדיקע האַלטונג לגבי די אויפגאַבן פון לעבן און די קליינע אויסווירקונג פון דעם לעבנס-פּראָצעס לגבי די פראַגן פון לעבן. עס איז זיכער, אַז דעם קליינעם פארמעג פון אַקטיוויטעט קענען מיר נאָכגיין אויף צוריק ביז אין דער קינדהייט. מיר, אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגן, זײַנען דערפון ניט איבערראַשט, ווייל די לעבנס-פאָרם איז שוין אַנטוויקלט און אומפאַרענדערלעך אין די ערשטע לעבנס-יאָרן און לאָזט זיך בייטן נאָר דאַן, ווען דער באַטרעפנדיקער פארשטייט דעם גרייז אין דער אַנטוויקלונג און פאַרמאָגט די פעיִקייט אַנצושליסן זיך צוריק אָן דעם כּלל לשם דעם וויל פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אויב אַ קינד פאַרמאָגט אַ העכערע אַקטיוויטעט אין שלעכטן זין, קען מען דאַן משער זײַן אויף פאָרויס, אַז אויב עס וועט שפּעטער זײַן אַ שטרויכלונג, וועט דאָס דאָזיקע קינד ניט ווערן קיין נערוועזישער, נאָר ער וועט זיך מאַניפעסטירן אין אַן אַנדער פאָרם פון אַ שטרויכלונג — פאַרברעכער, זעלבסטמערדער, שיכור. ער קען זיך ארויסווײַזן אַלס שווערדערציִעוודיק קינד פון דעם שווערן מין, ער וועט אָבער ניט ארויס-ווײַזן די שטריכן פון אַ נערוועזישן. מיר זײַנען איצט נעענטער צוגעקומען און קענען פעסטשטעלן, אַז דער אַקציע-ראַדיוס פון אַזעלכע מענטשן האָט ניט קיין ספּעציעלע אויסשפּרייטונג. דער נערוועזישער האָט אין פאַרגלײַך מיט דעם מער נאָרמאַלן מענטשן אַ קלענערן אַקציע-ראַדיוס. עס איז וויכטיק די פראַגע, פונוואַנען קומט די גרעסערע אַקטיוויטעט. ווען מיר שטעלן פעסט, אַז עס איז מעגלעך צו אַנטוויקלען און צו אונטערדריקן דעם אַקציע-ראַדיוס פון אַ קינד, ווען מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס זײַנען דאָ מיטלען אײַנצושרומפּן אין אַ שטרויכלדיקער דערציִונג דעם אַקציע-ראַדיוס פון דעם קינד ביז צו אַ מינימום, פאַרשטייען מיר אויך, אַז די פראַגע פון ירושהדיקייט אינטערעסירט אונדז ניט, נייערט, אַז דאָס וואָס מיר זעען איז אַ פּראָדוקט פון די שעפערישע

בעיקײַטן פונם קינד. די קערפּערלעכקײַט און די השפּעות פון דער דרויסנוועלט זײַנען בוישטײנער, װעלכע דאָס קינד באַנוצט צום אויפבוי פון זײַן פּערזענלעכקײַט.

דאָס, װאָס מיר אָבסערווירן בײַ די סימפּטאָמען פון נערוועישקײַט, װעלכע מיר טײלן אײַן אין קערפּערלעכע אויפטרײסלונגען פון געװיסע אָרגאַנען און אין פּסיכישע אויפטרײסלונגען: פּחד־סימפּטאָמען, צװאַנגס־געדאַנקען, דעפּרעסיע־דערשײַנונגען, װאָס װײַזן אויס צו האָבן אַ ספּעציעלע באַדײַטונג, נערוועישע קאָפּװײטאָגן, מיחוש פון פאַררויטלען זיך, װאַש־מיחוש און ענלעכע פּסיכישע אויסדרוקס־פאָרמען, דאָס אַלץ זײַנען דויערנדיקע סימפּטאָמען. זײ פאַרבלײַבן במשך פון אַ לענגערער צײַט און אויב מען װיל זיך ניט אַרײַנלאָזן אין דער טונקלקײַט פון פאַנטאַסטישע אָנשווינגען און אָננעמען, אַז זײ האָבן זיך אַנטוויקלט אָן אַ זין, אויב מען זוכט נאָך דעם צוזאַמענהאַנג, װעט מען געפינען, אַז יענע אויפגאַבע, װאָס שטײט פאַרן קינד, איז געװען פאַרן קינד צו שװער, אַז זי האַלט אָבער כּסדר אָן. דורך דעם װערט פעסטגעשטעלט און דערקלערט די קאָנסטאַנטקײט פון די נערוועישע סימפּטאָמען. דער אויסבראָך פון די נערוועישע סימפּטאָמען טרעט אַרויס פאַר אַ באַשטימטער אויפגאַבע. מיר האָבן געמאַכט אַרומנעמיקע אויספאָרשונגען, כּדי אויסצוגעפינען, אין װאָס עס באַשטײט די שװאַכקײט פון דעם באַשײד פון פּראָבלעם, און די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע האָט ממשותדיק באַלויכטן דעם גאַנצן געביט דערמיט, װאָס זי האָט פעסטגעשטעלט, אַז די מענטשן האָבן פאַר זיך שטענדיק פּראָבלעמען, װעלכע פאָדערן אַ סאָציאַלע צוגרײטונג. די דאָזיקע צוגרײטונג מוז זיך דאָס קינד קונה זײַן אין דער פריסטער קינדהײט, װאָרום זי קען נאָר װאַקסן דאָרט, װוּ ס'איז פאַראַן אַ פאַרשטענדעניש. אויב מיר האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע קלאָר צו מאַכן, אַז אַזאַ פּראָבלעם װירקט באמת שטענדיק אויפטרײסלענדיק, קענען מיר דעמאָלט רײדן װעגן שאָקווירקונגען. זײ קענען זײַן פון אַ פאַרשײדענעם מין. אַ מאָל קען עס זײַן אַ פראַגע פון געזעלשאַפט, אַן אַנטטוישונג אין פרײַנדשאַפט. װער האָט זי ניט איבערגעלעבט, װער איז דורך דעם ניט אויפגעטרײסלט געװאָרן? די אויפטרײסלונג איז נאָך אַלץ ניט קײן צײכן פון נערוועישקײט, זי איז נאָר דאַן אַ צײכן פון נערוועישקײט און װערט נערוועישקײט, װען זי פאַרציט זיך, װען זי שאַפט אַ דויערנדיקן מצב, װען דער באַטרעפנדיקער קערט זיך אָפּ פון יעדער דו מיט אומצוטרוי, װען ער באַװײַזט דײַטלעך, אַז דורך שעמעוודיקײט, אומדרײַסטקײט, דורך קערפּערלעכע סימפּטאָמען: האַרצקלאַפּן, שװיצן, מאָגן־געדערים־דערשײַנונגען, אורינדראַנג װעט ער שטענדיק

געשטערט זיַין צו דערנעענטערן זיך ווי־ס׳איז צו אַנדערע מענטשן. עס איז אַ צושטאַנד, וועלכער רעדט אין דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער באַלויכטונג קלאָר און דיַיטלעך, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט ניט גענוגנדיק אַנטוויקלט דעם קאָנטאַקט־געפיל מיט אַנדערע, וואָס עס דרינגט אויך דערפון אַרויס, אַז זיַין אַנטוויקלונג האָט אים געבראַכט צו איזאָלירונג. איצט זיַינען מיר נעענטער צוגעקומען צום פּראָבלעם און קענען זיך שאַפן אַ פאַרשטענדעניש וועגן נערוועזשקייט. ווען איינער פאַרלירט, למשל, געלט ביַי זיין פּראָפעסיע און איז דערפון אויפגעטרייסלט, איז עס נאָך ניט קיין נערוועזשקייט. אַ נערוועזשע דערשיינונג ווערט עס ערשט דעמאָלט, ווען ער בליַיבט ביַי זיַין אויפטרייסלונג און מער גאָרניט. דאָס לאָזט זיך דערקלערן נאָר דאָן, ווען מען פאַרשטייט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט זיך ניט קונה געווען קיין גענוגנדיקן גראַד פון מיטאַרבעט, אַז ער גייט פאָראויס נאָר בתנאַי, אַז אַלץ זאָל אים געראָטן. דאָס אייגענע גילט אויך פאַר דער פראַגע פון ליבע. דער באַשייד פון דער ליבע־פראַגע איז זיכער ניט קיין קלייניקייט. זי פאָדערט שוין אַ געוויסע דערפאַרונג, פאַרשטענדעניש, אַ געוויסע אחריות. ווען איינער פאַלט דורך דער דאָזיקער פראַגע אַריַין אין אויפרעגונג און כעס, ווען איינמאָל אָפּגעוואָרפן גייט ער שוין מער קיינמאָל ניט פאָראויס, ווען אין דעם דאָזיקן צוריקצי פון דעם אָנגערופענעם פּראָבלעם געפינען זיך אויך אַלע עמאָציעס, וועלכע זיכערן דעם צוריקצי, ווען ער באַקומט אַזאַ אורטייל וועגן לעבן, וואָס האַלט אים פעסט ביַים צוריקצי, — ערשט דעמאָלט איז עס נערוועזשקייט. אין הוראַגאַן־פיַיער וועט יעדער איינער דורכלעבן שאָקווירקונגען, צו דויערנדיקייט וועלן זיי אָבער פירן נאָר דעמאָלט, ווען ער איז ניט צוגעגרייט צו די אויפגאַבן פון לעבן. ער בליַיבט שטעקן אויף אַן אָרט. מיר האָבן דאָס דאָזיקע בליַיבן אין קלעם באַגרינדעט זאָגנדיק: דאָס זיַינען מענטשן, וואָס זיַינען ניט ריכטיק צוגעגרייט צו באַשיידן אַלע פּראָבלעמען, דאָס זיינען ניט קיין ריכטיקע מיטאַרבעטער פון דער קינדהייט אָן; מיר מוזן אָבער נאָך עפּעס מער זאָגן: עס איז דאָך באמת אַ ליַידן דאָס, וואָס מיר אָבסערווירן אין דער נערוועזשקייט, עס איז ניט קיין אָנגענעמלעכקייט. ווען איך וואָלט עמיצן געשטעלט די אויפגאַבע, ער זאָל פּראָדוצירן אַזעלכע קאָפּווייטאָגן, ווי זיי קומען צו שטאַנד פנים־אל־פנים מיט אַ פּראָבלעם, וואָס ער איז ניט צוגעגרייט צו זיין באַשייד, וועט ער עס ניט קענען טאָן. מחמת דעם מוזן מיר אַלע אַרגומענטן, אַז איינער פּראָדוצירט זיינע ליַידן, אַז ער וויל קראַנק זיַין — די דאָזיקע אַלע אומריכטיקע אָנשויונגען מוזן מיר מכתחילה באַזיַיטיקן. עס איז קיין ספק ניט, אַז דער באַטרעפנדיקער

לײַדט, אָבער ער נעמט פונדעסטוועגן שטענדיק ליבערשט אָן די דאָזיקע
לײַדן, אײדער יענע גרעסערע, כּדי זיך ניט אַרויסצוווײַזן אַנוועריטיק בײַם
באַשײד. ער נעמט ליבערשט אויף זיך אַלע נערוועזשע לײדן אײדער
די אויפדעקונג פון זײַן אָנווערטיקײט. בײדע, דער נערוועזשער און ניט=
נערוועזשער מענטש, ווילן שטעלן דעם גרעסטן ווידערשטאַנד דער פעסט=
שטעלונג פון זײער אָנווערטיקײט, דער נערוועזשער אָבער אַ סך אַ גרע=
סערן. שטעלט מען זיך פאָר קלאָר די איבערשפּירעוודיקײט, אומגעדול=
דיקײט, אַפעקט=העכערונג, די פּערזענלעכע אַמביציע, קען מען דעמאָלט
באַגרײַפן, אַז אַזאַ מענטש קען ניט גײן פאָראויס, כּל=זמן ער האָלט, אַז
ער איז אין דער סכּנה, עס זאָל אויפגעדעקט ווערן זײַן אָנווערטיקײט.
וואָס פאַר אַ געמיט קומט איצט נאָך דעם, ווי די שאָקווירקונגען האָבן
זיך באַוויזן? ער האָט זײ ניט געשאַפן, ער פאַרלאַנגט זײ ניט, זײ זײַנען
אָבער געקומען, ווי פּועל=יוצאס פון אַ פּסיכישער אויפטרײסלונג, ווי פּועל=
יוצאס פון אַ געפיל פון אַ מפּלה, ווי פּועל=יוצאס פון דער מורא צו
ווערן אויפגעדעקט אין זײַן אָנווערטיקײט. ער האָט ניט קײן שטאַרקע
נטיה צו באַקעמפן די דאָזיקע ווירקונג, וואָס קומט דאָ אויף, ער כאַפּט
זיך ניט גרינג, ווי אַזוי צו באַפרײַען זיך פון איר. ער וואָלט וועלן
פּטור ווערן פון איר, ער וועט באַשטײן אויף דעם: איך וואָלט באמת
געוואָלט געזונט ווערן, איך וויל זײַן באַפרײט פון די סימפּטאָמען. מחמת
דעם גײט ער אויך צום דאָקטאָר. וואָס ער ווײס אָבער ניט, איז, אַז
ער האָט פאַר עפּעס נאָך מער מורא: בלײַבן שטײן ווי עפּעס אָנווער=
טיקס; עס וואָלט חלילה זיך געקענט אויפוויקלען זײַן טונקעלער סוד, אַז
ער איז גאָר ניט ווערט. מיר זעען איצט, וואָס דאָס איז אײגנטלעך
נערוועזשקײט: אַ פּרוּוו אויסצומײַדן די גרעסערע בײז, אַ פּרוּוו אויפצו=
האַלטן פאַר יעדן פּרײַז דעם שײַן פון ווערטיקײט, צו צאָלן אַלע קאָסטן,
אָבער גלײַכצײַטיק פאַרלאַנגען צו דערגרײכן דעם דאָזיקן ציל אויך ניט
צאָלנדיק קײן קאָסטן. לײדער איז דאָס ניט מעגלעך. עס קען אַנדערש
ניט זײַן, סײַדן מען שאַפט פאַר דעם בעל=דבר אַ בעסערע צוגריי=
טונג צום לעבן, סײַדן מען שטעלט אים בעסער אײַן, סײַדן מען
דערמוטיקט אים; דאָס קען מען ניט דערגרײכן דורך אָנטרײַבן, דורך
שטראָפן, דורך האַרטער באַציִונג און צוואַנג. עס איז באַקאַנט, ווי
אַ סך מענטשן, וועלכע דיספּאָנירן מיט אַ געוויסער אַקטיוויקײט, זײַנען
פעיִק זיך בעסער אומצוברענגען אײדער באַשײדן די פּראָבלעמען. דאָס
איז קלאָר. דערפאַר קען מען פון צוואַנג קײן זאַך ניט דערוואַרטן, עס
מוז פאָרקומען אַ סיסטעמאַטישע צוגרײטונג ביז דער באַטרעפנדיקער
פילט זיך זיכער אַזוי, אַז ער קען צוטרעטן צום באַשײד פון דעם פּראָ=

בלעם. פון דער צווייטער זײַט איז עס אַ מענטש, וואָס גלויבט, אַז ער שטייט פאַר אַ טיפן אָפּגרונט, אַ מענטש, וועלכער האָט מורא, בעת מען טרײַבט אים, אַז ער וועט אַרײַנפאַלן אין אָפּגרונט, דאָס הייסט, אַז עס וועט זיך אויפדעקן זײַן אָנווערטיקייט.

אַ 35=יאָריקער אַדוואָקאַט קלאָגט זיך אויף נערוועזישקייט, אויף אַ ניט אויפהערנדיקן ווייטאָג אין דער געגנט פון נאַקן, אויף אַלערליי שווערענישן אין דער געגנט פון מאָגן, אויף אַ טעמפּקייט איבערן גאַנצן קאָפּ און אויף אַלגעמיינער אָפּגעשוואַכקייט און מידקייט. דערבײַ איז ער שטענדיק אויפגערעגט און אומרויִק. אָפט שרעקט ער זיך פאַר פאַרלירן דעם באַוווּסטזײַן, ווען אים קומט אויס צו ריידן מיט פרעמדע מענטשן. אין דער היים, אין דער משפּחה פון די עלטערן פילט ער זיך גרינגער, הגם אויך דאָרט איז פאַר אים די אַטמאָספער ניט קיין געמיטלעכע. ער איז איבערצייגט, אַז מחמת די דאָזיקע סימפּטאָמען קען ער קיין דערפאָלג ניט האָבן.

די קליניש באַטראַכטונג האָט געגעבן אַ נעגאַטיוון רעזול=טאַט חוץ אַ סקאָליאָז, וואָס קען בײַם אָנווערן דעם מוסקול=טאָנוס מחמת דער דעפּרעסיע דינען ווי אַ דערקלערונג פון דעם ווייטאָג אין נאַקן און אין רוקן. די מידקייט קען פּשוט צוגעשריבן ווערן זײַן אומרויִקייט, זי דאַרף אָבער פאַרשטאַנען ווערן אַזוי ווי דער טעמפּער געפיל אין קאָפּ, ווי אַ טייל=דערשיינונג פון דער דעפּרע=סיע. די שווערענישן אין דער געגנט פון מאָגן זײַנען פון דער אַלגעמיינער דיאַגנאָסטיק, וועלכע מיר ווענדן דאָ אָן, שווערער צו פאַרשטיין, זיי וואָלטן געקענט האָבן אויפגעקומען אַלס נערוון=אויפרעגונג צוליב דעם סקאָליאָז, וואָלטן אָבער אויך געקענט זײַן אַן אויסדרוק פון אַ פּרעדילעקציע, אַן ענטפער פון אַ פּחיתותדיקן אָרגאַן אויף אַ פּסיכישער אויפרעגונג. פאַר דער לעצטער סברא רעדט די אָפטקייט פון מאָגן=שטערונגען אין דער קינדהייט און אַן ענלעך באַקלאָגן זיך פון דעם פאָטער, אויך אָן אַן אָרגאַנישער פעסטשטעלונג. דער פּאַציענט ווייס אויך, אַז אויפרעגונגען פלעגן צומאָלס רעגולער באַגלייט זײַן מיט אַ פאַרערגערונג פון זײַן אַפּעטיט, אַן אַנדערש מאָל מיט ברעכן.

אַ באַקלאָגן זיך, וואָס זעט אפשר אויס ווי אַ קלייניקייט, לאָזט אונדז אַ ביסל גענויער דערקענען דעם לעבן=סטיל פון דעם פּאַציענט. זײַן אומרויִקייט רעדט קלאָר דערפאַר, אַז ער האָט ניט רעזיגנירט אינגאַנצן פון דעם קאַמף פאַר „זײַן דערפאָלג". פאַר

דער זעלבער מסקנא רעדט אויך, הגם אין א באגרענעצטער מאָס, זײַן דערקלערונג, „אַז אויך אין דער היים פילט ער זיך ניט גוט, אין א באגרענעצטער מאָס דערפאר, ווײַל זײַן פּחד צו באגעגענען זיך מיט פרעמדע מענטשן, ארויסגיין בכן אין לעבן, קען אים אויך ניט אָפּלאָזן אין דער היים. די מורא צו פארלירן דעם באַוווסטזײַן לאָזט אונדז אָבער כאפּן א קוק אין דעם ווארשטאָט פון זײַן נעוורא־ז: ער זאָגט דאָס, ווײַס אָבער ניט, ווי ער פארשטארקט קינסטלעך זײַן אויפרעגונג, בעת ער דארף זיך טרעפן מיט פרעמדע מענטשן, דורך א פאָרויס אָנגענומענעם געדאנק, אַז ער וועט פארלירן דעם באוווסטזײַן. מען דארף אָפּירבערענגען צוויי טעמים, צוליב וועלכע דער פּאציענט ווייס ניט, אַז ער פארשטארקט קינסטלעך אזוי ווי מיט א כּיוון די אויפרעגונג ביז מטושטשקייט. דער ערשטער טעם ליגט אזוי ווי אויפן האנט, הגם ניט אַלע פארשטייען אים. דער פּאציענט קוקט כּמו שיקלדיק נאָר אויף זײַנע סימפּטאָמען און ניט אויף דעם צוזאַמענהאַנג מיט זײַן גאנג. דער צווייטער טעם איז: אַז דער אומברחמנותדיקער צוריקצי, דער „אוואנס אויף צוריק", ווי איך האָב עס מיט א לאַנגער צײַט צוריק באשריבן ווי דעם וויכטיקסטן נעווראָטישן סימפּטאָם (Über den Nervösen Charakter, J. F. Bergmann, München, .4 אויפל)—וואָס איז אין אונדזער פאַל פארבונדן מיט שוואכע פרווון זיך ארויסצורײַסן פון אים, טאָר ניט ווערן איבערגעריסן. די אויפרעגונג, אין וועלכער דער פּאציענט פאַלט ארײַן, ווען ער שטויסט זיך אָן אָן די דרײַ לעבנס־פראַגן: ציבור, בארוף, ליבע, צו וועלכע ער איז, משמעות, ניט צוגעגרייט, כאפּט ארום ניט נאָר דעם קערפּער, נײַערט אויך די נשמה. אַלס רעזולטאַט פון דער קנאפּער צוגרייטונג פון דער דאָזיקער פּערזענלעכקייט קומט צו פונקציאָנעלע שטערונגען אין קערפּער און אין דער פּסיכיק. דאָס דארף נאָך, אמת, באוויזן ווערן, וואָרום ביז אַהער איז עס בלויז דערשפּירט געוואָרן מיט דער הילף פון דער אַלגעמיינער דיאַגנאָסטיק, דורך דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער דערפאַרונג און מיטן כּוח פון מעדיציניש־פּסיכאָלאָגישער אינטויציע. אָנגעלערנט אפשר שוין פון פריִער דורך קלענערע שטרויכלונגען, דערשרעקט זיך דער פּאציענט פאר דעם „עקזאָגענעם" פאקטאָר, פילט זיך איצט כּסדר באדראָט פון א מפּלה, בפרט נאָך, אַז ווי א פארצערטלט קינד (א נײַער באווײַז, וואָס מיר וועלן שפּעטער דארפן האָבן) זעט ער זײַן אַליין־איבערגע־

שטעלטן ציל פון א פערזענלעכן יתרון אן אינטערעס פאר אנדערע אלץ מער און מער ווי ניט צו דערגרייכן. אין דעם דאָזיקן געמיט פון געשטיגענע עמאָציעס, וועלכע שטאַמען שטענדיק פון דער מורא פאר אן ענדגילטיקער מפּלה, הגם עס מוז ניט שטענדיק דייט־לעך ארויסטרעטן מורא אין געוויינלעכן זין פון וואָרט, קומען־אויף יענע סימפּטאָמען, וועלכע מיר געפינען אין דעם נעווראָז און אין דעם פּסיכאָז. זיי קומען־אויף בהסכם מיט דער קאָנסטיטוציע, — דער קערפּערלעכער, וואָס איז צו מיינסט אן איינגעבאָרענע, און דער פּסיכישער, וואָס איז שטענדיק א באַקומענע;ביידע שטענדיק צונויפגעמישט און משפיע איינע אויף דער אנדערער.

איז דאָס אָבער שוין דער נעוורויז? די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע האָט מיט אן אמת א סך געטאָן, בדי אויפצוקלערן דעם פאַקט, אז צו דעם באַשייד פון די לעבנס־אויפגאַבן קען מען זיין שלעכט אָדער גוט צוגעגרייט, און אז אין דער מיט קען מען געפינען א סך טויזנטער וואַריאַנטן. זי האָט אויך פיל געטאָן, כדי צו געבן צו פאַרשטיין, אז די אָפּגעפּילטע אומפעיִקייט צו באַשיידן מאַכט טויזנטפאַכיק וויבּרירן דעם קערפּער און די נשמה לגבי דעם עקזאָגענעם פאַקטאָר. זי האָט אויך געוויזן, אז די קנאַפּע צוגרייטונג שטאַמט פון דער פריסטער קינדהייט און לאָזט זיך ניט פאַרבעסערן ניט דורך איבער־לעבונגען, ניט דורך עמאָציעס, נייערט בלויז דורך דערקענטעניש. און זי האָט אויפגעדעקט אַלס אינטעגראַלן פאַקטאָר פון דעם לעבן־סטיל דעם ציבור־געפיל, וואָס מוז זיך געפינען אויף א דעצידירנ־דיקן אופן ביים באַשייד פון אַלע לעבנס־פראַגן. די קערפּערלעכע און פּסיכישע דערשיינונגען, וואָס באַגלייטן און כאַראַקטעריזירן דעם געפיל פון היגטערשטעליקייט, האָב איך באַשריבן אַלס פּחיתות־קאָמפּלעקס. נאַטירלעך זיינען די שאָקווירקונגען אין פאַל פון א פּחיתות־קאָמפּלעקס גרעסער ביי ערגער־צוגעגרייטע אינדיווידן איידער ביי בעסער־צוגעגרייטע, גרינגער ביי מוטיקערע מענטשן איידער ביי אָנמוטיקע און אַזעלכע, וואָס זוכן שטענדיק הילף פון דרויסן. יעדער מענטש האָט קאָנפליקטן, וואָס טרייסלען אים אויף מער אָדער ווייניקער. יעדערער פילט זיי קערפּערלעך און פּסיכיש. אונדזער קערפּערלעכקייט פּאַציאַלע פאַר־העלטענישן שפּאָרן קיינעם ניט דעם געפיל פון פּחיתות לגבי דער דרויסנוועלט. ירושהדיקע אָרגאַן־פּחיתותדיקייטן זיינען צו אָפט, אז זיי זיי זאָלן ניט געטראָפן ווערן דורך די האַרטע פאָדערונגען פונם לעבן. די סביבה־פאַקטאָרן, וועלכע זיינען משפיע אויפן קינד, זיינען ניט פון דעם מין, אז זיי זאָלן פאר אים לייכט מאַכן מעגלעך דעם אויפבוי פון

א „ריכטיקן" לעבן־סטיל, פאַרצערטלונג, מכלומרשטע אָדערווירקלעכע פאַרלאַזטקייט, ספּעציעל דאָס ערשטע, פאַרפירן דאָס קינד זייער אָפט צו שטעלן זיך אין סתירה מיטן ציבור־געפיל. צו דעם קומט נאָך צו דאָס, אַז דאָס קינד געפינט זײַן באַוועגונגס־געזעץ על פי רוב אָן אַ ריכטיקער הדרכה לויט דעם פאַרפירערישן געזעץ פון פּרווו און טעות אין אַן אייגענעם ווילקיר, וואָס איז נאָר דורך די מענטשלעכע גרענעצן געצאַמט, שטרעבנדיק אָבער אויך אין מיליאָנען־פאַכיקע וואַריאַנטן שטענדיק צו אַ ציל פון יתרון. די שעפערישע קראַפט פון דעם קינד באַנוצט און „ווענדט אָן" אַלע אײַנדרוקן און שפּירונגען אַלס אימפּולסן צו אַן ענדגילטיקן שטעלונג־נעמען, צו דער אַנטוויקלונג פון זײַן אינדי־ווידועלן באַוועגונגס־געזעץ. דעם דאָזיקן פאַקט, וועלכן די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע האָט אַרויסגעהויבן, האָט מען שפּעטער באַצייכנט אַלס „אײַנשטעלונג" אָדער אַלס „געשטאַלט"; דערבײַ האָט מען אַרויסגעלאָזט פון אויג די גאַנצקייט פון דעם אינדיוויד און זײַן פאַרבונדנקייט מיט די דרײַ גרויסע פראַגן פון לעבן און מען האָט אויך ניט דערמאָנט דעם אויפטו פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע.

צי איז בכן דער קאָנפליקט פון אַ „שווערן" קינד, פון אַ זעלבסט־מערדער, פון אַ פאַרברעכער, פון אַן ארכי־רעאַקציאָנערן מענטשן, פון אַן אַבסורדאַלן אולטראַ־ראַדיקאַלן קעמפער, דער קאָנפליקט פון אַן אָפּ־געלאָזן פויל וועגעטירנדיקן מענטשן, פון אַ לעבעונג, וואָס די אַרומיקע נויט שטערט אים אין זײַן געמיטלעכקייט,—צי איז דער דאָזיקער קאָנ־פליקט צוזאַמען מיט די קערפּערלעכע און פּסיכישע פּועל־יוצאס שוין „דער נעוראָז"? זיי אַלע טרעפן מיט זייער גרײַזנדיקן, אײַנגעשפּאַרטן באַוועגונגס־געזעץ אין דעם דורך דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע באַטאָנטן „אמת", פאַלן אַרײַן אין כתירה מיט דעם sub specie aeternitatis „ריכטיקן", מיט דער אומברחמנותדיקער פאָדערונג פון אַן אידעאַלן ציבור. די, אכית, טויזנטפאַכיקע רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס פילן זיי אָפּ אין אמת טויזנטפאַכיקע וואַריאַנטן קערפּערלעך און פּסיכיש. איז דאָס אָבער דער נעוראָז? ווען עס וואָלטן ניט געווען די אומ־ברחמנותדיקע פאָדערונגען פון אַן אידעאַלן ציבור, ווען יעדערער וואָלט געקענט צופרידנשטעלן אין לעבן זײַן פאַרגרײַזטן באַוועגונגס־געזעץ, — מען קען עס אויך מליצהדיקער זאָגן: זײַנע יצרס, זײַנע באַדינגטע רעפלעקסן, — דעמאָלט וואָלט קיין שום קאָנפליקט ניט געווען. קיינער קען ניט אַרויסשטעלן אַזאַ מין אַבסורדאַלע פאָדערונג. זי וועקט זיך נאָר אומדרייסט, ווען עמעצער פאַרזעט די צונויפגעבונדנקייט פון אינ־דיוויד און ציבור אָדער פרווט זי פונאַנדערצורײַסן. יעדערער בייגט זיך

מער־וויניקער גערן פאר דעם איינזערנעם געזעץ פון דעם אידע־אלן ציבור. נאר דאס אויסערגעוויינלעך פארצערטלטע קינד וועט דער־ווארטן און פארלאנגען: „res mihi subigere conor“ ווי האראץ שטרײַכט עס לגנאי אונטער. פרײַ איבערגעזעצט: אויסצונוצן פאר מיר די בײַ־שטײַערונג פון דעם ציבור, ניט געבנדיק קיין זאך צושטײַער. דער טעם, „פארוואס איך זאל ליב האבן מיין נאענטסטן“, וואקסט ארויס פון דער ניט אפצורײַסנדיקער פארבונדנקייט פון די מענטשן און פון דעם ציבור־אידעאל, וואס משפט אן רחמנות. (זע אויך Der Sinn des Lebens, בלויז (Zeitschrift für Individualpsychologie, 161 'ז ,1931 יארגאנג דער, וואס טראגט אין זיך, אין זיין באוועגונגס־געזעץ, א גענוגנדיקן חלק פון דעם דאזיקן ציל צום ציבור און לעבט מיט אים, ווי מיט דער לופט, וועט אויך זיין בכוח צו באשיידן די אים אונטערקומענדיקע קאנפליקטן אין זין פון דעם ציבור. ווי יעדערער, לעבט אויך דער נעווי־ראטיקער דורך זײַנע קאנפליקטן, אבער זיין פרווו צו באשיידן שיידט אים בולט אונטער פון אלע אנדערע. מחמת דער טויזנטפאכיקייט פון ווארינאנטן קען מען כסדר געפינען טייל־נעווראזן און מישפארמען. פון קינדהייט אן איז אין זיין באוועגונגס־געזעץ טרענירט דער צוריקצי פון אויפגאבן, וועלכע וואלטן געקענט דורך דער מורא פאר א מפלה שטעלן אין סכנה זיין פוסטע אמביציע, זיין שטרעבן צו פערזענלעכן יתרון, וואס איז צו שטארק אפגעריסן פון דעם ציבור־געפיל, זיין שטרעבן צו זיין דער ערשטער. זיין לעבנס־מאטא: „אלץ אדער גאר ניט“, על פי רוב ווייניק געמילדערט, די איבערשפירעוודיקייט פון איינעם, וואס איז שטענדיק באדראט פון מפלות, זיין אומגעדולדיקייט, די אפעקט־געהע־כערטקייט, ווי פון איינעם, וואס לעבט אין לאנד פון שונא, זיין גיריקייט ברענגען ארויס אפטערע און שטארקערע קאנפליקטן, ווי עס וואלטן געוועזן נייטיק און מאכן פאר אים לײַכטער זיין צוריקצי, וואס איז אים אנגעצייכנט דורך זיין לעבן־סטיל. די פון קינדהייט אן טרענירטע און אויסגעפרוווטע טאקטיק פון דעם צוריקצי קען גרינג זיך אויסדרוקן ווי א „רעגרעסיע“ צו אינפאנטילע פארלאנגען, אבער ניט אין אזעלכע פאר־לאנגען גייט עס דעם נעווראטיקער, נײַערט אין זיין צוריקצי, פאר וועלכן ער באצאלט גערן מיט אלע מינים קרבנות. אויך דא איז לײַכט מעגלעך א פארפירערישע פארבײַטונג מיט „פארמען פון זעלבסט־באשטראפונג“. אבער: ניט אין דער זעלבסט־באשטראפונג גייט אים, נײַערט אין דעם געפיל פון פארלײַכטערונג דורך דעם צוריקצי, וואס פארהיט אים פון א צוזאמענבראך פון זיין פוסטער אמביציע, פון זיין גאווה.

אפשר וועט מען איצט ענדלעך פאַרשטיין, וואָס עס באַטייט אין דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע דאָס פּראָבלעם פון „זיכערונג". עס קען נאָר דערקענט ווערן אין דעם גאַנצן צוזאַמענהאַנג ניט אַלס „סעקונדער", נאָר אַלס עיקרדיק. דער נעוראָטיקער „זיכערט" זיך דורך זיין צוריקצי, און זיכערט זיין צוריקצי דורך אַ פאַרשטאַרקונג פון שאָק־דערשיינונגען פון קערפּערלעכן און פּסיכישן מין, וועלכע זיינען אויפגעקומען אין צוזאַמענשטויס מיט אַ פּראָבלעם, וואָס דראָט מיט אַ מפּלה.

ער גיט די בכורה זיין ליידן איבער דעם צוזאַמענבראָך פון זיין געפיל פון פּערזענלעכער דערהויבנקייט, וואָס פון זיין כוח וויים ביז איצט בלויז די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע. דער דאָזיקער געפיל פון דערהויבנקייט, וואָס טרעט אַרויס אָפט בלויז דייטלעכער אין דעם פּסיכאָז, זיין יתרון־קאָמפּלעקס, ווי איך האָב עס אָנגערופן, איז אַזוי שטאַרק, אַז דער נעווראָטיקער גופא שפּירט אים פון דערווייטן מיט שווידערנדיקן יראת־הכבוד און אַז ער ווענדט גערן אָפּ זיין אויפמערקזאַמקייט פון אים, אויב ער דאַרף אים אין דער ווירקלעכקייט אויספּרוּוון. ער טרייבט אים אויף פאַרויס. ער מוז אָבער לשם דעם צוריקצי אַלץ פאַרגעסן, אַוועקוואַרפן אַלץ, וואָס עס וואָלט געקענט שטערן דעם צוריקצי. ער דערלאָזט נאָר דעם געדאַנק, די געפילן און די טואונגען פון דעם צוריקצי.

דער נעוראָטיקער ווענדט זיין גאַנצן אינטערעס צום צוריקצי, יעדן טריט פאַרויס שטייערט ער אוים מיט אַלע פּחדים, ווי אַ פאַלן אין אָפּגרונט. מחמת דעם פלייסט ער זיך מיטן גאַנצן כוח, מיט אַלע זיינע געפילן, מיט אַלע זיינע אויסגעפּרוּווטע צוריקצי־מיטלען צו האַלטן זיך שטאַרק אין הינטערלאַנד. די אויסשטייערונג פון זיינע שאָק־איבער־לעבונגען, צו וועלכע ער ווענדט אָן זיין גאַנצן אינטערעס, די גרויסע הוצאה פון מיינסטנס מעטאַפאָריש אָנגעקליידטע אויפגעשרויפטע געפילן, ווי עס האָט זיי ליב דער חלום, כדי צו בלייבן פאַרעקשנט ביים אייגענעם לעבן־סטיל קעגן דעם common sense—דאָס אַלץ דערלויבט אים צו האַלטן זיך פעסט ביי די שוין פאַרטיקע זיכערונגען, כדי ניט געטריבן צו ווערן צו דער מפּלה. דערביי בלייבט ער אָפּגעווענדט פון דעם איינציק וויכטיקן פאַקטאָר, פון זיין מורא פאַר דער דערקענטעניש, ווי שטאַרק ער איז דערווייטערט פון זיין עגאָיִסטישן דערהויבענעם ציל. די מיינונג און דער אורטייל פון אַנדערע, וועלכע לאָזן גילטן ביים אויסבראָך פון דעם נעוראָז מילדערנדיקע אומשטענדן און אָנערקענען צוליב זיי דעם ציטערנדיקן אָרעאַל פון דעם נעוראָטיקער, באַדייטן די גרעסטע סכּנה. קורץ געזאָגט: די אויסנוצונג פון די שאָק־איבערלעבונגען צו דעם שוץ פון דעם באַדראָטן אָרעאָל — דאָס איז

דער נעווראָז. אָדער נאָך קירצער: דער געמיט פון דעם נעוראָטיקער פורעמט זיך אויס אין א „יאָ, אָבער". אין „יאָ" ליגט די אָנערקענונג פון דעם ציבור־געפיל, אין דעם „אָבער" — דער צוריקצי און זיינע זיכע־רונגען. מען ברענגט בלויז א שאָדן דער רעליגיע, ווען מען לייגט אַרויף אויף איר אָדער אויף איר פעלן די אחריות פאַר דעם נעוראָז. מען ברענגט א שאָדן יעדער פּאָליטישער פּאַרטיי, ווען מען רעקאָמענדירט דאָס אָנערקענען איר, ווי א היילונג פון נעוראָז.

ווען אונדזער פּאַציענט האָט פאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט, האָט ער געפּרוּווט אָנקומען אין אַן אַדוואָקאַטן־קאַנצעלאַריע אַלס פּראַקטיקאַנט. ער איז דאָרט געבליבן בלויז אייניקע וואָכן, וואָרום זיין ווירקונגס־קרייז איז אים אויסגעקומען צו קליין. נאָך דעם, ווי ער האָט מערערע מאָל צוליב דעם טעם און צוליב אַנדערע טעמים געביטן זיין שטעלע, האָט ער באַשלאָסן זיך אָפּצוגעבן ליבערשט מיט טעאָרעטישער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. מען האָט אים איינגעלאַדן אויף פּאַרלעזונגען וועגן רעכט־ענינים, ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט, „ווייל ער קען פאַר א גרעסערן קרייז ניט ריידן". אין דער צייט, — ער איז דעמאָלט אַלט געווען 32 יאָר, — האָבן זיך באַוויזן זיינע סימפּטאָמען. א פריינד, וועלכער האָט אים געוואָלט העלפן, האָט זיך אָנגעבאָטן צו האַלטן צוזאַמען מיט אים דעם רעפעראַט. אונדזער פּאַציענט האָט געשטעלט די פּאָדערונג צו ריידן דער ערשטער. ער איז אַרויף אויף דער עסטראַדע ציטערנדיק און צעמישט און האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט פּאַרלירן דעם באַוווּסטזיין. ער האָט בלויז געזען שוואַרצע פלעקן פאַר די אויגן. קורץ נאָך דער פּאַרלעזונג האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע שווערענישן פון דעם מאָגן, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער וואָלט געשטאָרבן, אויב ער וואָלט געמוזט נאָך אַמאָל ריידן פאַר א סך מענטשן. אין דער נאָענטסטער צייט האָט ער זיך פאַרנומען בלויז מיט געבן לעקציעס פאַר קינדער.

א דאָקטאָר, צו וועלכן ער האָט זיך געווענדט, האָט אים דער־קלערט, אַז ער מוז זיך אויסלעבן סעקסועל, כדי געזונט צו ווערן. מיר וואָלטן געקענט פּאַרויסזען די אומזיניקייט פון אַזאַ עצה. דער פּאַציענט, וועלכער האָט זיך שוין געפונען ביים צוריקצי, האָט געענטפערט אויף דער עצה מיט מורא פאַר סיפיליס, מיט עטישע ספקות און מיט דער מורא צו ווערן אָפּגענאַרט און באַשולדיקט אין דער פּאָטערשאַפט פון אַן אומגעזעצלעכן קינד. זיינע עלטערן האָבן אים צוגערעדט צו א שידוך און האָבן געהאַט

א כלומרשטן דערפאָלג, ווען זיי האָבן אים טאַקע חתונה געמאַכט מיט דער מיידל. עס איז געקומען א שוואַנגערשאַפט און די פרוי האָט פאַרלאָזן די הויז, כדי אומצוקערן זיך צו אירע עלטערן, ווייל זי האָט מער ניט געקענט, ווי זי האָט געזאָגט, איבערטראָגן די כסדרדיקע קריטיק פון אויבן אַראָפּ.

מיר זעען שוין איצט, ווי גאַוּוהדיק אונדזער פּאַציענט האָט געקענט זיין, ווען עס פלעגט זיך אים מאַכן א לייכטע געלעגנהייט, — ווי ער פלעגט זיך אָבער תּיכּף צוריקציען, ווי נאָר די זאַך פלעגט אים אויסווייזן ניט זיכער. ווייב און קינד האָט אים ניט געאַרט. ער האָט שטענדיק געזאָרגט נאָר דערפאַר — ניט אויסצוזען פּחיתותדיק, און די דאָזיקע זאָרג איז געווען שטאַרקער, ווי דאָס שטרעבן צום היים געזוכטן ערפאָלג. ער פלעגט זיך צוזאַמענברעכן, בעת ער פלעגט אַרויסקומען אויפן פראָנט פון לעבן, ער פלעגט אַריינפאַלן אין אַן אָנהאַלטנדיקער געפילסכוואַליע פון העכסטער שרעק און פלעגט פאַרשטאַרקן זיין צוריקציִ דורך שאַפן זיך שרעק־געשפּענסטער, ווייל דורך דעם פלעגט אים זיין לייכטער דער צוריקציִ.

שטאַרקערע באַווייזן? מיר וועלן זיי אַרויסברענגען אויף א צווייערלייאיקן אופן: ערשטנס, דורך דעם, וואָס מיר וועלן אַריינדרינגען אין דער צייט פון זיין פריִער קינדהייט, כדי פעסטצושטעלן, אַז ער איז צו דעם לעבן־סטיל, וועלכן מיר האָבן ביי אים געפונען, פאַרפירט געוואָרן: צווייטנס, דערמיט, וואָס מיר וועלן צוטראָגן ווייטערדיקע אויפווייזן פון זיין לעבן. איך וואָלט געזאָגט: דער שטאַרקסטער באַווייז פאַר דער ריכטיקייט פון אַזאַ מין פעסטשטעלונג איז אין יעדן פאַל, ווען עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די ווייטערדיקע ביישטייערס צו דער כאַראַקטעריסטיק פון א פערזאָן שטימען פולקום מיט די שוין געפונענע. אויב זיי זאָלן נישט שטימען, דעמאָלט מוז די מיינונג פון דעם פאָרשער ווערן אַנטשפּרעכיק אומגעביטן.

די מוטער איז, ווי דער פּאַציענט האָט אָנגעגעבן, געווען א פרוי מיט א ווייכן כאַראַקטער, צו וועלכער ער איז געווען זייער צוגעבונדן, וועלכע האָט אים גרינדלעך פאַרצערטלט און האָט אויך שטענדיק דערוואַרט פון אים גאָר גרויסע אויפטוען. דער פאָטער איז געווען ווייניקער נוטה צום פאַרצערטלען, פלעגט אָבער ביי אַלע אומשטענדן נאָכגעבן, ווען דער פּאַציענט פלעגט וויינענדיק אויסדריקן זיינע פאַרלאַנגען. צווישן די מיט־קינדער

האָט ער אויסגעטײלט אַ ייִנגערן ברודער, וועלכער האָט אים פאַרגעטערט, פלעגט אים ממלא זיין יעדן פאַרלאַנג, פלעגט אים נאָכלויפן ווי אַ הינטל און פלעגט זיך שטענדיק לאָזן פון אים פירן. דער פּאַציענט איז געווען די האָפענונג פון זיין משפחה און האָט אויך ביי די מיט־קינדער געקענט שטענדיק אויספירן. בכן, אַן אומגעוויינלעך גרינגע, װאַרעמע סיטואַציע, וועלכע האָט אים געמאַכט ניט צוגעפּאַסט פאַר דער דרויסן־וועלט.

דאָס האָט זיך תיכּף אַרויסגעוויזן, בעת ער איז צום ערשטן מאָל געקומען אין שול. ער איז געווען דער ייִנגסטער אין דעם קלאַס און ער האָט דאָס גענומען ווי אַ תּירוץ, כּדי אַרויסצוּװיַיזן זיַין ווידערווילן קעגן דער דאָזיקער פּאָזיציע פון זיין מחוץ דורך צוויי מאָל ביַיטן די שול. דערנאָך האָט ער זיך אָבער געלערנט מיט אַן אומגעהיַיערן ברען, כּדי איבערצויאָגן אַלע אַנדערע שילער. ווען דאָס איז אים ניט געראָטן, האָט ער זיך אָנגעהויבן צוריקציִען: ער פלעגט אָפט ניט קומען אין שול כּחמת קאָפּ־ און מאָגן־ווייטאָגן אָדער ער פלעגט אָפט קומען צו שפּעט. אמת טאַקע, צו יענער צייט איז ער ניט געווען פון די בעסטע שילער, האָט ער עס אָבער, אַזוי ווי זיינע עלטערן, דערקלערט מיט זיין אָפּטן דורכלאָזן; דערביי האָט אונדזער פּאַציענט שטאַרק אונטער־געשטראָכן, אַז ער ווייס מער און האָט מער געלייענט פון אַלע אַנדערע שילער.

ביי די קלענסטע סיבות פלעגן אים די עלטערן אַריינלייגן אין בעט און זאָרגעוודיק אים אָפּהיטן. ער איז שטענדיק געווען אַ שרעקעוודיק קינד און פלעגט אָפט אויסשריַיען פון שלאָף, כּדי צו פאַרנעמען זיין מאַמען מיט זיך אויך ביינאַכט.

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון דעם צוזאַמענהאַנג פון די דאָזיקע אַלע דערשיַינונגען. זיי אַלע זיינען געווען דער אויסדרוק, די אויסשפּראַך פון זיַין לעבן־סטיל. ער האָט אויך ניט געוווּסט, אַז ער לייענט דערפאַר אין בעט ביז פאַרטאָג, כּדי אויף מאָרגן צו קענען געניסן די פּריווילעגיע צו קענען שפּעט אויפשטיין און אַזוי אַרום באַפריַיען זיך פון אַ טייל פון זיינע טאָג־אַרבעטן. לגבי מיידלעך איז זיין אומדרייסטקייט געווען נאָך גרעסער, ווי לגבי מענער, און די דאָזיקע איַינשטעלונג האָט געדויערט במשך פון דער גאַנצער צייט פון זיין אַנטוויק־לונג ביז אַ מאַן. מען קען לייכט פאַרשטיין, אַז אין יעדער לעבנס־סיטואַציע האָט אים געפעלט מוט, אַז ער האָט פאַר קיין

פרייז ניט געוואָלט שטעלן אין קאָן זיין פּוסטע אַמביציע. די אומזיכערקייט, צי ער וועט פון די מיידלעך ווערן אויפגענומען, איז געשטאַנען שטאַרק אין קאָנטראַסט צו דער זיכערקייט, מיט וועלכער ער האָט געקענט דערוואַרטן דער מוטערס אָפּגעגעבנקייט. אין דעם פאַרפאָלק־לעבן האָט ער געוואָלט אויפשטעלן די זעלבע הערשאַפט, וועלכע ער האָט געהאַט איבער דער מוטער און איבער די ברידער, און ער האָט זיך נאַטירלעך געמוזט צוזאַמענברעכן.

איך האָב געקענט פעסטשטעלן, אַז דעם לעבן־סטיל פון אַן אינדיווידו קען מען געפינען אין די עלטסטע קינדהייט־זכרונות, אמת, אָפט גוט פאַרבאַהאַלטן. די עלטסטע ערינערונג פון אונדזער פּאַציענט האָט געקלונגען אַזוי: „עס איז געשטאָרבן אַ קליינער ברודער און דער פאָטער איז געזעסן לעבן שטוב און האָט ביטער געוויינט". מיר דערמאָנען זיך, ווי דער פּאַציענט האָט פאַר איינער אַ פאַרלעזונג געמאַכט פּליטה אַהיים און ער האָט דערקלערט, אַז ער שטאַרבט.

ווי אַזוי עמעצער באַציט זיך צו דער פראַגע פון פריינדשאַפט, כאַראַקטעריזירט זייער גוט זיין צוגעפּאַסטקייט צו זיין אַ ציבור־מענטש. אונדזער פּאַציענט גיט אָן, אַז ער פלעגט שטענדיק בלויז אויף אַ קורצער צייט האָבן פריינד און אַז ער פלעגט זיי שטענדיק וועלן באַהערשן. מען קען עס אייגנטלעך אָנרופן בלויז אַן עקספּלואַטאַציע פון אַ צווייטנס פריינדשאַפט. אַז מען האָט אים פריינדלעך אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, האָט ער געענטפערט: „איך גלויב ניט, אַז עמעצער שטעלט זיך אײַן פאַרן ציבור, יעדערער טוט עס נאָר פאַר זיך". פון די ווײַטערדיקע פאַקטן דרינגט אויך אַרויס, ווי ער פלעגט זיך גרייטן צום צוריקצי. ער האָט גערן געוואָלט שרייבן אַרטיקלען אָדער אַ בוך. ווען ער האָט זיך אָבער אָוועקגעזעצט שרייבן, איז ער אַריינגעקומען אין אַזאַ אויפרעגונג, אַז ער האָט ניט געקענט דענקען. ער דערקלערט, אַז ער קען ניט אײַנשלאָפן, אויב ער לייענט ניט פאַר דעם. אָבער ווען ער לייענט, באַקומט ער אַ שווערקייט אין קאָפּ אַזוי, אַז ער קען ניט שלאָפן. זיין פאָטער איז מיט אַ קורצער צייט פריִער געשטאָרבן, גראָד בעת דער פּאַציענט האָט באַזוכט אַ צווייטע שטאָט. קורץ נאָך דעם האָט ער דאָרט געוואָלט אָננעמען אַ שטעלע. ער האָט אָפּגעזאָגט מיטן תּירוץ, אַז ער וואָלט געשטאָרבן, ווען ער וואָלט געמוזט אַריין אין דער שטאָט. ווען מען האָט אים

אין זיין שטאָט אָנגעבאָטן אַ שטעלע, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון איר מיט דער מאָטיווירונג, אַז ער וועט די ערשטע נאַכט ניט קענען שלאָפן און דערפאַר גלייך אויף מאָרגן דורכפאַלן. ער מוז פריִער אײַנגאַנצן געזונט ווערן. דאָ איז אויך אַ בײַשפּיל פאַר דעם, אַז אויך אין חלום פון פּאַציענט קען מען געפינען זיין באַוועגונגס-געזעץ. דאָס דאָזיקע „יאָ, אָבער" פון דעם נעווראָטיקער. מיט דער טעכניק פון דער אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע קען מען געפינען די דינאַמיק פון אַ חלום. זי זאָגט אונדז גאָרניט קיין נײַס, קיין זאַך ניט, וואָס מיר זאָלן אויך אַזוי ניט קענען דער-קענען פון דעם פּאַציענטס אויפפיר. פון די ריכטיק פאַרשטאַנענע מיטלען און פון דעם אָפּקלײַב פון די אינהאַלטן קען מען דער-קענען, ווי אַזוי דער בעל-חלום, געפירט דורך זיין באַוועגונגס-געזעץ, באַמיט זיך דורכצופירן זיין לעבן-סטיל קעגן דעם common sense דורך קינסטלעכער אויפוועקונג פון געפילן און עמאָציעס. און מען געפינט אויך אָפט אָנווײַזן אויף דעם, ווי אַזוי דער פּאַציענט פּראָדוצירט זיינע סימפּטאָמען אונטער דעם דרוק פון מורא פאַר אַ מפּלה. אַ חלום פון דעם דאָזיקן פּאַציענט קלינגט אַזוי: „איך האָב געדאַרפט באַזוכן פריינד, וועלכע וווינען אויף יענער זײַט פון אַ בריק. דער אָנלען פון בריק איז געווען פריש אָפּגעמאָלט מיט פאַרב. איך האָב געוואָלט אַ קוק טאָן אין וואַסער און זיך אָנגעשפּאַרט אויפן אָנלען. דער אָנלען האָט מיך אַ שטויס געטאָן אין מאָגן און עס האָט מיר אָנגעהויבן ווײ-טאָן. איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: קוק ניט אַראָפּ אין וואַסער. דו קענסט נאָך אַרײַנפאַלן. איך האָב זיך אָבער אײַנגעשטעלט, בין נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען ביז צום אָנלען, אַ בליק-געטאָן אַראָפּ און בין שנעל צוריק אַוועק, אַ טראַכט-געבנדיק, אַז עס איז בעסער צו זיין אין זיכערקייט".

דאָס באַזוכן פריינד און דער פריש-אָפּגעמאָלטער אָנלען טײַטלען אויף די אָנווײַזן בנוגע דעם ציבור-געפיל און דאָס נײַ-אויפבוי פון אַ בעסערן לעבן-סטיל. די שרעק פון דעם פּאַציענט ניט אַראָפּצופאַלן פון זיין הייך, זיין „יאָ, אָבער" איז גענוג קלאָר אַרויסגעהויבן. די שווערענישן אין מאָגן, ווי אַ רעזולטאַט פון אַ שרעק-געפיל, זײַנען, ווי ס'איז פריִער געווען באַשריבן, קאָנסטי-טוציאָנעל שטענדיק אונטערן האַנט. דער חלום ווײַזט אונדז די נעגירנדיקע שטעלונג פון פּאַציענט לגבי די ביזאהעריקע באַמיִונ-גען פון דאָקטאָר און דעם נצחון פון דעם אַלטן לעבן-סטיל דורך

דער הילף פון אַן אַדורכנעמענדיקן בילד פון אַ געפאַר, ווען עס ווערט געשטעלט אין קאָן די זיכערקייט פון דעם צוריקצי.

דער נעווראָז איז די אַווטאָמאַטישע, פאַר דעם פּאַציענט ניט פאַרשטאַנענע אויסנוצונג פון סימפּטאָמען, וואָס קומען-אויף פון שאָקווירקונגען. די דאָזיקע אויסנוצונג איז מער נוגע אַזעלכע מענטשן, וועלכע ציטערן צו פיל איבער זייער אָרעאַל און וועלכע זייַנען שוין, ווי פאַרצערטלטע קינדער, געצווּנגען געוואָרן על-פּי-רוב אין זייער קינדהייט אויף דעם דאָזיקן וועג פון אויסנוצונג. נאָך עפּעס וועגן די קערפּערלעכע דערשייַנונגען, ווי עס פּיַערט טריומפן די פאַנטאַזיע פון אייניקע מחברים. די זאַך שטייט אַזוי: דער אָרגאַניזם איז אַ גאַנצקייט און האָט אַלס אַזאַ במתנה פון דער עוואָלוציע דאָס שטרעבן צו גלייַכוואָג, וואָס שלאָגט זיך דורך אַ וועג בייַ שווערע אומשטענדן ווי ווייַט מעגלעך. צו דער דערהאַלטונג פון דעם גלייַכוואָג געהערט די פאַרענדערלעכקייט פונם האַרצקלאַפּן, די טיפקייט פונם אָטעמען, די צאָל אָטעם-ציען, דאָס גליווערן פונם בלוט, די באַטייליקונג פון די ענדאָקרינע דריזן. דאָ ווייַזט זיך אַלץ דייַטלעכער, אַז אין ספּעציעלע פּסיכישע אויפרעגונגען ווערן געדייצט דער וועגעטאַטיווער און דער ענדאָקרינער סיסטעם און זיי זייַנען גורם צו אַ פאַרגרעסערטער אָדער פאַרענדערטער סעקרעציע. היינט קענען מיר נאָר פאַרשטיין צום מערסטן די שינויים פון דעם שילדדריז אין רעזולטאַט פון שאָקווירקונגען, וועלכע קענען אַן אַנדערש מאָל אַפילו ווערן לעבנסגעפערלעך. איך האָב געזען אַזעלכע פּאַציענטן. צאָנדעק, דער גרעסטער פאָרשער אויף דעם געביט, האָט געוואָלט האָבן מייַן מיטהילף, כּדי פעסטצושטעלן, וואָס פאַר אַ פּסיכישע אייַנווירקונגען עס קומען דערבייַ אין קאָן. ווייַטער איז קיין שום פראַגע ניט, אַז אַלע פאַלן פון באַזעדאָוו-קראַנקייטן טרעטן אַרויס ווי אַ רעזולטאַט פון פּסיכישע אויפטרייסלונגען. עס זייַנען דאָ געוויסע מענטשן, בייַ וועמען פּסיכישע אויפטרייסלונגען רעגן-אויף דעם שילדדריז.

אויך די פאָרשונג וועגן דער נעבנניר איז געגאַנגען פאָרויס. מען קען ריידן פון אַ סימפּאַטיקאָ-אַדרענאַלין-קאָמפּלעקס; ספּעציעל בייַ כּעסאַפעקטן איז פאַרמערט דער צומיש פון נעבנניר-סעקרעט. דער אַמעריקאַנער פאָרשער קאַנאָן האָט באַוויזן אויף פרווון מיט חיות, אַז בייַ כּעסאויסברוכן טרעט אַרויס אַ פאַרמערונג פון דער אַדרענאַלין-סובסטאַנץ. דאָס פירט צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער האַרץ-טעטיקייט און צו אַנדערע שינויים אַזוי, אַז מען קען פאַרשטיין, אַז קאָפּ-ווייטאָגן, פּנים-ווייטאָגן, אפשר עפּילעפּטישע אָנפאַלן קענען אַרויסגערופן ווערן פון אַ פּסיכישן גורם. עס גייט דאָ שטענדיק וועגן מענטשן, וועלכע ווערן כּסדר

אויפדאָסניַ געררייצט דורך זייער פּראָבּלעם. עס איז קלאָר, אַז דאָ גייט עס וועגן דעם דויער פון דעם פּראָבּלעם. ווען מען האָט צו טאָן מיט אַ נערוועזשער 20-יאָריקער מיידל, וועט מען באמת קענען אָננע-מען, אַז פאַר איר שטייען דראָענדיק, אויב נישט קיין ליבע-פּראַגן, איז באַרופס-פּראַגן. בײַ אַ 50-יאָריקן מאַן אָדער פרוי וועט זײַן נישט שווער צו דערגיין, אַז דאָס איז דאָס פּראָבּלעם פון עלטער, וועלכן דער באַ-טרעפנדיקער האַלט, אַז ער וועט נישט קענען באַשיידן, אָדער ער קען אים באמת נישט באַשיידן. די פאַקטן פון לעבן נעמען מיר קיינמאָל נישט דירעקט, נײַערט בלויז דורך אונדזער מיינונג; זי איז מאָסגיביק.

די היילונג קען צושטאַנד קומען נאָר אויף אַן אינטעלעקטועלן וועג, דורך דעם וואַקסנדיקן אַרײַנבליק פון דעם פאַציענט אין זײַן טעות און דורך דער אַנטוויקלונג פון זײַן ציבור-געפיל.

11

סעקסועלע פערווערזיעס

איך האף, אז די באשרייבונג פון די סעקסועלע פערווערזיעס, וועלכע ווערט דא געגעבן נאר סכעמאטיש, וועט ניט פירן צו קיין אנטטוישונג *. איך מעג עס נאך מער דערווארטן, ווארום דער גרעסטער טייל פון מיינע לייענער איז שוין היימיש מיט די גרונט־אנשויונגען פון דער אינדיווידואל־פסיכאלאגיע אזוי, אז זיי וועלן דאס רמזימדיקע דערמאנען פון א פראבלעם אויפנעמען ווי א בפרטיותדיקע באהאנדלונג פון אים. דא גייט מער אין דעם, צו ווייזן דעם איינקלאנג פון אונדזער וועלט־אנשויונג מיט דער סטרוקטור פון דער סעקסועלער פערווערזיע. אין אונדזער צייט איז עס א גאנץ געפערלעכער ענין, ווארום איצט געוועלטיקט גראד די שטרעמונג, וואס וואלט געוואלט רעדוצירן די סעקסועלע פערווערזיעס אויף איינגעבארענע באקטארן. דאס איז אזוי וויכטיק, אז מען טאר ניט ארויסלאזן פון אויג דעם דאזיקן זע־פונקט; לויט אונדזער אנשויונג גייט דא אין קינסטלעכע פראדוקטן, וועלכע זיינען אריינגעפלאסן אין דער דערציונג אן דעם וויסן פון דעם באטרעפנדיקן. דערפון זעט מען די גרויסע סתירה, אין וועלכער מיר שטייען צו אנדערע, און די שוועריקייטן, וועלכע ווערן פאר אונדז ניט גרינגער, אויב אפילו אנדערע, ווי, למשל, קרעפעלין, שטרייכן אונטער אן ענלעכן באנעם.

כדי צו באלויכטן אונדזער פארהעלטעניש צו אנדערע, וויל איך אייך דערציילן פון א פאל, וועלכער האט אבער ניט צו טאן מיט סעקסועלע פערווערזיעס און דארף נאר דינען ווי א ביישפיל פאר מיין שטאנדפונקט אין דעם פסיכאלאגישן באנעם. עס האנדלט זיך וועגן א פרוי, וואס לעבט גליקלעך מיט איר מאן און האט צוויי קינדער. זינט זעקס

* זע: Dreikurs, „Seelische Impotenz“, Verlag Hirzel, Leipzi.
און Adler, Das Problem der Homoseksualität, Verlag Hirzel, Leipzig, 1930

יאָר שטייט זי אין קאַמף מיט איר סביבה. עס גייט וועגן אַט דעם פּראָבלעם: זי באַהויפּט, אַז אַ לאַנגיאָריקע פרײַנדין, וואָס זי קען נאָך פון קינדווײַז אָן און האָט באַוווּנדערט אירע פעיִקייטן, האָט זיך צײַט זעקס יאָר אַרויסגעוויזן ווי אַ הערשגיריקע פרוי, וואָס זוכט כּסדר צו פּײַניקן אַנדערע. זי גופא זאָל האָבן דערפון צום מערסטן צו לײַדן און זי ברענגט דערפאַר אַ גרויסע צאָל באַווײַזן, וועלכע ווערן פון אַנדערע אָפּגעלייקנט. זי באַהויפּט: „עס וואָלט געקענט זײַן, אַז אין אַנדערע זאַכן בין איך צו ווײַט געגאַנגען, אין תּוך בין איך אָבער גערעכט. פאַר זעקס יאָרן האָט די דאָזיקע פרײַנדין ביטולדיק גערעדט וועגן אַ צווייטער, וואָס איז בעת מעשה ניט געווען, בשעת ווען פאַר איר אין די אויגן האָט זי געשפּילט די ראָלע פון אַ גוטן פרײַנד.‟ איצט האָט זי מורא, אַז וועגן איר וואָלט די פריינדין אויך געקענט מאַכן ענלעכע באַמערקונגען. אַ צווייטער באַוויַיז: די פריינדין האָט אַ זאָג געטאָן: „דער הונט איז טאַקע פאָלגעוודיק, אָבער נאַריש‟. דערבײַ האָט זי געוואָרפן אויף אונדזער פּאַציענטין אַ בליק, ווי ער וואָלט געזאָגט: „אַזוי ווי דו‟. די אַרומיקע פון דער פּאַציענטין, וואָס האָבן אַליין קיין שום אַכט ניט געלייגט אויף דעם זאָג, זײַנען צוליב אַזאַ אויסטײַטשונג פון איר געווען אויסערגעוויינלעך אויפגעבראַכט און האָבן זיך געשטעלט פעסט אויף דער זייט פון דער אָנגעקלאָגטער.

לגבי אַנדערע האָט זיך די דאָזיקע פרוי אַרויסגעוויזן פון דער שענסטער זייט. צו באַשטעטיקן איר מיינונג האָט די פּאַציענטין געזאָגט: „זעט נאָר אָקאָרשט, ווי זי באַהאַנדלט איר הונט, זי פּײַניקט אים און הייסט אים מאַכן קונצשטיק, וואָס קומען אים אומגעהייער שווער אָן‟. די אַרומיקע האָבן געזאָגט: „דאָס איז דאָך נאָר אַ הונט, דאָס קען מען ניט פאַרגלײַכן מיט דער באַציִונג צו מענטשן, צו מענטשן איז זי ליבלעך‟. די קינדער פון מײַן פּאַציענטין זײַנען געווען זייער צוגעבונדן צו דער פרײַנדין און האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער מוטערס מיינונג. אויך דער מאַן האָט געלייקנט, אַז עס קען זײַן אַן אַנדער מיינונג. די פּאַציענטין האָט געפונען אַלץ נײַע באַווײַזן פון דער פרײַנדינס הערשגיריקייט, וואָס איז ספּעציעל געווענדט קעגן איר. איך האָב זיך ניט אָפּגעהאַלטן צו דערקלערן דער פּאַציענטין, אַז לויט מײַן אײַנדרוק איז זי גערעכט. זי איז געווען באַגײַסטערט. עס האָבן זיך דאַן אַרויסגעוויזן נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן גערעדט פאַר דער הערשגיריקייט פון דער פרוי און לסוף איז מײַן אײַנדרוק באַשטעטיקט געוואָרן דורכן מאַן. דאָ האָט מען מיט אַ מאָל דערזען: די פרוי איז דאָך, נעבעך, גערעכט, זי מאַכט בלויז דערפון אַ שלעכטן געברויך. אָנשטאָט צו פאַרשטיין, אַז ס'איז דאָ עפּעס

אַזוינס ווי אַ פאַרמאַסקירטע דערנידעריקונגס=טענדענץ און אַז מען דאַרף אַ מענטשן אַביסל דן זײַן לכּף זכות, האָט זי זיך לחלוטין געשטעלט קעגן דער דאָזיקער פרוי, האָט געזען אין איר אַלץ לגנאי און האָט זיך גענומען צום הארצן. זי האָט געהאַט אַ פײַנערע אויבערהויט, זי האָט געקענט בעסער דערשפּירן, הגם זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר אין דער פרײַנדין.

איך וויל דערמיט זאָגן: עס איז אָפט דאָס פּאַטאַלאָגישע אין דער וועלט, ווען מען איז גערעכט. עס קלינגט איבערראַשנדיק — אָבער יעדערער אפשר האָט עס דורכגעמאַכט אין זײַן אייגענעם לעבן, אַז ער איז געווען גערעכט און דערפון איז אַרויסגעקומען אַן אומגליק. איך דאַרף נאָר אַ טראַכט געבן, וואָס עס וואָלט מיט דער פרוי געקענט געשען, ווען זי וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון עמעצן, וואָס האָט ניט קיין פײַנע אויבערהויט: ער וואָלט גערעדט וועגן משוגעת פון יושר=זוכעריי (Querulantenwahn), וועגן פּאַראַנאָיִשע אידעען און וואָלט זי אַזוי באַהאַנדלט, אַז עס וואָלט איר כּסדר ערגער געוואָרן. עס איז שווער אָפּצוזאָגן זיך פון אַ שטאַנדפּונקט, ווען מען איז גערעכט. אין אַזאַ לאַגע געפינען זיך די אַלע פאָרשער, וועלכע זײַנען איבערצײַגט, אַז זיי זײַנען גערעכט און מוזן זיך דאָן פאַרטיידיקן. מיר דאַרפן זיך ניט ווונדערן, ווען אויך צוליב אונדזערע אָנשויונגען פלאַקערן זיך פונאַנדער גרויסע קאַמפן. מיר דאַרפן זיך נאָר היטן פון זײַן בלויז גערעכט און מאַכן דערפון אַ שלעכטן געברויך. מיר ווילן זיך ניט לאָזן אויפרעגן דערפון, וואָס עס זײַנען דאָ אַזוי פיל פאָרשער, וועלכע באַקעמפן אונדזערע אָנשויונגען. אין דער וויסנשאַפט מוז מען האָבן אויסערגעוויינלעך פיל געדולד. — בנוגע סעקסועלע פּערווערזיעס געוועלטיקט היינט דער ירושהדיקייט=געדאַנק. פּשוטע אָנהענגער פון ירושהדיקייט ריידן וועגן דעם דריטן מין אָדער וועגן דעם, אַז דאָס צווייטע געשלעכט איז ביי איינעם אַן אײַנגעבאָרענע זאַך; אַנדערע האַלטן, אַז אײַנגעבאָרענע פאַקטאָרן אַנטוויקלען זיך און אַז קעגן דעם קען מען קיין זאַך ניט טאָן; אַנדערע ווידער ריידן וועגן אײַנגעבאָרענע קאָמפּאָנענטן. אָבער די דאָזיקע אַלע פאַקטאָרן קענען אונדז ניט מחייב זײַן אָפּצוזאָגן זיך פון אונדזער אָנשויונג. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די אָרגאַניקער שנײַדן אויסערגעוויינלעך שלעכט אָפּ ביים נאָכזוכן אָרגאַנישע שינויים, אָרגאַנישע אַנאָמאַליעס.

וואָס ס׳איז שייך דער האָמאָסעקסועלקייט, וואָלט איך געוואָלט אָפּירברענגען אַ מיטטיילונג, וואָס איז פּובליקירט געוואָרן אין פאָריקן יאָר און איז נוגע יענעם פּראָבלעם, וועלכער איז געשטעלט געוואָרן אין 1927 בעת Laqueur האָט אויסגעפונען, אַז אין דער השתּנה פון יעדן

מענטשן געפינט מען די האַרמאָנעע פון דעם אַנדערן מין. אויף דעם, וואָס איז נאָר שוואַך אין אונדזער אָנשויונג, וועט דער דאָזיקער פאַקט ווירקן איבעררעשנדיק. ער וואָלט זיך געקענט טראַכטן, אַז ווען עס אַנטוויקלען זיך פּערווערזיעס, שטאַמען זיי פון דער צווייגעשלעכטיקייט. די פאָרשונגען פון בראַון איבער ניין האָמאָסעקסועלע האָבן באַוויזן, אַז בײַ זיי געפינען זיך די זעלבע האָרמאָנען, ווי בײַ ניט האָמאָסעקסועלע. דאָס איז אַ טריט פאָראויס אין אונדזער ריכטונג. די האָמאָסעקסועלקייט איז ניט געווענדט אָן די האָרמאָנען.

איך וויל פאָרלייגן אַ סכעמע, לויט וועלכער עס וואָלטן געקענט אײַנגעטיילט ווערן אַלע ריכטונגען פון דער פּסיכאָלאָגיע. עס זײַנען פאַראַן פאַרמעג־פּסיכאָלאָגיעס, וועלכע פאַרנעמען זיך דערמיט — פעסטצושטעלן, וואָס ברענגט דער מענטש מיט זיך אויף דער וועלט און וואָס ער פאַרמאָגט, וועלכע ווילן אויס דעם דאָזיקן פאַרמעג אַרויספירן אַלדאָס פּסיכישע. פון שטאַנדפּונקט פון דעם common sense איז דאָס אַ פאַטאַלער ענין. געוויינלעך איז מען אין לעבן ניט נוטה אַרויסצופירן אַלע פועל־יוצאס פון דעם פאַרמעג, נייערט פון דעם, וואָס פאַר אַ באַנוץ איינער קען מאַכן פון דעם פאַרמעג. אונדז אינטערעסירט דער באַנוץ אַ סך מער, ווי דער פאַרמעג. אַז איינער פאַרמאָגט אַ שווערד, איז דערמיט ניט געזאָגט, אַז ער נוצט זי ריכטיק אויס; ער קען זי אַוועקוואַרפן, ער קען כּתּם האַקן מיט איר, ער קען זי שלײַפן אאַז״וו. אונדז אינטערעסירט דער באַנוץ. דערפאַר וואָלט איך געוואָלט זאָגן: עס זײַנען דאָ אַנדערע ריכטונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע, וועלכע מען וואָלט געדאַרפט באַטראַכטן ווי באַנוץ־פּסיכאָלאָגיעס. די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, וואָס כּדי צו פאַרשטיין דעם מענטשן, באַטראַכט זי זײַן שטעלונג־נעמען צו די לעבנס־פראַגן, לייגט אַכט אויף דעם באַנוץ. פאַר ריכטיק דענקענדיקע מענטשן דאַרף איך ניט צוגעבן, אַז בײַ קיינעם קען דער באַנוץ פון די פעיִקייטן זיי ניט איבערשטײַגן, אַז ער בלײַבט שטענדיק אין די ראַמען פון מענטשלעכע פעיִקייטן, וואָס וועגן זייער היקף קענען מיר קיין שום ענדגילטיקס ניט אַרויסזאָגן. עס איז צו באַדויערן און עס זאָגט עדות אויף דעם טריומפאַלן אַרײַנמאַרש פון דער עם הארצות אויבן פעלד פון דער פּסיכאָלאָגיע, אַז מען דאַרף נאָך ריידן וועגן עלעמענטאַרע אמתן.

בנוגע דעם באַנוץ פון די פעיִקייטן קען מען זאָגן: די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע האָט אייגנטלעך געמאַכט דעם שטאַרקסטן טריט, דערקלערנדיק דעם באַוועגונגס־געזעץ אין פּסיכישן לעבן פון אַ מענטשן ווי דאָס דעצידירנדיקע פון זײַן אייגנאַרט. הגם כּדי צו זען די באַוועגונג

אלס פארם, איז געווען נייטיק צו לאזן די באוועגונג איינגליווערן, האבן מיר שטענדיק, ארויסגייענדיק פון דעם שטאנדפונקט, אז אלץ איז באוועגונג, געזען און געפונען, אז אזוי מוז עס זיין, כדי צו דערגיין צו דעם באשייד פון הראגן, כדי גובר צו זיין שוועריקייטן. מען קען דא ניט זאגן, אז דער תענוג=פרינציפ שטייט אין סתירה צו דעם; אויך דאס שטרעבן צו תענוג איז דאס גובר=זיין א דוחק אדער א שפירונג פון אומתענוג. אויב דאס איז ריכטיק, דעמאלט וועלן מיר אין דעם דאזיקן ליכט אויך מוזן זען די פערווערזיעס. אזוי ווערט איצט סוף כל סוף באלויכטן דאס זע=פעלד פון דער באוועגונג, ווי דאס פארלאנגט די אינדיווידואל=פסיכאלאגיע: איך וואלט דערביי געוואלט אונטערשטרייכן, אז אויב מיר קומען דערביי צו פארמולעס, צו גרונט=אנשויונגען פון דער סטרוקטור פון די פערווערזיעס, איז פאר דעם איינצלנעם פאל דערמיט נאך וויט ניט גענוג געטאן. יעדער איינצלנער פאל שטעלט פאר עפעס איינמאליקס, עפעס, וואס חוזרט זיך קיין מאל ניט איבער. ווען מען הייבט אן א טעראפיע דארף מען אפווארפן אלגעמיינע ריידנס=ארטן. פון דעם פאקט פון דער באנוץ=פסיכאלאגיע דרינגט ארויס, אז דער אינדיוויד, אפגעריסן פון דעם נארמאלן סאציאלן בונד, וואלט גארנישט געקענט ארויסגעבן פון זיין אייגנארט. מיר וועלן וועגן זיין אייגנארט קענען עפעס ארויסזאגן ערשט דאן, ווען מיר וועלן אים שטעלן צו א פרוווּנג און טאקע אבסערווירן דעם באנוץ, וואס ער מאכט פון זיינע פעיקייטן. אין דעם זין איז די אינדיווידואל=פסיכאלאגיע נאענט צו דער א סך ענגערער עקספערימענטאל=פסיכאלאגיע, נייערט, וואס דא שטעלט די עקספערימענטן אוועק דאס לעבן. די עקזאגענע פאקטארן, וועלכע שטעלן זיך פאר דעם אינדיוויד, האבן פאר אונדזער באטראכטונג די גרעסטע באדייטונג; מיר מוזן זיך אויסלערנען פארשטיין, וואס פאר א שייכות עס האט גראד אט דער איינמאליקער אינדיוויד צו דעם פאר אים געגעבענעם פראבלעם. מיר דארפן באטראכטן צוויי זייטן און לערנען, אויף וועלכן אופן עס באוועגט זיך דער דאזיקער אינדיוויד לגבי דעם דרויסנדיקן פראבלעם. מיר קוקן נאך, ווי אזוי ער באמיט זיך צו ווערן דער האר איבער דעם פראבלעם. די הנהגה, דער באוועגונגס=געזעץ פון דעם אינדיוויד לגבי א כסדרדיק סאציאלער אויפגאבע איז דער אבסערוויר=פעלד פון דער אינדיווידואל=פסיכאלאגיע. מיר שטייען דא פאר מיליאנענפאכיקע פארשיידנקייטן. אין דער אומגעהייערער פארשיידנקייט קען מען זיך אן עצה געבן נאר דאן, ווען מען נעמט אן לעת עתה עפעס טיפישס מיט דעם באוווּסטזיין, אז דאס, וואס מען נעמט אן ווי טיפיש, ווייזט שטענדיק וואריאנטן, וועלכע דארפן שפעטער

באשטעטיקט ווערן. די פארשטענדעניש פאר דעם טיפישן באלויכט דעם פארש־פעלד און איצט הויבט זיך אן די שווערע אויפגאבע ארויסצוגעפינען דאס אינדיווידועלע. מען דארף דערצו א פיינע אויבערהויט; מען קען זי זיך קונה זיין. וויטער מוז ריכטיק פארשטאנען ווערן די אינדיווידועל אויפגענומענע שווערקייט און וואג פון דעם געגעבענעם פראבלעם; דאס געראט נאר דאן, ווען מען פארמאגט גענוג סאציאלע דערפארונג און א פיינע איינפיל־פעיקייט אין דעם ריכטיק באנומענעם לעבן־סטיל פון דעם אינדיוויד, ד"ה אין דער גאנצקייט פון זיין אייגנארט. אין דעם דאזיקן באוועגונגס־געזעץ, וואס מיר זיינען משיג, קענען מיר אונטערשיידן פיר טיפישע פארמען, וועלכע איך האב באשריבן אין מיינע לעצטע צוויי ארבעטן אין דער צייטשריפט פאר אינדיווידואל־פסיכאלאגיע (זע — Adler, X Jahrgang der Zeitschrift für Individualpsychologie, Verlag Hirzel, Leipzig).

אפגעזען פון די אנדערע באוועגונגס־פארמען לגבי די אויפגאבן פון דעם ליבע־לעבן, געפינען מיר ביי די פערווערזיעס די אויף אן אויפפאלנדיקן אופן איינגעשרומפענע פראנט־ליניע. עס ווייזט זיך ארויס, אז די פראנט־ליניע האט ניט איר נארמאלע גרייס, אז זי איז אויסערגעוויינלעך איינגעשרומפן, אז נאר א טייל פון דעם פראבלעם ווערט באשיידט, ווי, למשל, ביים פעטישיזם. וויכטיק איז אויך די פארשטענדעניש פאר דעם פאקט, אז די דאזיקע אלע באוועגונגס־פארמען זיינען געקירעוועט דורך אן אויסשליסונג פון דער נארמע צו א ציל פון גובר־זיין פחיתות־געפילן. ווען מיר באטראכטן די באוועגונג, דעם בענוץ, וואס איינער מאכט פון זיינע פעיקייטן, געפירט פון זיין מיינונג, פון דעם זין, וועלכן ער רוקט אונטער דעם לעבן, ניט ווייסנדיק עס, ניט ארייננעמענדיק דאס קיינמאל אין ווערטער און באגריפן, — ווען מיר גייען ארויס פון דעם דאזיקן שטאנדפונקט, קענען מיר דערשפירן, וואס פאר א ציל פון גובר־זיין עס שוועבט פאר זיינע אויגן, וואס פאר א באפרידיקונג עס ווייזט זיך אים אויס אלס גובר־זיין, בעת ער גיט זיך ניט אפ אינגאנצן דעם ליבע־פראבלעם, בעת ער בלייבט שטיין אין א דיסטאנץ, אדער בעת ער האנדלט לאנגזאמער און צעפטערט די צייט. דא וואלט מען געקענט אנווייזן אויף דעם ביישפיל פון פאביוס מאקסימוס קונקטאטאר, וועלכער האט געוווּנען א שלאכט, ווייל ער האט לאנג אפגעצויגן. דאס ווייזט אבער נאר ווידער, אז מען טאר זיך ניט האלטן פארגליווערט ביי א כלל. דער דאזיקער ציל פון גובר־זיין ווערט אויך קלאר אין די סעקסועלע נעווראזן (frigiditas, ejaculatio praecox). דאס פראבלעם ווערט באַרירט, אבער פון א דיסטאנץ, אין אן אפווארטנדיקער האלטונג.

אַן קאָמפּענסאַציע, וואָס עס פירט ניט צום באַשייד פון דעם פּראָבלעם. אין דער דאָזיקער באַוועגונגס־פאָרם געפינען מיר אויך די אויסשליסונגס־טענדענץ, וואָס צום שטאַרקסטן ווערט זי בולט אין דער ריינער האָמאָ־סעקסועלקייט. אויך אין אַנדערע פאַלן איז זי ווירקעוודיק, ווי, למשל, בײַם פעטישיזם און סאַדיזם. אין דעם לעצטן געפינען מיר אַ שטאַרקע אַגרעסיע, וואָס פירט ניט צום באַשייד פון דעם פּראָבלעם, און מיר קענען באַמערקן אַן אייגנאַרטיקע פאָרם פון אָפּציען, פון אויסשליסונג, בײַ וועלכער אַ סעקסועלע אויפרייצונג פירט צו דער אונטערדריקונג פון דעם צווייטן; מיר געפינען אַ שטאַרקע אָפּענסיווע, וואָס איז גורם אַ פעלערדיקן, ד״ה אַן איינזײַטיקן באַשייד פון אַ פּראָבלעם. דאָס אייגענע בײַם מאַזאָכיזם, בײַ וועלכן דער ציל פון יתרון מוז פאַרשטאַנען ווערן אין צוויי ריכטונגען. עס איז קלאָר, אַז דער מאַזאָכיסט גיט אַרויס זיין פּאַרטנער באַפעלן און אַז ניט געקוקט אויף זיין געפיל פון שוואַכקייט, שפּירט ער זיך אַלס באַפעלער איבער דעם אַנדערן. גלײַכצײַטיק שליסט ער אויס די מעגלעכקייטן פון אַ מפּלה דורך דעם, וואָס ער פאַרקלענערט די פראָנט־ליניע. דורך אַ טריק קומט ער צום גובר־זײַן פון זײַן פּחדים־דיקער שפּאַנונג.

באַטראַכטנדיק דאָס אינדיווידועלע שטעלונג־נעמען פון דעם אינדי־וויד, געפינען מיר: ווען איינער האַלט זיך ביי אַ באַשטימטער באַווע־גונגס־פאָרם, קומט אַרויס ממילא, אַז ער שליסט אויס אַלע אַנדערע באַשייד־פאָרמען פון דעם פּראָבלעם. די דאָזיקע אויסשליסונג איז ניט קיין צופעליקע. אַזוי ווי עס ווערט טרענירט דער דאָזיקער באַוועגונגס־פאַרלויף, אַזוי איז אויך טרענירט די אויסשליסונג. עס איז ניטאָ קיין סעקסועלע פּערוועזיע אָן אַ טרענינג. דאָס זעט, אמת, נאָר דער, וואָס ער לייגט אכט אויף דער באַוועגונג. מיר וועלן מוזן בולט אַרויסהייבן נאָך אַ צווייטן זע־פּונקט: דער נאָרמאַלער באַוועגונגס־פאַרלויף וואָלט געוועזן דאָס אָנקלאַמערן זיך אָן איין פּראָבלעם, כּדי אים צו באַשיידן אין זיין גאַנצקייט. די דאָזיקע צוגרייטונג געפינען מיר דאָ לגמרי ניט, ווען מיר באַטראַכטן די פריִערדיקע באַוועגונג פון דעם אינדיוויד. בעת מיר גייען צוריק ביז אין די ערשטע קינדער־יאָרן פון דעם אינדיוויד, געפינען מיר, אַז אין דער דאָזיקער צייט ווערט, אָנגערעגט דורך השפּעות פון דרויסן, געשאַפן אויס אײַנגעבאָרענע פעיִקייטן און מעגלעכקייטן אַ פּראָטאָטיפּ. מיר קענען אָבער פון פאַראויס ניט וויסן, וואָס דאָס דאָזיקע קינד מאַכט פון אַלע השפּעות און פון דער איבערלעבונג פון זיינע אָרגאַנען (זע: Holub, „Die Lehre von der Organminderwetig-keit“, Verlag Hirzel, Leipzig). דאָ אַרבעט דאָס קינד אין דער מלוכה

פון פרײַהייט מיט אייגענער שעפערישער קראַפט. װאָרשײַנלעכקייטן געפינט מען דאָ דײַ והותר; איך האָב זיך שטענדיק באַמיט אַרויסצוהייבן זיי און גלײַכצײַטיק צו לייקענען אין זייער סיבהדיקער באַדינגטקייט. עס איז ניט ריכטיק, אַז אַ קינד, וואָס קומט אויף דער וועלט מיט אַ קראַנקהייט פון די ענדאָקרינע אָרגאַנען, מוז ווערן אַ נעוראָטיקער; עס איז אָבער דאָ אַ געוויסע וואָרשײַנלעכקייט, אַז בדרך כּלל מאַניפעסטירן זיך געוויסע איבערלעבונגען אין אַ לפי ערך ענלעכער ריכטונג, אויב עס וועלן ניט ווירקן ריכטיקע דערציִערישע השפּעות לטובת דעם סאָציאַלן קאָנטאַקט. אויך די השפּעות פון דער סביבה זײַנען ניט פון אַזאַ מין, אַז מיר וואָלטן געקענט פאָרויסזאָגן, וואָס דאָס קינד וועט פון זיי מאַכן. אין דער מלוכה פון פרײַהייט און טעות זײַנען פאַראַן טויזנטער מעגלעכקייטן. יעדערער וועט מוזן פורעמען אַ טעות, ווײַל קיינער קען ניט דערגיין צום אַבסאָלוטן אמת. עס ווײַזט זיך אַרויס: כּדי צו ווערן אַ לפי ערך נאָרמאַלער מענטש, מוז דער פּראָטאָטיפּ זײַן אויסגעריכט מיט אַ געוויסן אימפּולס צו מיטאַרבעט. די גאַנצע אַנטוויקלונג פון אַ מענטשן איז געווענדט אָן דעם, וויפל קאָנטאַקט־געפיל עס איז אַנטוויקלט געוואָרן אין זײַן דריטן, פערטן, פינפטן לעבנס־יאָר. שוין אין דער דאָזיקער צײַט ווײַזט זיך אַרויס דער גראַד פון זײַן אַנשלוס־פעיִקייט. ווען מען באַטראַכט בהסכּם דערמיט די שטרויכלונגען, זעט מען, אַז אַלע פעלערדיקע באַוועגונגס־פאָרמען לאָזן זיך דערקלערן פון אַ פעלן פון קאָנטאַקט־פעיִקייט. נאָך מער: מחמת זײַן אייגנאַרט איז דער באַטרעפנדיקער געניייט צו פּראָטעסטירן קעגן יעדער אַנדערער פאָרם, צו וועלכער ער איז ניט צוגעגרייט. בײַם משפּטן די דאָזיקע מענטשן מוזן מיר זײַן טאָלעראַנט, וואָרום זיי האָבן ניט געלערנט צו אַנטוויקלען אין זיך אַ גענוגנדיקע מאָס פון סאָציאַלן אינטערעס. ווער עס האָט דאָס פאַרשטאַנען, וועט אויך פאַרשטיין, אַז דאָס ליבע־פּראָבלעם איז אַ סאָציאַל פּראָבלעם, וועלכן עס קען ניט באַשיידן דער, וואָס פאַרמאָגט ווייניק אינטערעס פאַרן צווייטן; עס קען אים ניט באַשיידן אויך דער, וואָס איז ניט דורכגענומען מיט דעם, אַז ער איז מיטבאַטייליקט אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. דער אָ וועט האָבן אָן אַנדער באַוועגונגס־געזעץ איידער דער מענטש, וואָס איז צוגעפּאַסט צום באַשייד פון דער ליבע־פראַגע. אַזוי קענען מיר פעסטשטעלן וועגן אַלע פערווערזע, אַז זיי זײַנען ניט געוואָרן קיין מיטגייער.

מיר קענען אויך אויסגעפינען די מקורים פון די פעלערן, וועלכע לאָזן אונדז פאַרשטיין, פאַרוואָס איז דאָס קינד טעותדיק געבליבן שטעקן אין דעם פעלן פון קאָנטאַקט־פעיִקייט. די יעניקע דערשײַנונג אין דעם

געזעלשאפטלעכן לעבן, וואס איז דער שטארקסטער גורם פון א קנאפער קאנטאקט-פעיִקייט, איז די פארצערטלונג. פארצערטלטע קינדער האבן א קאנטאקט נאר מיט דער פארצערטלענדיקער פערזאן און זיינען מחמת דעם געצוואונגען אויסצושליסן אלע אנדערע פערזאנען. ביי יעדער פערווערזיע באזונדער קען מען נאך אנווייזן אויף אנדערע השפעות. מען קען זאגן: אונטער דער השפעה פון דער דאזיקער איבערלעבונג האט דא דאס קינד אויסגעפורעמט זיין באוועגונגס-געזעץ אזוי, אז עס האט די פראגע וועגן זיין באציִונג צום צווייטן געשלעכט דורכגעפירט אין דער דאזיקער ריכטונג. אלע פערווערזע מענטשן ווייזן ארויס זייער באוועגונגס-געזעץ ניט בלויז לגבי דעם ליבע-פראבלעם, נייערט ביי אלע פרווונגען, צו וועלכע זיי זיינען ניט צוגעגרייט. מהאי טעמא געפינען מיר אין סעקסועלע פערווערזיעס אלע כאראקטער-שטריכן פון דעם נעוראז, ווי איבער-שפירעוודיקייט, אומגעדולדיקייט, נטיה צו אפעקט-אויסברוכן, גיריקייט; אזוי טאקע פארענטפערן זיך אלע פערווערזע, אז זיי זיינען ווי אונטער א צוואנג. עס איז א געוויסע האבגירדיקייט, וואס צילט דורכצופירן דעם פלאן, וועלכן עס דיקטירט זיי זייער אייגנארט. דערפאר טרעפט מען אזא שטארקן פראטעסט קעגן אן אנדער פארם, אז עס קען דערגיין צו סכנות פאר דעם צווייטן צד (מארד אוים תענוג, סאדיזם).

איך וואלט געוואלט ווייזן, ווי עס לאזט זיך אויפדעקן דער טרענינג צו א באשטימטער פארם פון א סעקסועלער פערווערזיע, אן אבסערוואציע, וואס ווייזט אונדז, אז געוויסע פערווערזיעס קענען אויפקומען אויפן יסוד פון אזא טרענינג. דעם טרענינג דארף מען ניט זוכן בפועל ממש, מען מוז פארשטיין, אז דער טרענינג קען דורכגעפירט ווערן אויך במחשבה און אין חלום. דאס איז א שטארקער אנווייז פון דער אינדיווידואל-פסיכאלאגיע, ווארום א סך גלויבן, אז א פערווערזער חלום, למשל, איז א באווייז פון איינגעבארענער האמאסעקסועלקייט, בעת פון אונדזער באנעם פון חלום-לעבן קענען מיר פעסטשטעלן, אז דער דאזיקער האמאסעקסועלער חלום געהערט צום טרענינג, גלייך אזוי ווי ער געהערט דערצו צו אנטוויקלען דעם אינטערעס צום זעלבן געשלעכט און אויסצושליסן אזא צום צווייטן.

דעם דאזיקן טרענינג וואלט איך געוואלט ווייזן ביי א פאל, אין אזא צייט, ווען עס קען נאך ניט זיין די רייד פון סעקסועלע פערווערזיעס. איך ברענג צוויי חלומות, כדי צו ווייזן, אז דעם באוועגונגס-געזעץ געפינט מען אויך אין חלום-לעבן. אויב מען איז אויסגעשטייערט מיט אינדיווידואלפסיכאלאגישע ידיעות, וועט מען ניט חושש זיין אויסצופארשן אין יעדן קליינעם ברוכטייל די גאנצע לעבנספארם. די גאנצע לעבנספארם

מוזן מיר אָבער געפינען אויך אין דעם חלום־אינהאַלט ניט בלויז אין די חלום־געדאַנקען, וועלכע העלפן, אמת, אויסערגעוויינלעך ביי א ריכטיקער פאַרשטענדעניש און ביי א ריכטיקן סומך זיין זיך אויפן לעבנסטיל צו פאַרשטיין דאָס שטעלונג־נעמען פון אן אינדיוויד צו א געגעבענעם פּראָבלעם, — א שטעלונג־נעמען וואָס ווערט ארויפגעצוווּנגען דורך זיין פיקסירטן לעבן־סטיל. איך וואָלט ארויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אז עס גייט אונדז, ווי ביי א דעטעקטיוו־ארבעט. מיר זיינען ניט באַשענקט מיט אַלע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען נייטיק פאַר אונדזער אויפגאַבע; מיר מוזן אויסערגעוויינלעך אינטענסיווירן די פעיִקייט פון דערשפּירן, כּדי פעסטצושטעלן די איינהייט פון דעם אינדיוויד.

ערשטער חלום: „איך טראָג זיך אריבער אין דער קומענדיקער מלחמה. אַלע מענער, אפילו אַלע יִנגלעך מוזן זיך שטעלן...“

פון דעם ערשטן זאַץ קען דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָג דרינגען, אז דאָס איז א קינד, וואָס ווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף די סכּנות פון לעבן, אויף דער אומברחמנותדיקייט פון אנדערע.

„... פּלוצלינג געשעעט, אז אין איינעם אן אָוונט, ווען איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף, דערזע איך, אז איך געפין זיך אין שפּיטאָל־בעט. לעבן בעט זיצן מיינע עלטערן“.

פון דעם אויסקלייבן אזא בילד זעט מען די פאַרצערטלונג.

„איך האָב זיי געפרעגט, וואָס איז געשען. זיי האָבן געזאָגט, אז עס איז א מלחמה. זיי האָבן געוואָלט, אז די מלחמה זאָל פאַר מיר ניט זיין אזוי שווער, דערפאַר האָבן זיי מיך געלאָזט אָפּערירן, איך זאָל ווערן א מיידל“.

מען קען דערפון זען, ווי די עלטערן זאָרגן זיך וועגן אים. דאָס הייסט, אז ווען איך בין אין א סכּנה, האַלט איך זיך אָן אָן מיינע עלטערן. דאָס איז די אויסדרוק־פאָרם פון א פאַרצערטלטן קינד. מיר וועלן ניט מאַכן קיין איין טריט ווייטער, ווי מיר מעגן בפירוש. מיר זיינען מחויב ביי אונדזער ארבעט צו זיין אזוי סקעפּטיש, ווי נאָר ס'איז מעגלעך. עס שווימט ארויס דאָס פּראָבלעם פון פאַרוואַנדלונג. ווען מען קוקט אַוועק פון וויסנשאַפטלעכע פּרוּוון, וועלכע שטייען אונטער א פראַגע, מוז מען זאָגן, אז די פאַרוואַנדלונג פון א יִנגל אין א מיידל איז אן עם־הארצישע אָנשוווּנג. דאָ באַווייזט זי די אומזיכערקייט בנוגע דעם געשלעכטס־לעבן; עס ווייזט אונדז, אז דער בעל־חלום איז ניט אינגאַנצן זיכער אין דער איבערצייגונג פון זיין געשלעכטלעכער ראָלע.

דאָס וועט ניט איינעם איבערראַשן, ווען ער וועט דערהערן, אַז דאָס איז אַ צוועלפיאָריקער יינגל. מיר וועלן קענען אָבסערווירן, ווי אַזוי ער איז צו דעם דאָזיקן באַנעם געקומען. דאָס לעבן זעט אים אויס ניט אַנצונעמען צוליב אַזעלכע אויפגאַבן, ווי די מלחמה; ער פּראָטעסטירט קעגן אים.

„מיידלעך דאַרפן ניט גיין אין דער מלחמה. אויב איך וואָלט דאָך געמוזט זיך שטעלן, וואָלט מיר דער געשלעכטס־טייל ניט געקענט אָפּגעשאָסן ווערן, ווײַל איך האָב דאָך ניט אַזאַ, ווי די יינגלעך".

אין דער מלחמה קען עמעצער פאַרלירן דעם געשלעכטס־טייל. אַ קנאַפּער אַרגומענט לטובת דער קאַסטראַציע אָדער גאָר לטובת דעם אויסדרוק פון ציבור־געפיל אין דער נעגירונג פון מלחמה.

„איך קום אַהיים, אָבער על פּי נס האָט זיך די מלחמה געענדיקט".

אין די אָפּעראַציע, הייסט עס, געווען איבעריק. וואָס וועט ער איצט טאָן?

„אפשר איז גאָר ניט נייטיק, אַז איך זאָל זיך אויפפירן ווי אַ מיידל, אפשר איז שוין גאָר קיין מלחמה ניטאָ".

מען זעט, אַז ער שיידט זיך ניט אינגאַנצן מיט זײַן יינגל־ראָלע. דאָס דאַרפן מיר פאַרצייכענען אין זײַן באַוועגונגס־געזעץ. ער פּלאַנט זיך צו גיין ווײַטער אַ שטיקל וועג אויף דער מענלעכער זײַט.

„אין דער היים בין איך געוואָרן זייער טרויעריק און האָב אַ סך געוויינט".

קינדער, וואָס וויינען אַ סך, זײַנען פאַרצערטלטע קינדער.

„ווען מײַנע עלטערן האָבן בײַ מיר געפרעגט, פאַרוואָס איך וויין, האָב איך געזאָגט, אַז איך האָב מורא, אַז ווײַל איך געהער צום ווײַבלעכן געשלעכט, וועל איך ווערנדיק עלטער האָבן ווייטאָגן בײַם געבוירן אַ קינד".

מיט דער ווײַבלעכער ראָלע איז אויך ניט אַזוי פויגלדיק. מיר זײַנען געווען אויפן ריכטיקן וועג פעסטצושטעלן זײַן ציל אין דער ריכ־טונג, אַז דער יינגל וויל אויסווייכן אַלע אומאָנגענעמלעכקייטן. בײַ סעקסועל פּערווערזע האָב איך געפונען, אַז זיי זײַנען פאַרצערטלטע קינדער, אָפּט געהאַלטענע אין אומזיכערקייט, לכל הפּחות האָבן זיי

אַ גרויסע בענקשאַפֿט צו אָנערקענונג, צו תּיכּפֿדיקן ערפֿאָלג, צו פֿער־
זענלעכן גיריקן יתרון. דערפֿאַר קען עס געשען, אַז דאָס קינד ווייס ניט,
איז עס אַ יינגל, צי אַ מיידל... וואָס זאָל ער טאָן? אויף דער מענער־
שער זײַט איז ניטאָ קיין האָפֿענונג, אויף דער צווייטער זײַט אויך ניט.

„אויף מאָרגן בין איך אַוועק אין מײַן אָרגאַניזיציע, וואָרום
איך בין אין דער ווירקלעכקייט אין אַ סקויטן־אָרגאַניזאַציע".

מיר קענען זיך שוין פֿאָרשטעלן, ווי ער וועט זיך דאָרט אויפֿפֿירן.

„מיר האָט זיך געחלומט, אַז אין אונדזער אָרגאַניזאַציע איז
דאָ איין איינציקע מיידל. זי איז געווען אָפּגעזונדערט פֿון די
יינגלעך".

דאָס זוכן די צעשיידונג פֿון געשלעכטער.

„די יינגלעך האָבן מיך גערופֿן צו זיך. איך האָב געזאָגט,
אַז איך בין אַ מיידל און בין אַוועק צו דער איינציקער מיידל.
מיר איז עס אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, וואָס איך בין שוין ניט
מער קיין יינגל, און איך האָב געטראַכט, ווי אַזוי וועל איך זיך
דאַרפֿן אויפֿפֿירן אַלס מיידל".

מיט אַמאָל שווימט אַרויס דער באַנעם: *ווי אַזוי וואָלט איך
זיך געדאַרפֿט אויפֿפֿירן אַלס מיידל.*

דאָס איז דער טרענינג. נאָר דער, ווער עס האָט אָבסער־
ווירט דעם טרענינג בײַ אַלע סעקסועלע פּערווערזיעס, ווי ער ווערט
געפֿירט בהכרח בײַ דער אויסשליסונג פֿון דער נאָרמע, פֿאַרשטייט, אַז
די סעקסועלע פּערווערזיע איז אַ קונסט־פּראָדוקט, וואָס יעדערער שאַפֿט
אַליין, צו וועלכן יעדער ווערט געפֿירט דורך זײַן פּסיכישער קאָנסטיטוציע,
וועלכע ער האָט אַליין געשאַפֿן, אָן אַנדערש מאָל פֿאַרפֿירט דורך זײַן
אײַנגעבאָרענער פֿיזישער קאָנסטיטוציע, וואָס מאַכט אים גרינגער דאָס
אויסלענקען זיך.

„אַ זעץ האָט מיר געשטערט ווײַטער צו טראַכטן. איך האָב
זיך אויפֿגעכאַפּט און האָב באַמערקט, אַז איך האָב דערלאַנגט
מיטן קאָפּ אין וואַנט".

דער בעל־חלום האָט אָפּט די האַלטונג, וואָס אַנטשפּרעכט זײַן
באַוועגונגס־געזעץ. (זע Adler, Schlafstellung אין Praxis und Theorie
der Individualpsychologie, Verlag Bergmann, München 4 אויפֿל.).

„שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט״ — איז אַן אָנגענומען ווערטל, — אַזאַ פּנים האָט זיין האַלטונג.

„דער חלום האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ איינדרוק״...

די כוונה פון דעם חלום איז צו מאַכן אַן איינדרוק.

„... אַז אין שול בין איך נאָך געווען אין ספק, צי בין איך אַ יינגל אָדער אַ מיידל. אויף די הפסקות האָב איך געמוזט גיין אין קלאָזעט, כדי נאָכצוקאָנטראָלירן, צי בין איך טאַקע ניט קיין מיידל״.

צווייטער חלום: „מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך באַגעגן די איינציקע מיידל פון אונדזער קלאַס. די זעלבע מיידל, וואָס מיר האָט זיך געחלומט. זי האָט געוואָלט מיט מיר גיין שפּאַצירן. איך האָב איר געענטפערט: איך גיי איצט נאָר מיט יינגלעך. זי זאָגט: איך בין אויך אַ יינגל. איך האָב פון איר פאַרלאַנגט, זי זאָל עס באַווייזן, ווייל דאָס איז מיר אויסגעקומען ניט גלויבלעך. האָט זי מיר געוויזן, אַז זי האָט אַ געשלעכטס-טייל, ווי ביי יינגלעך. איך האָב ביי איר געפרעגט, ווי איז דאָס מעגלעך. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז געוואָרן אָפּערירט. ביי יינגלעך איז עס געווען גרינגער זיי צו פאַרוואַנדלען אין מיידלעך, פאַרקערט איז שווערער, דאָ מוז מען עפּעס צוגעבן. האָט זי זיך צוגענייט פון קאַוטשוק אַ יינגלשן געשלעכטס-טייל. ביי דעם טאַקע איז אונדזער שמועס געשטערט געוואָרן פון אַ הויכן „אויפשטיין״. מיינע עלטערן האָבן מיך געוועקט. קוים מיט צרות האָב איך זיך אויסגעבעטן 5 מינוט אויף אונטערצוליגן, אָבער אַזוי ווי איך בין ניט קיין מכשף, האָב איך דעם חלום ניט געקענט ווידער אַרויסרופן״.

ביי אַ געוויסן טיפּ פאַרצערטלטע קינדער וועט מען געפינען די נטיה צו כישוף-שטיק; דאָס כישופן ווייזט זיך זיי אויס פאַר דער גרעסטער זאַך, זיי ווילן האָבן אַלץ אָן אַן אָנשטרענגונג, אָן מי און האַלטן שטאַרק פון טעלעפּאַטיע.

איצט וועלן מיר הערן, ווי דער יינגל פּרוּווט זיך דערקלערן דעם דאָזיקן חלום:

„איך האָב געלייענט אין מלחמה-באַשרייבונגען: געשלעכטס-טיילן פליִען אין דער לופט. איך האָב געהערט, אַז ווען מען פאַרלירט דעם געשלעכטס-טייל, שטאַרבט מען״.

מען זעט, וואָס פאַר אַ וויכטיקייט דער יִנגל שרײַבט צו דעם געשלעכטס־טייל.

„אויף דער ערשטער זייט פון אַ צייטונג האָב איך געלייענט: צוויי דינסטן פאַרוואַנדלט במשך פון צוויי שעה אין סאָלדאַטן".

מסתמא האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פאַלשבילדונג פון די געשלעכטס־אָרגאַנען, וועלכע איז ניט דערקענט געוואָרן.

צום סוף וואָלט איך געוואָלט אויסדריקן דעם געדאַנק, וואָס שטעלט אַלע אַהער שײַכדיקע דיסקוסיעס אויף אַן אײַנפאַכערן יסוד. עס זײַנען דאָ אַמתע הערמאַפראָדיטן, ביי וועלכע עס איז פאַקטיש שווער צו אָנטשיידן, צי מען האָט צו טאָן מיט יִנגלעך אָדער מיט מיידלעך. מען לאָזט זיי איבער אויסצונוצן דעם הערמאַפראָדיטיזם ווי זיי ווילן. ביי פסעוודאָ־הערמאַפראָדיטן טרעפן מיר פאַלשבילדונגען, וועלכע שאַפן די אילוזיע פון אַן ענלעכקייט צום צווייטן געשלעכט. עס איז אַ פאַקט, אַז יעדער מענטש טראָגט אין זיך טיילווײַזע סימנים פון דעם צווייטן געשלעכט, ווי אויך סעקסואַל־האָרמאָנען פון דעם צווייטן געשלעכט אין אורין.

דאָ קומען מיר צו אַ געדאַנק, וואָס זעט אויס צו זײַן געוואַגט, אַז אין יעדן מענטשן שטעקט אַ צווילינג. עס זײַנען דאָ די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון אָנדײַטונג פון דער צווילינגשאַפט און דאָס פּראָבלעם פון דער גלייכצייטיקייט פון צוויי געשלעכטס־פאָרמען אין מענטשן וועט מיט דער צייט זיך אויפלייזן אין דעם צווילינג־פּראָבלעם. מיר פאַרשטייען, אַז יעדער מענטש ווערט געבאָרן פון מענלעכן און ווייבלעכן מאַטעריאַל. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיר וועלן ביי דער צווילינג־פאָרשונג אָנשטויסן זיך אויף פּראָבלעמען, וועלכע גיבן אַ גרעסערע קלאָרקייט בנוגע דעם הערמאַפראָדיטיזם, וואָס איז אָנגעדײַט אין יעדן מענטשן.

בנוגע דער באַהאַנדלונג: מען הערט כּסדר, אַז אַ פּערווערזיע איז ניט אויסצוהיילן. אוממעגלעך איז ניט די היילונג, אָבער שווער. די שווערקייט פון דער היילונג דערקלערט זיך דערמיט, וואָס עס האַנדלט זיך דאָ וועגן מענטשן, וועלכע האָבן במשך פון זייער לעבן זיך טרענירט צו דער דאָזיקער פּערווערזיע, ווײַל זיי האָבן אַן אײַנגעשרומפּענעם באַוועגונגס־געזעץ, וואָס צייכנט אָן פאַר זיי דעם פאַרלויף. זיי מוזן גיין אויף דעם וועג, ווייל פון דער פריסטער יוגנט האָבן זיי ניט געפונען דעם קאָנטאַקט, כּדי צו מאַכן דעם ריכטיקן באַנוץ פון קערפּער און נשמה. דער ריכטיקער באַנוץ קען געמאַכט ווערן נאָר מיטן תּנאַי פון אַן אַנטוויקלטן ציבור־געפיל, — אַ דערקענטעניש, וואָס מאַכט וואַרשײַנלעך די היילונג אויך פון אַ גרעסערער צאָל פּערווערזע מענטשן.

12

ערשטע קינדהייט=זכרונות

מעג מען גאָר ווייניק וויסן וועגן דער איינהײַט פון דעם איך, מען ווערט פון איר ניט פּטור. מען קען דאָס איינהײַטלעכע פּסיכישע לעבן צעגלידערן לויט פאַרשיידענע מער אָדער ווייניקער אָנוועריקע זע=פּונקטן, מען קען לאָזן אויפטרעטן צוויי, דרײַ, פיר פאַרשיידענע רוימלעכע אָנשווינגען מיטאַנאַנדער, קעגנאַנאַנדער, כּדי צו וועלן באַגרײַפן דעם איינהײַטלעכן איך, מען קען פּרוּוון אַרויסוויקלען אים פון דעם ווייסיקן, פון דעם אומוויסיקן, פון סעקסועלן, פון דער דרויסנוועלט, — צום סוף וועט מען זיך ניט קענען אָפּהאַלטן פון אַרויפזעצן אים ווידער, ווי דעם רײַטער אויפן פערד, אין זײַן גאַנצער אַרומנעמיקער ווירקעוודיקייט. פונדעסטוועגן קען מען שוין מער ניט פאַרלייקענען דעם פּראָגרעס, וואָס די אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע האָט געמאַכט. דער „איך" האָט אין דער אָנשווינג פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע געמאַכט גילטן זײַן ווערדע און אויב מען מיינט אַפילו צו האָבן אים משלח געווען פון דעם אומוויסיקן אָדער פון דעם „עס", פירט זיך לסוף דאָס „עס" אויף, צי מיט אָדער אָן דרך=ארץ, ווי אַן „איך". אויך, אַז די אַזוי גערופענע זויסיקייט אָדער דער איך איז פול מיט „אומוויסיקן", אָדער, ווי איך האָב געוויזן, פון דעם אומפאַרשטאַנענעם, אַז ער ווײַזט שטענדיק אַרויס פאַרשיידענע גראַדן פון ציבור=געפיל, דאָס באַגרײַפט אַלץ מער און דאָס נעמט אַלץ מער אַרײַן אין זײַן קינסטלעכן סיסטעם דער פּסיכאָאַנאַליז, וואָס „האָט אין דער אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע געכאַפּט אַ געפאַנגענעם, וועלכער לאָזט אים מער ניט אָפּ".

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אין מײַנע באַמיִונגען קלאָר צו מאַכן די ניט=צערײַסעוודיקע איינהייט פון נשמה=לעבן האָב איך שוין פריצייטיק זיך געמוזט אָנשטויסן אויף דער פונקציע און סטרוקטור פון זכרון. איך האָב געקענט באַשטעטיקן די פעסטשטעלונגען פון עלטערע

מחברים, אז דעם זכרון קען מען בשום אופן ניט באטראכטן אלס זאמלפלאץ פון איינדרוקן און שפירונגען, אז איינדרוקן שטעקן ניט אלס „מנעמע", נייערט, אז מיר האבן אין דער דאזיקער פונקציע צו טאן מיט א טייל=קראפט פון דעם איינהייטלעכן נשמה=לעבן, פון דעם איך, וואס האט אזוי, ווי אויך די וואר נעמונג, די אויפגאבע צוצופאסן איינדרוקן צום פארטיקן לעבן=סטיל און פארווענדן זיי אין זיין זין. וואלט מען זיך געוואלט באנוצן מיט א קאניבאלישן אויסדרוק=שטייגער, וואלט מען געקענט זאגן, אז די אויפגאבע פון זכרון איז אויפצופרעסן איינדרוקן און צו פארדייען זיי. אז מען דארף דערביי ניט זען דווקא א סאדיסטישע נטיה פון זכרון, דארף איך מיינע לייענער ספעציעל ניט ווארענען. דער פארדייונגס=פראצעס אבער געהערט צום לעבן=סטיל, דאס, וואס אים שמעקט ניט, ווערט אפגעווארפן, פארגעסן, אדער אויפגעהיט אלס ווארנענדיקער משל. דער לעבן=סטיל איז מכריע. איז ער פון פאראויס איינגעשטעלט אויף ווארענונגען, דעמאלט פארנוצט ער צו דעם צוועק ניט פארדייעלעכע איינדרוקן. מען דערמאנט זיך דערביי אן דעם כאראקטער=שטריך פון פארזיכטיקייט, אנדערע זאכן ווערן פארדייט אויף העלפט, אויף א פערטל, אויף א טויזנטסטל. דער פארדייונגס=פראצעס קען אבער גיין אין דער ריכטונג צו פארדייען נאר די געפילן אדער שטעלונג=נעמונגען, וואס שטעקן אין די איינדרוקן, צומאלס אויסגעמישט מיט ווארט= אדער באגריף=זכרונות, אדער מיט זייערע טיילן. איך קען אמאל פארגעסן דעם נאמען פון א געוויינלעך מיר באקאנטער פערזאן. עס מוז ניט דווקא זיין פון אן אומבאליבטער פערזאן, אדער פון אזא, וואס דערמאנט מיר אן פריקרע זאכן; עס קען אויך זיין, אז וואס שייך איר נאמען אדער זי גופא, ליגן זיי גראד בעת=מעשה אדער שטענדיק מחוץ מיין דורכן לעבן=סטיל באשטימטן אינטערעס. דאס דאזיקע פארגעסן שטערט מיר אבער אפט ניט צו וויסן אלץ, וואס עס זעט מיר אויס אין דער פערזאן פאר וויכטיק. זי שטייט פאר מיר. איך קאן זי געפינען, זאגן א סך וועגן איר. דווקא ווייל איך דערמאן זיך ניט דעם נאמען, שטייט זי פול און גאנץ אין דעם זע=פעלד פון מיין באוווסטזיין. דאס הייסט: מיין זכרון קען מיט איינער פון די אויבן=געשילדערטע כוונות אדער מיט אן אנדער כוונה לאזן פארשווינדן טיילן פון דעם גאנצן איינדרוק, אדער דעם גאנצן איינדרוק. א קינסטלערישע פעיקייט, וואס אנטשפרעכט דעם לעבן=סטיל פון א מענטשן. דער גאנצער איינדרוק נעמט בכן ארום א סך מער איידער די אין ווערטער אנגעקליידטע איבערלעבונג. די אינדיווידועלע אפערצעפציע ליפערט פאר דעם זכרון די ווארנעמונג אנטשפרעכנדיק צו דער אייגנארטיקייט פון

דעם אינדיוויד. די אייגנאַרטיקייט פון דעם אינדיוויד נעמט־איבער דעם אזוי געפורעמטן אײַנדרוק און שטײַערט אים אוים מיט געפילן און מיט א שטעלונג־נעמען. ביידע לעצטע פאַלגן ווידער דעם באַוועגונגס־געזעץ פון דעם אינדיוויד. פון דעם דאָזיקן פאַרדײַונגס־פּראָצעס בלײַבט איבער דאָס, וואָס מיר ווילן רופן זכרונות, צי עס דריקט זיך אויס כּלפּי־חוץ אין ווערטער, אין געפילן אָדער אין שטעלונג־נעמען. דער דאָזיקער פּראָצעס נעמט בערך אַרום דאָס, וואָס מיר פאַרשטייען מיט דער פונקציע פון זכרון. אַן אידעאַלע, אָביעקטיווע רעפּראָדוקציע, אומאָפּהענגיק פון דער אייגנאַרטיקייט פון דעם אינדיוויד, עקזיסטירט על־פּי־רוב ניט. מיר מוזן זיך דערפאַר רעכענען דערמיט, צו געפינען אזוי פיל פאָרמען פון זכרון, וויפל פאָרמען פון לעבן־סטילן מיר אַנערקענען.

דעם דאָזיקן פאַקט וועט קלאָרער מאַכן איינער פון די אָפּטסטע בײַשפּילן פון א באַשטימטער לעבנס־פאָרם און איר זכרון.

א מאַן קלאָגט זיך רוגזהדיק אויף דעם, אז זײַן פרוי פאַר־געסט „אַלצדינג". אַלס דאָקטאָר וועט מען קודם־כּל טראַכטן וועגן אַן אָרגאַנישער קראַנקייט פון מאַרך. דערפאַר, וואָס אין דעם פאַל איז עס געווען אויסגעשלאָסן, האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרטיפן זיך אין דעם לעבן־סטיל פון דער פּאַציענטין, לאָזנדיק אָן א זײַט דעם סימפּטאָם — א נויטווענדיקייט, וואָס אַפּולע פּסיכאָ־טעראַפּיקער פאַרשטייען איר ניט. זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א רויִקער, פרײַנדלעכער און פאַרשטענדיקער פּערזאָן, וואָס האָט געקענט בײַ שוועריקייטן מצד די שוויגער־עלטערן פירן איר צוזאַמענלעבן מיט איר הערשגיריקן מאַן. במשך פון צוזאַמענלעבן האָט ער איר אָפּט געלאָזט פילן איר מאַטעריעלע אָפּהענגיקייט, דאָס גלײַכן איר אָפּשטאַם פון א נידעריקן שטאַנד. זײַנע אומצופרידענע מוסר־זאָגענישן פלעגט זי על פּי רוב אַריבערטראָגן שווײַגנדיק. פון מאָל צו מאָל פלעגן ביידע צדדים אויפהויבן די פראַגע וועגן צעשיידונג. די מענלעכקייט פון א ניט־געשטערטער הערשאַפט איבער דער פרוי פלעגט שטענדיק אָפּהאַלטן דערפון דעם הערש־גיריקן מאַן.

זי איז געווען דאָס איינציקע קינד פון פרײַנדלעכע, ליבע־פולע עלטערן, וועלכע האָבן אין זייער טאָכטער קיינמאָל ניט געפונען עפּעס לגנאי. דאָס, וואָס זי פלעגט פון קינדווײַז אָן ליבערשט אויסקלײַבן א שפּיל, א באַשעפטיקונג אָן אַנדערע, האָט זיי ניט אויסגעוויזן פאַר קיין פעלער, בפרט נאָך, ווען זיי האָבן

באמערקט, אז בעת די מיידל קומט אמאל אין א פריינדלעכער געזעלשאפט, פירט זי זיך אויף זייער גוט. אבער אין דעם פאר־באלק־לעבן האט זי אפגעהיט, אז איר ביחידות, אירע לייען־שעהן, איר פרייע צייט, ווי זי האט געזאגט, זאלן צו פיל ניט פארקירצט ווערן ניט דורכן מאן און ניט דורך געזעלשאפט, בעת איר מאן וואלט בעסער געוואלט האבן די געלעגנהייט ארויסצוווייזן זיין יתרון איבער איר. איבעריקנס האט מען געקענט באמערקן אן איבערגעטריבענע התמדה אין ידעם, ווי זי האט אויסגעפירט אירע שטובּיקע פליכטן; מער ניט דאס, וואס זי פלעגט אויפ־פאלנדיק אפט פארגעסן אויסצופירן די שליחותן פון איר מאן.

פון אירע קינדהייט־זכרונות דרינגט ארויס, אז זי פלעגט איבערלעבן ווי א גרויסע פרייד, ווען זי פלעגט קענען אליין אויס־פירן אירע פליכטן.

דער געשולטער אינדיווידואל־פסיכאלאג זעט אויפן ערשטן קוק, אז איר לעבנס־פארם איז צוגעפאסט געווען צו טואונגען, וואס זי האט געקענט אליין אויספירן, אבער ניט צו אן אויפ־גאבע זאלבעצווייט, ווי די ליבע און דאס פארפאלק־לעבן. איר מאן איז מחמת זיין אייגנארט ניט געווען מסוגל צו וועקן ביי איר די דאזיקע פעיקייט. איר ציל פון פולקומענהייט איז געלעגן אויף דער זייט פון יחידישער ארבעט. דארט איז זי געווען אויף דער הייך. און ווער עס וואלט גענומען אין אכט בלויז די דאזיקע זייט, וואלט באמת ניט געקענט אויפדעקן אין איר קיין שום פעלער. אבער צו דער ליבע און צום פארפאלק־לעבן איז זי ניט געווען צוגעגרייט. דא האט זי ניט געקענט מיטגיין. מיר קענען, אפשטעלנדיק זיך בלויז אויף איין דעטאל, אפטרעפן דערפון אויך איר סעקסועלקייט: ערָאטישע קאלטקייט. איצט קענען מיר אויפסניי אומקערן זיך צו דער באטראכטונג פון דעם סימפטאם, וואס מיר האבן מיט רעכט געלאזט אן א זייט. יא, איצט פארשטייען מיר עס שוין. איר פארגעסן איז געווען די ווייניק אגרעסיווע פארם פון איר פראטעסט קעגן אויפגעצוווּנגענער מיטארבעט, צו וועלכער זי איז ניט געווען צוגעגרייט, וועלכע איז אויך געלעגן מחוץ איר ציל פון שלימות.

אפשר איז ניט יעדער איינער מסוגל צו דערקענען און צו פאר־שטיין דאס קאמפּליצירט קונסט־ווערק פון אן אינדיווידואל פון אזעלכע קורצע שילדערונגען. אבער די לערע, וואס פרויד און זיינע תלמידים, וועלכע מוזן אלע זיין פסיכאאנאליזירט, באמיען זיך ארויסצוציען פון

דער אינדיווידואל־פסיכאָלאָגיע, אַז דער פּאַציענט וויל כּלומרשט לויט אונדזער פאָרשטעלונג „נאַר" וואַרפן זיך אין די אויגן, געווינען אַ גרעסערן אינטערעס צו זיך, — איז מער ווי ספקדיק און פאַרמישפּט זיך גופא.

דרך־אגב: אָפט ווערט געשטעלט די פראַגע, צי דאַרף מען אַ גע־ וויסן פאַל אויפנעמען לייכט אָדער שווער. מיר פאַרשטייען, אַז די אַנטשיידונג איז אינגאַנצן געווענדט אָן דער גרייס פון דעם פּאַראַנענעם ציבור־געפיל. אין דעם געבראַכטן פאַל איז גרינג צו פאַרשטיין, אַז דער טעות פון דער דאָזיקער פרוי, איר קנאַפּע צוגרייטונג צו מיטאַרבעט און מיטלעבן, איז געווען גרינגער צו פאַרפולקומען, ווייל זי האָט, אַזוי צו זאָגן, בלויז מחמת פאַרגעסלעכקייט פאַרלאָזט אָט דעם וויכטיקסטן געביט. ווען זי האָט אַן איבערגעצייגטע, ביי דער מיטאַרבעט פון דעם דאָקטאָר, ביי זיינע פריינדלעכע שמועסן און גלייכצייטיקער דערציִונג פון איר מאַן, אויפגעלייזט איר מכשפות־קרייז (קינקעל רופט עס אָן מיט אַ קאַפּריזער וואַריאַציע — טייוולקרייז, פּרויד — כּישוף־קרייז), איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן איר פאַרגעסלעכקייט, וואָרום פון דער דאָזיקער איז צו גענומען געוואָרן דער מאָטיוו.

מיר זיינען איצט צוגעגרייט צו פאַרשטיין, אַז יעדע ערינערונג, אויף ווי וויט אַן איבערלעבונג באַרירט בכלל דעם אינדיווידו און ווערט ניט מכתחילה אָפּגעוואָרפן, שטעלט פאַר דעם רעזולטאַט פון דער באַ־ אַרבעטונג פון אַן איינדרוק דורך דעם לעבן־סטיל, דורך דעם איך. דאָס אַ גילט ניט בלויז פאַר מער אָדער ווייניקער אויפגעהיטע זכרונות, נאָר אויך פאַר קנאַפּע זכרונות, פאַר אַזעלכע, וואָס לאָזן זיך שווער אַרויס־ באַקומען, ווי אויך פאַר אַזעלכע, וואָס זייער שפּראַכלעכער אויסדרוק איז פאַרשוווּנדן און זיי לאָזן זיך פעסטשטעלן בלויז אַלס געפילס־טאָן, אָדער שטעלונג־נעמען. דערמיט געווינען מיר אַ לפי־ערך וויכטיקע איינ־ זעעניש: דער באַטראַכטער מוז, כּדי צו קומען נעענטער צו דער פאַר־ שטענדעניש פון יעדן פּסיכישן באַוועגונגס־פּראָצעס אין זיין ריכטונג צום ציל פון שלימות, קלאָר מאַכן זיך דעם פעלד פון געדאַנק, געפיל און שטעלונג־נעמען אין די זכרונות. ווי מיר ווייסן שוין, דריקט זיך דער איך אויס ניט נאָר אין דער שפּראַך, נייערט אויך אין זיינע געפילן און אין זיין שטעלונג־נעמען, און די וויסנשאַפט וועגן דער איינהייט פון דעם איך פאַרדאַנקט טאַקע דער אינדיווידואל־פּסיכאָלאָגיע די פעסט־ שטעלונג פון אַן אָרגאַנען־דיאַלעקט. דעם קאָנטאַקט מיט דער דרויסן־ וועלט האַלטן מיר איין מיט אַלע געוועבן פון אונדזער קערפּער און פון אונדזער נשמה. אין אַ געוויסן פאַל אינטערעסירט אונדז דער אופן, ספּעציעל דער פעלערדיקער אופן, ווי דער דאָזיקער קאָנטאַקט ווערט

איינגעהאלטן. און אויף דעם דאָזיקן וועג בין איך געקומען צו דער רייצפולער און ווערטיקער אויפגאַבע צו געפינען און פּאַרווענדן שטענדיק די זכרונות פון אַ מענטשן, ווי זיי זאָלן ניט אויפטרעטן אַלס טיילן פון לעבן־סטיל, וואָס לאָזן זיך טייטשן. דאָס, וואָס מיך אינטערעסירן דערביי אין דער ערשטער שורה די זכרונות, וואָס ווערן באַטראַכט ווי די עלטסטע, ליגט אין דעם, וואָס זיי באַלויכטן ווירקלעכע אָדער אויס־געפאַנטאַזירטע, ריכטיקע אָדער פאַרענדערטע געשעענישן, וועלכע זיינען נעענטער צו דעם שעפערישן אויפבוי פון דעם לעבן־סטיל אין די ערשטע קינדער־יאָרן, גיבן אויך אויס, קען מען זאָגן, אין אַ גרויסן טייל די באַאַרבעטונג פון געשעענישן דורך דעם לעבן־סטיל. דערביי גייט אונדז וויניקער אין נעמען אין חשבון די אויפגאַבע, דאָס אינהאַלטלעכע, וואָס יעדערער קען אַלס אינהאַלט פשוט פאַרשטיין, נייערט צו דערגיין זיין וואַרשיינלעכן געפילס־טאָן, זיין אַנטשפּרעכיק אויפטרעטנדיקן שטעלונג־נעמען, די באַאַרבעטונג און דעם אָפּקלייב פון דעם אויפבוי־מאַטעריאַל,— דאָס לעצטע דערפאַר, ווייל מיר דעקן דערביי אויף דעם הויפּט־אינטערעס פון דעם אינדיווידו, אַ תוכיקן באַשטאַנדטייל פון דעם לעבן־סטיל. דערביי קומט אונדז אויסערגעוויינלעך צו נוץ די הויפּט־פראַגע פון דער אינדיווי־דואַל־פּסיכאָלאָגיע, די פראַגע, וווהין צילט דער אינדיווידו, וואָס פאַר אַ מיינונג האָט דער דאָזיקער אינדיווידו וועגן זיך און וועגן לעבן? אמת פירן אונדז ביי דער דאָזיקער באַטראַכטונג די אייזערנע אָנשווינגען פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע וועגן ציל פון שלימות, פון פּחיתות־געפיל, וואָס זיין דערקענטעניש (ליידער ניט זיין פאַרשטענדעניש, ווי פּרויוו אָנערקענט) איז היינט פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, וועגן פּחיתות־קאָמפּלעקס, וועגן יתרון־קאָמפּלעקס, וועגן ציבור־געפיל און וועגן זיינע וואַרשיינלעכע מניעות, — אָבער די דאָזיקע אַלע פעסט־געבונדענע אָנשווינגען דינען אונדז נאָר צו דער באַלויכטונג פון דעם זע־פעלד, אין וועלכן מיר דאַרפן פעסטשטעלן דעם אינדיווידועלן באַוועגונגס־געזעץ פון דעם געגעבענעם אינדיווידו.

ביי דער דאָזיקער אַרבעט וועקט זיך ביי אונדז אויף די סקעפּטי־שע פראַגע, צי קענען מיר ניט לייכט גריזן ביי דער טייטשונג פון זכרונות און זייער צוזאַמענהאַנג מיט דעם לעבן־סטיל אין אָנבליק פון דער פילטייטשעוודיקייט פון איינצלנע אויסדרוק־פאָרמען. פאַרוואָר, ווער עס ווענדט אָן די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע מיט געהעריקער קינסטלער־שאַפט, פון דעם אַנטרינען ניט די ניואַנסן. אָבער ער וועט זיך פלייסן אויסצושליסן כּל־המינים טעותים. מעגלעכקייטן דערצו זיינען דאָ גענוג. האָט ער אין די זכרונות פון אַן אינדיווידו געפונען זיין ווירקלעכן

באַוועגונגס־געזעץ, דעמאָלט מוז ער אין אַלע אויסדרוק־פאָרמען ווידער געפינען דעם זעלבן באַוועגונגס־געזעץ. אויף וויפל עס גייט אין דער באַהאַנדלונג פון אַלערליי שטרויכלונגען, וועט ער מוזן אויפווייזן אַזויפיל באַשטעטיקונגען, ביז אויך דער פּאַציענט וועט איבערגעצייגט ווערן אין דער ריכטיקייט פון דער דערווייז־פירונג. דער דאָקטאָר גופא וועט טאַקע לויט זיין אייגנאַרט פריִער אָדער שפּעטער זיין איבערצייגט. עס איז אָבער ניטאָ קיין אַנדער מאָס, מיט וועלכער ער וואָלט געקענט מעסטן די טעותים, סימפּטאָמען און דעם טעותדיקן לעבנסגאַנג פון אַ מענטשן, ווי די גענוגנדיקע מאָס פון אַ ריכטיקן ציבור־געפיל.

איצט זיינען מיר ביכולת, נאַטירלעך מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט און אויסגעשטייערט מיט דער גרעסטער דערפאַרונג, אַרויסצוגעפינען, על־פּי־רוב פון די עלטסטע זכרונות, די פעלערדיקע ריכטונג פון דעם לעבנס־וועג, דעם דוחק אין ציבור־געפיל, אָדער אויך דעם היפּוך דערפון. דאָ פירט אונדז ספּעציעל אונדזער קענטעניש וועגן דוחק אין ציבור־געפיל, וועגן די סיבות און פועל־יוצאס דערפון. אַ סך ווערט קלאָר פון דעם, צי די פאַקטן ווערן פאַרגעשטעלט אין אַ מיר־סיטואַציע, צי אין אַן איך־סיטואַציע. אַ סך אויך פון דעם דערמאָנען די מוטער. דאָס דערציילן וועגן סכנות אָדער אומגליקס־פאַלן, דאָס אייגענע וועגן שמיץ און באַשטראָפונגען, דעקט אויף די צו שטאַרקע נטיה צו פאַרגעדענקען ספּעציעל דאָס פיינדלעכע אין לעבן. די ערינערונג פון דעם געבוירן־ווערן פון אַ מיטקינד דעקט אויף די סיטואַציע פון דעטראָניזירונג, די ערינערונג וועגן דעם ערשטן מאָל אין קינדער־גאָרטן אָדער אין שול — דעם גרויסן איינדרוק צוליב נייע סיטואַציעס. די ערינערונג וועגן קראַנקייט און טויט איז אָפט פאַרבונדן מיט שרעק דערפאַר, עפּטערס מיט פּרוּוון אַרויסצושטעלן זיך קעגן זיי בעסער באַוואָפנט, אַשטייגער, אַלס דאָקטאָר, קראַנקן־היטער וכדומה. זכרונות וועגן פאַרברענגען אין דאָרף, אַזוי ווי דאָס דערמאָנען באַשטימטע פּערזאָנען, ווי מוטער, פאָטער, זיידע־באָבע אין אַ פריינדלעכער אַטמאָספער, ווייזן אָפט ניט נאָר דאָס אויסטיילן די דאָזיקע, משמעות, פאַרצערטלענדיקע פּערזאָנען, נייערט אויך דאָס אויסשליסן אַנדערע. זכרונות וועגן באַגאַנגענע שלעכטע מעשים, גניבות, סעקסועלע פּאַסירונגען, ווייזן אָן געוויינלעך אויף דער גרויסער אָנשטרענגונג אויסצושליסן זיי אויף ווייטער פון דער ספערע פון איבערלעבונגען. אָן אַנדערש מאָל דערוויסט מען זיך וועגן אַנדערע נטיות, ווי אַ וויזועלע, אַקוסטישע, מאָטאָרישע נטיה, וועלכע קענען זייער גוט זיין דער גורם אויפצודעקן דורכפאַלן אין שול און דעם פעלערדיקן באַרוף־אויסקלייב, אַזוי ווי זיי קענען גורם זיין די אָנווייזונג פון דעם

בארוף, וואס אנטשפרעכט מערער דער בעסערער צוגרייטונג צום לעבן.

איינינקע ביישפילן דארפן פרווון ווייזן דעם צוזאמענהאנג פון די עלטסטע זכרונות מיט דעם שטענדיקן לעבנס־פלאן.

א מאן ביי 32 יאר אלט, דער עלטסטער פארצערטלטער זון פון אן אלמנה, ווייזט זיך ארויס ניט צוגעפאסט צו קיין שום בארוף, ווארום גלייך ביים אנהייב ווערט ער קראנק אויף שווערע שרעק־דערשיינונגען, וועלכע ווערן תיכף גרינגער, בעת מען ברענגט אים אהיים. ער איז א גוטמוטיקער מענטש, וועלכער בינדט זיך אבער שווער צו צו אנדערע. אין שול פלעגט ער שטענדיק פאר יעדן עקזאמען זיין אויפגערעגט איבער דער מאס און פלעגט אפט דורכלאזן, אנגעבנדיק אלס סיבה מידקייט און אויסשעפונג. זיין מוטער האט פאר אים געזארגט אויפן ליבע־פולסטן אופן; דאס, וואס ער איז נאר פאר דער דאזיקער זארגעוו־דיקייט פון דער מוטער געווען ריכטיק צוגעגרייט, האט מען שוין געקענט דערפון אפטרעפן זיין ציל פון יתרון: ווי ווייט מעגלעך אויסווייכן אלע לעבנס־פראגן און במילא אויך יעדע שטרויכלונג. לעבן דער מוטער האט אזוינס ניט געקענט זיין. דאס, וואס ער איז געבליבן ביי זיין מעטאד צו אנטלויפן אונטער דער מוטערס השגחה, האט ארויסגעלייגט אויף אים דעם חותם פון אן אינ־פאנטילן מענטשן; הגם קערפערלעך וואלט מען אים ניט געקענט באצייכענען ווי אינפאנטיל. זיינע פון קינדווייז אן אויסגעפרוּווטע מיטלען פון צוריקציען זיך צו דער מוטער האבן באקומען א בא־דייטנדיקע פארשטארקונג, ווען דאס ערשטע מיידל, צו וועלכער ער האט געהאט א סימפאטיע, האט אים אפגעזאגט. דער שאק, וואס איז אים באפאלן ביי דער דאזיקער „עקזאגענער" פאסירונג, האט פארשטארקט זיין צוריקציי אזוי, אז ער האט שוין מער אין ערגעץ ניט געפונען קיין רו חוץ ביי זיין מוטער. זיין עלטסטע קינדהייט־ערינערונג קלינגט: „אז איך בין אלט געווען ביי א פיר יאר, בין איך געזעסן ביים פענצטער, בעת מיין מוטער האט געשטריקט זאקן, און כ׳האב אבסערווירט די ארבעטער, וועלכע האבן געבויט אנטקעגן א הויז".

מען וועט זאגן: א קנאפער מאטעריאל. פאר קיין פאל ניט. זיין אויסקלייב פון דער ערשטער ערינערונג — צי איז טאקע די עלטסטע אדער ניט, מאכט ניט אויס פאר דער זאך — באווייזט אונדז, אז אים האט געמוזט דערביי קירעווען

א געוויסער אינטערעס. די אַקציע פון זיין זכרון=טעטיקייט, געפירט דורך דעם לעבן=סטיל, כאַפּט אַרוים א פּאַסירונג, וואָס גיט שטאַרק אוים זיין אייגנאַרט. די סיטואַציע לעבן דער פאַרזאָרגנדיקער מוטער וויַזט אונדז דאָס פאַרצערטלטע קינד. אָבער נאָך א וויכטיקע זאַך גיט ער אונדז אוים. ער קוקט זיך צו, ווי אַנדערע אַרבעטן. זיַן צוגרייטונג צום לעבן איז ווי פון א צוקוקער. חוץ דעם פאַרמאָגט ער וויניק. פּרוּווט ער ערגעץ אַנדערש, דערזעט ער זיך, ווי פאַר אַן אָפּגרונט און אונטער דער ווירקונג פון א שאָק — די מורא פאַר דעם פאַקט פון אָנווערטיקייט,— הייבט ער אָן דעם צוריקצי. לאָזט מען אים אין דער היים ביי זיין מוטער, לאָזט מען אים זיך צוקוקן, ווי אַנדערע אַרבעטן, וויַזט זיך אוים, אַז קיין זאַך פעלט אים ניט. זיין באַוועגונגס=ליניע צילט צו דער באַהערשונג פון דער מוטער, ווי צום איינציקן ציל פון זיַן יתרון. לײדער איז פאַר א צוקוקער פון לעבן פאַראַן וויניק אויסזיכטן. פונדעסטוועגן דאַרף מען נאָך דער היילונג פון אַזאַ פּאַציענט נאָכזוכן אַזאַ באַשעפטיקונג, אין וועלכער עס זאָל קענען געפינען א תיקון זיין בעסערע צוגרייטונג אין אָבסערווירן און אין באַטראַכטן. היות ווי מיר פאַרשטייען דאָס בעסער, ווי דער פּאַציענט, מוזן מיר אַקטיוו איַנווירקן אויף אַזוי פיל, כּדי צו געבן צו פאַרשטיין: דו קענסט באמת גיין פאָרויס אין יעדן באַרוף,— אויב דו ווילסט אָבער אויסנוצן דיין בעסערע צוגרייטונג, טאָ זוך זיך א באַרוף, אין וועלכן דאָס באַטראַכטן שטייט אין פאָדערגרונד. ער האָט זיך מיט ערפאָלג גענומען צו האַנדל מיט קונסט=אַרטיקלען.

פרויד באַשרייבט אין א פאַרקריפּלטער נאָמענקלאַטור כּסדר די שטרויכלונגען פון פאַרצערטלטע קינדער, אַליין ניט וויסנדיק דעם דאָזיקן סוד. דאָס פאַרצערטלטע קינד וויל אַלצדינג האָבן און באַוויליקט נאָר שווער אויסצופירן די דורך דער עוואָלוציע באַפעסטיקטע נאָרמאַלע פונקציעס; עס באַגערט די מוטער אין זיין „עדיפּ=קאָמפּלעקס" (הגם אויך איבערגעטריבן, דאָך אין א זעלטענעם איינצל=פאַל באַגריַפלעך, וויַל דאָס פאַרצערטלטע קינד נעגירט יעדע אַנדערע פּערזאָן). שפּעטער האָט עס אַלערליי שוועריקייטן (ניט מחמת דער פאַרשטויסונג פון דעם עדיפּ=קאָמפּלעקס, נאָר מחמת דער שאָקווירקונג פון אַנדערע סיטואַציעס) און קומט אין עקסטאַז, אפילו צו מאָרד=גלוסטונגען לגבי פּערזאָנען, וועלכע שטעלן זיך אַנטקעגן זיַנע פאַרלאַנגען. ווי ס'איז דיַטלעך צו זען, זיַנען דאָס קונסט=פּראָדוקטן פון א פעלערדיקער, פאַרצערטלעג־

דיקער דערציִונג; אָנווענדן זיי צו אַ פֿאַרשטענדעניש פֿון דעם נשמה־לעבן קען מען נאָר דעמאָלט, ווען מען קען די פּועל־יוצאס פֿון דער פֿאַר־צערטלונג און מען נעמט זיי אין אַכט. סעקסואַליטעט איז אָבער אַן אויפֿגאַבע פֿאַר צוויי פּערזאָן, וואָס קען בלויז דאַן ריכטיק דורכגעפֿירט ווערן, ווען ס'איז דאָ אַ גענוגנדיקע מאָס פֿון ציבור־געפֿיל, וואָס עס פֿעלט פֿאַרצערטלטע קינדער. אין אַ שרײַקער פֿאַראַלגעמיינערונג איז פּרויד געצוווּנגען איבערצוטראָגן די קינסטלעך־געשפּײַזטע פֿאַרלאַנגען, פֿאַנטאַזיעס און סימפּטאָמען, אַזוי ווי אויך דאָס באַקעמפֿן זיי דורך דעם פֿאַרבליבענעם רעשט פֿון ציבור־געפֿיל, אין אײַנגעבאָרענע סאַדיסטישע יצרים, וועלכע ווערן, ווי מיר זעען, ערשט שפּעטער קינסטלעך אײַנגע־דרעסירט אין קינד אַלס רעזולטאַטן פֿון דער פֿאַרצערטלונג. עס איז גרינג צו פֿאַרשטיין, אַז דער ערשטער אַקט פֿון דעם נײַגעבאָרענעם קינד, דאָס טרינקען פֿון דער מוטערס ברוסט איז קאָאָפּעראַציע — און ניט קאַניבאַליזם, ניט קיין באַווייז פֿון אַ סאַדיסטישן יצר, ווי פּרויד וויל האָבן אין הסכם מיט זײַן פֿון פֿאָראויס אָנגענומענער טעאָריע, — אַז דער דאָזיקער אַקט דינט פּונקט אַזוי לטובת דער מוטער, ווי לטובת דעם קינד. — אין דער טונקלקייט פֿון דעם פֿרוידיאַנישן באַנעם פֿאַר־שווינדט די גרויסע פֿאַרשיידנאַרטיקייט אין די מענטשלעכע לעבנס־פֿאָרמען.

אַ ווײַטערדיקער בײַשפּיל דאַרף אויפֿווײַזן די באַנוצעוודיקייט פֿון אונדזער פֿאַרשטענדעניש פֿון די עלטסטע קינדהייט־זכרונות. אַן 18 יאָריקע מיידל לעבט אין בסדרדיקער מחלוקת מיט אירע עלטערן. מען וויל זי זאָל שטודירן, ווײַל זי האָט געהאַט זייער גוטע פּעולות אין שול. זי זאָגט זיך אָפּ, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, דערפֿאַר, ווײַל זי שרעקט זיך פֿאַר אומערפֿאָלגן צוליב דעם, וואָס זי איז ניט געווען די ערשטע ביי איר אַרויסלאָז־עקזאַמען. איר עלטסטע קינדהייט־ערינערונג איז אַזאַ: בעת זי איז אַלט געווען 4 יאָר, האָט זי אויף אַ קינדער־יום־טוב דערזען אין דער האַנט פֿון אַ צווייטן קינד אַ ריזיקע קינדער־פּילקע. ווי אַ זייער פֿאַר־צערטלט קינד, האָט זי געאַרבעט מעשים צו באַקומען אויך אַזאַ פּילקע. איר פֿאָטער איז אומגעלאָפֿן איבער דער גאַנצער שטאָט צו געפֿינען אַזאַ פּילקע, ס'איז אים אָבער ניט געראָטן. אַ קלע־נערע פּילקע האָט דאָס מיידעלע אָפּגעוואָרפֿן מיט געשרייען און געוויינען. ערשט ווען דער פֿאָטער האָט איר דערקלערט, ווי זיין גאַנצע מי איז געווען אומזיסט, האָט זי זיך באַרויִקט און גענומען די קלענערע פּילקע. איך האָב פֿון דער דאָזיקער ערינערונג געקענט מאַכן

דעם אויספיר, אַז די דאָזיקע מיידל איז צוטריטלעך פאַר פריינדלעכע אויפקלערונגען; מען האָט זי געקענט איבערציַיגן אין איר אַמביציעזן עגאָיִזם און מען האָט געהאַט ערפאָלג.

ווי טונקל עס זיינען אָפט די וועגן פון דעם גורל, ווייַזט אָנאַ פאַל: אַ 42-יאָריקער מאַן איז נאָך אַ לאַנג-יאָריקן צוזאַמענלעבן מיט אַ פרוי, וואָס איז עלטער געווען פאַר אים מיט 10 יאָר, געוואָרן אימפּאָטענט. זינט צוויי יאָר רעדט ער קוים מיט דער ווייַב און מיט זיַינע צוויי קינדער. פון דאַן אָן פאַרלאָזט ער זיַין געשעפט, אין וועלכן ער איז פריִער אין אַ געוויסער מאָס געווען ערפאָלגריַיך, און ברענגט די משפחה צו אַ קלאָגעדיקער לאַגע. ער איז געווען דער ליבלינג פון זיַין מוטער און זייער פאַרצערטלט. בעת ער איז אַלט געוואָרן דריַי יאָר איז געבאָרן געוואָרן אַ שוועסטער. קורץ נאָך דעם — דאָס אָנקומען פון דער שוועסטער איז זיַין עלטסטע עריִנערונג — האָט ער אָנגעהויבן צו נעצן אין בעט. ער האָט אויך געהאַט אין זיַין קינדהייט פחדימדיקע חלומות, ווי מיר טרעפן עס אָפט ביַי פאַרצערטלטע קינדער. עס איז קיין שום ספק ניט, אַז דאָס בעטנעצן און די שרעק האָבן געשטאַמט פון זיַינע פרווון מבטל צו מאַכן זיין דעטראָניזירונג; דערביַי ווילן מיר ניט פאַרזען, אַז דאָס נעצן אין בעט איז אויך געווען דער אויסדרוק פון אַן אָנקלאָג, אפשר מער אַן אַקט פון נקמה איבער דער מוטער. אין דער שול איז ער געווען אַן אויסגעצייכנט גוט קינד. ער דערמאָנט זיך נאָר איין איינציק מאָל, ווי ער איז געווען פאַרוויקלט אין אַ קריגעריַי מיט אַ צווייטן יִנגל, וועלכער האָט אים באַליידיקט. דער לערער האָט אויסגעדריקט זיין פאַרוווּנדערונג, ווי אַזוי אַזאַ וווּיל קינד האָט זיך געקענט לאָזן מיטריַיסן.

מיר קענען פאַרשטיין, אַז ער האָט זיך טרענירט אויף אויסשליסלעכער אָנערקענונג און ער האָט געזען זיין ציל פון יתרון אין זיין אויסגעטיילט פון אַנדערע. פלעגט דאָס ניט געשען, פלעגט ער זיך כאַפּן צו מיטלען, וועלכע האָבן באַדייט טיילוויַיז אַן אָנקלאָג, טיילוויין אַ נקמה; דערביי איז ניט אים און ניט אַנדערע קלאָר געווען די מאָטיווירונג. אין זיין עגאָיִסטיש באַפאַרבטן ציל פון פולקומענהייט איז אַריינגעדרונגען אַ גרויסער טייל פון ניט וועלן זיך אַרויסווייזן כלפּי חוץ ווי אַ שלעכטער. ווי ער האָט אַליין באַצייכנט, האָט ער חתונה געהאַט מיט דער עלטערער מיידל דערפאַר, ווייל זי איז אים אַנטקעגנגעקומען אַזוי

ווי זיין מוטער. בעת זי איז איצט אַלט געוואָרן איבער 50 יאָר און איז איינגעשלונגען געוואָרן אין דער האַדעוואַניע פון קינדער, האָט ער איבערגעריסן מיט זיי אַלע אויף אַ בלומרשט ניט־אַגרע־סיוון אופן. אין דעם דאָזיקן איבעררייסן איז אויך איינגעשלאָסן געוואָרן אַלס אָרגאַנען־שפּראַך זיין אימפּאָטענץ. מען וואָלט שוין אין זיינע קינדער־יאָרן געקענט דערוואַרטן, אַז ביים פאַרלירן די באַרצערטלונג אַזוי ווי דעמאָלט, ווען זיין שוועסטער איז געבאָרן געוואָרן, וועט ער אויפהויבן שטענדיק אויפסניי זיין וויייניק דייטלעכן, אָבער דייטלעך ווירקנדיקן אָנקלאָג.

אַ 30־יאָריקער מאַן, דער עלטערער פון צוויי קינדער, איז אָפּגעזעסן צוליב אַ ריי גניבות אַ לענגערע תּפיסה־שטראָף. זיינע עלטסטע זכרונות שטאַמען פון דעם דריטן לעבנס־יאָר, פון דער צייט קורץ נאָך דער געבורט פון זיין יינגערן ברודער. אָט זיינען זיי: מיין מוטער האָט שטענדיק אויסגעטיילט דעם ברודער. איך פלעג שוין אַלס קליין קינד שטענדיק אַוועקלויפן פון שטוב. און אַנדערש מאָל, ווען עס פלעגט מיך טרייבן דער הונגער, פלעג איך אויספירן קליינע גניבות אין און מחוץ דער שטוב. די מוטער פלעגט מיך באַשטראָפן אויפן אכזריותדיקסטן אופן. איך פלעג אָבער כּסדר אַנטלויפן פון שטוב. אין שול בין איך ביז צום 14טן יאָר געווען אַ מיטלמעסיקער תּלמיד, כ'האָב אָבער זיך ניט גע־וואָלט ווייטער לערנען און האָב זיך אומגעשלעפּט אַליין איבער די גאַסן. די היים איז מיר געוואָרן נימאס. איך האָב ניט געהאַט קיין שום פריינד און האָב קיינמאָל ניט געטראָפן אַ מיידל, וועלכע זאָל מיך ליבן, נאָך וואָס איך האָב שטענדיק געבענקט. איך האָב געוואָלט באַזוכן טאַנץ־לאָקאַלן, כּדי צו שליסן באַקאַנטשאַפטן, האָב איך אָבער קיין געלט ניט געהאַט. האָב איך דעמאָלט געגנבעט אַן אויטאָ און פאַרקויפט פאַר אַ ביליקן פּרייז. פון דעמאָלט אָן האָבן מיינע גניבות אָנגענומען אַ גרעסערן פאַרנעם, ביז איך בין געקומען אין תּפיסה. איך וואָלט אפשר געווען אַרויף אויף אַן אַנדער וועג, ווען עס זאָל מיר ניט געווען נימאס געוואָרן די היים, וווּ איך פלעג שטענדיק הערן נאָר זילזולים. מיינע גניבות זיינען אָבער פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם, וואָס איך בין אַריינגע־פאַלן אין די הענט פון אַ פאַסער, וועלכער פלעגט מיר צוגעבן חשק צום גנבענען.

איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז אין דער קינדהייט פון באַשטראָפטע טרעפט מען כּמעט אין דאָס רוב

פאַלן אַזעלכע, וואָס זיינען אַמאָל געווען פאַרצערטלטע, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט פאַרצערטלונג. און דאָס, וואָס ס׳איז פּונקט אַזוי וויכטיק, אַז אין זייער קינדהייט קען מען שוין דערשפּירן אַ שטאַרקערע אַקטיווקייט, וואָס מען דאַרף אָבער ניט פאַרבײַטן מיט מוט. אַז די דאָזיקע מוטער איז פעיִק געווען צו פאַרצערטלען אַ קינד, האָט זי געוויזן בײַ איר צווייטן זון. פון דער פאַרביטערטער האַלטונג פון דעם דאָזיקן מאַן נאָך דעם קומען פון יִינגערן ברודער קענען מיר מאַכן דעם אויספיר, אַז אויך ער האָט פריער איבערגעלעבט פאַרצערטלונג. זײַן ווײַטערדיקער גורל האָט זיך גענומען פון זײַן פאַרביטערטן אָנקלאָג קעגן דער מוטער און פון יענער אַקטיווקייט, פאַר וועלכער ער האָט, מחמת דעם פעלן פון אַ גענוגנדיקן גראַד ציבור־געפיל, — ניט קיין פרײַנד, ניט קיין באַרוף, ניט קיין ליבע, — ניט געפונען קיין אַנדער אָנווענדונג, ווי אין פאַרברעכן. דאָס, וואָס מען קען אַרויסטרעטן פאַר דער עפנטלעכקייט מיט אַן אָנשויונג, אַז פאַרברעכן איז בלומרשט אַ זעלבסט־באַשטראָפונג פאַרבונדן מיט דעם פאַרלאַנג אַרײַנצופאַלן אין תּפיסה, ווי דאָס טוען אָקאָרשט געוויסע פּסיכיאַטערס, גיט אייגנטלעך אויס אַ דוחק אין גײַסטיקן בושה־געפיל, בפרט ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט אַן אָפענעם אויסחוזקן פון דעם common sense און מיט באַליידיקנדיקע אָנפאַלן אויף אונדזערע טיף־באַגרינדעטע דערפאַרונגען. צי איז דער אויפקום פון אַזעלכע אָנשויונגען ניט געבאָרן געוואָרן פון דעם גײַסט פון פאַרצערטלטע קינדער און ווירקט צוריק אויף דעם גײַסט פון פאַרצערטלטע קינדער אין עולם, — דאָס לאָז איך איבער פאַר דעם לייענער מכריע צו זײַן.

13

ציבור־שטערנדיקע סיטואַציעס אין דער קינדהייט און דאָס אויסמײַדן זיי.

בײַם נאָכזוכן גורמדיקע און צופֿאַלנדיקע סיטואַציעס וועט מען זיך סוף־כּל־סוף אָנשטויסן שטענדיק אויף יענע שווערע פּראָבלעמען, וועלכע כ׳האָב שוין פֿריִער אָנגערופֿן אַלס די באַדײַטנדיקסטע און וואָס זײַנען מסוגל צו פֿאַרשווערן און אויך אויסערגעוויינלעך אָפּט בטל צו מאַכן די אַנטוויקלונג פֿון דעם ציבור־געפֿיל: די פֿאַרצערטלונג, אײַנגע־באָרענע אָרגאַן־פּחיתותדיקייטן און פֿאַרלאָזטקייט. די השפּעות פֿון די דאָזיקע פֿאַקטאָרן זײַנען פֿאַרשיידן ניט בלויז מחמת זייער אויסשפּרייטונג און מחמת זייער גראַד, אויך ניט נאָר מחמת זייער געדויער, דעם אָנהייב און סוף פֿון זייער ווירקעוודיקייט, נאָר בעיקר מחמת זייער כּמעט אומ־באַרעכנטער אויפֿרודערונג און דער ענטפֿער־באַוועגונג, וואָס זיי רופֿן אַרויס אין קינד. די שטעלונג פֿונם קינד צו די דאָזיקע פֿאַקטאָרן איז ניט נאָר געווענדט אָן „trial and error“ (פּרוּוו און טעות) פֿון דעם קינד, נײַערט, מערער נאָך, ווי דאָס לאָזט זיך דערווייזן, אָן זײַן ענערגיע פֿון וואַקסן, אָן זײַן שעפֿערישן כּוח אַלס אַ טייל פֿון דעם לעבנס־פּראָצעס, וועמענס אַנטוויקלונג עס איז אין אונדזער קולטור, וואָס באַדריקט און העלפֿט־מיט דעם קינד, פּונקט אַזוי כּמעט אומאויסצורעכענען און לאָזט זיך אַרויסדרינגען נאָר פֿון די ערפֿאָלגן. ווײַל מען דאָ ווײַטער גיין בדרך השערה, וואָלט מען דעמאָלט געדאַרפֿט נעמען אין אַכט אַ שלל פֿאַקטן, משפּחהדיקע ספּעציפֿישקייטן, ליכט, לופֿט, צײַט פֿון יאָר, וואַרעמקייט, לאַרעם, קאָנטאַקט מיט בעסער אָדער ערגער צוגעפּאַסטע פּערזאָנען, קלימאַט, באָדן־סטרוקטור, שפּײַזונג, דעם ענדאָקרינעם סיסטעם, מוסקו־לאַטור, טעמפּ אָדער אָרגאַן־אַנטוויקלונג, עמבריאָנעלע סטאַדיע און נאָך אַ סך אַנדערע, ווי די הילף און האָדעוואַניע פֿון די פּערזאָנען, וואָס

זיינען ממונה אויף דעם. אין דער דאזיקער שווינדלענדיקער שפע פון פאקטן וועט מען גלייך געצוווּנגען זיין אנצונעמען אמאל העלפנדיקע פאקטארן און אמאל שעדיקנדיקע. מיר וועלן זיך באנוגענען צו נעמען אין אכט מיט גרויסער פארזיכטיקייט סטאטיסטישע ווארשיינלעכקייטן, ניט לייקענענדיק די מעגלעכקייט פון די נפקא מינאס אין די רעזולטאטן. א סך זיכערער איז דער וועג פון אבסערווירן די פועל=יוצאס, וואס דא זיינען פאראן גרויסע מעגלעכקייטן פאר וואריאירונג. די שעפערישע קראפט, וואס טרעט דערביי אפיר, וועט זיך לאזן גענוגנדיק פעסטשטעלן אין א גרעסערער אדער קלענערער אקטיווקייט פון קערפער און גייסט.

עס טאר אבער ניט פארזען ווערן, אז די נטיה צו קאאפעראציע ווערט ארויסגעפאדערט פון דעם ערשטן טאג אן. עס טרעט בולט ארויס די אומגעהייערע באדייטונג פון דער מוטער אין דעם אספעקט. זי שטייט ביי דער שוועל פון דער אנטוויקלונג פון דעם ציבור=געפיל. די ביאלאגישע ירושה פון דעם מענטשלעכן ציבור=געפיל ווארט אויף איר האדעוואניע. דורך קליינע באהילפן, ביים באדן, דורך באזארגעניש, אין וועלכע דאס הילפלאזע קינד נייטיקט זיך, קען זי פארשטארקן אדער איינהאמעווען דעם קאנטאקט פון דעם קינד. איר באציִונג צום קינד, איר פארשטענדעניש און איר געשיקטקייט זיינען מאסגעביקע מיטלען. מיר וועלן ניט פארזען, אז אויך אין דעם פרט קען דער מענטשלעכער עוואלוציע=ניוואָ שאפן דעם אויסגלייך, און אז דאס קינד גופא קען, ניט געקוקט אויף די פאראנענע שטערונגען, אויסקעמפן דורך שרייען און ווידערשפעניקייט דעם קאנטאקט. ווארום אויך אין דער מוטער ווירקט און לעבט דער ביאלאגישער דערגרייך פון דער מוטער=ליבע, — א ניט ביִצוקומענדיקער טייל פון דעם ציבור=געפיל. צוליב אומגינציקע אומשטענדן, צוליב צו גרויסע זארגן, צוליב אנטוישונגען, צוליב קראנקייט און ליידן, צוליב אן אויספאלנדיקן דוחק אין ציבור=געפיל און זיינע קאנסעקווענצן קען ער בלייבן א קרקע בתולה. אבער דער עוואלוציאנערער דערגרייך פון דער מוטער=ליבע איז אין אלגעמיין אזוי שטארק ביי חיות און מענטשן, אז ער איז גרינג גובר דעם שפייז=יצר און דעם סעקסועלן יצר. מען מוז באמת פעסטשטעלן, אז די באדייטונג פון דעם מוטערלעכן קאנטאקט פאר דער אנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן ציבור=געפיל איז אומגעהייער גרויס. דאס מוותר=זיין אויף דעם דאזיקן אלמעכטיקן הייבער פון דער מענטשהייטס אנטוויקלונג וואלט אונדז געבראכט אין דער גרעסטער פארלעגנהייט, ווי אזוי צו געפינען א האלב=

גענוגנדיקן סוראָגאַט פאַר אים; אָפּגערעדט שוין דערפון, אַז דער מוטער=
לעבער קאָנטאַקט=געפיל אַליין, ווי אַן אייביקער פאַרמעג פון דער עוואָ=
לוציע, וואָלט זיך האַרטנעקיג געוועהרט קעגן זיין צעשטערונג. דעם
מוטערלעכן קאָנטאַקט=געפיל פאַרדאַנקען מיר מסתמא
צום גרעסטן טייל דעם מענטשלעכן ציבור=געפיל
און דערמיט אויך דעם תוכיקן באַשטאַנד פון דער
מענטשלעכער קולטור. אמת די איצטיקע אויסווירקונג פון דער
מוטער=ליבע קען היינט אָפט ניט באַפרידיקן די נויט פונם ציבור.
אַ ווייטער עתיד וועט דאַרפן דעם באַנוץ פון דעם דאָזיקן פאַרמעג אַ סך
מער דערנענטערן צום ציבור=אידעאַל. וואָרום אָפט איז דער קאָנטאַקט
צווישן מוטער און קינד צו שוואַך, נאָך אָפטער צו שטאַרק. אין דעם
ערשטן פאַל קען דאָס קינד מתחילת זיין לעבן באַקומען דעם איינדרוק
פון דער פיינדלעכקייט פונם לעבן און דורך ווייטערע דערפאַרונגען פון
אַן ענלעכן מין צו מאַכן די דאָזיקע מיינונג פאַר אַ ריכטשנור פון
זיין לעבן.

ווי איך האָב גענוג אָפט געזען, איז דער בעסערער קאָנטאַקט
מיטן פאָטער, מיט זיידע=באָבע צו ווייניק אויף צו קאָמפּענסירן דעם
דאָזיקן דוחק. בדרך כלל קען מען פעסטשטעלן, אַז דער בעסערער קאָנ=
טאַקט פון אַ קינד מיטן פאָטער ווייזט אויף אַ שטרויכלונג ביי דער
מוטער, באַדייט כמעט שטענדיק אַ צווייטע פאַזע אינם לעבן פון אַ קינד,
וואָס האָט איבערגעלעבט — מיט רעכט אָדער אומרעכט — אַן אַנט=
טוישונג אָן דער מוטער. דאָס, וואָס מען טרעפט אָפט ביי מיידלעך
אַ שטאַרקערן קאָנטאַקט מיטן פאָטער, ביי יינגלעך — מיט דער מוטער,
קען מען ניט אויסטייטשן דורך סעקסואַליטעט, נאָר מען דאַרף עס אויס=
פרוון מיט דער אויבנדיקער פעסטשטעלונג. דערביי וועלן זיך אַרויסווייזן
צווייערליי זאַכן: אַז פאָטערס האַלטן זיך אָפט לגבי מיידלעך צאַרט, ווי
זיי זיינען עס געוווינט צו טאָן לגבי מיידלעך און פרויען, און אַז מייד=
לעך, ווי יינגלעך, ווייזן אַרויס אין זייער שפּילערישער צוגרייטונג צו
זייער קומענדיקן לעבן, אַזוי ווי אין שפּילן בכלל (זע Gross, Spiele der
Kinder), די דאָזיקע צוגרייטונג אויך לגבי דעם אַנדערגעשלעכטיקן עלטערן=
טייל. אַז דאָ שפּילט אויך אַמאָל אַ ראָלע דער סעקסועלער יצר, אמת,
זעלטן אין דעם גוזמאַדיקן אופן, ווי פרויד שטעלט עס פאָר, האָב איך
געזען בלויז ביי זייער פאַרצערטלטע קינדער, וועלכע ווילן זייער גאַנצע
אַנטוויקלונג דורכפירן בתוך דער משפּחה, אָדער נאָך מער, אין אַן
אויסשליסלעכן בונד מיט אַן איינציקער פאַרצערטלענדיקער פּערזאָן.
אַנטוויקלונגס=געשיכטלעך און סאָציאַל געהער דער מוטער ווי אַן אויפ=

גאַבע צו מאַכן דאָס קינד אַזוי פֿרי, ווי ס'איז נאָר מעגלעך, פֿאַר אַ מיטאַרבעטער, פֿאַר אַ מיטמענטש, וועלכער העלפֿט גערן און לאָזט זיך גערן העלפֿן דאָרט, וווּ זײַנע אייגענע כּוחות קלעקן ניט. מען וואָלט געקענט שרײַבן גאַנצע בענד וועגן דעם גוט־אָנגעשטימטן קינד „wohl-temperiertes Kind"). דאָ מוז זײַן גענוג אָנצווײַזן, אַז דאָס קינד דאַרף זיך פֿילן אין שטוב, ווי אַ גלײַכבאַרעכטיקטער פּאַרטנער מיט אַ וואַקסנ־דיקן אינטערעס פֿאַרן פֿאָטער און די מיטקינדער, בקרוב אויך צו אַלע פּערזאָנען פֿון זײַן סביבה. אויף אַזאַ אופֿן וועט עס ניט ווערן פּריצישטיק בלויז אַ לאַסט, נײַערט עס וועט זײַן אַ מיטשפּילער. עס וועט זיך גיך פֿילן היימיש און אַנטוויקלען יענעם מוט און צוטרוי, וואָס וואַקסן אַרויס בײַ אים פֿון זײַן קאָנטאַקט מיט דער סביבה. די שטערונגען, וואָס עס איז גורם הן דורך בכּיוונדיקע, הן דורך ניט־בכּיוונדיקע פֿעלערן פֿון זײַנע פֿונקציעס: נעצן אין בעט, עצירות, שוועריקייטן מיטן עסן אָן אַ קרענקלעכער סיבה, וועלן פֿאַר אים גופֿא זײַן אַן אויפֿגאַבע צום באַשייען, דאָס גלײַכן פֿאַר זײַן סביבה, אָפּגערעדט שוין, אַז זיי וועלן זיך קיין מאָל ניט באַווײַזן, אויב זײַן נטיה צו קאָאָפּעראַציע איז גענוגנ־דיק שטאַרק. דאָס אייגענע איז חל אויף זויגן דעם גראָבן פֿינגער און אויף בײַסן די נעגל, אויף קאָלופּען דעם נאָז און אויף שלינגען גרויסע ביסנס. די דאָזיקע אַלע דערשײַנונגען טרעטן־אויף נאָר דעמאָלט, ווען דאָס קינד ציט אָפּ מיטן מיטגיין, מיטן אויפֿנעמען די קולטור. זיי ווײַזן זיך כּמעט שטענדיק בײַ פֿאַרצערטלטע קינדער, וועלכע ווילן אַזוי אַרום צווינגען די סביבה צו פֿאַרשטאַרקטער הילף, צו פֿלײַס־אויפֿגאַבן און זײַנען אויך שטענדיק, אָפֿן אָדער באַהאַלטן, פֿאַרבונדן מיט פֿאַר־עקשנטקייט — דײַטלעכע סימנים פֿון אַ קנאַפּלעכן ציבור־געפֿיל. איך האָב זינט אַ לאַנגער צײַט אָנגעוויזן אויף די דאָזיקע פֿאַקטן. אויב פֿרויד פּלײַסט זיך הײַנט צו מילדערן דעם יסוד פֿון זײַן לערע, די פּאַן־סעקסואַליטעט, דאַן האָבן דעם גרעסטן חלק אין דער דאָזיקער קאָרעקטור, קען מען זאָגן, די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע דערפֿאַרונגען. די פֿיל יאָנגערע אָנשווינג פֿון שאַרלאָטע בילער בנוגע אַ „נאָרמאַלער" סטאַדיע פֿון פֿאַרעקשנטקייט בײַם קינד, דאַרף, משמעות, אַרויסגעפֿירט ווערן פֿון אונדזערע דערפֿאַרונגען. אַז קינדער־פֿעלערן זײַנען פֿאַרבונדן מיט כאַ־ראַקטער־שטריכן ווי פֿאַרעקשנטקייט, קנאה, אייגנליבע, נקמה־גיריקייט אאַז"וו, וואָס ווײַזן זיך אַמאָל מער אַמאָל ווייניקער דײַטלעך, דרינגט אַרויס פֿון דער אויבן געשילדערטער סטרוקטור. עס באַשטעטיקט אויך אונדזער באַנעם פֿון כאַראַקטער, ווי פֿון אַ פֿירנדיקער ליניע צום ציל פֿון יתרון, ווי פֿון אַ שפּיגלונג פֿון דעם לעבן־סטיל און ווי פֿון אַ סאָציאַלן

שטעלונג־נעמען, וואָס איז ניט איינגעבאָרן, נאָר ווערט אויסגעאַרבעט צוזאַמען מיט דעם פון קינד געשאַפענעם באַוועגונגס־געזעץ. אויב אַ קינד האַלט זיך אָן די מסתמא קליינע הנאות, ווי עצירות, זויגן דעם גראָבן פינגער, קינדעריש שפּילן זיך מיט די געשלעכטס־טיילן אאַז״וו, וועלכע עס איז אפשר אַמאָל מקדים אַ שטאַרקערער קיצל־געפיל, וואָס דאַרף פאַרשווינדן, איז עס אַ ספּעציעלער סימן פון פאַרצערטלטקייט, וואָס קען זיך ניט אָפּזאָגן פון קיין שום פאַרלאַנג און פון קיין שום הנאה.

אַ וויַטערדיקן געפערלעכן ווינקל פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם ציבור־געפיל שאַפט די פּערזענלעכקייט פון דעם פאָטער. די מוטער טאָר ניט אַוועקנעמען ביַ אים די געלעגנהייט אויסצופאָרמירן זיַן קאָנטאַקט מיטן קינד אַזוי שטאַרק, ווי ס׳איז נאָר מעגלעך. דאָס געשעט אָבער לייַכט אין פאַל פון פאַרצערטלען, אָדער אין פאַל פון אַ קנאַפּן קאָנטאַקט מיט אים, אין פאַל פון אַן אָפּנייגונג לגבי אים. דער פאָטער טאָר אויך ניט אויסגענוצט ווערן לשם דראָונג אָדער באַשטראָפונג. און ער מוז אָפּגעבן פאַרן קינד גענוג ציַט און וואַרעמקייט, כּדי ניט צו ווערן צוריקגעשטויסן דורך דער מוטער אין הינטערגרונט. אַלס ספּעציעלע שעדלעכקייטן קען איך נאָך אָנוויַזן, ווען ער פליַסט זיך צו ריוואַליזירן מיט דער מוטער דורך צו גרויסער צערטלעכקייט, ווען ער פירט איַן לשם קאָרעקטור אין דער פאַרצערטלונג מצד דער מוטער אַ שטרענגן רעזשים און שטויסט אַזוי אַרום דאָס קינד נאָך שטאַרקער צו דער מוטער, און ווען ער פּרוּווט אַרויפצווינגען אויפן קינד זיַן אויטאָריטעט און זיינע פּרינציפּן. דורכן לעצטן קען ער אפשר אַרויפצווינגען הכנעה, אָבער קיינמאָל ניט קיין מיטאַרבעט און ציבור־געפיל. דער עיקר איז די דאָזיקע געלעגנהייט פאַראַן ביי מאָלצייטן, וועלכע האָבן אין אונדזער האַסטיקער ציַט אַ גרויסע באַדיַטונג פאַר דער דערציִונג צום מיטלעבן. אַ מונטערע שטימונג איז דערביי אומבאַדינגט נייטיק. מיט הדרכה וועגן עס־מאַניערן דאַרף מען זיַן שפּאָרעוודיק, ווי נאָר מעגלעך. אויף דעם אופן וועט מען צום גרינגסטן האָבן אַ פּעולה. מוסר, בעס־אויס־ברוכן, רוגזה — דאַרפן ביי דער געלעגנהייט זיין אויסגעשלאָסן. דאָס אייגענע דאַרף מען זיך אָפּהאַלטן פון פאַרנעמען זיך מיט לייענען און מיט חקירות. די דאָזיקע צייט איז אויך די אומפּאַסיקסטע אויף מוסרן פאַר שלעכטע פּעולות אין שול, אָדער פאַר אַנדערע חסרונות. און מען מוז זיך באַמיִען דורכצופירן די צוזאַמענדיקייט ביי די מאָלציַטן, וואָס ביַם פרישטיק זעט מיר אויס צו זיַן ספּעציעל וויכטיק. אַ וואָגיקע פּאָדערונג איז, אַז קינדער זאָלן שטענדיק זיין פריַ ביַם ריידן און שטעלן פראַגעס. אויסלאַכן, אָפּשפּאָטן, יאָדען, אַוועקשטעלן אַנדערע קינדער אַלס גוטן

בײַשפּיל שעדיקט דעם אַנשלום און קען אויסבילדן פאַרשלאָסנקייט, אומ־דרייסטקייט און אַנדערע שווערע פּחיתות־געפילן. מען טאָר ניט פּיר־האַלטן קינדער זייער קליינקייט, זייער דוחק אין וויסן און קענען, נײַערט פרײַ מאַכן פאַר זיי דעם וועג צו אַ מוטיקן טרענינג. לאָזן זיי פרײַ זיך אָפּגעבן מיט עפּעס, אויב זיי ווײַזן דערצו אַרויס אַן אינטערעס, ניט אַרויסנעמען בײַ זיי אַלץ פון דער האַנט, און שטענדיק מאַכן אָנ־ווײַזן אויף דעם, אַז כּל התחלות קשות; ניט אַרויסווײַזן קיין גוזמאַדיקע שרעקעוודיקייט לגבי סכּנות, נײַערט אַ ריכטיקן שוץ לגבי זיי. נער־וועזשקייט פון די עלטערן, רײַבונגען אין צוזאַמענלעבן, ניט־אייניקייט אין די פראַגן פון דערציִונג קענען גרינג שעדיקן די אַנטוויקלונג פון דעם ציבור־געפיל. עס וואָלט געדאַרפט, ווי ווייט עס לאָזט זיך, אויס־געמיטן ווערן אַ צו קאַטעגאָרישער משלח־זײַן די קינדער פון דער דערוואַקסענער געזעלשאַפט. ליב און גנאי מוז חל זײַן נאָר אויף דעם געראָטענעם אָדער אומגעראָטענעם טרענינג און ניט אויף דער פּערזענ־לעכקייט פון דעם קינד.

די קראַנקהייט פון אַ קינד קען אויך אויף אַזאַ אופן ווערן אַ געפערלעכער אבן־נגף פאַר דעם ציבור־געפיל. ז׳, ווי אויך די אַנדערע באַשווערונגען זיינען נאָך געפערלעכער דאַן, ווען זיי טרעטן אויף אין גבול פון די ערשטע פינף יאָר. מיר האָבן גערעדט וועגן דער באַדײַטונג פון אײַנגעבאָרענע אָרגאַן־פּחיתותדיקייטן און האָבן געוויזן, אַז סטאַטיסטיש ווייזן זיי זיך אַרויס ווי אַ גורמדיקע בייז און ווי אַ שטער פאַר דעם ציבור־געפיל. דאָס זעלבע גילט בנוגע פרי אַרויסטרעטנדיקע קראַנקייטן, ווי ראַכיטיס, וועלכע שעדיקן די קערפּערלעכע, אָבער ניט די גײַסטיקע אַנטוויקלונג און קענען אויך פירן צו פאַרקריפּלונגען פון אַ גרעסערן און קלענערן גראַד. צווישן אַנדערע קראַנקייטן פון דעם פריאיקן עלטער שעדיקן צום מערסטן דעם ציבור־געפיל די יעניקע קראַנקייטן, ביי וועלכע די שרעק און זאָרג פון דער סביבה שאַפן פאַרן קינד אַ שטאַרקן אײַנדרוק פון זײַן אייגנוווערט אָן בײַשטײַערנדיקע טואונגען. אַהער געהערן קײַכהוסט, שאַרלעך, מאַרך־אָנצינדונג (encephalitis) און כאָרעאַ, וואָס נאָך זייער אָפּט גרינגן פאַרלויף קען מען אָבסערווירן שווערער־ציִעוודיקייט פון דעם קינד, ווײַל עס קעמפּט אויך שפּעטער פאַר דער דערהאַלטונג פון זײַן פאַרצערטלונג. אויך אין פאַלן, ווען עס בלייבן קערפּערלעכע באַשעדיקונגען, וועט מען טאָן גוט, אויב מען וועט זיך ניט אײַלן כּתם צוצושרײַבן אַלע פאַרערגערונגען אין דער אויפפירונג פונם קינד צו די דאָזיקע באַשעדיקונגען און פאַרלייגן די הענט. איך האָב אפילו געקענט אָבסערווירן נאָך טעותדיקע דיאַגנאָזן פון אַ האַרט־

קראַנקייט און אַ נירן־קראַנקייט און נאָכן אויפדעקן דעם טעות, אַז בײַ דער פעסטשטעלונג פון דער פולקומער געזונטהייט פאַרשווינדט ניט די שווער־דערצִיִעוודיקייט, אַז די אײַנגליבע מיט אירע אַלע קאָנסעקווענצן, ספּעציעל מיט דעם פעלן פון סאָציאַלן אינטערעס, דויערט אויף דעם גלײַכן אופן ווײַטער. שרעק, זאָרג און טרערן העלפן ניט דעם קראַנקן קינד, נאָר זיי פאַרפירן אים צו דערזען אין דער קראַנקהייט אַ געווינס. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די שעדיקונגען פון קינד, וואָס לאָזן זיך קאָריגירן, מוזן אַזוי גיך ווי מעגלעך אויסגעבעסערט אָדער געהיילט ווערן, אַז מען טאָר זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן אויף דעם, אַז דער פעלער וועט זיך „איבערוואַקסן". דאָס אייגענע דאַרף מען שטרעבן, אויף ווי ווײַט עס גרייכן אונדזערע מיטלען, צו פאַרהיטן פון קראַנקייט, ניט מאַכנדיק דאָס קינד שרעקעוודיק און ניט פאַרווערנדיק אים דעם אָנשלוס אָן אַנדערע.

דאָס באַשווערן אַ קינד מיט זאַכן, וואָס זײַנען פאַר אים קערפערלעך און גײַסטיק אַ צו גרויסע לאַסט, קען דורך אויפוועקן אומווילן אָדער איבערמידקייט גרינג פירן צו אַ פײַנדלעכער שטימונג לגבי דעם אָנשלוס אין לעבן. קונסט און וויסן דאַרפן אַנטשפּרעכן דעם אויפנעמגראַד פונם קינד (זע Dr. Deutsch, Klavierunterricht auf individual-psychologischer Grundlage). צוליב דעם זעלבן טעם דאַרף געמאַכט ווערן אַ סוף צום אויפקלערונגס־פאַנאַטיזם פון געוויסע סעקסואַל־פעדאַגאָגן. מען דאַרף דעם קינד ענטפערן, ווען עס פרעגט אָדער עס זעט אויס צו פרעגן, אויף וויפל מען איז זיכער, אַז דאָס קינד קען פאַרדײַען די מיטטיילונג. אָבער אין יעדן פאַל דאַרף מען אים פרי מדריך זײַן אין דער איבערצײַגונג פון דער גלײַכווערטיקייט פון די געשלעכטער און אין זײַן אייגענער געשלעכטלעכער ראָלע. אויב ניט — קען דאָס קינד, ווי אויך פרויד גיט עס היינט צו, שעפן פון אונדזער צוריקגעשטאַנענער קולטור די מיינונג, אַז די פרוי שטעלט בלומרשט פאָר אַ נידעריקערע מדרגה, וואָס קען לײַכט פירן בײַ יינגלעך — צו גאווה מיט אַלע אירע ציבור־פײַנדלעכע קאָנסעקווענצן, בײַ מיידלעך — צו דעם דורך מיר אין יאָר 1912 באַשריבענעם „מענלעכן פראָטעסט" (זע Adler, Über den nervösen Charakter l. c.) מיט גלײַך שעדלעכע קאָנסעקווענצן. אָן אומזיכערקייט אין דעם אייגענעם מין קען דערפירן צו אַ קנאַפּלעכער צוגרייטונג צו דער געשלעכטלעכער ראָלע מיט אַלע אומגינציקע פועל־יוצאס.

געוויסע שוועריקייטן קומען אַרויס פון דער שטעלונג פון די מיטקינדער בתוך דער משפחה. די באַטאָנטע, אָבער אויך די אומבאַטאָנטע אַרויסהייבונג פון איינעם פון די מיטקינדער אין דער פריִער

קינדהייט ווערט אפט א פחת פאר דעם אנדערן. אומגעהייער אפט טרעפט מען שטרויכלונגען פון איין קינד לעבן מעלות פון אנדערע. די גרעסערע אקטיווקייט פון איינעם קען זיין דער גורם פון דער פאסיווקייט פון דעם אנדערן, דער ערפאלג פון איינעם קען זיין דער גורם פון אומערפאלג פון דעם אנדערן. מען קען אפט זען, ווי שטארק אומגינציק עס באווירקן פריציטיקע אומערפאלגן די צוקונפט פון א קינד. דאס גלייכן קען די ארויסהייבונג פון איין קינד, וואס איז ניט גרינג אויסצומיידן, זיך אפשלאגן צום שאדן פון אנדערן דערמיט, וואס עס רופט אין אים ארויס א שווערן פחיתות-געפיל מיט אלע מעגלעכע אויספארמירונגען פון א פחיתות-קאמפלעקס. אויך די גרויסקייט, די שיינקייט, דער כוח פון איינעם וועט ווארפן א שאטן אויף דעם אנדערן. עס טארן דערביי ניט פארזען ווערן די פון מיר בולט ארויסגעשטעלטע פאקטן, וואס קומען ארויס פון דער שטעלונג פון א קינד אין דער ריי פון מיטקינדער.

קודם כל מוז מען באזייטיקן דעם איבערגלויבן, אז די סיטואציע פון יעדן איינצלנעם קינד אין דער משפחה איז כלומרשט א גלייכע. מיר ווייסן שוין, אז ווען עס וואלט אפילו געקענט זיין פאר אלע א גלייכע סביבה און א גלייכע דערציִונג, ווערט זייער השפעה פארווענדט פון קינד אלס מאטעריאל אויף אזא אופן, וועלכער פאסט פאר זיין שעפערישער קראפט. מיר וועלן זען, ווי פארשיידן עס פארהאלט זיך די סביבה פון יעדן איינצלנעם קינד. עס זעט אויך אוים צו זיין פעסטגעשטעלט, אז קינדער פארמאגן ניט קיין גלייכע גענען און ניט קיין גלייכע פענישע באדינגטקייטן. אפילו וואס שייך דעם איינאייִיקן צווילינג וואקסט אלץ מער דער ספק בנוגע זיין גלייכער פיזישער און פסיכישער קאנסטיטוציע. * די אינדיווידואל-פסיכאלאגיע שטייט פון לאנג אויף דעם באדן פון דער איינגעבארענער פיזישער קאנסטיטוציע, זי האט אבער פעסטגעשטעלט, אז די „פסיכישע קאנסטיטוציע" באווייזט זיך אין די ערשטע 3 ביז 5 יאר אין דער בילדונג פון דעם פסיכישן פראטאטיפ, וועלכער האט שוין אין זיך דעם שטענדיקן באוועגונגס-געזעץ פון דעם אינדיוויד און פארדאנקט זיין לעבנס-פארם דער שעפערישער קראפט פון דעם קינד, וואס באנוצט ירושהדיקייט און סביבה-השפעות אלס בוי-שטיינער. נאר מיט דער דאזיקער אנשווונג איז מיר מעגלעך געווען פארצושטעלן די דיפערענצן פון די מיטקינדער כמעט ווי טיפיש, הגם אין יעדן איינציקן פאל פארשיידן. איך האלט, אז איך האב באשיידט מיין אויפגאבע צו באווייזן, אז אין דער לעבנס-פארם פון יעדן קינד

* זע Holub, Internat, Zeitschr. f. Indiv., 1933.

ווײַזט זיך ארויס דער אָפּדרוק פֿון זײַן שטעלונג אין דער ריי פֿון די מיטקינדער. דער דאָזיקער פֿאַקט ווארפֿט אויך אַ שאַרף ליכט אויף דער פֿראַגע פֿון כאַראַקטער־אַנטוויקלונג. וואָרום אויב עס איז ריכטיק, אַז געוויסע כאַראַקטער־שטריכן שטימען מיט דער שטעלונג פֿון קינד אין דער ריי פֿון די מיטקינדער, בלײַבט דעמאָלט ניט קיין סך אָרט אויף דיסקוסיעס, וועלכע באַטאָנען די ירושהדיקייט, אָדער זײַן אָפּשטאַמונג פֿון דער אנאַל־ספֿערע אָדער פֿון אַן אַנדערער.

נאָך מער: עס לאָזט זיך גוט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אַ קינד דער־גרייכט אַדאַנק דער שטעלונג אין דער ריי פֿון די מיטקינדער אַ געוויסע אייגנאַרטיקייט. די שוועריקייטן פֿון אַן איינאיינציקן קינד זײַנען מער־ווייניקער באַקאַנט. כּסדר צווישן דערוואַקסענע, מיינסטנס איבערגעטריבן זאָרגעוודיק אָפּגעהיט, אויפֿוואַקסנדיק אונטער דער כּסדרדיקער שרעק פֿון די עלטערן, לערנט עס זיך גיך אוים צו פֿילן זיך און אויפֿפֿירן זיך אַלס מיטל־פּונקט. אָפֿט ווײַזט זיך ארויס די קראַנקייט פֿון איינעם פֿון די עלטערן אַלס באַשווערנדיקער אומשטאַנד. אָפֿטער קומען אין באַ־טראַכט שוועריקייטן פֿון פֿאַרפֿאַלק־לעבן און פֿאַרפֿאַלק־צעשיידונגען, אַז אַטמאָספֿערע, אין וועלכער דער ציבור־געפֿיל פֿון דעם קינד אַנטוויקלט זיך שלעכט. גאַנץ אָפֿט טרעפֿט מען, ווי איך האָב געוויזן, דעם על־פּי־רוב נעווראָטיש אויסגעדריקטן פּראָטעסט פֿון דער מוטער קעגן אַ ווייטערדיקן קינד, אַ פּראָטעסט, וואָס איז פֿאַרבונדן צוזאַמענסט מיט אַן איבערגעטריבענער זאָרגעוודיקייט פֿאַר דעם איינציקן קינד, מיט זײַן פֿולקומער פֿאַרשקלאַפֿונג. אין שפּעטערדיקן לעבן פֿון אַזעלכע קינדער טרעפֿט מען, בײַ יעדערן פֿאַרשיידן, איינעם פֿון די שטאַפּלען צווישן פּראָטעסטירנדיקער הכנעה און איבערגעטריבענער לײַדנשאַפֿט צו אַליינ־הערשאַפֿט, ווונדיקע ערטער, וועלכע הייבן אָן בײַ דער באַרירונג פֿון אַן עקזאַגענעם פּראָבלעם צו בלוטיקן און לעבהאַפֿטיק זיך ארויסצווײַזן. אַ שטאַרקע פֿאַרבונדנקייט מיט דער משפּחה, וועלכע שטערט דעם אָנשלוס אויף דרויסן, ווײַזט זיך אין אַ סך פֿאַלן ארויס אַלס נעגאַטיוו.

בײַ אַ גרעסערער צאָל קינדער טרעפֿט מען דעם ערשט־געבאָרענעם אין אַן איינציק־אַרטיקער סיטואַציע, וועלכע עס לעבט ניט איבער קיין איינס פֿון די איבעריקע קינדער. אַ צײַט לאַנג איז ער אַן איינציק קינד און לעבט איבער אײַנדרוקן אַלס אַזעלכער. שפּעטער, אין אַ פֿאַרשיי־דענער צײַט, ווערט ער „דעטראָניזירט". דער דאָזיקער דורך מיר אויס־געקליבענער אויסדרוק גיט אַזוי גענוי איבער דעם בילד פֿון דער סיטו־אַציע, אַז אויך שפּעטערדיקע מחברים, ווען זיי אָנערקענען דעם פֿאַל, ווי פֿרויד, קענען זיך ניט באַגיין אָן דעם דאָזיקן בילדלעכן אויסדרוק.

די צייט, וואָס גייט אדורך ביז צו דער דאָזיקער דעטראַניזירונג, איז פאַר דעם איינדרוק און זיין באַארבעטונג ניט גלייכגילטיק. איז עס אַלט דריי יאָר אָדער מערער, שניידט זיך איין די פּאַסירונג אין דעם שוין סטאַביליזירטן לעבן־סטיל און ווערט אויף זיין שטייגער פאַרענטפערט. בדרך־כלל טראָגן אריבער פאַרצערטלטע קינדער דעם דאָזיקן בייט אַזוי ווי, אַשטייגער, די אַנטוויינונג פון דער מוטערס ברוסט. איך מוז אָבער פעסטשטעלן, אַז אַפילו אַן איין־יאָריקער אינטערוואַל איז גענוג, כּדי צו מאַכן קענטיק די שפּורן פון דער דעטראָניזירונג אויפן גאַנצן לעבן. דערביי מוז אויך אַריינגענומען ווערן אין חשבון דער שוין פון דעם ערשט־געבאָרענעם קינד דערגרייכטער לעבנסרוים, ווי אויך די איינשרומפּונג זיינע, וואָס עס מאַכט דורך צוליב דעם צווייטן קינד. מען זעט, אַז פאַר אונדזער נעענטערן אַריינבליק מוז אַריינגעצויגן ווערן אַ שלל פאַקטאָרן. קודם־כּל אויך דאָס, וואָס דער גאַנצער פּראָצעס ווערט דורכגעפירט, אויב דער צייט־אינטערוואַל איז ניט קיין גרויסער, „אָנווערטערדיק", אין באַגריפן, דאָס הייסט, אַז פאַר אַ קאָרעקטור פון שפּעטערדיקע דערפאַרונגען איז ער ניט צוטריטלעך, נייערט בלויז דורך דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער דערקענטעניש פון דעם צוזאַמענהאַנג. די דאָזיקע אָנווערטערדיקע איינדרוקן, וואָס עס זיינען פאַראַן אַ סך אין פריאיקן לעבן פון קינד, וועלן דורך פרויד און יונג, אויב זיי שטויסן זיך נאָר אויף זיי אָן, אַנדערש געטייטשט ווערן, ניט ווי איבערלעבונגען, נייערט אין זייערע פּועל־יוצאס אַלס אומווויסיקע יצרים אָדער אַלס אַטאַוויסטישע סאָציאַלע אומוויסיקייט. אָבער האַס־וועקונגען אָדער טויט־פאַרלאַנגען, וועלכע מען באַגעגנט אַן אַנדערש מאָל, זיינען די אונדז גוט באַקאַנטע קונסט־פּראָדוקטן פון אַן אומריכטיקער דערציִונג פון דעם ציבור־געפיל און טרעפן זיך נאָר ביי פאַרצערטלטע קינדער געווענדט אַפּט קעגן דעם צווייטן קינד. ענלעכע שטימונגען און דערשלאָגנקייטן טרעפט מען אויך ביי שפּעטערדיקע קינדער, אויך ביי זיי קודם־כּל, אויב זיי זיינען געווען פאַרצערטלט. אָבער דער ערשט־געבאָרענער, אויב ער איז געווען שטאַרקער פאַרצערטלט, האָט מחמת זיין אויסנעמלעכער שטעלונג עפּעס מער לגבי די אַנדערע און שפּירט אָפּ דורכשניטלעך שטאַרקער די דעטראָניזירונג. די ענלעכע דערשיינונגען ביי שפּעטערדיקע קינדער, וואָס קענען גרינג זיין דער גורם פון דעם אויפקום פון אַ פּחיתות־קאָמפּלעקס, זיינען געוונגנדיקע באַווייזן, אַז די סברא, אַשטייגער, אַז אַ שטאַרקערע געבורטס־טראַוומע זאָל זיין די סיבה פון שטרויכלונגען ביי ערשט־געבאָרענע קינדער, דאַרף מען איבערלאָזן אין דער מלוכה פון מעשהלעך; עס איז אַ מטושטשע הנחה, אָן וועלכער מען האָט זיך

געקענט כאפן נאר בעת מען קען ניט די אינדיווידואל-פסיכאלאגישע דערפארונגען.

עס איז אויך לייכט צו פארשטיין, אז דער פראטעסט פון דעם ערשט-געבארענעם קעגן זיין דעטראניזירונג דריקט זיך גאנץ אפט אוים אין א נטיה צו אנערקענען אלס בארעכטיקט אויף וועלכן ס׳איז אופן די געגעבענע מאכט אדער צו שטיין אויף איר זייט. די דאזיקע נטיה גיט דעם ערשט-געבארענעם אן אנדערש מאל א דייטלעך „קאנסערוואטיוון כאראקטער", וועלכער טרעט ניט ארוים אשטייגער פאליטיש, נייערט זאכלעך. א קלאר-ריידנדיקן ביישפיל פאר דעם האב איך געפונען אין דער ביאגראפיע פון טעאדאר פאנטאנע; ווער עס וויל זיך ניט גריבלען, וועט אויך דערזען אין ראבעספיערס פערזענלעכקייט דעם אויטאריטערן שטריך, ניט געקוקט אויף זיין חשובן אנטייל אין דער רעוואלוציע. פנים אל פנים מיט דער כללים-פיינטלעכער האלטונג פון דער אינדיווידואל-פסיכאלאגיע זאל מען אבער ניט פארזען, אז ניט דער נומער, נאר די סיטואציע איז דעצידירנדיק, אזוי, אז אויך שפעטער אין דער קינדער-ריי קען ארויסשווימען דער פסיכישער פארטרעט פון אן ערשט-געבארענעם, אויב אזא קינד, אשטייגער, איז מער אנגעוויזן אויף א קינד נאך אים און רעאגירט אויף דעם. עס טאר אויך ניט פארזען ווערן דער אומשטאנד, אז צומאלס טרעט אריין א צווייט-געבארענער אין דער ראלע פון דעם ערשטן, ווי, צום ביישפיל, דאן, ווען דער ערשט-געבארענער קען אלס אפגעשטאנען קינד ניט גענומען ווערן פאר אונדזער פאל אין באטראכט. א גוטן ביישפיל דערפאר געפינט מען אין דער פערזענלעכקייט פון פאול הייזע, וועלכער האט זיך כמעט פאטערלעך באצויגן צו זיין עלטערן ברודער און איז געווען אין שול די רעכטע האנט פון לערער. מען וועט אבער אין יעדן פאל געפינען שוין גרייט א פארשונגס-וועג, ווען מען אבסערווירט די ספעציעלע לעבנס-פארמען פון אן ערשט-געבארענעם און ווען מען פארגעסט ניט, ווי דער צווייטער רוקט זיך אויף אים. דאס, וואס ער געפינט דא אן אנדער מאל דעם אויסוועג צו באהאנדלען דעם צווייטן פאטערלעך אדער מוטערלעך, איז נאר א וואריאנט פון זיין שטרעבן צו האבן די איבערהאנט.

א ספעציעלע פראבלעם קומט אויף, משמעות, ביי יענע ערשט-געבארענע, וואס נאך זיי איז געקומען אין א ניט גאר גרויסן אפשטאנד א שוועסטער. זייער ציבור-געפיל איז דא אפט שטארקער אויסגעשטעלט אויף באשעדיקונגען. קודם כל דערפאר, ווייל מיידלעך זיינען פון דער נאטור אויס זיך מקדים ביז 17 יאר אין זייער קערפערלעכן און גייסטיקן וואקסן, דערפאר שטויסן זיי נאך שטארקער דעם פאר זיי גייענדיקן.

אָפּט אויך דערפֿאַר, וואָס דער עלטערער ייִנגל באַמיט זיך צו מאַכן זיך גילטיק ניט נאָר אין זײַן בכורה, נאָר אויך אין דעם מיאוסן אויסטײַלן זײַן מענלעכע ראָלע, בעת די מיידל יאָגט שטאַרק נאָך, אין אַ שווערן פּחיתות־געפֿיל, צוליב דער איצט נאָך עקזיסטירנדיקער קולטורעלער באַדריקונג. דערבײַ ווײַזט זי בולט אַרויס אַ שטאַרקן טרענינג, וואָס עס גיט איר אָפּט דײַטלעכע שטריכן פֿון גרויסער ענערגיע. דאָס דאָזיקע איז בײַ אַנדערע מיידלעך אויך אַן אַרײַנפֿיר צום „מענלעכן פּראָ־טעסט“ (זע Über den nervösen Charakter l. c.), וואָס קען אויסצײַטיקן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער מיידל אַ צאָל גוטע און שלעכטע קאָנסעקווענצן, — אַלע אויסגעשפּרייט צווישן מעלות און אָפּנייגן פֿון דעם מענטשלעכן מין ביז דער נעגירונג פֿון דער ליבע, אָדער ביז צו דער האָמאָסעקסועלקייט. פֿרויד האָט שפּעטער די דאָזיקע אינדיווידואַל־פּסי־כאָלאָגישע דערקענטעניש אויסגענוצט און האָט זי אַרײַנגעפּרעסט אין זײַן סעקסואַל־סכעמע אונטערן נאָמען „קאַסטראַציע־קאָמפּלעקס“, באַ־הויפּטנדיק, אַז בלויז דאָס פֿעלן פֿון די מענלעכע גלידער שאַפֿט יענעם פּחיתות־געפֿיל, וואָס זײַן סטרוקטור איז אויסגעפֿונען געוואָרן דורך דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע. ער האָט אָבער לעצטנס געלאָזט שוואַך דורכבליקן, אַז אויך פֿאַר דער סאָציאַלער זײַט פֿון דער דאָזיקער פֿראַגע האָט ער אַ שטיקל אינטערעס. דאָס, וואָס דער ערשט־געבאָרענער ווערט כמעט שטענדיק באַטראַכט ווי דער טרעגער פֿון דער פֿאַמיליע און פֿון איר קאָנסערוואַטיווער טראַדיציע, ווײַזט ווידער, אַז די פֿעיִקייט פֿון דערשפּירן איז מחייב אַ דערפֿאַרונג.

וואָס שייך די אײַנדרוקן, אונטער וועלכע דער צווייט־געבאָרענער פֿאַרמירט אַזוי אָפּט זעלבסטשטענדיש זײַן באַוועגונגס־געזעץ, געפֿינט מען זיי בעיקר אין דעם, וואָס דאָ שפּאַנט כּסדר פֿאַר אים אַן אַנדער קינד, וואָס איז ניט נאָר ווייטער אין זײַן אַנטוויקלונג, נאָר פֿרעגט דאָס־רובֿ אויך אָפּ זייער גלײַכקייט אַדאַנק זײַן האַלטן זיך פֿעסט אין דער בכורה. די דאָזיקע אײַנדרוקן פֿאַלן אָפּ, ווען דער אָפּשטאַנד פֿון די יאָרן איז גרויס, און זיי זײַנען אויף אַזויפֿיל שטאַרקער, אויף וויפֿל דער אָפּשטאַנד איז קלענער. זיי ווירקן דריקנדיק, ווען דער צווייטער שפּירט, אַז דעם ערשט־געבאָרענעם קען מען ניט אַריבעריאָגן. זיי פֿאַרשווינדן כמעט, ווען דער צווייטער איז לכתּחילה זיגעריש, צי מחמת דער פּחיתות פֿון דעם ערשטן, אָדער כּחמת זײַן קלענערער באַליבטקייט. אָבער כמעט שטענדיק וועט מען קענען אָבסערווירן דאָס האַסטיקערע שטרעבן אין דער הייך פֿון דעם צווייטן, וואָס אַט דריקט זיך עס אויס אין פֿאַר־שטאַרקטער ענערגיע, אַט אין אַ האַסטיקערן טעמפּעראַמענט, אַמאָל

אויף דער זייט פון א ציבור־געפיל און אמאל אין א שטרויכלונג. מען וועט דערפאר דארפן נאכזוכן דאס, צי געפינט ער זיך ניט כסדר ווי אין א וועט־געיעג, אין וועלכן דער ערשטער נעמט אויך אן אנדערש מאל אנטייל, און צי באווייזט ער זיך ניט ארויס ווי אונטער פולן דאמף. ביי ניט גלייכן געשלעכט קען די ריוואליזירונג זיך פארשארפן צומאלס אויך ניט שעדיקנדיק ממשותדיק דעם ציבור־געפיל. די שיינקייט פון איין קינד קומט דערביי אויך אין קאן. דאס אייגענע די פארצערטלונג פון איינעם פון דיביידע. דערביי איז לאו דווקא, אז דער אונטערשייד אין דער זארגעוודיקייט מצד די עלטערן מוז זיך ווארפן דעם אבסערווירער אין די אויגן, ער קען אבער אזוי אויסקומען לויט דער מיינונג פון איינעם פון די קינדער. איז איינער פון זיי א בפירושע שטרויכלונג, טרעפט מען אפט דעם אנדערן מיט א גוטער קאנסטיטוציע, וועלכע ווייזט זיך אן אנדערש מאל ארויס ביים אריינטרעטן אין שול־לעבן אדער אין בגרות אלס ווייניק באפעסטיקט. איז איינער פון ביידע אנערקענט פאר העכער שטייענדיק, קען זיך דער אנדערער גרינג ארויסווייזן ווי א שטרויכלונג. אן אנדערש מאל טרעפט מען אפילו ביי אן איינאייִקן צווילינג אלס בלומרשטע ענלעכקייט דאס, וואס ביידע טוען סיי אין גוטן, סיי אין שלעכטן דאס אייגענע; דערביי דארף מען ניט פארזען, אז איינער שלעפט נאך זיך דעם אנדערן אויפן בוקסיר. אויך אין פאל פון צווייטגעבארענעם האבן מיר די געלעגנהייט צו באוונדערן די שורשדיקע משמעות, דורך דער עוואלוציע איינגעשטעלטע, פעיִקייט פון דערשפירן, וועלכע גייט פאראויס דעם פארשטיין. ספעציעל וואנדערפול ווערט אויפגעדעקט דער פאקט פון דעם הימל־שטורמענדיקן צווייטן אין תנ״ך אין דער מעשה מיט עשו און יעקב; הגם מיר קענען זיך ניט ריכטן, אז דער דאזיקער פאקט איז דא שוין פארשטאנען געווארן. יעקבס בענקשאפט נאך דער בכורה, זיין ראנגלעניש זיך מיטן מלאך („איך וועל דיך ניט אוועקלאזן, סיידן וועסט מיך בענטשן"), זיין חלום וועגן הימלשן לייטער, — דערציילן דייטלעך וועגן דעם וועט־געיעג פון דעם צווייטן. אפילו דער, וואס איז ניט נוטה נאכצוגיין מיט מיין דאזיקער אויסלייגונג, וועט פונדעסטוועגן אייגנארטיק געטראפן זיין, ווען ער וועט אין דעם גאנצן לעבנסלויף יעקבס געפינען ביטול צום ערשטן. אזוי איז אין יעקבס פארעקשנטן שרכנען זיך צו לבנס צווייטער טאכטער, אזוי אין דער קליינער האפענונג אויף זיין אייגענעם בכור און אזוי אין דעם אופן, ווי ער מאכט, אז זיין גרעסערע ברכה זאל דורך זיין רעכטער האנט אנקומען יוספס צווייטן זון דורך דעם איבערקרייצן די הענט.

פון צוויי עלטערע טעכטער פון א פאמיליע האט זיך די ערשטע ארויסגעוויזן זינט דער געבורט פון איר יינגערער שוועסטער, דריי יאר נאך איר, ווי א ווילד-רעוואלטירנדיק קינד. די צווייטע האט „דערשפירט" איר נוצן אין דעם, וואס זי ווערט א פאלגעוודיק קינד און האט זיך דערמיט געמאכט אויסערגעוויינלעך באליבט. וואס באליבטער זי איז געווארן, אלץ מער האט געבושעוועט די עלטערע, וועלכע האט ביז אין שפעטן עלטער זיך פעסט געהאלטן ביי איר שטורמיש-פראטעסטירנדיקן אויפפיר. די צווייטע, געווינט אין אלע זאכן צו האבן א יתרון, האט געליטן איר שאק, בעת זי איז געבליבן הינטערשטעליק אין שול. די שול און שפעטער די דריי לעבנס-פראבלעמען האבן איר געצווונגען צו סטאביליזירן איר צוריקצי פון דעם פאר איר אמביציע געפערלעכן פונקט און דערמיט אויך אויסצובויען איר פחיתות-קאמפלעקס אין דער פארם, וואס איך האב אנגערופן „אפציִענדיקע באוועגונג" („zögernde Bewegung"). דורך דעם איז זי אייגנטלעך געווען אין א געוויסער מאס געשיצט פאר אלע מפלות. זיך איבערחזרנדיקע חלומות וועגן פארשפעטיקן צו א באן האבן געוויזן דעם כוח פון איר לעבן-סטיל, וועלכער רוקט איר אונטער אין חלום צו טרענירן זיך אין פארזאמען געלעגנהייטן. קיין מענטש-לעכער אינדיווידו קען אבער ניט געפינען קיין רו-פונקט אין דעם געפיל פון פחיתות. דאס עוואלוציאנער באפעסטיקטע שטרעבן פון אלעם לעבע-דיקן צו א ציל פון אידעאלער שלימות רוט קיינמאל ניט און געפינט זיין וועג ארויף אין דער ריכטונג פון ציבור-געפיל אדער קעגן אים אין טויזנטער וואריאנטן. דער וואריאנט, וואס איז אונטערגערוקט געווארן אונדזער צווייט-געבארענער און איז נאך אייניקע טאפנדיקע פרווון אויס-געפונען געווארן אלס נוצעוודיק, איז געווארן א צוואנגס-נעוראז פון וואשן זיך, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין דעם כסדרדיקן מוז צו וואשן זיך, אירע בגדים און אירע כלים, ספעציעל ווען אנדערע פערזאנען פלעגן זיך צו איר דערנעענטערן. דאס האט פאר איר פארשטעלט דעם וועג אויסצופירן אירע אויפגאבן און איז אויך געווען מסוגל אוועקצוהרגענען די אויפטו-פאדערנדיקע צייט, דעם גרויסן שונא פון די נעווראטיקער. דערביי האט זי ניט פארשטייענדיק דערשפירט, אז דורך איבערגעטריי-בענעם רעאליזירן א קולטורעלע פונקציע, וואס האט זי פריער באליבט געמאכט, יאגט זי אלע אנדערע אריבער. בלויז זי אליין איז ריין, אלע, אלדאס אנדערש איז שמוציק. וועגן דעם דוחק אין איר ציבור-געפיל, דעם דוחק ביי כלומרשט אזא גוט דערצויגן קינד פון א שטארק פאר-צערטלענדיקער מוטער, דארף איך מער גארניט זאגן. דאס גלייכן, אז

איר אויסהיילונג האָט געקענט געמאָלט זיין נאָר ביי אַ פאַרשטאַרקונג פון איר ציבור־געפיל.

וועגן דעם יינגסטן אין דער משפחה איז דאָ אַ סך צו זאָגן. ער געפינט זיך אויך אין אַ גרונטיק פאַרשיידענער סיטואַציע אין פאַר־גלייך מיט אַנדערע. ער איז קיינמאָל ניט אַליין, ווי דאָס איז אַ צייט לאַנג דער עלטסטער. ער האָט אָבער אויך ניט קיין נאָכגייער, ווי דאָס האָבן אַלע אַנדערע קינדער, און ער האָט ניט אַן איינציקן פאָרגייער, ווי דער צווייטער, נאָר אָפט מערער. ער איז על פי רוב פאַרצערטלט פון די זיך עלטערנדיקע עלטערן און געפינט זיך אין דער אומבאַקוועמער סיטואַציע באַטראַכט צו ווערן תּמיד ווי דער קלענסטער און שוואַכסטער און על־פי־רוב ניט גענומען צו ווערן ערנסט. בדרך כּלל איז זיין לאַגע ניט אומגינציק. און זיין שטרעבן צו יתרון ווערט כּסדר גערייצט. אין אַנדערע פּרטים איז זיין לאַגע געגליכן צו דעם צווייטנס, אַ סיטואַציע, אין וועל־כער עס קענען אויך קומען קינדער פון אַן אַנדער אָרט אין דער קינדער־ריי, ווען צופעליק מאַכן זיך ענלעכע ריוואַליזירונגען. זיין כּוח ווייזט זיך אָפט אַרויס אין דעם, וואָס מען קען זען פּרווון צו וואַקסן איבער די קעפּ פון אַלע מיטקינדער אין די פאַרשיידנסטע גראַדן פון ציבור־געפיל. זיין שוואַכקייט קומט אָפט צום אויסדרוק אין דעם, וואָס ער ווייכט פון דעם דירעקטן קאַמף פאַר יתרון, וואָס ביי אַ גרעסערער פאַרצערטלונג זעט עס אויס צו זיין אַ כּלל, און אין דעם, וואָס ער זוכט צו דערגרייכן זיין ציל אין אַן אַנדער פלאַכקייט, אין אַן אַנדער לעבנס־פאָרם, אין אַן אַנדער באַרוף. ביים אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיש געשולטן בליק אין דעם וואָרשטאַט פון דעם מענטשלעכן נשמה־לעבן ווערט מען שטענדיק אויפסניי איבערראַשט תּופס זייענדיק, ווי אָפט עס מאַכט זיך אַ וועג דער דאָזיקער גורל פון דעם יינגסטן. באַשטייט די פאַמיליע פון געשעפטס־לייט, טרעפט מען, למשל, דעם יינגסטן אַלס דיכטער אָדער מוזיקער. זיינען די מיטקינדער אינטעלעקטואַלן, שלאָגט זיך צו דער יינגסטער צו אַ בעל־מלאכהשן אָדער געשעפטלעכן באַרוף. דערביי מוז מען אמת ביי אונדזער שטאַרק אומפּאָלקומער קולטור נעמען אין חשבון די באַגרענעצונג פון מעגלעכקייטן פאַר מיידלעך.

אין פּרט פון כאַראַקטעראָלאָגיע פון דעם יינגסטן האָט מיין אַנווייז אויף דעם תּנכישן יוסף געוווּנען דעם אַלגעמיינעם אויפמערק. איך ווייס אַזוי גוט, ווי יעדער אַנדערער, אַז דער יינגסטער זון יעקבס איז געוועזן בנימין, ער איז אָבער געקומען 17 יאָר נאָך יוספן און איז אים במשך פון אַ לאַנגער צייט געבליבן אומבאַקאַנט, ער האָט ניט געהאַט צו זאָגן אין יוספס אַנטוויקלונג. מען ווייס דאָך די אַלע פאַקטן,

זוי אַזוי דער דאָזיקער ייִנגל איז אַרומגעגאַנגען צווישן זײַנע שווער=
אַרבעטנדיקע ברידער טרוימענדיק וועגן זײַן קומענדיקער גרויסקייט און
פֿלעגט זיי שטאַרק דערצערענען דורך זײַנע חלומות וועגן זײַן הערשאַפֿט
איבער זיי, איבער דער וועלט, וועגן זײַן גאָט=ענלעכקייט. משמעות, אויך
דערפֿאַר, וואָס ער איז אויסגעטיילט געוואָרן פֿון אַלע דורכן פֿאָטער. ער
איז אָבער געוואָרן דער זײַל פֿון זײַן משפּחה, פֿון זײַן שבט און ווײַט
איבער דעם דאָזיקן — אַ גואל פֿון דער קולטור. אין איינצלנע האַנד=
לונגען זײַנע און אין זײַנע אויפֿטוען ווײַזט זיך די גרייס פֿון זײַן ציבור=
געפֿיל.

די אָפּשפּירנדיקע פֿאָלקס=נשמה האָט געשאַפֿן מערער אַזעלכע
אָנווײַזן. אַ סך אַנדערע געפֿינען זיך אויך אין תנך, ווי שאול, דוד
אאַז"וו. אָבער אויך אין די מעשׂהס פֿון אַלע צײַטן און פֿעלקער, אין
וועלכע מען טרעפֿט נאָר אַ ייִנגסטן, איז ער שטענדיק דער מנצח. מען
דאַרף אויך נאָר אַרומקוקן זיך אין אונדזער הײַנטיקער געזעלשאַפֿט,
צווישן די גאָר גרויסע פֿון דער מענטשהייט, און מען וועט געפֿינען, ווי
אָפֿט דער ייִנגסטער קומט צו אַן ערשטראַנגיקער שטעלונג. אויך אַלס
שטרויכלונג רעכנט ער זיך אָפֿט צו די אויפֿפֿאַלנדיקסטע, וואָס לאָזט
זיך שטענדיק צוריקפֿירן צו דער אָפּהענגיקייט פֿון אַ פֿאַרצערטלענדיקער
פּערזאָן, אָדער צו פֿאַרלאָזטקייט, פּאָזיציעס, פֿון וועלכע ער האָט
טעותדיק אויפֿגעבויט זײַן סאָציאַלע פּחיתות.

דער דאָזיקער געביט פֿון קינדער=פֿאָרשונג בנוגע דער שטעלונג
פֿון קינד אין דער קינדער=ריי איז נאָך ווײַט ניט אויסגעשעפּט. ער באַ=
ווײַזט מיט אַ באַצווינגענדיקער קלאָרקייט, ווי אַ קינד באַנוצט זײַן
סיטואַציע און אירע אײַנדרוקן אַלס בוישטיינער, כּדי שפּעטער אויס=
צובויען זײַן לעבן=סטיל, זײַן באַוועגונגס=געזעץ און דערמיט אויך זײַנע
כאַראַקטער=שטריכן. דעם פֿאַרשטענדיקן וואָלט שוין געדאַרפֿט קלאָר
ווערן, ווי ווייניק עס בלײַבט דאָ איבער פֿאַר דער הנחה פֿון אײַנגע=
באָרענע כאַראַקטער=שטריכן. וואָס איז נוגע אַנדערע שטעלונגען אין
קינדער=ריי, אויף וויפֿל זיי אימיטירן ניט די אויבן אָנגערופֿענע, ווייס
איך ווײַט ניט אַזויפֿיל צו זאָגן. Crighton Miller אין לאָנדאָן האָט מיר
אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז ער האָט געטראָפֿן אַ דריטע
מיידל, נאָך צוויי פֿאַר איר גייענדיקע, וואָס ווײַזט אַרויס אַ גאַנץ
שטאַרקן מענלעכן פּראָטעסט. איך האָב זיך אָפֿטער געקענט איבערצײַגן
אין דער ריכטיקייט פֿון זײַן פֿעסטשטעלונג און איך דערקלער עס מיט
דעם, וואָס אַזאַ מיידל פֿילט און שפּירט, זעט אויך אַן אַנדערש מאָל,
די עלטערנס אַנטוישונג און ברענגט אויף וועלכן ס'איז אופֿן צום

אויסדרוק איר אומצופרידנקייט מיט דער ווײַבלעכער ראָלע. מען וועט ניט זײַן איבערראַשט אויפצודעקן בײַ דער דאָזיקער דריטער מיידל אַ שטאַרקערע פאַרצקשנטקייט=שטעלונג, וואָס ווײַזט, אַז דאָס, וואָס שאַרלאָטע בילער וויל האָבן געפונען אַלס „נאַטירלעכע סטאַדיע פון פאַרעקשנטקייט", לאָזט זיך בעסער פאַרשטיין ווי אַ קונסט=פּראָדוקט, ווי אַ שטענדיקער פּראָטעסט קעגן ווירקלעכער אָדער אויסגעדוכטער פאַרשטויסונג אין דעם זין פון די אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגישע אויסלייגונגען.

וועגן דער אַנטוויקלונג פון אַן איינציקער מיידל צווישן ייִנגלעך און אַן איינציקן ייִנגל צווישן מיידלעך זײַנען מײַנע פאָרשונגען ניט פאַרענדיקט. לויט מײַנע ביז=איצטיקע פעסטשטעלונגען דערוואַרט איך צו געפינען, אַז ביידע טרעטן אַרויס אין עקסטרעמען, צילנדיק מער צו דער ווײַבלעכער, אָדער מענלעכער ריכטונג. צו דער ווײַבלעכער, ווען מען האָט זיי דאָס געגעבן אין דער קינדהייט צו פילן אַלס ערפאָלגרײַכער, מער צו דער מענלעכער, ווען די מענלעכקייט ווײַזט זיי אויס צו זײַן אַ באַגערונגס=ווערטער ציל. אין דעם ערשטן פאַל וועט מען טרעפן אין אַ געשטיגענער מאָס ווייכקייט און אַ באַדערפעניש אָנצושפּאַרן זיך אויף עמעצן מיט אַלע מידות טובות און מידות רעות; אין צווייטן פאַל אָפענע הערשגיריקייט, פאַרעקשנטקייט, אָבער אַן אַנדערש מאָל אויך מוט און לויבווערטיקן שטרעבן.

14

טאָג- און נאַכט-חלומות

מיט דער דאָזיקער באַטראַכטונג טראָגן מיר זיך אַריבער אין דער מלוכה פון פאַנטאַזיע. עס וואָלט געווען אַ גרויסער פעלער צו וועלן די דאָזיקע פונקציע, וואָס איז אויך געשאַפן דורך דעם עוואָלוציאָנערן שטראָם, אַרויסהייבן פון דער גאַנצקייט פונם נשמה-לעבן און זיין פאַר-בינדונג מיט די פאָדערונגען פון דער דרויסן-וועלט, אָדער גאָר צו וועלן זי אַנטקעגנשטעלן דער גאַנצקייט, דעם איך. זי איז גיכער אַ טייל פון דעם אינדיווידועלן לעבן-סטיל, כאַראַקטעריזירט אים צו דער זעלבער צייט און וועבט זיך אַריין, גענומען אַלס פסיכישע באַוועגונג, אין אַלע אַנדערע טיילן פון דעם נשמה-לעבן, אַזוי ווי זי טראָגט אויך אין זיך דעם אויס-דרוק פון דעם אינדיווידועלן באַוועגונגס-געזעץ. איר געגעבענע אויפ-גאַבע איז אויסצודריקן זיך ביי געוויסע אומשטענדן גערדאַנקלעך, בעת געוויינלעך באַהאַלט זי זיך אויס אין דער מלוכה פון געפילן און עמאָציעס, אָדער זי איז איינגעראַמט אין דעם שטעלונג-נעמען פון דעם אינדיוויד. היות אויך זי באַוועגט זיך אין דעם שטראָם צום ציל פון פאַרענדיקטקייט, צילט זי ווי יעדע אַנדערע פסיכישע באַוועגונג צו דעם עתיד. פון דעם דאָזיקן אויסבליק אַרויס ווערט אינגאַנצן קלאָר, ווי ווייט עס זאָגט גאָר-ניט, אויב מען וויל זען אין איר באַוועגונג אָדער אין דער באַוועגונג פון אירע אַרויסשפּראַצונגען, אין דעם טאָג- און נאַכט-חלום, אַ פאַרלאַנג-רעאַליזירונג, אַפּשיטאַ, אויב מען מיינט, אַז דערמיט האָט מען עפּעס בייגעשטייערט צו דער פאַרשטענדעניש פון זייער מעכאַניזם. היות ווי יעדע פסיכישע אויסדרוק-פאָרם באַוועגט זיך פון אונטן אויף אויבן, פון אַ מינוס-סיטואַציע צו אַ פּלוס-סיטואַציע, קען מען אויך יעדע פסיכישע אויסדרוק-באַוועגונג באַשיידן ווי אַ פאַרלאַנג-רעאַליזירונג.

די פאַנטאַזיע באַדינט זיך מיט דער פעיקייט פון דערשפּירן מער נאָך, ווי דער common sense; דערמיט איז ניט געזאָגט, אַז עס ווערט טאַקע „ריכטיק" דערשפּירט. איר מעכאַניזם באַשטייט אין דעם, צו שטעלן זיך אויף אַ ווײַלע — אין דעם פּסיכאָז דווערנדיק — אין אַ דיסטאַנץ צו דעם common sense, דאָס הייסט צו דער לאָגיק פון דעם מענטש־לעבן צוזאַמענלעבן, צום איצט פּאַראַנענעם ציבור־געפיל, זײַענדיק אומ־צופרידן פון דעם, וואָס מען דאַרף מאַכן די באַלדיקע טריט אין זין פון ציבור. דאָס גיט זיך גרינגער אײַן, ווען דער פּאַראַנענער ציבור־געפיל איז ניט ספּעציעל שטאַרק; איז ער אָבער גענוג שטאַרק, פירט ער דאַן דעם שפּאַציר פון דער פאַנטאַזיע צום ציל פון אַ באַרײַכערונג פונם ציבור. אין די טויזנטפאַכיקע פאַרשיידנקייטן לאָזט זיך אָבער שטענדיק דער זיך־אויסשפּינענדיקער פּסיכישער באַוועגונגס־פּראָצעס קינסטלעך אויפלייזן אין געדאַנקען, געפילן און גרייטשאַפט צום שטעלונג־נעמען. אַלס „ריכטיקע", „נאָרמאַלע", „ווערטיקע" שטעלונג־נעמונגען וועלן מיר אָנערקענען נאָר אַזעלכע, וואָס דינען, ווי בײַ גרעסערע אויפטוען, דעם כּלל. עס איז לאָגיש אוממעגלעך אויסצוטײַטשן אין אַנדער ריכטונג די באַגריפן פון די דאָזיקע אורטיילן; דאָס שטערט אָבער ניט, אַז דער געגעבענער מצב פון דעם common sense נעגירט אָפט אַזעלכע אויפטוען, ביז וואַנען עס ווערט דערגרייכט אַ העכערער מצב פון דער פאַרשטענדעניש וועגן דעם טובֿת הכּלל.

יעדעם זוכן צו באַשיידן אַ געגעבענעם פּראָבלעם ברענגט אין באַוועגונג די פאַנטאַזיע, וואָרום דאָ האָט מען צו טאָן מיט דעם אומ־באַקאַנטן פון דעם עתיד. די שעפערישע קראַפט, וואָס איר האָבן מיר אָנערקענט די שאַפונג פון דעם לעבן־סטיל אין דער קינדהייט, איז ווידער בײַ דער אַרבעט.

אויך די באַדינגטע רעפלעקסן, וואָס אין זייער טויזנט־פאַכיקער גע־שטאַלטיקונג ווירקט דער לעבן־סטיל, קענען ווײַטער פאַרוואַנדלט ווערן בלויז ווי בוי־שטיינער.

מען קען זיי ניט פאַרוועגדן ווי אויטאָמאַטיש־ווירקנדיקע פאַקטאָרן אין דער שאַפונג פון דעם כּסדר לגמרי נײַעם. די שעפערישע קראַפט גייט אָבער דאָ אין די וועגן פון דעם אַליינגעשאַפענעם לעבן־סטיל. און אויף אַזאַ אופן איז אין רשות פון לעבן־סטיל געשטעלט אויך דאָס קירעווען מיט דער פאַנטאַזיע. אין אירע טואונגען, סײַ בעת דער אינדי־וויד האָט דערקענט דעם צוזאַמענהאַנג, און סײַ בעת ער שטייט לגבי אים אין פולער אומקענטעניש, קען מען געפינען דעם אויסדרוק פון דעם לעבן־סטיל. און אויף אַזאַ אופן באַנוצן אירע טואונגען אַלס אײַנגאַנגס־

טויערן, כדי צו באַקומען אַן אַרײַנבליק אין דעם וואַרשטאַט פון גײַסט. בײַ אַ ריכטיקן צוגאַנג וועט מען זיך אָבער כּסדר אָנשטויסן אויף דעם איך, אויף דער גאַנצקייט, בעת בײַ אַ ניט־ריכטיקן באַנעם וועט זיך אויסדוכטן, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ סתּירה, אַשטייגער, צווישן דעם ווויסיקן און אומוויסיקן. פֿרויד, דער פֿאַרטרעטער פֿון דעם דאָזיקן אומריכטיקן באַנעם, איַילט מיט גיכע טריט צו דער בעסערער פֿאַרשטענדעניש, בעת ער רעדט הײַנט וועגן דעם אומוויסיקן אין דעם איך, וואָס עס גיט באַטירלעך דעם איך אינגאַנצן אַן אַנדער פּנים, הײַנו, דעם פּנים, וואָס די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע האָט די ערשטע דערזען.

יעדער גרויסער געדאַנק, יעדעס קונסט־ווערק פֿאַראַנקט זײַן אויפֿקומען דעם אַן אָפּרו שאַפֿנדיקן, נײַ־שעפּערישן גײַסט פֿון דער מענטשהייט. אפֿשר גיט יעדער פֿון דעם רוב מנין אַ ביסל צושטײַער דערצו, לכל הפּחות דורך אויפֿנעמען און אײַנהאַלטן, דורך דעם פֿאַר־ווערטיקן די נײַ־שאַפֿונג. דאָ קענען אין אַ גרויסן טייל שפּילן זייער ראָלע די „באַדינגטע רעפֿלעקסן”. בײַם שאַפֿנדיקן קינסטלער זײַנען זיי בלויז בוי־שטיינער, מיט וועלכע ער באַדינט זיך, כּדי אַריבערצוטראָגן אין זײַן פֿאַנטאַזיע דאָס אַלטע. קינסטלער און גאונים זײַנען בלתּי ספֿק די פֿירער פֿון דער מענטשהייט און זיי צאָלן פֿאַר דער דאָזיקער געוואַגט־קייט זייער מס, ברענענדיק אין דעם אייגענעם פֿײַער, וואָס זיי האָבן אין דער קינדהייט אָנגעצונדן. „איך האָב געליטן — און אַזוי בין איך געוואָרן אַ דיכטער”. אונדזער בעסערער זען, דאָס בעסערע אויפֿנעמען פֿאַרבן, פֿאָרמען, ליניעס פֿאַרדאַנקען מיר די מאָלערס. אונדזער בעסערער הערן, מיט דעם די פֿײַנערע מאָדולאַציע פֿון אונדזער רייד־אָרגאַן האָבן מיר קונה געווען בײַ די מוזיקער. די דיכטער האָבן אונדז אויסגעלערנט דענקען, ריידן און פֿילן. דער קינסטלער גופֿא, על פּי רוב שטאַרק אויפֿגעשרויפֿט אין דער קינדהייט, אונטער כּלערליי טירדות, אָרעמקייט, אויגן־ און אויערן־אַנאָמאַליעס, על פּי רוב אײַנזײַטיק פֿאַרצערטלט, רײַסט זיך אַרויס אין דער פֿריסטער קינדהייט פֿון זײַן שווערן פּחיתות־געפֿיל און ראַנגלט זיך אין אַ ברויזנדיקער אַמביציע מיט דער צו ענגער ווירק־לעכקייט, כּדי זי פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע אויסצוברייטערן. אַזוי ווערט ער דער פֿאָנען־טרעגער פֿון דער עוואָלוציע, וועלכע גייט צום פּראָגרעס איבער מניעות און הייבט אַרויס איבער דעם דורכשניטלעכן ניוואָ דאָס צוגעפּאַסטע קינד, — על פּי רוב לײַדט אַזאַ קינד אויף אַן אָפּנייג, וואָס דינט צו הויכע צילן.

שוין לאַנג צוריק האָבן מיר בײַ דעם דאָזיקן דריקנדיקן, אָבער געבענטשטן אָפּנייג אָנגעוויזן אַ גרעסערע קרענקלעכקייט, אַ שטאַרקערן

דורכנעמען זיך מיט אויסערלעכע געשעענישן. דאָס זײַנען אָפּנייגן, וואָס לאָזן זיך זייער אָפּט אויפווייזן בײַ זייער טרעגער אַלס פּחיתותדיקייטן פון די חושים־אָרגאַנען, און אויב זיי לאָזן זיך ניט אויפווייזן בײַ אים גופא, — ווײַל בײַ שוואַכערע וואַריאַנטן זײַנען אונדזערע פאָרש־מיטלען אָפּט ניט גענוגנדיק, — קענען מיר זיי דאָך געפינען אַלס ירושהדיקע אָרגאַן־פּחיתותדיקייטן אין דעם שטאַמבוים פון דער משפּחה. דאָרט גע־פינען זיך אָפּט די דײַטלעכסטע שפּורן פון אַזעלכע קאָנסטיטוציאָנעלע פּחיתותדיקייטן, וואָס פירן ניט זעלטן צו קראַנקייטן, — מינוס־וואַריאַנטן, וועלכע האָבן געשטויסן די מענטשהייט צום אויפשטײַג (זע צווישן אַנדערע (Studie über Minderwertigkeit von Organen, l. c.).

דער שעפערישער גײַסט פון דעם קינד ווײַזט זיך אַרויס אין זעלבשטענדיקן שפּיל און אין דער אינדיווידועלער אויספירונג פון יעדן שפּיל. יעדע שפּיל לאָזט אַן אָרט פאַר דעם שטרעבן צו יתרון. די ציבורדיקע שפּילן רעכענען זיך מיטן דראַנג פון דעם ציבור־געפיל. עס איז דורכויס רעכטפאַרטיק, אַז לעבן די דאָזיקע שפּילן זאָל מען אויך די אַליינבאַשעפטיקונג, סײַ בײַ קינדער, סײַ בײַ דערוואַקסענע, ניט באַצוואָלען; זי וואָלט געדאַרפט ווערן געשטיצט אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל זי גיט אַ האָפענונג אויף דער שפּעטערדיקער באַרייכערונג פון דעם ציבור. עס ליגט נאָר אין דער טעכניק פון געוויסע אויפטועס, אַז זיי קענען נאָר ביחידות געאיבט און דורכגעפירט ווערן; דאָס שטערט אָבער כּלל ניט זייער ציבורדיקן כאַראַקטער. דערבײַ קומט ווידער אין קאָן די פאַנטאַזיע, וועלכע ווערט ממשותדיק געשפּייזט פון דער שיינער קונסט. פון דעם לייען־גבול פון קינדער דאַרף, אמת, ביז אַ געוויסער צײַטיקייט, בלײַבן דערוויטערט יעדע ניט פאַרדײַלעכע גייסטיקע שפּייז, וועלכע קען פאַלש פאַרשטאַנען ווערן, אָדער איז מסוגל צו דערשטיקן דעם וואַקסנדיקן ציבור־געפיל. אהער געהערן צווישן אַנדערע גרויזאַמע, פּחד־אַרויסרופנדיקע מעשׂהס, וואָס מאַכן אַ שטאַרקן רושם ספּעציעל אויף יענע קינדער, בײַ וועלכע דער אורין־ און סעקסואַל־סיסטעם ווערט גע־רייצט דורך שרעק. צווישן די לעצטע זײַנען עס ווידער די פאַרצערטלטע קינדער, וועלכע קענען ניט בײַשטיין די צוציִונגען פון דעם „תענוג־פּרינציפּ", וואָס זייער פאַנטאַזיע און שפּעטער זייער פּראַקטיק שאַפט פּחד־אַרויסרופנדיקע סיטואַציעס, כּדי דורך זיי צו פּראָדוצירן סעקסועלע רייצונגען. אין מײַנע אויספאָרשונגען פון סעקסועלע סאַדיסטן און מאַ־זאָכיסטן האָב איך שטענדיק געפונען לעבן דעם דוחק אין ציבור־געפיל אַזאַ פאַטאַלע פאַרקייטלונג פון די דאָזיקע אומשטענדן.

דאָס־רוב טאָג־חלומות פֿון קינדער און דערוואַקסענע גייען, ביז אַ געוויסן גראַד אָפּגעקייטלט פֿון דעם common sense, אין דער ריכטונג צום ציל פֿון יתרון. עס איז גרינג איינצוזען, אַז צוליבן צוועק פֿון אַ קאָמפּענסאַציע, ווי כּדי איינצוהאַלטן די פּסיכישע גלייכוואָג — וואָס עס געראָט קיינמאָל ניט אויף דעם דאָזיקן וועג — ווערט אָנגענומען דווקא יענע קאָנקרעטע ריכטונג אין דער פֿאַנטאַזיע, וועלכע דאַרף דינען צום גובר־זיין אָן אָפּגעפּילטע שוואַכקייט. דער דאָזיקער פּראָצעס איז אין אַ געוויסן זין ענלעך צו יענעם, מיט וועלכן דאָס קינד הויבט אָן ביים שאַפֿן זיין לעבן־סטיל. דאָרט, ווו עס פּילט די שוועריקייט, דאָרט העלפֿט אים אַרויס די פֿאַנטאַזיע צו שאַפֿן די אילוזיע פֿון אַ דערהייבונג פֿון זיין פּערזענלעכקייט, הגם גלייכצייטיק שפּאָרנט זי אים מער אָדער ווייניקער אָן. עס זיינען, אמת, פֿאַראַן געוויסע פֿאַלן, ווו עס פֿעלט די אָנשפּאָרנונג, ווו די פֿאַנטאַזיע באַדייט, אַזוי צו זאָגן, לויטער קאָמפּענסאַציע. עס איז קלאָר, אַז דאָס לעצטע דאַרף מען באַטראַכטן ווי ציבורדיק פֿיינטלעך, הגם זי איז אויסגעליידיקט פֿון יעדער אַקטיוויקייט און פֿון יעדן אָנגריף אויף דער דרויסן־וועלט. אויך דאָרט, ווו זי גייט קעגן דעם ציבור־געפֿיל, שטענדיק אַנטשפּרעכיק צום לעבן־סטיל, וועלכער פֿירט מיט איר אָן, קען זי דערקענט ווערן אַלס סימן, אַז דאָ איז פֿון דעם לעבן־סטיל אויסגעשלאָסן דער ציבור־געפֿיל, און קען קירעווען דערויף דעם בליק פֿון דעם פֿאָרשער. אַזוי איז מיט די אָפֿטע גרויזאַמע טאָג־חלומות, וועלכע בייטן זיך אָן אַנדערש מאָל לויט דער ריי אָפּ, אָדער ווערן פֿאַרביטן דורך פֿאַנטאַזיעס וועגן אייגענעם ווייטאָגפֿולן ליידן. מלחמה־פֿאַנטאַזיעס, העלדנטאַטן, דאָס ראַטעווען הויכגעשטעלטע פּערזאָנען— ווייזן בדרך כּלל אויף אַ פּאַקטישן שוואַכקייט־געפֿיל און ווערן אין לעבן אויסגעביטן אויף וואַקלדיקייט און אומדרייסטקייט. ווער עס זעט דאָ און אין ענלעכע כּלומרשט קאָנטראַסטירנדיקע אויסדרוק־פֿאָרמען אָן אַמביוואַלענץ, אַ שפּאַלטונג פֿון באַוווסטזיין, אַ טאָפּל־לעבן, דער קען ניט די איינהייט פֿון דער פּערזאָן, וואָס דאָס כּלומרשט סתירותפֿולע אין איר נעמט זיך בלויז פֿון אַנאַליזירן דעם פֿאַרגלייך פֿון דער מינוס־און פּלוס־סיטואַציע און פֿון ניט דערקענען דעם צוזאַמענהאַנג. ווער עס האָט זיך קונה געווען די קענטשאַפֿט וועגן דעם אומאויפֿהערלעכן אין דער הייך שטראָמען פֿון דעם פּסיכישן פּראָצעס, דער ווייס, אַז די ריכטיקע כאַראַקטעריזירונג פֿון אַ פּסיכישן פֿאָרקום דורך אַ וואָרט, דורך אַ באַגריף פֿון אונדזער שפּראַך מוז זיך צוזאַמענברעכן אָן דער אָרעמקייט אירער, ווייל עס איז ניט מעגלעך צוצורופֿן דאָס אומאויפֿהערלעך שטראָמענדיקע ווי פֿעסטע פֿאָרם.

זייער אַפּט טרעפן זיך פאַנטאַזיעס אויף דער טעמע צו זײַן אַ קינד בײַ אַנדערע עלטערן, וואָס ווײַזט אָן מיט אַ געוויסער זיכערקייט אויף דער אומצופרידנקייט מיט די אייגענע עלטערן. אין פּסיכאָזן, שוואַכער אין אַנדערע פאַלן, טרעפט מען די דאָזיקע פאַנטאַזיע ווי אַ שטענדיקן אָנקלאָג, אַרויסגעוואָרפן אויף דער ווירקלעכקייט. שטענדיק, ווען די אַמביציע פון אַ מענטשן געפינט פאַר אומדערטרעגלעך די ווירקלעכקייט, אַנטרינט זי צו דעם כּישוף פון דער פאַנטאַזיע. מיר דאַרפן אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דאָרט, וווּ די פאַנטאַזיע פּאָרט זיך ריכטיק מיט דעם ציבור־געפיל, קען מען דערוואָרטן אַ גאַנץ גרויסן אויפטו. וואָרום די פאַנטאַזיע ווירקט דורך איר אויפוועקן פאַרלאַנגענדיקע געפילן און עמאָציעס, ווי דער געהעכערטער גאַזדרוק בײַ אַ לויפנדיקער מאַשין: דער אויפטו שטייגט.

דער ווערט פון דעם אויפטו פון דער פאַנטאַזיע איז בכן אין דער ערשטער שורה געווענדט אָן דעם, פון וויפיל ציבור־געפיל זי איז דורכגענומען. דאָס איז חל אַזוי גוט אויף דעם יחיד, ווי אויף דער מאַסע. אויב מיר האָבן צו טאָן מיט אַ זיכערער שטרויכלונג, דאַרפן מיר זיך ריכטן אויף אַ פאַנטאַזיע, וואָס איז אויך שטרויכלדיק. דער ליגנער, דער בעל גאווה, דער באַרימער זיינען באַריידעוודיקע בײַשפּילן דערפאַר. דאָס גלייכן דער ליגן. די פאַנטאַזיע רוט קיינמאָל ניט אינגאַנצן, אויך דאַן ניט, ווען זי קאָנדענסירט זיך ניט אין טאָג־חלומות. שוין דאָס זײַן געקירעוועט צו אַ ציל פון יתרון איז מחייב אַ פאַנטאַזירן אין עתיד, אַזוי ווי יעדער ווילן צו זײַן פאָרויס. מען קען ניט פאַרזען, אַז זי איז אַ טרעניגנג אין דער ריכטונג פון דעם לעבן־סטיל, צי זי טרעט־אויף אויף דער וואָר, אין טאָג־ אָדער נאַכט־חלומות, אָדער צי זי שאַפט קונסטווערק. זי פירט צו אַן אַרויסהייבונג פון דער אייגענער פּערזענלעכקייט און איז אויף דעם וועג אונטערגעוואָרפן אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער, דעם common sense. אויך דער בעל־חלום ווייס אָפּט, אַז ער חלומט, און דער שלאָפנדיקער, הגם אַזוי שטאַרק אָוועקגערוקט פון דער ווירקלעכקייט, פאַלט זעלטן אַרויס פון בעט. צו וואָס די פאַנטאַזיע ציט זיך: עשירות, כּוח, גבורהשאַפט, גרויסע מעשים, אומשטערבלעכקייט וכדומה— אַלדאָס איז, משמעות, היפּערבאָלע, מעטאַפאָרע, משל, סימבאָל. מען דאַרף ניט פאַרזען דעם אויפבלאָזנדיקן כּוח פון דער מעטאַפאָרע. זיי אַלע זיינען אַמאָל, להיפוך דעם אומפאַרשטיין פון אייניקע קעגנער מײַנע, פאַנטאַזיע־פּולע לבושים פון דער ווירקלעכקייט, קיינמאָל ניט אידענטיש מיט איר. זייער ווערט איז ניט אָפּצופרעגן, אויב זיי זיינען מסוגל צו געבן אונדזער לעבן אַ צוגאָבדיקע שפּאַנקראַפט; זייער שעדלעכקייט מוז

פונאנדערשיפּרירט ווערן דאָ, בשעת זיי דינען דורך אָנשפּאַרנען אונדזערע געפילן צו פאַרשטאַרקן אין אונדז דעם ציבור-פיינטלעכן גייסט. בכל אופן דינען זיי אָבער אויף אַרויסצורופן און צו פאַרשטאַרקן יענעם געפילסטאַן, וואָס פאָדערט זיך ביי אַ געגעבענעם פּראָבלעם לגבי דעם לעבן-סטיל, אויב דער common sense ווייזט זיך צו שוואך דערצו אָדער ער שטייט אין סתירה צו דעם באַשייד, וואָס עס פאַרלאַנגט דער לעבן-סטיל. אויך דער דאָזיקער פאַקט וועט אונדז צוהעלפן צו דער פאַרשטענדעניש פון דעם חלום.

כדי דעם חלום צו פאַרשטיין, דאַרף מען נעמען אין אכט דעם שלאָף, וואָס שטעלט דאָך פאָר דעם געמיט-צושטאַנד, ביי וועלכן עס איז מעגלעך אַ חלום. דער שלאָף איז אָן שום ספק אַ שאַפונג פון דער עוואָלוציע, אַ זעלבשטענדיקע רעגולירונג, וועלכע איז נאַטירלעך פאַרבונדן מיט קערפּערלעכע צושטאַנד-ענדערונגען און ווערט פון אַזעלכע אַרויסגערופן. הגם מיר קענען היינט-צו-טאָג די דאָזיקע ענדערונגען בלויז משער זיין (צאָנדעק האָט מיט זיינע פאָרשונגען איבער דער היפּאָפיזע געוואָרפן אפשר עטוואָס ליכט אויף דעם), מעגן מיר אָננעמען, אַז זייווירקן שותפותדיק מיטן שלאָף-אימפּולס. היות ווי דער שלאָף דינט באַשיינפּערלעך דער רו און אָפּרישונג, דערפירט ער אויך אַלע קערפּערלעכע און פּסיכישע טעטיקייטן נעענטער צום רו-פּונקט. די לעבנס-פאָרם פון דעם מענטשלעכן אינדיווויד איז דורך וואַך-זיין און שלאָף געבראַכט געוואָרן אין אַ בעסערן איינקלאַנג מיט דעם בייט פון טאָג און נאַכט. דאָס, וואָס אונטערשיידט צווישן אַנדערע דעם שלאָפנדיקן פון דעם וואַכיקן, איז זיין קאָנקרעטע דיסטאַנץ צו די פּראָבלעמען פון טאָג.

אָבער דער שלאָף איז ניט קיין ברודער פון דעם טויט. די לעבנס-פאָרם, דער באַוועגונגס-געזעץ פון דעם אינדיוויד וואַכט אָן איבעררייס. דער שלאָפנדיקער מיידט אויס ניט איינגענעמע פּאָזיציעס אין בעט, קען דורך ליכט און לאַרעם אויפגעוועקט ווערן, האָט אין זינען אַ דערביי שלאָפנדיקן קינד און טראָגט מיט זיך זיינע ליידן און פריידן פון טאָג. דער מענטש איז אין שלאָף אָנגעשטעלט אויף אַלע פּראָבלעמען, וואָס זייער באַשייד טאָר דער שלאָף ניט שטערן. אומרויִקע באַוועגונגען פון דעם זויג-קינד וועקן-אויף די מוטער, דער פרימאָרגן ברענגט די דערוואַכונג, ביים בעל-רצון כמעט צו דער פירגענומענער צייט. די קערפּערלעכע האַלטונג אין שלאָף גיט אָפט, ווי איך האָב געוויזן (Praxis und Theorie der Individualpsychologie l. c.), אַ גוטן בילד פון דעם פּסיכישן שטעלונג-נעמען, גלייך אַזוי ווי אין וואַך-זיין. צו איינהייט פון דעם פּסיכישן לעבן בלייבט אויך אָפּגעהיט אין שלאָף. אויך דאָס נאַכט-

וואַנדלען אָדער צומאָלס זעלבסטמאָרד אין שלאָף, קריצן מיט די ציין, ריידן פון שלאָף, מוסקול־שפּאַנונגען, ווי קראַמפּהאַפטיק בײַלן מיט די הענט מיט נאָכקומענדיקע געשטערטע שפּירונגען (Paraesthesien), מוזן מיר באַטראַכטן ווי אַ טייל פון דעם גאַנצן און מיר קענען זיי פאַרווענדן צו מסקנות, וועלכע וועלן דאַרפן, אמת, געפינען אַ ברייטערע באַשטעטיקונג דורך אַנדערע אויסדרוק־פאָרמען. אויך געפילן און שטימונגען וועקן זיך אין שלאָף, אַן אַנדערש מאָל אָן דער באַגלייטונג פון חלומות.

דאָס, וואָס דער חלום טרעט־אויף על־פּי־רוב ווי אַ וויזועלער פאַקט, נעמט זיך פון דער איבערוויגנדיקער שטאַרקייט פון אונדזער זיכערקייט בנוגע די געגעבענע פון אונדזער ראיה. איך פלעג שטענדיק זאָגן מײַנע תּלמידים: „אויב אַ וועלכער ס'איז פּונקט אין אײַער אויספאָרשונג איז אײַך ניט קלאָר, טאָ פאַרשטאָפּט אײַך די אויערן און באַטראַכט די באַוועגונג". מסתּמא ווייס יעדערער וועגן דער דאָזיקער גרעסערער זיכערקייט, ניט אָפּגעבנדיק זיך דערפון אַ קלאָרן חשבון. צי זוכט ניט אַמאָל דער חלום אָט די גרעסערע זיכערקייט? צי זוכט ער ניט צו געבן אַ שטאַרקערן אויסדרוק זײַן לעבן־סטיל אין זײַן גרעסערער דיסטאַנץ צו די אויפגאַבן פון טאָג, זײַענדיק אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, בײַ פולער אומגעשטערטקייט פון זײַן שעפערישער קראַפט, וואָס איז געקירעוועט דורכן לעבן־סטיל, זײַענדיק פרײַער פון דער באַגרענעצונג דורך דער געזעצגעבנדיקער ווירקלעכקייט? צי לאָזט ער זיך ניט, אין רשות פון זײַן אין לעבן־סטיל פאַרוואָרצלטער פאַנטאַזיע, אָגטרעפן אויף יענע וועגן, ווו מיר זעען אויך געוויינלעך די פאַנטאַזיע זיך ראַנגלען לטובת דעם לעבן־סטיל, ווען אַ געגעבענע פּראָבלעם שטײַגט אַריבער די שפּאַנקראַפט פון דעם אינדיווידו? ווען דער common sense, דער ציבור־געפיל פון דעם יחיד שווײַגט, ווײַל ער איז ניט גענוג שטאַרק?

מיר ווילן ניט נאָכטאָן יענע, וועלכע מיען זיך דורך פאַרשווײַגן ביז טויט און דורך אינסינואַציעס אַוועקצונעמען בײַ דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע דעם ווינט פון די זעגלען. דעריבער ווילן מיר דאָ דערמאָנען אָן פרוידן, וועלכער האָט דער ערשטער געמאַכט דעם פּרוּוו אויסצובויען אַ וויסנשאַפטלעכע לערע וועגן חלום. דאָס איז אַ בלײַבנדיקער פאַרדינסט, וואָס קיינער קען ניט מינערן, פּונקט אַזוי ווי געוויסע אָבסערוואַציעס, וואָס לויט זײַן באַצייכענונג זײַנען זיי שייך צום „אומוויסיקן". אָבער דורך דעם, וואָס ער האָט זיך געצוווּנגען צו גרופּירן אַלע פּסיכישע דערשײַנונגען אַרום דער איינציק הערשנדיקער סובסטאַנץ, וואָס ער אָנערקענט, אַרום דער סעקסואַל־ליבידאָ, האָט ער געמוזט שטרויכלען. דער פעלער איז גרעסער געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט גענומען אין

באטראכט בלויז די בייזע יצרים, וועלכע שטאמען, ווי איך האב געוויזן, פון דעם פחיתות=קאמפלעקס פון פארצערטלטע קינדער און זיינען קונסט=פראדוקטן פון א פעלערדיקער דערציִונג און פארפעלטער איינגן=שאפונג פון קינד. פון זיי אליין קען מען קיינמאל ניט פארשטיין די פסיכישע סטרוקטור אין איר ווירקלעכער עוואלוציאנערער אויספארמירונג. דערפאר, אויב דער באנעם פון חלום איז, בקיצור געזאגט, אזא: „ווען א מענטש וואלט געקענט פועלן ביי זיך צו פארשרייבן אלע זיינע חלומות, און אונטערשייד, אן באווארענישן, געטריי און בפרטיותדיק און פארבונדן מיט א קאמענטאר, וועלכער וואלט ארומגענומען דאס יעניקע, וואס ער וואלט, אשטייגער, אליין געקענט וועגן זיינע חלומות דערקלערן לויט זכרונות פון זיין לעבן און פון זיין לעקטור, — וואלט ער דער מענטשהייט געגעבן א גרויסע מתנה. אבער אזא ווי די מענטשהייט איז איצט, וועט עס, זיכער, קיינער ניט טאן; אין דער שטיל און פאר דער אייגענער הסתכלות וואלט דאס אויך שוין געווען עפעס א ווערט". — זאגט פרויד? ניין, העבעל אין זיינע זכרונות —

מוז איך מוסיף זיין, אז אין דער ערשטער שורה גייט דא אין דעם, צי די סכעמע, וואס ער ווענדט אן, האלט אויס א וויסנשאפטלעכע קריטיק. אזוינס איז אבער אין דער פסיכאאנאליטישער סכעמע אזוי ווייניק געמאלט, אז פרויד גופא דערקלערט איצט, נאך פילפאכיקע שינויים פון זיין חלום=אויסטייטש, אז ער האט קיינמאל ניט געהאט באהויפּט, יעדער חלום זאל האבן א סעקסועלן אינהאלט. פונדעסטוועגן ווייטער א פראגרעס.

דאס אבער, וואס פרויד רופט אן „צענזאר", איז ניט קיין אנדער זאך, ווי די גרעסערע דערוויטערונג פון דער ווירקלעכקייט בעתן שלאף. דאס איז א בכיוונדיק דערווייטערט=זיין פון ציבור=געפיל, וואס זיין קאנפלעכקייט שטערט א נארמאלן באשייד פון א געגעבענעם פראבלעם אזוי, אז דער אינדיוויד זוכט, ווי אין א שאק מחמת א דערווארטער מפלה, אן אנדער וועג צו א לייכטערן באשייד. דערביי דארף אים קומען צו הילף די פאנטאזיע, וואס געפינט זיך אין צאם פון דעם לעבן=סטיל, און א זייט פון דעם common sense. אויב מען זוכט אין דעם א פאר=לאנג=רעאליזירונג, אדער אריינפאלנדיק אין יאוש — א פארלאנג צו שטארבן, געפינט מען ניט מער, ווי א באנאלן כלל, וואס קלערט גאר ניט אויף וועגן דער סטרוקטור פון חלום. ווארום דעם גאנצן לעבנס=פראצעס, פון וועלכער זייט מען זאל אים ניט באטראכטן, קען מען אננעמען ווי א געזוכטע פארלאנג=רעאליזירונג.

אין מיינע פאָרשונגען איבער חלומות האָב איך געהאַט צוויי שטאַרקע אַרויסהעלפן. איינעם האָב איך געפונען ביי פרוידן אין זיינע אָנשוינגען, וואָס לאָזן זיך ניט אַקצעפּטירן. איך האָב געלערנט פון זיינע פעלערן. און הגם פּערזענלעך בין איך קיינמאָל ניט פּסיכאָאַנאַליזירט געוואָרן — און וואָלט אויך מכתחילה אָפּגעוואָרפן אַזאַ מין איינלאַדונג, ווייל דאָס שטערט ביי אַ פּינקטלעכן אָננעמען זיין לערע די אָביעקטיווקייט פון אַ וויסנשאַפטלעכן באַנעם, וואָס איז אַזוי אויך ביי דאָס־רוב ניט צו גרויס, — בין איך דאָך אַזוי באַהאַוונט אין זיין לערע, אַז ניט נאָר איך קען זיך אויף די פעלערן, נייערט איך קען אויך פאָרויסזאָגן אויף דעם שפּיגל־בילד פון אַ פאַרצערטלט קינד, וואָס עס וועט זיין פרוידס נאָענטסטער טריט. דערפאַר האָב איך אַלע מיינע תּלמידים שטענדיק רעקאָמענדירט צו פאַרנעמען זיך בפרטיותדיק מיט פרוידס לערע. פרויד און זיינע תּלמידים האָבן אומגעוויינלעך ליב אויף אַ בולט־באַרימערישן אופן צו באַצייכענען מיך ווי פרוידס אַ תּלמיד, ווייל איך האָב זייער פיל געקעמפט מיט אים אין אַ פּסיכאָלאָגישן קרייז, ניט האָבנדיק ביי־געוועזן קיינמאָל אפילו אויף איינעם פון זיינע פאָרטראָגן פאַר זיינע תּלמידים. בעת דער דאָזיקער קרייז האָט געזאָלט אָפּגעבן אַ שבועה פרוידס אָנשוינגען, בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים פאַר־לאָזן. מען וועט מיר מוזן עדות־זאָגן אויף דעם, אַז איך האָב שטענדיק אַ סך מער ווי פרויד שאַרף אָפּגעגרענעצט די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע פון דעם פּסיכאָאַנאַליז און אַז איך האָב זיך קיינמאָל ניט באַרימט מיט מיינע אַמאָליקע דיסקוסיעס מיט פרוידן. דאָס, וואָס דאָרט פילט מען אָפּ אַזוי שווער דעם אויפשטייג פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע און איר קענטיקע השפּעה אויף דער אומוואַנדלונג פון דעם פּסיכאָאַנאַליז, טוט מיר לייד. איך ווייס אָבער, ווי שווער עס איז צופרידנצושטעלן דעם וועלט־באַנעם פון פאַרצערטלטע קינדער. ניט אָפּזאָגנדיק זיך אינגאַנצן פון זיין גרונט־פּרינציפּ, האָט זיך דער פּסיכאָאַנאַליז כּסדר דער־נעענטערט צו דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע; דערפאַר איז עס סוף־כּל־סוף אפילו ניט קיין חידוש, וואָס אומפריינע געמיטער דערזעען דאָ ענלעכקייט — מיר האָבן דאָ אַ באַשיינפּערלעכע ווירקונג פון דעם ניט צעשטערעוודיקן common sense. ניט איינעם וועט אויסקומען אַזוי, ווי איך וואָלט די אַנטוויקלונג פון דעם פּסיכאָאַנאַליז במשך פון די לעצטע 25 יאָר אומלעגאַל פון פאָראויס פאַרטראַכט. איך בין דאָ דער געפאַנ־גענער, וואָס לאָזט אים ניט אָפּ.

דעם צווייטן פיל שטאַרקערן אַרויסהעלף האָב איך באַקומען פון דער פעסטער, וויסנשאַפטלעך דערוויזענער און פון אַ סך זייטן באַלויב־

טענער איינהייט פון דער פערזענלעכקייט. די זעלביקע צוגעהעריקייט צו דער איינהייט דאַרף אויך חל זיין אויף דעם חלום. סײַ אין חלום, סײַ אין דער פאַנטאַזיע אויף דער וואָר געפינען מיר אַ רעגלמעסיקע דורך דעם לעבן־סטיל געפאָדערטע גרעסערע דיסטאַנץ צו דער ווירקלעכ־קייט, וואָס דאַרף מושפע ווערן. אָבער, אַפילו אָפּגעזען דערפון, האָט מען ניט געטאָרט, כדי צו שטיצן אַ טעאָריע, משער זײַן אין חלום קיין פסיכישע פאָרם אַ חוץ אַזעלכע פאָרמען, וואָס זײַנען בנימצא אויך אין דעם וואַכיקן לעבן. מען קען קומען צום אויספיר, אַז דער שלאָף און דאָס חלום־לעבן זײַנען אַ וואַריאַנט פון דעם וואַכיקן לעבן, ווי אויך, אַז דאָס וואַכיקע לעבן איז אַ וואַריאַנט פון דעם צווייטן. דאָס אייבערשטע געזעץ פון ביידע לעבנס־פאָרמען, אויף דער וואָר און אין שלאָף, איז: ניט לאָזן זינקען דעם ווערט־געפיל פון דעם איך. אָדער, כדי עס אַרײַנ־צושטעלן אין דער באַקאַנטער אינדיווידואַל־פסיכאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע: דאָס שטרעבן צו יתרון אין זין פון ענדציל רײַסט אַרויס דעם אינדיוויד פון דעם דרוק פון פחיתות־געפיל. מיר ווייסן, אין וועלכער ריכטונג עס פירט דער וועג, מער אָדער ווייניקער אָן אַ זײַט פון דעם ציבור־געפיל, דאָס הייסט קעגן דעם ציבור־געפיל, דאָס הייסט קעגן דעם common sense. דער איך נעמט פאַר זיך פון דער חלום־פאַנטאַזיע קרעפטיקונג, כדי צו דערגרייכן דעם באַשייד פון אַ געגעבענעם פּראָבלעם, צו וועלכן ער פאַרמאָגט ניט קיין איבעריקן ציבור־געפיל. עס איז פון זיך אַליין פאַרשטענדלעך, אַז די סוביעקטיווע שווערקייט פון דעם געגעבענעם פּראָבלעם שפּילט דאָ שטענדיק די ראָלע פון אַ טעסט־עקזאַמען אויף ציבור־געפיל און קען זיין אַזוי דריקנדיק, אַז אויך... דער בעסטער הייבט אָן חלומען.

מיר מוזן לויט דעם צום אַלעם ערשטן פעסטשטעלן, אַז יעדער חלום־צושטאַנד האָט אַן עקזאַגענעם פאַקטאָר. דאָס באַדײַט, פאַרוואָר, מער און עפּעס אַנדערש ווי פרוידס „טאָגרעשט". די באַדײַטונג ליגט אין דעם געפרוווט־זײַן און זוכן דעם באַשייד. עס האָט אין זיך דעם „פאָראויס צום ציל", דעם „וווהין" פון דער אינדיווידואַל־פסיכאָלאָגיע להיפוך צו פרוידס רעגרעסיע און רעאַליזירונג פון אינפאַנטילע סעקסועלע פאַרלאַנגען. אויב אַזעלכע טרעטן יאָ אַרויס, איז עס די אַנטבלויזונג פון דער פיקטיווער וועלט פון פאַרצערטלטע קינדער, וועלכע ווילן אַלץ פאַר זיך אַליין האָבן און פאַרשטייען ניט, ווי אַזוי קען זייערער אַ פאַר־לאַנג ניט מקויים ווערן. עס ווײַזט אָן אויף דעם אין דער הייך שטראָמען פון דער עוואָלוציע און באַוועגט, ווי יעדער יחיד שטעלט זיך פאַר דעם

דאָזיקן וועג, אויף וועלכן ער וויל גיין. עס ווײַזט זײַן מיינונג וועגן זײַן ארט און וועגן דעם ארט פון לעבן, ווענן זײַן זין.

לאָמיר אויף א רגע אוועקקוקן פון דעם חלום-צושטאנד. דאָ שטייט א מענטש פאר א פּרווונג, פאר וועלכער ער פילט זיך ניט צײַטיק מחמת זײַן קנאַפּן ציבור-געפיל. ער אנטלויפט צו זײַן פאנטאזיע. וועמ אנטלויפט עס? נאַטירלעך דער איך מיט זײַן לעבן-סטיל. די כּוונה איז צו געפינען א באַשייד צוגעפּאסט צום לעבן-סטיל. דאָס הייסט אָבער, מיט א קליינעם אויסנאַם פון די פאַרן ציבור ווערטיקע חלומות, א באַשייד, וואָס איז קעגן הסכּם פון common sense, א באַשייד, וועלכער גייט קעגן דעם ציבור-געפיל, מאַכט אָבער דעם אינדיווידואַל גרינגער אין זײַן נויט און ספק, מער נאָך: באַפעסטיקט אים אין זײַן לעבן-סטיל, אין זײַן איך-ווערט. דער שלאָף, ווי אויך דער היפּנאָז, ווען ער איז ריכטיק דורכגעפירט, זײַנען נאָר פאַרלײַכטערונגען פאַר דעם צוועק, פּונקט אַזוי ווי די אײַנגעגעבענע אויטאָ-סוגעסטיע. די מסקנא, וואָס מיר דאַרפן דערפון ארויסציִען, איז, אז דער חלום ווי א בֿרצונדיקע שאַפונג פון דעם לעבן-סטיל, זוכט און פאַרקערפּערט די דיסטאַנץ צום ציבור-געפיל. פונדעסטוועגן טרעפט אַן אַנדערש מאָל בײַ א שטאַרקערן ציבור-געפיל און אין מער באַדראָענדיקע סיטואַציעס אַן אומקער, א נצחון פון דעם ציבור-געפיל איבער דעם פּרווו אים אויסצוווײַכן. דאָס איז ווידער א פאַל, וואָס גיט גערעכט דער אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע, בעת זי באַהויפּט, אז דאָס פּסיכישע לעבן לאָזט זיך קיינמאָל ניט ארײַננעמען אינגאַנצן אין פאָרמולעס און כּללים; דאָס רירט, אמת, ניט אָן אין דעם פאַל די הויפּט-טעזע, היינו, אז דער חלום ווײַזט דעם אָפּשטאַנד פון דעם ציבור-געפיל.

דאָ קומט איצט אַן אײַנווענד, וועלכער האָט מיר זינט א לאַנגער צײַט פאַרשאַפט א סך קלאָפּאָט, אָבער וועלכן איך פאַרדאַנק א פאַרטיפטן ארײַנבליק אין דעם חלום-פּראָבלעם. אויב מען זאָל, דהיינו, אָננעמען דעם אויבן געשילדערטן מצב-הענינים, ווי דערקלערט עס זיך דאָס, וואָס קיינער פאַרשטייט ניט זײַנע חלומות, וואָס קיינער לייגט אויף דעם ניט קיין אַכט, פאַרגעסט זיי אפילו על-פּי-רוב? קוקן מיר אַוועק פון דעם הײַפל מענטשן, וואָס פאַרשטייען עפּעס דערין, דאַן דוכט זיך, אז אין חלום ווערט צעטרענצלט א קראַפט, וואָס מיר טרעפן עס קיינמאָל ניט חוץ דעם אין דער עקאָנאָמיע פון גײַסט. אמת, דאָ קומט אונדז צו הילף אַן אַנדער דערפאַרונג פון דער אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע: דער מענטש ווייס מער, ווי ער פאַרשטייט. איז בכן אין חלום, בעת עס שלאָפט זײַן פאַרשטיין, וואָס זײַן וויסן? אויב דאָס וואָלט

אַזוי געווען, דעמאָלט וואָלט זיך אויך אין וואַכיקן צושטאַנד געמוזט לאָזן אויפּוויזן ענלעכס. און באמת, דער מענטש פאַרשטייט גאָר ניט פון זײַן ציל און גייט אים פונדעסטוועגן נאָך. ער פאַרשטייט גאָר ניט פון זײַן לעבן־סטיל און איז כּסדר געפאַנגען אין אים. און ווען זײַן לעבן־סטיל, פּנים אל פּנים מיט אַ פּראָבלעם, גיט אים אַ באַשטימטע ריכטונג: צום שיכּורן, צו אַ צוזאָגנדיקער אונטערנעמונג, שטעלן זיך דעמאָלט שטענדיק אײַן געדאַנקען און בילדער, ווי איך האָב זיי אָנגערופן „זיכערונגען", כּדי צו מאַכן אים באַטעמט דעם וועג. ס'איז לאַוו דווקא, זיי זאָלן שטענדיק זײַן באַשײַנפּערלעך פאַרבונדן מיטן ציל. ווען אַ מאַן איז שטאַרק אומצופרידן מיט זײַן פרוי, קומט אים דעמאָלט אָפּט אויס אַ צווייטע פּיל באַגערוועדיקער, דערבײַ גיט ער זיך ניט אָפּ קיין חשבון וועגן צוזאַמענהאַנג, אָפּגערעדט שוין וועגן זײַן אָנקלאָג, אָדער נקמה. געזען ערשט אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן לעבן־סטיל און מיט דעם געגעבענעם פּראָבלעם, ווערט פון זײַן ווײַסן וועגן די נאָענטסטע זאַכן אַ פאַרשטענדעניש. חוץ דעם האָבן מיר שוין אָבער אָנגעוויזן, אַז די פאַנטאַזיע, דערמיט אויך דער חלום, מוז זיך אין אַ גרויסער מאָס אָפּקערן פון דעם common sense. עס וואָלט דערפאַר געווען אומגערעכט צו זוכן בײַם חלום זײַן common sense, ווי דאָס האָבן געטאָן פּיל מחברים, כּדי צו קומען צום אויספיר, אַז דער חלום איז אומזיניק. דער חלום וועט זיך בלויז אין די זעלטנסטע פאַלן שטאַרק דערנעענטערן צום common sense, ער וועט זיך אָבער קיינמאָל ניט דעקן מיט אים. דערפון דרינגט אַרויס די וויכטיקסטע פונקציע פון חלום: פירן דעם בעל־חלום אויף אַן אָפּוועג פון דעם common sense, ווי מיר האָבן דאָס אויך געוויזן בײַ דער פאַנטאַזיע. אין דעם חלום באַגייט בכן דער בעל־חלום אַ זיך־אָפּנאַרערײַ. בהסכּם מיט אונדזער באַנעם, קענען מיר מוסיף זײַן: אַ זיך־אָפּנאַרערײַ, וואָס שיקט אים אָפּ, פּנים אל פּנים מיט אַ פּראָבלעם, פאַר וועלכן עס קלעקט ניט זײַן ציבור־געפיל, צו זײַן לעבן־סטיל, כּדי ער זאָל דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אַנטשפּרעכיק צו זיך באַשיידן. היות ווי ער רייסט זיך אָפּ פון דערווירקלעכקייט, וועלכע פאַרלאַנגט אַ סאָציאַלן אינטערעס, שטראָמען אים אַנטקעגן בילדער, וואָס עס ליפערט אים זײַן לעבן־סטיל.

צי בלײַבט בכן קיין זאַך ניט פון חלום, ווען ער איז אַריבער? איך מיין, אַז איך האָב די דאָזיקע וויכטיקסטע פראַגע באַשיידט. עס בלײַבט איבער דאָס, וואָס ס'בלײַבט שטענדיק, ווען עמיצער פאַלט אַרײַן אין פאַנטאַזירן: געפילן, עמאָציעס און אַ שטעלונג־נעמען. אַז דאָס אַלץ ווירקט אין דער ריכטונג פון דעם לעבן־סטיל, דרינגט אַרויס פון דער גרונט־אָנשויונג פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע וועגן דער

איינהייט פון דער פערזענלעכקייט. דאָס איז געווען איינער פון מײַנע ערשטע אָנגריפן אויף דער פרוידישער חלום־טעאָריע פון יאָר 1918, בעת איך האָב אויפן סמך פון מײַנע דערפאַרונגען באַהויפּט, אַז דער חלום צילט אויף פאָרויס, אַז ער מאַכט מוכן ומזומן דעם בעל־חלום צו באַשיידן אַ פּראָבלעם אויף זײַן אייגענעם אופן. שפּעטער האָב איך געקענט די דאָזיקע אָנשויונג דערגאַנצן פעסטשטעלנדיק, אַז ער טוט דאָס ניט אויפן וועג פון common sense, פון ציבור־געפיל, נײַערט „משלאַרטיק", מעטאַפאָריש, אין פאַרגלײַכנדיקע בילדער, אַשטייגער, ווי עס טוט אַ דיכטער, ווען ער וויל אויפוועקן געפילן און עמאָציעס. דורך דעם זײַנען מיר אָבער ווידער אויפן באָדן פון וואַכיקן צושטאַנד און מיר קענען מוסיף זײַן, אַז אויך מענטשן, וואָס זײַנען לגמרי ניט קיין דיכטער, באַדינען זיך מיטן פאַרגלײַך, בעת זיי ווילן מאַכן אַן אײַנ־דרוק, זאָל זײַן בלויז דורך זידלווערטער, ווי „אייזל", „אַלטע מכשפה" אאַז״וו, ווי דאָס טוט אויך דער לערער, ווען ער איז זיך מיאש צו קענען דערקלערן אַ פאַל מיט איינפאַכע ווערטער.

דערבײַ געשעען צוויי זאַכן. ערשטנס, זײַנען משלים, בעסער איידער זאַכלעכע רייד, מסוגל אויפצוּוועקן געפילן. אין דער פּאָעטישער קונסט, אין דער געהויבענער שפּראַך פּײַערט דער באַנוץ פון מעטאַפאָרן דווקא נצחונות. ווי באַלד מיר דערוויַטערן זיך אָבער פון דער מלוכה פון שיינער קונסט, באַמערקן מיר די סכנה, וואָס שטעקט אין באַנוץ פון פאַרגלײַכן. „זיי הינקען" — זאָגט מיט רעכט דאָס פאָלק און מיינט דערמיט, אַז אין באַנוצן זיי ליגט די סכנה פון גענאַר. מיר קומען דאָ צו דערפאַר צום זעלבן אורטייל, וואָס אויבן, אויב מיר נעמען אין אַכט דעם פאַרגלײַכאַרטיקן באַנוץ פון בילדער אין חלום. זיי דינען, אַן אַ זײַט פון דעם וועג פון פּראַקטישן שכל הישר, אויפצוּוועקן געפילן, דערמיט אויך צו אַ שטעלונג־נעמען אין זין פון דעם לעבן־סטיל. דעם חלום קען, אמת, שטענדיק מקדים זײַן אַ געמיט־צושטאַנד, וואָס איז ענלעך צום ספק; דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס פאָדערט נאָך אַ נעענטערע אויס־פאָרשונג. דאַן קלײַבט אָבער אוים דער איך בהסכם מיט זײַן לעבן־סטיל פון טויזנטער מעגלעכקייטן גראַד יענע בילדער, וואָס זײַנען גינציק פאַר זײַן צוועק דורכצופירן די איבערשפּרײַזונג איבער דעם פּראַקטישן שכל לטובת דעם לעבן־סטיל.

דערמיט האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז די פאַנטאַזיע פון דעם בעל־חלום גייט אין חלום, גלײַך ווי אין אירע אַנדערע פאָרמען, נאָך דער ליניע פון דעם לעבן־סטיל פאָרויס און אין דער הייך, אַפילו דאַן, ווען זי באַנוצט, ווי דאָס גאַנצע דענקען, פילן און טאָן אונדזערס,

זכרונות־בילדער. דאָס, וואָס די זכרונות־בילדער זיינען אינם לעבן פון אַ פאַרצערטלטן קינד אַזעלכע, וואָס שטאַמען פון די טעותים פון דער פאַרצערטלונג, דריקן אָבער דאָך אויס אַ פּאָרפּילן פון דער צוקונפט, טאָר ניט פאַרפירן צו דער טעותדיקער מסקנא, אַז דאָ האָבן פּלומרשט געפונען אַ באַפרידיקונג אינפאַנטילע פאַרלאַנגען, אַז עס איז פּלומרשט פאָרגעקומען אַ רעגרעסיע צו אַ קינדערשער סטאַדיע. ווײַטער דאַרפן מיר נעמען אין חשבון דעם פאַקט, וואָס דער לעבן־סטיל קלייבט אָפּ פאַר זיין צוועק די בילדער אַזוי, אַז אין דעם דאָזיקן אָפּקלייב קענען מיר אים פאַרשטיין. דער צוגלייך פון דעם חלום־בילד צו דער עקזאַגענער סיטואַציע העלפט אונדז צו געפינען די באַוועגונגס־ליניע, וואָס עס נעמט אָן דער בעל־חלום, כּדי צו רעכטפאַרטיקן זיין באַוועגונגס־געזעץ מיט דער הילף פון זיין לעבן־סטיל אין אָנבליק פון דעם פּראָבלעם, וואָס פאַרלאַנגט אַ באַשייד. די שוואַכקייט פון זיין פּאָזיציע קענען מיר זען אין דעם, וואָס ער נעמט זיך צו הילף פאַרגלייכן און משלים, וועלכע קענען ניט געפּרוווט ווערן אויף זייער ווערט און זין און וועלכע וועקן־אויף אַ געפעלשטן אופן געפילן און עמאָציעס, וואָס זיינען גורם אַ פאַרשטאַרקונג און פאַרגיכערונג פון דער סטיל־אַנטשפּרעכיקער באַוועגונג, ווי, אַשטייגער, ווען איינער גיט־צו צו אַ לויפנדיקן מאָטאָר מער ברענשטאָף. די אומפאַרשטענדלעכקייט פון דעם חלום, — אַן אומ־פאַרשטענדלעכקייט, וואָס לאָזט זיך פונקט אַזוי קאָנסטאַטירן אין פיל פאַלן פון וואַכן צושטאַנד, ווען איינער וויל באַפעסטיקן מיט ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אַרגומענטן זיין טעות, — איז על פּי כּן אַ נויט־ווענדיקייט און ניט קיין צופאַל.

דער בעל־חלום האָט אין זיין רשות, אינגאַנצן ווי אויף דער וואָר, נאָך אַן אַנדער מיטל, ווי אַזוי איבערצוטראָגן זיך איבער דעם פּראַקטישן שכל, היינו, צו באַהאַנדלען אַ געגעבענעם פּראָבלעם אין זיינע טפלדיקע מאָמענטן, אָדער אויסצושליסן פון אַזאַ פּראָבלעם דעם עיקר. דער דאָזיקער פאַרקום לאָזט אַן אַנדערש מאָל אויך דרינגען וועגן אַ ברייטערער פאַרווענדונג און איז קרוביש צו יענעם פּראָצעס, וואָס איך האָב באַשריבן אין יאָר 1932 אין דעם לעצטן העפט פון דער צייטשריפט פאַר אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע (פאַרלאַג הירצעל, לייפּציג) ווי אַ טיילווייזן אומפּולקומען באַשייד פון אַ פּראָבלעם, ווי אַ סימן פון אַ פּתיתות־קאָמפּלעקס.

איך זאָג מיך ווידער אַמאָל אָפּ צו געבן כּללים פון חלום־טייטשונג, וואָרום דערצו פאָדערט זיך אַ סך מער קינסטלערישע אינספּיראַציע אײדער, אַשטייגער, די סיסטעמאַטיק פון אַ Beckmesser. דער חלום

רוקט ניט ארויס קיין שום זאַך, וואָס מען זאָל זי ניט קענען ארויס־דרינגען אויך פון אנדערע אויסדרוק־פאָרמען. ער דינט נאָר דעם פאַר־שער צו דערקענען, ווי שטאַרק עס איז נאָך ווירקעוודיק דער אַלטער לעבן־סטיל, כדי אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם דעם געפאַרשטן; דאָס העלפט געוויס מיט דעם צוועק פון איבערצייַגן אים. אין דער אויסטייַטשונג פון אַ חלום דאַרף מען גיין אַזוי ווייַט, ביז דער פּאַציענט האָט פאַרשטאַנען, אַז, ווי פענעלאָפּע, לייזט ער אויף בייַ נאַכט דאָס, וואָס ער האָט געלערנט בייַ טאָג. מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן אַז יענעם לעבן־סטיל, וואָס שפּאַרט אַרייַן דורך אַן איבערגעטריבענער כּלומרשטער געהאָרכזאַמקייט, ווי, אַשטייגער, דער היפּנאָטיזירטער, אפילו זייַנע פאַנטאַזיעס אין שפּאַן פון געהאָרכזאַמקייט צום דאָקטאָר, ניט דורכ־פירנדיק דאָס דערבּון אַרויסדרינגענדיקע שטעלונג־נעמען; דאָס איז אויך אַ מין פאַרעקשנטקייט, וועלכע איז שוין אין דער קינדהייט געאיבט געוואָרן אויף דעם דאָזיקן פאַרבאָרגענעם אופן.

חלומות, וואָס חזרן זיך איבער, ווייַזן אויף דעם סטיל־אַנטשפּרע־כיקן אויסדרוק פון דעם באַוועגונגס־געזעץ לגבּי די פראַגן, וועלכע ווערן אָפּגעפילט לויט זייער אַרט ענלעך. קורצע חלומות ווייַזן אויף דעם פּינקטלעכן גיך־געוווּנענעם ענטפער אויף אַ פראַגע. פאַרגעסענע חלומות דערלאָזן די השערה, אַז זייער געפילסטאַן איז שטאַרק לגבּי דעם אַקוראַט אַזוי שטאַרקן פּראַקטישן שכל, וואָס כּדי אים בעסער אויסצומייַדן, דאַרף דיסטילירט ווערן דער געדאַנקלעכער מאַטעריאַל אַזוי, אַז עס זאָל נאָר איבערבלייַבן די עמאָציע און דאָס שטעלונג־נעמען. מען קען אָפט פעסטשטעלן, אַז פּחד־חלומות שפּיגלען אָפּ פאַרשטאַרקטן פּחד פאַר אַ מפּלה, אייַנגענעמע חלומות פּראָוואָצירן אַ פאַרשטאַרקטן „פּיאַט", אָדער דעם קאָנטראַסט צו דער איצטיקער סיטואַציע, כּדי אַרויסצורופן נאָך אַ שטאַרקערן געפיל פון אָפּנייגונג. חלומות וועגן טויטע ברענגען צום געדאַנק, אַז דער בעל־חלום האָט ניט באַגראָבן ענדגילטיק זייַן טויטן און שטייט נאָך אונטער זייַן השפּעה. חלומות וועגן פאַלן, אייגנטלעך די אָפטסטע פון אַלע, ווייַזן אַן אויף דער פּחדימדיקער פאָרזיכטיקייט פון דעם אינדיווידואום נאָר ניט צו פאַרלירן פון זייַן ווערט־געפיל, זיי ווייַזן אָבער גלייַכצייַטיק אויך, אין רוימלעכער פאַרשטעלונג, אַז דער בעל־חלום האָט אין זייַן געפיל די אילוזיע פון „אויבן־זייַן". חלומות וועגן פליִען טרעפן זיך בייַ כּבוד־גיריקע מענטשן, ווי אַן אָפּזעצונג פון דעם שטרעבן צו יתרון, כּדי אויפצוטאָן עפּעס, וואָס זאָל דעם בעל־חלום אַרויסהייבן איבער אַנדערע מענטשן. דער דאָזיקער חלום איז ניט זעלטן פאַרבונדן מיטן חלום וועגן פאַלן, ווי עס וואָלט געזאָלט זייַן אַ וואָרענונג

קעגן אן אמביציעזן ריזיקאלישן שטרעבן. א גליקלעך ניצול=ווערן נאך א פאלן אין חלום, וואס קומט אפט צום אויסדרוק ניט געדאנקלעך, נאר געפילסמעסיק, וואלט געדארפט אנווייזן מיינסטנס, אויב ניט אויף א געפיל פון באשערטקייט, איז אויף א זיכערקייט=געפיל, אדאנק וועלכן דער אינדיווידן פארזיכערט זיך, אז אים קען קיין זאך ניט געשען. פארזאמען א באן, א געלעגנהייט, וועט זיך על פי רוב לאזן פעסטשטעלן, ווי אן אויסדרוק פון אן אייגעניטן כאראקטער=שטריך אויסצומיידן א מפלה דורך צו שפעט קומען, צו פארשפילן א געלעגנהייט. חלומות וועגן קנאפער באקליידונג, באגלייט מיט א דערשרעקן זיך צוליב דעם, לאזן זיך צוריקפירן צו דער מורא ניט צו ווערן געכאפט ביי אן אומפולקומענהייט. אין חלומות ווערן אפט אויסגעדריקט מאטארישע, וויזועלע און אקוסטישע נטיות, אבער שטענדיק אין פארבינדונג מיט דעם שטעלונג=נעמען צו א געגעבענער אויפגאבע, וואס איר באשייד קען אפילו דורך דעם אין זעלטענע פאלן צוגעהאלפן ווערן, ווי דאס ווייזן איינצלנע ביישפילן. די ראלע פון א בעל=חלום אלס צוקוקער ווייזט מיט א געוויסער זיכערקייט, אז אויך אין לעבן באנוגנט זיך גערן דער אינדיווידן מיט אזא ראלע. סעקסועלע חלומות ווייזן זיך ארויס מיט פארשיידענע ריכטונגען: דא ווי א לפי=ערך שוואכער טרענינג צו סעקסועלע באציונגען, דארט ווי א צוריקצי פון א פארטנער און א באגרענעצונג אויף זיך אליין. איך האב גענוג שטארק ארויסגעהויבן, אז ביי האמאסעקסועלע חלומות איז דער טרענינג קעגן צווייטן געשלעכט ניט עפעס אן איינגעבארענע נטיה. גרויליקע חלומות, אין וועלכע דער אינדיווידן טרעט אליין אקטיוו אויף, ווייזן אויף כעס און נקמה=גיריקייט, דאס אייגענע באשמוצנדיקע חלומות. די אפטע חלומות פון די בעטנעצער, אז זיי זיינען ביים משתין=זיין אויפן ריכטיקן ארט, פארלייכטערט זיי אויף א קנאפ מוטיקן אופן זייער אנקלאג און נקמה קעגן דער אפגעפילטער פארשטויסונג. אין מיינע ביכער און שריפטן געפינט זיך א שלל אויסגעטייטשטע חלומות אזוי, אז איך מעג פארשפארן צו ברענגען דא באשטימטע ביישפילן. אין צוזאמענהאנג מיט דעם לעבן=סטיל וועלן מיר ארומריידן דעם ווייטער קומענדיקן חלום:

א מאן, א פאטער פון צוויי קינדער, האט מיט זיין פרוי, וואס האט, לויט דעם ווי ער האט געוווסט, חתונה געהאט מיט אים ניט אויס ליבע, געלעבט אין מחלוקת, וואס איז אונטערגעהאלטן געווארן פון ביידע צדדים. לכתחילה איז ער געוועזן א פארצערטלט קינד, איז שפעטער דעטראניזירט געווארן דורך

א צווייט קינד, האָט זיך אָבער אויסגעלערנט אין א האַרטער שול צו באַהערשן זײַנע אַמאָליקע צאָרן־אויסברוכן. דאָס איז אַפילו געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אין אַן אומגינציקער סיטואַציע פלעגט ער מאַכן צו לאַנגע פּרוּוון איבערצובעטן זיך מיטן קעגנער, וואָס איז נאַטירלעך זעלטן געראָטן. אויך לגבי זײַן פרוי איז זײַן האַלטונג געווען א געמיש פון אַפּוואַרטן, פון פּרוּוון צו געפינען א ליבפּולע און פאַרטרויונגס־פולע סיטואַציע און פון צײַטנווײַזע צאָרן־אויסברוכן, בעת ער פלעגט אַרײַנפאַלן אין א פּחיתות־געפיל און פלעגט זיך ניט קענען געבן קיין עצה. די פרוי האָט קיין שום פאַרשטענדעניש ניט געהאַט פאַר דער סיטואַציע. צו זײַנע צוויי ייִנגלעך איז דער דאָזיקער מאַן געווען צוגעבונדן מיט אַן אויסער־געוויינלעכער ליבע, וואָס זיי האָבן אים צוריק געענטפערט, בעת די מוטער האָט אין איר פאַרמעלער געלאַסנקייט, בײַ וועלכער זי האָט, נאַטירלעך, ניט געקענט ריוואַליזירן מיטן מאַן פאַר דער ליבע פון די קינדער, אַלץ מער און מער פאַרלאָרן דעם קאָנ־טאַקט מיט זיי. דער מאַן האָט דערין געזען א פאַרלאָזונג פון די קינדער, צוליב וואָס ער פלעגט האָבן צו איר טענות. דאָס צוזאַ־מענלעבן האָט זיך מיט צרות געצויגן ווײַטער, אָבער ביידע האָבן זיך באַמיט אויסצומײַדן ווײַטערדיקע קינדער. אַזוי זײַנען זיי לאַנג געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן: דער מאַן, וואָס האָט אָנערקענט אין דער ליבע בלויז שטאַרקע געפילן און האָט זיך אויך געהאַלטן באַוועלט אין זײַנע רעכט; די פרוי מיט ניט־האַפּטיקע פּרוּוון צו פירן ווײַטער דאָס צוזאַמענלעבן, עראָטיש קאַלט און מחמת איר לעבן־סטיל אָן דער געזוכטער וואַרעמקייט צו מאַן און קינדער. אין איינער א נאַכט האָט זיך אים געחלומט פון בלוטנדיקע פּרויען־קערפּערס, וואָס זײַנען אַכזריותדיק געשלײַדערט געוואָרן. מײַן שמועס מיט אים האָט געפירט צו אַן ערינערונג פון א סצענע, וואָס ער האָט געזען אין א פּראָסעקטאַריום, וווּהין עס האָט אים מיטגענומען זײַנער א פרײַנד א מעדיקער. עס איז אָבער געווען גרינג צו זען, און דער מאַן האָט עס אויך באַשטע־טיקט, אַז דער געבאָרן־אַקט, וואָס ער האָט צוויי מאָל בײַגעווען, האָט אים שרעקלעך דורכגענומען. די אויסטײַטשונג איז געווען אַזאַ: „איך וויל ניט איבערלעבן א דריטע געבורט בײַ מײַן פרוי".

א צווייטער חלום איז געווען: „עס האָט זיך מיר אויסגע־וויזן, אַז איך זוך אַרום מײַן דריט קינד, וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען, אָדער צוגערויבט געוואָרן. איך בין געווען אין גרויס

פחד. אלע אנגעשטרענגטע פרווון מײַנע זײַנען געווען בחינם". היות דער בעל-דבר האט קיין דריט קינד ניט געהאט, איז געווען קלאר, אז ער האט געהאט דעם כסדרדיקן פחד, אז א דריט קינד וואלט געווען אין דער גרעסטער סכנה, צוליב דער אומפעיקייט פון זײַן פרוי אפצוהיטן די קינדער. דאס האט זיך אים געחלומט ניט לאנג נאכן אוועקרויבן לינדבערגס קינד און האט געוויזן דעם זעלבן עקזאגענעם שאק-פראבלעם אנטשפרעכיק דעם לעבן-סטיל און דער מיינונג פון דעם פאציענט: איבערבײַסן די באציונגען מיט א מענטשן, וואס ווײַזט ניט ארויס קיין ווארעמקייט, און אלס פועל-יוצא פון דער דאזיקער כוונה — דער באשלוס ניט צו האבן מער קיין קינדער; דאס אלץ בײַ אן איבערגעטריבענער באטאנונג פון דער פרוים אפגעלאזנקייט, אבער צילנדיק אין דער זעלבער ריכטונג, ווי דער ערשטער חלום: איבערגעטריבענע מורא פאר דעם געבורטס-אקט.

דער פאציענט איז געקומען אויף באהאנדלונג צוליב אימפאטענץ. די ווײַטערדיקע שפורן האבן געפירט צוריק אין זײַן קינדהייט. דאן האט ער זיך געהאט אויסגעלערנט צו ענטפערן אויף צוריקשטויסונג נאך לענגערע אנגעשטרענגטע פרווון מיט נעגירן די פערזאן, פסקנענדיק, אז זי איז א קאלטע; גלײַכצײַטיק האט ער געלערנט, אז נײַע געבורטן בײַ זיין מוטער זײַנען פאר אים אומדערטרעגלעך. מען קען ניט פארלייקענען און מען דארף זען קלאר אין זייער צוזאמענהאנג דעם הויפט-פאקטאר פון זײַן לעבן-סטיל, דעם אפקלײַב פון געוויסע בילדער, די זיך-אפנארערײַ און די זיך-פארסמונג מיט פארגלײַכן, ווייט איבער דעם פראקטישן שכל ארויסגעגאנגען און געבנדיק דעם לעבן-סטיל א נײַע שפאנקראפט און א געהעכערטע שטארקייט, דעם צוריקצי פון די לעבנס-פראגן, וואס דרינגט ארויס פון דער דויערנדיקער שאקווירקונג, מער געפעלשט, ווי אויסגעארבעט אין זין פון common sense, דעם אומפולקומען, אנטשפרעכיק דער וויכקייט פון דעם דאזיקן מאן, האלבן באשייד פון זײַן פראבלעם.

אויב עס דארף נאך געזאגט ווערן עטלעכע ווערטער וועגן יענער טעמע, וואס ווערט באשריבן אלס פרוידס סימבאליק אין חלום, קען איך פון מײַן דערפארונג מיטטיילן: עס איז ריכטיק, אז פון קדמונים אן האבן די מענטשן ארויסגעוויזן די נטיה צו פארגלײַכן אויף א וויציקן אופן פראצעסן און ענינים, ניט נאר סעקסועלע, מיט פאקטן פון דעם

פראקטישן לעבן. ביים שענק־טיש און אין גראבע וויצן פלעגט עס אייגנטלעך תמיד געשען. דער רייץ דערצו נעמט זיך משמעות פון דעם, וואס לעבן דער דערנידעריקונגס־טענדענץ, דער ליידנשאפט פון ליצנות און בארימעריי ווערט געגעבן פרייער רוים דעם עמאציאנעלן אקצענט, וואס ליגט אין דעם סימבאל. מען באדארף ניט קיין גרויסע חכמה, כדי צו פארשטיין די דאזיקע פאפולערע סימבאלן, וואס מען טרעפט אין פאלקלאר און אין שונד־קופלעטן. זיי טרעטן־אויף שטענדיק אין חלום צוליב באשטימטע צוועקן, וואס מען דארף זיי ערשט אויסגעפינען; און דאס איז וויכטיקער. עס איז פרוידס פארדינסט, וואס ער האט אויף דעם אויפמערקזאם געמאכט. אבער צו דערקלערן אלץ, וואס מען פארשטייט ניט, ווי א סעקסועלן סימבאל, כדי דערנאך צו דרינגען, אז אלץ שטאמט פון דער סעקסואל־ליבידא, האלט ניט אויס קיין פארנונפטיקע קריטיק. אויך די אזוי־גערופענע „ראיותדיקע דערפארונגען" מיט היפנאטיזירטע פערזאנען, וואס ווערן פריער סוגערירט צו חלומען סעקסועלע סצענעס און וואס דערנאך געפינט מען אין זייערע מיטטיילונגען, אז אויך זיי חלומען מיט פרוידישע סימבאלן, זיינען גאנץ שוואכע באווייזן. דאס, וואס די דאזיקע פערזאנען קלייבן זיך אויס זיי באקאנטע סימבאלן אנשטאט ניט פארשלייערטע סעקסועלע אויסדריקן, זאגט העכסטנס עדות וועגן זייער בושה־געפיל. דערצו קומט נאך צו, אז פאר פרוידס א תלמיד איז היינט שווער צו געפינען צו אזעלכע עקספערימענטן אזא איינעם, וואס זאל ניט וויסן, מיט וועמען ער האט צו טאן. אפגעזען אינגאנצן דערפון, אז די „פרוידישע סימבאליק" האט אומגעווינלעך באררייכערט דעם שפראך־אוצר פון דעם פאלק און האט גרונטיק צעשטערט די פשטות ביים באטראכטן זאכן, וואס זיינען פאר זיך אומשולדיקע. מען קען אויך באמערקן ביי פאציענטן, וואס זיינען פריער געווען אונטער א פסיכאאנאליטישער באהאנדלונג, אז אין זייערע חלומות מאכן זיי א ברייטן באנוץ פון דער פרוידישער סימבאליק. מיינע אפפרעגענישן וואלטן נאך ארויסגעקומען שטארקער, ווען איך וואלט, ווי פרויד, געקענט גלויבן אין טעלעפאטיע, ווען איך וואלט, ווי זיינע פלאכע פארגייער, געקענט אננעמען, אז געדאנקען־איבערטראגונג שפילט זיך אפ, ווי אין א ראדיא־רעפעראט. דער דאזיקער קעגן־ארגומענט פאלט בכן פאר מיר אפ.

15

דער זין פון לעבן

צו שטעלן די פראגע וועגן זין פון לעבן האט א ווערט און א באדייטונג דעמאלט, ווען מען נעמט אין באטראכט די שייכות־סיסטעם מענטש — קאסמאס. דערביי איז ליכט איינצוזען, אז אין דער דאזיקער שייכות פארמאגט דער קאסמאס א פארמירנדיקע קראפט. דער קאסמאס איז, אזוי־צו־זאגן, דער פאטער פון אלץ, וואס לעבט. און אלץ, וואס לעבט, איז כסדר אריינגעטאן אין א געראנגל, כדי צופרידנ־צושטעלן די פאדערונגען פון קאסמאס. דאס איז נישט אזוי, ווי דא וואלט געווען אזא טרייבקרייפט (Trieb), וואס וואלט שפעטער אין לעבן געווען בכוח צו דערפירן אלץ צו אן ענדציל, אן אינסטינקט, וואס וואלט זיך בלויז געדארפט ארויסוויקלען; נייערט עס איז עפעס איינגעבארנס, עפעס, וואס געהערט צום לעבן, א שטרעבן, א דראנג, אן אנטוויקלען זיך, אן עפעס, וואס אן אים קען מען זיך בכלל קיין לעבן ניט פארשטעלן. לעבן הייסט — זיך אנטוויקלען. דער מענטשלעכער גייסט איז בלויז צו שטארק צוגעוווינט צו ברענגען אלדאס פליסנדיקע אין א פארם, צו באטראכטן ניט די באוועגונג, נאר די פארגליווערטע באוועגונג, די באוועגונג, וואס איז געווארן פארם. מיר אינדיווידואל־פסיכאלאגן גייען פון תמיד אן מיטן דרך אויפצולייזן אין באוועגונג דאס, וואס מיר זיינען תופס ווי פארם. אז דער פארטיקער מענטש איז ארויסגעקומען פון אן איי־קעמערל — דאס וויים יעדערער; יעדערער דארף אבער אויך ריכטיק פארשטיין, אז אין דעם דאזיקן איי־קעמערל ליגן יסודות פון דער אנטוויקלונג. ווי אזוי דאס לעבן איז אויפגעקומען אויף דער ערד, איז א הארבע שאלה. אן ענדגילטיקע תשובה וועלן מיר אפשר קיינמאל ניט געפינען.

די אנטוויקלונג פון אלדאס לעבן אוים דער קלענסטער לעבעדיקער איינהייט האט געקענט געשען בלויז בדרך הסכם מיט דער קאסמישער

השפעה. מיר קענען טראַכטן וועגן מאָבן די השערה, ווי דאָס טוט, למשל, דער געניאַלער פּרווו פון Smuts (Wholeness and Evolution), אַז לעבן געפינט זיך אויך אין דער טויטער מאַטעריע, אַ באַנעם, וואָס לייגט זיך אויפן שכל אַדאַנק דער מאָדערנער פיזיק, וועלכע ווייזט, ווי די עלעקטראָנען באַוועגן זיך אַרום דעם פּראָטאָן. צי דער דאָזיקער באַנעם וועט אויך אויף להבא בלייבן גערעכט, ווייסן מיר נישט; זיכער איז, אַז אונדזער באַגריף פון לעבן קען מער ניט געשטעלט ווערן אונטער אַ ספק, אַז אונטערן באַגריף לעבן ווערט גלייכצייטיק קאָנסטאַטירט באַוועגונג, — באַוועגונג, וואָס גייט אין דער ריכטונג פון זיך-דערהאַלטונג, פון פאַרמערונג, פון קאָנטאַקט מיט דער דרויסן-וועלט, פון אַ זיגערישן קאָנטאַקט, כדי נישט אונטערצוגיין. אין דעם ליכט, וואָס דאַרווין האָט אָנגעצונדן, פאַרשטייען מיר דעם אָפּקלייב פון אַלדאָס לעבעדיקע, וואָס האָט געקענט באַפרידיקן די דרויסנדיקע פאָדערונגען. לאַמאַרקס אָנשויאונג, וואָס שטייט נאָך נעענטער צו אונדזערער, גיט אונדז אָנווייזן וועגן דער שעפערישער קראַפט, וועלכע איז פאַרוואָרצלט אין יעדן לעבעדיקן וועזן. דער פולדיקער פאַקט פון דער שעפערישער עוואָלוציע פון אַלדאָס לעבעדיקע גיט צו הערן וועגן דעם, אַז פאַר דער ריכטונג פון דער אַנטוויקלונג ביי יעדן מין איז געשטעלט אַ ציל, — אַ ציל פון שלימות, פון אַן אַקטיווער צופּאַסונג צו די קאָסמישע פאָדערונגען.

ווען מיר ווילן פאַרשטיין, אין וועלכער ריכטונג לעבן גייט און באַוועגט זיך, מוזן מיר אָנבינדן אָן דעם דאָזיקן וועג פון אַנטוויקלונג, פון אַ כסדרדיקער אַקטיווער צופּאַסונג צו די פאָדערונגען פון דער דרויסן-וועלט. מיר דאַרפן האַלטן אין זינען, אַז דאָ גייט עס וועגן בראשיתדיקס, וואָס האָט גענעסטיקט אין בראשיתדיקן לעבן. שטענדיק האַנדלט עס זיך וועגן גובר-זיין, שטענדיק וועגן דעם קיום פון דעם אינדיוויד, פון דעם מענטשלעכן מין; שטענדיק גייט עס אין דעם, איינצושטעלן אַ גינציקע באַציִונג צווישן אינדיוויד און דרויסן-וועלט. צו דעם דאָזיקן הכרח דורכצופירן אַ בעסערע צופּאַסונג קען קיינמאָל ניט קומען קיין סוף. די דאָזיקע געדאַנקען האָב איך אַנטוויקלט שוין אין 1902 (זע: „Heilen und Bilden", l. c.) און איך האָב שאַרף אָנגעוויזן אויף דעם. אַז דאָס גרייזן אין דער דאָזיקער אַקטיווער צופּאַסונג איז שטענדיק באַדראָט פון דעם דאָזיקן „אמת", און אַז דער אונטערגאַנג פון פעלקער, משפחות, יחידים, מינים פון בעלי-חיים און געוויקסן לאָזט זיך צושרייבן דער שטרויכלונג פון אַן אַקטיווער צופּאַסונג.

איך רייד וועגן אַקטיווער צופּאַסונג און שליס אויס דערמיט די פאַנטאַזיעס, וואָס זעען די דאָזיקע צופּאַסונג פאַרבונדן אָדער מיט דער מאָ-

מענטאַלער סיטואַציע, אָדער מיט דעם טויט פֿון אַלדאָס לעבעדיקע. עס גייט, להיפּוך, אין אַ צופּאַסונג sub specie aeternitatis, וואָרום „ריכטיק" איז נאָר יענע קערפּערלעכע און גייסטיקע אַנטוויקלונג, וואָס קען גילטן ווי אַ ריכטיקע פֿאַר דער ווײַטסטער צוקונפֿט. ווײַטער זאָגט דער באַגריף פֿון אַן אַקטיווער צופּאַסונג, אַז קערפּער און גײַסט מוזן שטרעבן, ווי אויך די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פֿון לעבן, צו דער=אַ צופּאַסונג, צו דער באַהערשונג פֿון אַלע דורך דעם קאָסמאָס געגעבענע מעלות און חסרונות. כּלומרשטע אויסגלײַכן, וועלכע האָבן אפשר אַ קיום אויף אַ שטיקל צײַט, גיבן זיך פֿריִער אָדער שפּעטער אונטער דעם שווער=וואָגיקן אמת.

מיר זײַנען אין מיטן פֿון שטראָם פֿון דער עוואָלוציע און זעען עס פּונקט אַזוי ווייניק ווי דאָס, אַז די ערד דרייט זיך. אין דעם דאָזיקן קאָסמישן צונויפֿבונד, ווו דאָס לעבן פֿון איינצלנעם אינדיווידו איז אַ טייל, איז דאָס שטרעבן צו זיגערישער צופּאַסונג צו דער דרווין=וועלט אַ תּנאַי. ווען מען וואָלט אַפֿילו וועלן ספֿקן, אַז אין בראשית פֿון לעבן האָט שוין עקזיסטירט דאָס שטרעבן צו יתרון, ווײַזט אונדז קלאָר דער לויף פֿון ביליאָנען יאָרן, אַז היינט איז דאָס שטרעבן צו שלימות אַן אײַנגעבאָרענער פֿאַקט, וואָס איז פֿאַראַן אין יעדן מענטשן. די דאָזיקע באַטראַכטונג קען אונדז נאָך עפּעס אַנדערש ווײַזן. מיר ווייסן דאָך אַלע ניט, וואָס איז דער איינציק ריכטיקער וועג. די מענטשהייט האָט געמאַכט פֿילפֿאַכיקע פּרווון פֿאַרצושטעלן זיך דעם ענדציל פֿון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. דער געדאַנק, אַז דער קאָסמאָס זאָל האָבן אַן אינטערעס אין דעם קיום פֿון לעבן, איז קוים מערער ווי אַ פֿרומער ווונטש; ער קען אָבער אַלס אַזאַ געפֿינען זײַן תּיקון אין דער רעליגיע, אין דער מאָראַל און עטיק ווי אַ שטאַרקע טרײַבקראַפֿט צו העלפֿן דעם אַלגעמיינעם וווּל פֿון דער מענטשהייט, — און ער האָט אים טאַקע געפֿונען. אויך די פֿאַרערונג פֿון אַ פֿעטיש, אַן עקדיש, דער פֿאַלוס אַלס אַ פֿעטיש בתוך אַ פּרעהיסטאָרישן שבט זעט אונדז דאָך אויס וויסנשאַפֿטלעך נישט באַרעכטיקט. מיר טאָרן אָבער נישט פֿאַרזען, ווי די דאָזיקע פּרימיטיווע וועלט=אַנשויאונג האָט געהאָלפֿן דעם צוזאַמענלעבן פֿון דער מענטשהייט, איר ציבור=געפֿיל דערמיט, וואָס יעדערער, קוים איז ער געשטאַנען אין גדר פֿון דער גלייכער רעליגיעזער דבקות, איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ ברודער, ווי טאַבו, און איז געשטעלט געוואָרן אונטער דעם שוץ פֿון דעם גרויסן שבט.

די בעסטע פֿאַרשטעלונג, וואָס מען האָט ביז איצט געוווּנען וועגן דער דאָזיקער אידעאַלער דערהייבונג פֿוז דער מענטשהייט, איז דער

גאָט־באַגריף *. עס איז גאָר קיין פראַגע ניט, אַז דער גאָט־באַגריף שליסט אייגנטלעך איַין אין זיך יענע באַוועגונג צו שלימות אַלס אַ ציל, און אַז ווי אַ קאָנקרעטער ציל פון שלימות אַנטשפּרעכט ער צום בעסטן דער טונקעלער בענקשאַפט פון מענטשן צו דערגרייכן די דאָזיקע שלימות. אמת, מיר וויַיזט אויס, אַז יעדערער שטעלט זיך אַנדערש פאָר זיַין גאָט. דאָ זיַינען, משמעות, פאַראַן פאָרשטעלונגען פון דעם מין, וואָס זיַינען לכתחילה ניט דערוואַקסן צום פּרינציפּ פון שלימות, אָבער וועגן זיַין ריינסטן באַנעם קענען מיר זאָגן: דאָ איז דער קאָנקרעטער באַנעם פון ציל פון שלימות געראָטן. די בראשיתדיקע קראַפט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געווירקט ביַים אויפשטעלן פירנדיקע רעליגיעזע צילן, וואָס האָט געדאַרפט פירן צו אַ צונויפבונד פון דער מענטשהייט, איז ניט געווען קיין אַנדערע ווי דער כוח פון ציבור־געפיל, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ קיַיגין פון דער עוואָלוציע, און דער כוח פון שטרעבן אין דער הייך אין שטראָם פון דער עוואָלוציע. עס איז נאַטירלעך פאַראַן צווישן מענטשן אַ שלל פּרוּוון זיך פאָרצושטעלן דעם דאָזיקן ציל פון שלימות. מיר אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגן, ספּעציעל מיר אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע דאָקטוירים, וואָס האָבן צו טאָן מיט שטרויכלונגען, מיט מענטשן, וואָס זיַינען קראַנק געוואָרן אויף אַ נעווראָז, אויף אַ פּסיכאָז, וואָס זיינען געוואָרן פאַר־ברעכעריש, מיט אַלקאָהאָליקער וכדומה, — מיר זעען דעם דאָזיקן ציל פון יתרון אויך אין זיי, אָבער אין אַן אַנדער ריכטונג. זייער ציל־ריכטונג איז אויף אַזוי וויַיט סותר דער פאַרנונפט, אויף ווי ווייט מיר קענען אין איר נישט אָנערקענען קיין ריכטיקן ציל פון שלימות. ווען איינער פּרוּווט, למשל, קאָנקרעטיזירן דעם דאָזיקן ציל פאַר זיך אין דעם, וואָס ער וויל הערשן איבער אַנדערע, זעט אונדז אויס דער דאָזיקער ציל פון שלימות שוין דערפאַר אומפעיִק צו קירעווען מיטן יחיד און מיט דער מאַסע, וויַיל נישט יעדערער וואָלט געקענט אַזאַ ציל פון שלימות זיך שטעלן פאַר אַן אויפגאַבע: ער וואָלט געווען געצוווּנגען אַריַינצופאַלן אין אַ סתירה צום הכרח פון דער עוואָלוציע, צו פאַרגוואַלטיקן די רעאַליטעט, און פול מיט פחד וואָלט ער געדאַרפט זיך שיצן קעגן דעם אמת און די, וואָס פאַרטרעטן אים. ווען מיר זעען מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט ווי אַ ציל פון שלימות דאָס אָנשפּאַרן זיך אויף אַנדערע, זעט אונדז אויס אויך דער דאָזיקער ציל סותר צו זיין דער פאַרנונפט. ווען אַנדערע קענען אפשר זוכן דעם ציל פון שלימות אין דעם, וואָס זיי לאָזן די אויפגאַבן פון לעבן ניט באַשיידט, כּדי ניט צו

---

* זע: Jahn u. Adler: Religion und Individualpsychologie. Verlag Dr. Passer, Wien 1933.

לײַדן זיכערע מפּלות, וואָס דאָס איז דער היפּוך פון זייער באַנעם פון שלימות, באַטראַכטן מיר אויך דעם־אָ ציל פאַר אַ דורכאויס ניט צוגע־פּאַסטן, הגם אַ סך מענטשן האַלטן פון דעם דאָזיקן כּלל.

ווען מיר ברייטערן אויס אונדזער אויסבליק און שטעלן אַוועק די פראַגע: וואָס איז געשען מיט יענע לעבעדיקע וועזנס, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אַן אומריכטיקן ציל פון שלימות, וועמענס אַקטיווע צופּאַסונג עס איז ניט געראָטן, ווײַל זיי האָבן זיך גענומען אויף אַ ניט ריכטיקן וועג, וועלכע האָבן ניט געפונען דעם וועג פון העלפן דעם כּלל? — לערנט אונדז דאָ דער אונטערגאַנג פון מינים, ראַסן, שבטים, משפּחות און טויזנטער יחידים, פון וועלכע עס איז גאָר ניט איבערגעבליבן, ווי נייטיק עס איז פאַר דעם יחיד צו געפינען כאָטש אַ וועלכן ס'ניט איז ריכטיקן וועג צום ציל פון שלימות. עס איז טאַקע אויך אין אונדזערע טעג און פאַר יעדן איינצלנעם צווישן אונדז פון זיך פאַרשטענדלעך, אַז דער ציל פון שלימות גיט די ריכטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער פּערזענלעכקייט, פאַר אַלע אויסדרוקס־באַוועגונגען, פאַר זיין השקפה, פאַר זײַן דענקען, פאַר זיינע געפילן, פאַר זיין וועלט־באַנעם. און פּונקט אַזוי איז קלאָר און פאַר יעדן אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָג פאַרשטענדלעך, אַז אַן אָפּווייכנדיקע אין געוויסער מאָס ריכטונג פון דעם אמת מוז גורם זיין אַ שאָדן פאַר דעם באַטרעפנדיקן, אויב ניט זיין אונטערגאַנג. דאָ וואָלט אייגנטלעך געווען אַ גליקלעכער אויסגעפינס, ווען מיר וואָלטן נעענטערס געוווּסט וועגן דער ריכטונג, וואָס מיר דאַרפן אָננעמען, היות ווי מיר זיינען דאָך אײַנגעפּאַסט אין שטראָם פון דער עוואָלוציע און מוזן מיט אים מיטגיין. אויך דאָ האָט די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע בײַגעשטייערט אַ גרויסע אַרבעט, פּונקט ווי מיט דער פעסטשטעלונג פון אַלגעמיינעם שטרעבן צו שלימות. זי האָט אויס טויזנטפאַכיקער דערפאַרונג געוווּנען אַן אָנשויונג, וואָס איז ביכולת צו פאַרשטיין אין אַ געוויסער מאָס די ריכטונג צו אידעאַלער שלימות, און היינו אין איר פעסטשטעלונג פון די נאָרמעס פון ציבור־געפיל.

ציבור־געפיל מיינט קודם כּל אַ שטרעבן צו אַ ציבור־פאָרם, וואָס דאַרף געטראַכט ווערן אויף אייביק, ווי זי וואָלט, אַשטייגער, געקענט געטראַכט ווערן, ווען די מענטשהייט וואָלט געהאַט דערגרייכט דעם ציל פון שלימות. עס האַנדלט זיך קיינמאָל ניט וועגן אַ היינטיקן ציבור אָדער געזעלשאַפט, אויך ניט וועגן פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע פאָרמען, נײַערט דער ציל, וואָס איז צום בעסטן מסוגל צו שלימות, וואָלט געמוזט זײַן אַ ציל, וואָס באַדייט דעם אידעאַלן ציבור פון דער גאַנצער מענטשהייט, די לעצטע רעאַליזירונג פון דער עוואָלוציע. מען וועט

נאַטירלעך פראַגן, פונוואַנען ווייס איך דאָס. זיכער ניט פון דער דירעק-טער דערפאַרונג, און איך מוז שוין מוסיף זיין, אַז עס זיינען גערעכט די יעניקע, וואָס געפינען אין דער אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע אַ שטיק מעטאַפיזיק. אַנדערע לויבן עס, אַנדערע האַלטן דאָס לגנאי. עס זיינען ליידער דאָ אַ סך מענטשן, וואָס האָבן אַ טעותדיקן באַנעם פון דער מעטאַפיזיק, וועלכע ווילן אַלץ, וואָס זיי קענען ניט תופס זיין בחוש, אויסשליסן פון דעם לעבן פון דער מענטשהייט. דערמיט וואָלטן זיי אָפּגע-שטעלט יעדע מעגלעכקייט פון אַנטוויקלונג, יעדן נייעם געדאַנק. יעדע נייע אידעע ליגט אויף יענער זייט פון דער דירעקטער דערפאַרונג. דירעקטע דערפאַרונגען ברענגען קיינמאָל ניט אַרויס עפּעס נייעס, נייערט דאָס טוט ערשט די בולדיקע אידעע, וואָס פאַרבינדט די דאָזיקע פאַקטן. איר קענט עס רופן ספּעקולאַטיוו אָדער טראַנסצענדענטאַל, עס איז ניטאָ אַזאַ וויסנשאַפט, וואָס וואָלט ניט געמוזט פאַרענדיקן איר לויף אין דער מעטאַפיזיק. איך זע ניט קיין שום סכנה אין מעטאַ-פיזיק, זי האָט אין שטאַרקסטן גראַד משפיע געווען אויף דעם לעבן פון מענטשן און זייער אַנטוויקלונג. מיר זיינען ניט געבענטשט מיט דעם אַבסאָלוטן אמת, דערפאַר זיינען מיר געצוווּנגען נאָכצוטראַכטן וועגן אונדזער עתיד, וועגן רעזולטאַט פון אונדזערע מעשים אאַז"וו. אונדזער אידעע פון ציבור-געפיל, ווי פון אַ לעצטער פאָרם פון דער מענטשהייט, פון אַ צושטאַנד, אין וועלכן מיר שטעלן זיך פאָר צו האָבן באַשיידט אַלע פראַגן פון לעבן, אַלע באַציִונגען צו דער דרויסנוועלט, — איז אַ קירעוודי-קער אידעאַל, אַ ריכטונג-געבנדיקער ציל. דער דאָזיקער ציל פון שלימות מוז טראָגן אין זיך דעם ציל פון אַן אידעאַלן ציבור, ווייל אַלץ, וואָס מיר געפינען פאַר ווערטפול אין לעבן, אַלץ, וואָס האָט געהאַט און האָט אַ קיום, איז אויף אייביק אַ פּראָדוקט פון דעם דאָזיקן ציבור-געפיל.

איך האָב פריער באַשריבן די פאַקטן, די ווירקונגען און די חסרונות פון דעם היינטיקן ציבור-געפיל ביים אינדיוויד און ביי דער מאַסע און האָב מיך באַמיט אין די אינטערעסן פון דער מענטשנקענ-טעניש, פון דער כאַראַקטעראָלאָגיע אַפּירצוברענגען מיינע דערפאַרונגען, ווי מען איז ביכולת זיך קלאָר צו מאַכן דעם באַוועגונגס-געזעץ פון דעם יחיד און פון דער מאַסע, ווי אויך זייער פאַרגרייזונג. אין דער אינדי-ווידואַל-פּסיכאָלאָגיע ווערן אַלע ניט-אָפּצופרעגנדיקע דערפאַרונגען געזען און פאַרשטאַנען פון דעם אויסבליק-פּונקט פון דער דאָזיקער וויסנשאַפט, וואָס איר וויסנשאַפטלעכע סיסטעם האָט זיך אונטער דעם דרוק פון די דאָזיקע דערפאַרונגען אַנטוויקלט. די געוווּנענע רעזולטאַטן זיינען אָנסתירותדיק צווישנאַנאַנדער און זיינען גערעכטפאַרטיקט דורכן common

sense. אין דער אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע איז דערגרייכט דאָס, וואָס מוז צונויפֿגעבראַכט ווערן, כּדי צו דערפֿילן די פֿאָדערונגען פֿון אַ שטרענג וויסנשאַפֿטלעכער לערע: אַן אומגעהייערע צאָל פֿון דירעקטע דערפֿאַ=רונגען, אַ סיסטעם, וואָס נעמט אין חשבון די דאָזיקע דערפֿאַרונגען און איז זיי ניט סותר און די טרענירטע פֿעיִקייט פֿון דערשפּירן בהסכּם מיטן common sense, אַ פֿעיִקייט, וואָס איז ביכולת צוצופּאַסן צו אים די דערפֿאַרונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם סיסטעם. די דאָזיקע פֿעיִקייט איז אויף אַזויפֿיל נייטיקער, אויף וויפֿל יעדער פֿאַל שטעלט זיך אַנדערש פֿאָר און איז גורם צו כּסדר נייע אָנשטרענגונגען פֿון דעם קינסטלערישן דערשפּירן. ווען איך גיי איצט צו פֿאַרטרעטן דאָס רעכט פֿון דער אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע צו גילטן אַלס וועלט=אָנשויונג, אָנווענדנדיק זי אויף געבן צו פֿאַרשטיין דעם זין פֿון לעבן, מוז איך זיך אָפּגרענעצן פֿון אַלע מאָראַלישע און רעליגיעזע אָנשויונגען, וועלכע האַלטן משפּט איבער מצוות און עבירות, הגם איך בין פֿון תּמיד איבערצייגט געווען, אַז די ביידע שטראָמען, ווי אויך פּאָליטישע באַוועגונגען, צילן שטענדיק צו פֿאַרענטפֿערן דעם זין פֿון לעבן און זיי זיינען געוואַקסן אונטערן דרוק פֿון ציבור, ווי אונטער אַן אַבסאָלוטן אמת. דער שטאַנדפּונקט פֿון דער אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָגיע לגבי זיי ליגט אין איר וויסנשאַפֿטלעכער דערקענטעניש, טאַקע אויך אין איר דירעקטן פּרוּוו צו אַנטוויקלען שטאַרקער דעם ציבור=געפֿיל אַלס דערקענטעניש. דער פּרוּוו איז אַזאַ: איך וועל באַטראַכטן אַלס גערעכטפֿאַרטיקט יעדע שטרעמונג, וואָס איר ריכטונג ליפֿערט דעם ניט=אָפּצופֿרעגנדיקן באַווײַז, אַז עס פֿירט איר דער ציל פֿון וווּיל פֿון דער גאַנצער מענטשהייט. איך וואָלט באַטראַכט אַלס פֿעלערדיק יעדע שטרעמונג, וואָס איז סותר דעם דאָזיקן שטאַנד=פּונקט, אָדער איז דורכגענומען מיט דער „קין=פֿאָרמול“: „פֿאַר וואָס זאָל איך ליב האָבן מײַן נאָענטסטן?“

געשטיצט אויף די פֿריִערדיקע פֿעסטשטעלונגען, וואָלט איך וועלן לשם אַ קורצן באַווײַז קלאָר מאַכן דעם פֿאַקט, אַז בײַם אַרײַנגיין אין לעבן געפֿינען מיר בלויז דאָס, וואָס אונדזערע פֿאָרגייער האָבן צוגעגרייט אַלס בײַשטײַער צו דער עוואָלוציע, צו דער העכערער אַנטוויקלונג פֿון דער גאַנצער מענטשהייט. שוין דער דאָזיקער איינער פֿאַקט וואָלט אונדז געקענט אויפֿקלערן וועגן דעם, ווי דאָס לעבן וויקלט זיך ווײַטער אָפּ, ווי מיר דערנעענטערן זיך צו אַ צושטאַנד פֿון גרעסערע בײַשטײַערס, פֿון גרעסערער קאָאָפּעראַציע=פֿעיִקייט, בײַ וועלכער יעדער איינצלנער שטעלט מיט זיך מער ווי ביז אַהער פֿאָר אַ טייל פֿונם גאַנצן. לגבי דעם=אַ צושטאַנד זײַנען, נאַטירלעך, אַלע פֿאָרמען פֿון אונדזער געזעלשאַפֿטלעכער באַוועַ=

גונג פרווון, פארפרווון, פון וועלכע עס האבן א קיום נאר די יעניקע, וועלכע ליגן אין דער ריכטונג פון דעם דאזיקן אידעאלן ציבור. דאס וואס די דאזיקע שאפונג, וואס זאגט אפט עדות פון אויסערגעוויינ־לעכער מענטשלעכער קראפט, ווייזט זיך ארויס אין פיל היניזיכטן ווי אומפּולקום, און אנדערש מאל אפילו ווי פארגרייזט, באדייט נאר, אז דער „אבסאלוטער אמת", ביים פארויסגיין אויף דעם וועג פון דער עוואלוציע, ליגט נישט אין דער מענטשלעכער יכולת, הגם מיר זיינען אימשטאנד צו קומען נעענטער צו אים. דאס באדייט אויך, אז עס זיינען פאראן א שלל פון ציבורדיקע אויפטוען, וואס האלטן זיך נאר אויף א באשטימטער צייט, פאר א באשטימטער סיטואציע, כדי אין א געוויסער צייט ארום ארויסצוווייזן זיך אפילו אלס שעדלעך. באוואַ־רענען פון זיין צוגעשלאגן צום קרייז פון א שעדלעכער פיקציע, פון האלטן זיך פעסט ביי דער סכעמע פון א שעדלעכער פיקציע קען אונדז דער פירנדיקער שטערן פון דעם וויל פון כלל, וואס געקירעוועט דורך אים זיינען מיר בעסער און אין צוריקפאל ביכולת צו געפינען דעם וועג.

דער וויל פון דעם כלל, די העכערע אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט באזירן אויף די אייביק אומפארגענגלעכע פאדערונגען פון אונדזערע אבות. זייער גייסט בלייבט שטענדיק לעבעדיק. ער איז אומ־שטערבלעך, ווי אנדערע זיינען עס אין זייערע קינדער. אויף ביידן גרונטפעסטיקט זיך דער אייביקער קיום פון דעם מענטשלעכן מין. זיין וויסן וועגן דעם איז איבעריק. עס גילטן די פאקטן. די פראגע פון דעם ריכטיקן וועג זעט מיר אוים צו זיין באשיידט, הגם מיר טאפן אפט אין דער פינצטער. מיר ווילן נישט אנטשיידן, מיר קענען בלויז דאס איינע זאגן: א באוועגונג פון דעם יחיד און א באוועגונג פון די מאסן קען פאר אונדז גילטן אלס ווערטפול נאר דאן, ווען זי שאפט ווערטן פאר דער אייביקייט, פאר דער העכערער אנטוויקלונג פון דער גאנצער מענטשהייט. כדי אפצופרעגן די דאזיקע טעזע, זאל מען זיך נישט פאר־רופן נישט אויף דער אייגענער און נישט אויף דער פרעמדער נארישקייט. עס איז פון זיך פארשטענדלעך, אז עס האנדלט זיך נישט וועגן דעם פארמעג פון דעם אמת, נייערט וועגן דעם שטרעבן צו אים.

נאך שלאגעוודיקער, כדי נישט צו זאגן זעלבסטפארשטענדלעכער, ווערט דער דאזיקער פאקט, ווען מיר פרעגן: וואס איז געשען מיט יענע מענטשן, וועלכע האבן נישט ביישטייערט לטובת דעם וויל פון דער מענטשהייט? דער ענטפער איז: זיי זיינען פארשוווּנדן אן א שריד ופליט. עס איז קיין זאך פון זיי נישט געבליבן, קערפערלעך און גייסטיק

זײַנען זיי אויסגעלאָשן געוואָרן. די ערד האָט זיי פֿאַרשלונגען. עס איז מיט זיי פֿאַרגעקומען, ווי מיט די אויסגעשטאָרבענע חיות=מינים, וועלכע האָבן ניט געקענט געפֿינען קיין האַרמאָניע מיט די קאָסמישע פֿאַקטאָרן. דאָ ליגט דאָך אייגנטלעך אַ פֿאַרבאָרגענע געזעצמעסיקייט, ווי דער פֿאָדערנדיקער קאָסמאָס וואָלט באַפֿוילן: אוים מיט אײַך! איר האָט ניט באַנומען דעם זין פֿון לעבן. איר קענט ניט אַרײַן אין עתיד.

עס איז קיין ספֿק ניט, אַז דאָס איז אַ גרויזאַמער געזעץ. ער לאָזט זיך נאָר פֿאַרגלײַכן מיט די גרויזאַמע גאָטהייטן פֿון די אַלטע פֿעלקער און מיט דעם טאַבו=געדאַנק, וואָס האָט געדראָט מיט אונטערגאַנג די אַלע, וועלכע פֿלעגן עובֿר זיין אויפֿן געזעץ פֿון ציבור. אַזוי מאַניפֿעסטירט זיך דער קיום, דער אייביקער קיום פֿון מענטשלעכן בײַשטײַער לטובֿת דעם כּלל. זיכער זײַנען מיר גענוג פֿאָרזיכטיק, כּדי ניט אָנצונעמען, אַז מיר האָבן פֿלומרשט דעם שליסל אויף צו זאָגן אין יעדן פֿאַל גענוי, וואָס איז אויסגערעכנט אויף אייביקייט און וואָס ניט. מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז מיר קענען גרײַזן, אַז נאָר אַ גאַנץ גענויע אָביעקטיווע אויספֿאָרשונג קען מכריע זיין, אָפֿט אויך ערשט דער לויף פֿון די געשעענישן. עס איז אפֿשר שוין אַ גרויסער טראָט, אַז מיר קענען אויסמײַדן דאָס, וואָס גיט ניט צושטײַער דעם ציבור.

אונדזער ציבור=געפֿיל גרייכט היינט אַ סך ווײַטער. אַליין ניט פֿאַרשטייענדיק עס, זוכן מיר אין דער דערציִונג, אין דעם אויפֿפֿיר פֿון דעם איינצלנעם און פֿון דער מאַסע, אין דער רעליגיע, וויסנשאַפֿט און פּאָליטיק צו שאַפֿן דעם איינקלאַנג מיט דעם קומענדיקן וווּיל פֿון דער מענטשהייט אויף פֿאַרשיידענע, אָפֿט פֿאַלשע וועגן. נאַטירלעך איז דער נעענטער צו דער פֿאַרשטענדעניש פֿון דער קומענדיקער האַרמאָניע, ווער עס פֿאַרמאָגט אַ בעסערן ציבור=געפֿיל. און בדרך כּלל האָט זיך דורכגעבראָכן אַ וועג דער סאָציאַלער עיקר: דעם שטרויכלענדיקן שטיצן און ניט אים אומוואַרפֿן.

אויב מיר ווענדן אָן אונדזער באַנעם אויף אונדזער היינטיקן קולטור=לעבן און האַלטן זיך פֿעסט דערבײַ, אַז שוין דאָס קינד שטעלט=אויף דעם פֿאַרנעם פֿון זיין ציבור=געפֿיל אומפֿאַרענדערלעך אויפֿן גאַנצן לעבן, אויב עס קומט ניט שפּעטער אַ פֿאַרבעסערנדיקע באַווירקונג, — דעמאָלט ווערט אונדזער בליק געקירעוועט אויף געוויסע אַלגעמיינע צושטאַנדן, וואָס קענען ווירקן פֿאַרוויסטנדיק אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דעם קינדערשן ציבור=געפֿיל. אַזוי איז מיט דעם פֿאַקט פֿון מלחמה און איר גלאָריפֿיצירונג אין דער שול=בילדונג. דאָס קינד, וואָס איז נאָך אפֿשר ניט פֿאַרטיק, אפֿשר נאָך שוואַך אין זיין ציבור=געפֿיל, גרייט

זיך אָן זײַן ווײסן און ווילן צו אַ וועלט, אין וועלכער עס איז מעגלעך אַוועקצושטעלן מענטשן צו קעמפן קעגן מאַשינען און גיפט=גאַזן, צו צווינגען זיי דערצו און אויפנעמען אַלס ערנוווערטיק, ווען מען ברענגט אום וואָס מער מיטמענטשן, וואָס זײַנען אויך זיכער וערטפול פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. אין אַ קלענערער מאָס ווירקט זיך אוים דער פאַקט פון טויט=שטראָף, וואָס זײַן שאָדן אויף דער קינדערשער נשמה ווערט עטוואָס געמינערט דורך דער אויפפאַסונג, אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן מיט=מענטשן, גיכער וועגן קעגנמענטשן. אַפילו די האַרטע דערפאַרונג פון דעם טויט=פּראָבלעם קען גורם זײַן בײַ קינדער מיט אַ שוואַכערער נטיה צו קאָאָפּעראַציע אַ האַסטיקן סוף פון זייער ציבור=געפיל. דאָס אייגענע זײַנען באַדראָט מיידלעך, וועלכע לעבן אַדורך אין אַ ניט=פאַראַנטוואָרטלעכער סביבה דאָס פּראָבלעם פון ליבע, באַפרוכפּערונג און געבורט ווי עפּעס שרעקהאַפטיקס. מיט אַן איבערגרויסער שווערקייט הויערט אויף דעם זיך=אַנטוויקלענדיקן ציבור=געפיל דער ניט באַשיידטער עקאָנאָמישער פּראָבלעם. זעלבסטמאָרד, פאַרברעכן, שלעכטע באַהאַנדלונג פון בעלי=מומים, זקנים, בעטלער, פאָראורטיילן און אומיושרדיקע באַהאַנדלונג פון דינערשאַפט, אַנגעשטעלטע, ראַסן און רעליגיעזע עדהס, שלעכטע באַהאַנדלונג פון שוואַכערע און קינדער, פאַרפאַלק=מחלוקתן און פּרוּוון אַוועקצושטעלן די פרוי אויף וועלכן ס׳איז אופן אַלס פּחיתותדיק און אַ סך אַנדערע זאַכן, אָנגעבלאָזנקייט צוליב געלט און אָפּשטאַם, קליקעשאַפט און אירע אויסווירקונגען ביז די העכסטע קרײַזן שטעלן אָפּ, לעבן פאַרצערטלונג און פאַרלאָזטקייט פון קינדער, פּריציִיטיק די אַנטוויקלונג צום מיט=מענטשן. אין אונדער צײַט העלפט גראָד, לעבן דער אויפריכטונג פון דעם קינדס מיטאַרבעט, די ריכטיקע רעכט=צײַטיקע אויפקלערונג וועגן דעם, אַז מיר האָבן היינט דערגרייכט ערשט אַ לפי=ערך נידעריקן ניוואָ אין ציבור=געפיל און אַז אַ ריכטיקער מיט=מענטש מוז באַטראַכטן פאַר זײַן אויפגאַבע מיטצואַרבעטן אויף דער לייזונג פון די דאָזיקע שלעכטע צושטאַנדן לטובת דעם כלל און ניט דערוואַרטן די דאָזיקע לייזונג פון אַ לעגענדאַרער אַנטוויקלונגס=טענדענץ אָדער פון דעם אָרום. פּרוּוון, מעג זיין מיט דער בעסטער כוונה, צו דערגרייכן די העכערע אַנטוויקלונג דורך פאַרשטאַרקן איין בייז, — מלחמה, טויטשטראָף אָדער ראַסן= און רעליגיעזן האַס, ברענגען שטענדיק אין דעם קומענדיקן דור אַ ירידה פון דעם ציבור=געפיל און דערמיט אַ ממשותדיקע פאַרגרעסערונג פון די אַנדערע בייזן. אויף אַ כאַראַקטעריסטישן אופן פירן זיי כמעט רעגלמעסיק צו אַ באַגאַטעלי=

זירונג פון לעבן, פון חברשאפט און פון ליבע־באציונגען, א פאקט, אן וועלכן מען קען דײַטלעך זען דאָס זינקען פון ציבור־געפיל.

איך האָב אויבן אפירגעבראכט גענוגנדיק מאטעריאל, כדי צו געבן דעם לייענער צו פארשטיין, אז עס האנדלט זיך דאָ וועגן א וויסנשאפט־לעכער טעזע, בעת איך באטאָן, אז דער אינדיווידואום גייט אין זײַן ריכ־טיקער אנטוויקלונג ווײַטער נאָר דאַן, ווען ער לעבט און שטרעבט אלס טייל פון דעם גאנצן. די פלאכע אײַנווענדן פון אינדיווידואליסטישע סיסטעמען זײַנען לגבי דעם דאָזיקן באנעם אָן באדײַטונג. איך וואָלט געקענט ריידן נאָך מער דערפון און ווײַזן, ווי אלע אונדזערע פונקציעס זיינען אויסגערעכנט אויף דעם — ניט צו שטערן דעם ציבור פון מענטשן, צו פארבינדן דעם יחיד מיטן ציבור. זען הייסט אויפנעמען, פרוכטבאר מאכן דאָס, וואָס פאלט אויף דעם נעץ־הייטל. דאָס איז ניט בלויז א פיזיאָלאָגישער פראָצעס, דער מענטש באווייזט זיך דאָ, ווי א טייל פון דעם גאנצן, וואָס נעמט און גיט. דורך זען, הערן, ריידן פארבינדן מיר זיך מיט אנדערע. דער מענטש זעט, הערט, רעדט ריכטיק נאָר דאַן, ווען ער איז צוליב זײַנע אינטערעסן פארבונדן מיט דער דרויסן־וועלט, מיט אנדערע. זיין פארנונפט, זיין common sense איז אונטער־געוואָרפן דעם קאָנטראָל פון די מיטמענטשן, דעם אבסאָלוטן אמת און צילט אויף אייביקער ריכטיקייט. אונדזערע עסטעטישע געפילן און אָנשויונגען, וואָס טראָגן אפשר אין זיך דעם שטאַרקסטן שווונג צו אויפטוען, האָבן אַן אייביקייטס־ווערט נאָר דאַן, ווען זיי גייען אין שטראָם פון דער עוואָלוציע צום וווּל פון דער מענטשהייט. אלע אונדזערע קערפערלעכע און גייסטיקע פונקציעס זיינען ריכטיק, נאָרמאל, געזונט אנטוויקלט אויף אזוי ווייט, אויף וויפל זיי טראָגן אין זיך גענוגנדיק ציבור־געפיל און זיינען מסוגל צו מיטאַרבעטן.

מיר ריידן פון מידות טובות און מיינען, אַז איינער שפילט מיט, מיר ריידן פון מידות רעות און מיינען, אַז איינער שטערט די מיטאַרבעט. איך וואָלט נאָך געקענט אָנווייזן אויף דעם, ווי אַלץ, וואָס באַדײַט א שטרויכלונג, איז דערפאַר א שטרויכלונג, ווייל עס שטערט די אַנט־וויקלונג פון דעם ציבור, אויב עס האנדלט זיך וועגן שוועער־דערציִעוודיקע קינדער, נעוורָאָטיקער, פאַרברעכער, זעלבסטמערדער. אין אלע פאלן זעט מען, אַז עס פעלט דער בײַשטײַער. אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט געפינען זיך ניט קיין איזאָלירטע מענטשן. די אַנט־וויקלונג פון דער מענטשהייט איז געווען מעגלעך נאָר דערפאַר, ווײַל די מענטשהייט האָט פאַרגעשטעלט א ציבור און האָט אין דעם שטרעבן צו שלימות געשטרעבט צו אַן אידעאַלן ציבור. דאָס דריקט זיך אויס

אין אלע באוועגונגען, אין אלע פונקציעס פון מענטש, צי ער האט די דאזיקע ריכטונג געפונען אדער ניט. אין שטראם פון דער עוואלוציע, וואס איז כאראקטעריזירט דורך דעם ציבור־אידעאל, ווערט דער מענטש, ווי דורך א חוק ולא יעבור, געקירעוועט, געשטערט, געשטראפט, געלויבט, געשטיצט אזוי, אז יעדער יחיד מוז ניט נאר ענטפערן פאר יעדער אפוויַיכונג, נאר מוז אויך אפקומען פאר איר. דאס איז א הארטער געזעץ, ממש גרויזאם. די יעניקע, וועלכע האבן שוין אין זיך אנטוויקלט א שטארקן ציבור־געפיל, באמיַען זיך כסדר צו מילדערן די שוועריקייטן פאר דעם, וואס גייט גרינזנדיק, אזוי ווי זיי וואלטן דאס געוווּסט: דאס איז א מענטש, וואס האט פארגרייַזט דעם וועג, און אזוי ווי זיי וואלטן געוווּסט די סיבות פון דער פארגרייַזונג, וואס ערשט די אינדיווידואל־פסיכאלאגיע איז ביכולת אויפצוווייַזן. ווען דער מענטש וואלט פאר־שטאנען, ווי ער איז גרייַזיק געגאנגען אויסמייַדנדיק די זייַט פון דער עוואלוציע, דאן וואלט ער דעם דאזיקן וועג פארלאזן און וואלט זיך אנגעשלאסן אן דעם כלל.

אלע פראבלעמען פון מענטשלעכן לעבן פארלאנגען, ווי איך האב געוויזן, די פעיִקייט און די צוגרייטונג צו מיטארבעט, דעם קענטיקן סימן פון ציבור־געפיל. אין דעם דאזיקן געמיט־צושטאנד איז אייַנגע־שלאסן מוט און גליק, וואס זיסט קען מען זיי ניט געפינען.

אלע כאראקטער־שטריכן ווייַזן ארויס דעם גראד פון ציבור־געפיל, גייען אנטשפרעכיק צו דער ליניע, וואס פירט לויט דער מיינונג פון דעם אינדיוויד צום ציל פון יתרון. זיי זייַנען פירנדיקע ליניעס, פאר־וועבט מיט דעם לעבן־סטיל, וועלכער האט זיי געפורעמט און ברענגט זיי שטענדיק ווידער ארויס אויף דער אייבערפלאך. אונדזער שפראך איז צו ארעם, כדי אויסצודריקן מיט איין ווארט די סובטעלסטע שאפונגען פון דעם פסיכישן לעבן, ווי מיר טוען עס לגבי כאראקטער־שטריכן, פארזעענדיק דערבייַ די פילגעשטאלטיקייט, וועלכע ווערט דורך דעם אויסדרוק צוגעדעקט. דעריבער שייַנען־דורך פאר די, וואס קלאמערן זיך אן ווערטער, סתירות, אזוי, אז די איינהייט פון דעם פסיכישן לעבן ווערט פאר זיי קיינמאל ניט קלאר.

אפשר וועט אנדערע איבערצייַגן צום שטארקסטן דער פשוטער פאקט, אז אלע, וואס מיר פארצייכענען ווי א שטרויכלונג, ווייזט אויף דעם דוחק אין ציבור־געפיל. אלע פעלערן אין דער קינדהייט און אין דעם לעבן פון די דערוואקסענע, אלע נעגאטיווע כאראקטער־שטריכן, אין דער משפחה, אין שול, אין לעבן, אין דער באציִונג צו אנדערע, אין בארוף און אין דער ליבע, ווייזן ארויס זייער אפשטאם פון דעם דוחק

אין ציבור-געפיל און טרעטן-אויף אין טויזנטער וואריאנטן, צי אריבער-גייענדיקע אדער דויערנדיקע.

א גענויע באטראכטונג פון דעם פערזענלעכן לעבן און פון לעבן פון דער מאסע, פון דעם עבר און פון דעם הווה, ווייזט אונדז דאס ראנגלען זיך פון דער מענטשהייט פאר א שטארקערן ציבור-געפיל. מען קען קוים פארזען, אז די מענטשהייט וויים וועגן דעם דאזיקן פראבלעם און איז מיט אים דורכגענומען. דאס, וואס עס דריקט היינט צו טאג אויף אונדז, שטאמט אויס דעם דוחק אין א דורכדרינגענדיקער סאציאלער קולטור. דאס, וואס עס שטויסט אונדז צו קומען אויף א העכערער מדרגה, צו באפרייען זיך פון די שטרויכלונגען פון אונדזער עפנטלעכן לעבן און פון אונדזער פערזענלעכקייט, איז דער איינגעקלעמטער ציבור-געפיל. ער לעבט אין אונדז און זוכט זיך דורכצושלאגן א וועג, ער זעט אויס צו זיין ניט גענוג שטארק, כדי זיך צו דערוויזן, ניט געקוקט אויף אלע מניעות. עס איז פאראן די בארעכטיקטע דערווארטונג, אז אין א פיל שפעטערער תקופה, אויב די מענטשהייט זאל נאר האבן פאר זיך גענוג צייט, וועט דער כוח פון דעם ציבור-געפיל מנצח זיין אלע דרויסנלעכע מניעות. דעמאלט וועט דער מענטש ארויסשטראמען ציבור-געפיל אזוי ווי דעם אטעם. ביז דאן בלייבט, א סברא, ניט עפעס אנדערש צו טאן, ווי אט דעם נויטווענדיקן גאנג צו פארשטיין און צו לערנען.

הוספה

די שטעלונג צום קאָנסולטאַנט

אין דער התחלה פון מײַנע ארבעטן האָב איך געוווּסט, נאָך ניט פאַרשטייענדיק עס, אַז די איינהייט פון לעבן=סטיל ווערט פאָרמירט אין דער פריסטער קינדהייט. אָט די גרונד=אָנשויונג אונדזערע האָט מיר געגעבן רשות אָנצונעמען פון פאָרויס, אַז דער ראָט=באַדערפטיקער שטעלט זיך פאָר אין ערשטן מאָמענט פון זיין באַווײַזן זיך ווי די פערזענלעכקייט, וואָס ער איז, ניט וויסנדיק דערפון. די באַראַטונג איז פאַר דעם פאַציענט אַ סאָציאַלע פראָבלעם. יעדע באַגעגעניש פון איין מענטשן מיטן אַנדערן איז אַזאַ פראָבלעם. דעריבער וועט זיך יעדערער פאָרשטעלן אין זיין באַוועגונגס=געזעץ. דער מבין קען אָפט אויפן ערשטן בליק עפּעס ארויסזאָגן וועגן דעם ציבור=געפיל פון דעם אַנדערן. פאַרשטעלן זיך העלפט ווייניק אַנטקעגן דעם געניטן אינדיווידואַל=פּסיכאָלאָג. דער פאַציענט דערוואַרט פון דעם קאָנסולטאַנט אַ סך ציבור=געפיל. היות ווי על פי דערפאַרונג דאַרף מען ניט דערוואַרטן פון פאַציענט קיין סך סאָציאַלן אינטערעס, וועט מען אויך ניט פאַרלאַנגען פון אים קיין סך. אין דעם דאָזיקן באַנעם ווערט מען ממשותדיק געשטיצט פון צוויי מאָמענטן: דער ערשטער איז, אַז דער ציבור=באַראָמעטער שטייט בכלל ניט הויך, דער צווייטער, אַז מען האָט על פי רוב צו טאָן מיט פאַרצערטלטע קינדער, וועלכע קענען אויך שפּעטער ניט באַפרײַען זיך פון זייער פיקטיווער וועלט. מען דאַרף זיך אויך גאָר ניט חידושן, ווען אַ פולע לייענער זײַנען ניט נתפּעל געוואָרן פון דעם, וואָס איינער קען פרעגן: „פאַרוואָס זאָל איך מײַן נאָענטסטן ליב האָבן?". סוף כל סוף האָט דאָך קײַן געשטעלט אַן ענלעכע פראַגע.

דער בליק, דער גאַנג, די שטאַרקייט אָדער שוואַכקייט פון דערגענטערן זיך, קענען פיל אויסגעבן. דער קאָנסולטאַנט, וואָס האַלט זיך

ביי כללים, אשטייגער, אָנצווייזן אַ באַשטימטן אָרט, אַ דיוואַן, אָפּצוהיטן אַ געניי באַשטימטע צייט, פאַרלירט אַ סך אַכטגעבונגען. די ערשטע באַגעגעניש דאַרף שוין זיין אַן עקזאַמען אין דער גאַנצער אומגעקינצלטקייט. שוין דער אופן פון האַנט־דרוק קען וועגן דעם בליק אויף אַ באַשטימטן פּראָבלעם. אַז פאַרצערטלטע מענטשן שפּאַרן זיך גערן אָן אויף עפּעס, קינדער אויף דער באַגלייטנדיקער מוטער, קען מען אָפּט זען. אָבער אַזוי ווי אין אַלץ, וואָס שטייט ווי אַן אויפגאַבע פאַר דער פעיִקייט פון דערשפּירן, וועט מען אויך אין די דאָזיקע פאַלן אַוועקקוקן פון פאַרגליווערטע כללים און איבערפרווון; ליבערשט באַהאַלטן פאַר זיך דאָס, וואָס מען טראַכט, כדי עס שפּעטער פאַרשטאַנדיק צו פאַרווענדן אין אַ צוגעפּאַסטער פאָרם, ניט אָנרירנדיק די איבערשפּירעוודיקייט, וואָס איז שטענדיק פאַראַן ביי אַ פּאַציענט. אַן אַנדערשמאָל קען מען פּרוּוון ניט אָנווייזן דעם פּאַציענט אַ באַשטימטן אָרט, נאָר בעטן אים זיך זעצן. די דיסטאַנץ צום דאָקטאָר אָדער קאָנסולטאַנט גיט אויס — פּונקט אַזוי ווי ביי שול־קינדער — אַ סך פון דעם פּאַציענטס מהות. וויכטיק איז אויך שטרענג גוזר צו זיין אויף דער „אַהאַ־פּסיכאָלאָגיע", וואָס גראַסירט ביי אַזעלכע באַראַטונגען און אפילו אין דער געזעלשאַפט, און ניט צו געבן אין אָנהייב פּאַרטיקע ענטפערס דעם זיך־באַראַטנדיקן, ווי אויך זיינע קרובים. דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָג טאָר ניט פאַרגעסן, אַז, אָפּגעזען פון זיין געניטער פעיִקייט צו דערשפּירן, מוז ער אַרויסברענגען דעם באַווייז אויך פאַר אַנדערע ניט געניטע. לגבי עלטערן און קרובים פון דעם זיך־באַראַטנדיקן זאָל מען קיינמאָל ניט אַרויסטרעטן מעשה קריטיקער, גיכער זאָל מען באַצייכענען דעם פאַל אַלס ווערט צו באַטראַכטן און ניט אַלס פאַרלאָרן, אפילו ווען מען איז ניט נוטה איבערצונעמען אים, סיידן וויכטיקע אומשטענדן פאָדערן ביי אַן אַבסאָלוט פאַרלאָרענעם פאַל צו זאָגן דעם אמת. איך זע אַ געווינס אין ניט איבעררייסן די באַוועגונגען פון אַ פּאַציענט. ער קען זיך אויפהויבן, קומען, גיין, רייכערן, ווי ער וויל. איך האָב אפילו אַן אַנדערשמאָל געגעבן פּאַציענטן די מעגלעכקייט צו שלאָפן אין מיין קעגנוואַרט, ווען זיי האָבן עס פאָרגעליגט, כדי מיר צו מאַכן שווערער די אויפגאַבע — אַ האַלטונג, וואָס איז פאַר מיר געווען פּונקט אַזאַ קלאָרע שפּראַך, ווי זי וואָלט זיך געהאַט אויסגעדריקט אין קעגנערישע ווערטער. דער אַן אַ זייט געווענדטער בליק פון אַ פּאַציענט ווייזט דייטלעך זיין קנאַפּע נטיה צו פאַרבינדנדיקער מיטאַרבעט. אויף אַן אַנדער אופן קען דאָס ווערן אויפפאַלנדיק, ווען דער פּאַציענט רעדט גאָרניט אָדער ווייניק, ווען ער רעדט אַרום און אַרום אָדער לאָזט ניט קומען צום וואָרט דעם

קאָנסולטאַנט צוליב צופיל ריידן. להיפּוך צו אַנדערע פּסיכאָטעראַפּיקער וועט דער אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָג אויסמײַדן צו זײַן שלעפּערדיק אָדער צו שלאָפן, צו גענעצן, אַרויסצוווײַזן אַ קנאַפּלעבן אינטערעס, צו נוצן האַרטע ווערטער, צו געבן געאײַלטע עצות, זיך לאָזן באַצייכענען אַלס די לעצטע אינסטאַנץ, צו זײַן אומפּינקטלעך, אַרײַנצולאָזן זיך אין מחלוקת, אָדער צו דערקלערן, מיט וועלכע ס'ניט איז תּירוצים, די היילונג פאַר אויסזיכטסלאָז. אין דעם לעצטן פאַל, ווען עס טרעטן אַרײַן צו גרויסע שוועריקייטן, איז רעכט צו דערקלערן זיך גופא אַלס צו שוואַך און אָנווײַזן אויף אַנדערע, וועלכע זײַנען אפשר שטאַרקער. יעדער פּרוּוו צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַן אויטאָריטעט צײַטיקט דעם אומערפאָלג, יעדע באַרימערײַ שטערט די היילונג. פון סאַמע אָנהויב אָן דאַרף דער קאָנסולטאַנט טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי קלאָר אַוועקצו-שטעלן די אחריות פאַר דער היילונג אַלס ענין פון דעם זיך-באַראַטנ-דיקן, וואָרום, ווי עס זאָגט ריכטיק אַן ענגליש שפּריכוואָרט: „דו קענסט אַ פערד פירן צום וואַסער, אָבער דו קענסט ניט מאַכן, ער זאָל טרינקען".

מען דאַרף זיך האַלטן גענוי אָן דעם צו באַטראַכטן די באַהאַנד-לונג און היילונג ניט אַלס ערפאָלג פון דעם קאָנסולטאַנט, נײַערט אַלס ערפאָלג פון דעם זיך-באַראַטנדיקן. דער קאָנסולטאַנט קען נאָר ווײַזן די טעותים, דער פּאַציענט מוז דעם אמת מאַכן לעבן. היות אין אַלע פאַלן פון שטרויכלונגען, וועלכע מיר האָבן געזען, האַנדלט זיך וועגן אַ דוחק אין מיטאַרבעט, דאַרף מען בכן אויסנוצן אַלע מיטלען, כּדי צו שטיצן קודם-כּל די מיטאַרבעט פון דעם פּאַציענט מיט דעם קאָנסולטאַנט. עס איז קלאָר, אַז דאָס איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען דער פּאַציענט פילט זיך בײַם דאָקטאָר זיכער. דערפאַר האָט די דאָזיקע ציבורדיקע אַרבעט די העכסטע באַדײַטונג, ווי דער ערשטער ערנסטער וויסנשאַפטלעך אָנגע-הויבענער פּרוּוו צו העכערן דעם ציבור-געפיל. צווישן אַנדערן דאַרף מען זיך שטרענג אויסהיטן פון אַ טעראַפּישן גאַנג, וואָס ווערט פון אַנדערע קאָנסולטאַנטן אָפט געפאָדערט און איז ממש אַ תּנאַי אין דער פּסיכאָאַנאַליטישער היילונג: דהיינו, דאָס אַרויסרופן קינסטלעך, פּנים אל פּנים מיטן רגילותדיקן פּחיתות-געפיל און דער קלענערער זיכערקייט פון דעם פּאַציענט לגבי דעם דאָקטאָר, דורך אַ כּסדרדיקן אָנווײַזן אויף אונטערדריקטע סעקסועלע קאָמפּאָנענטן, יענע פּסיכישע שטרעמונג, וואָס פרויד האָט אָנגערופן די פּאָזיטיווע איבערטראָגונג. דורך דעם באַקומט די פּסיכאָאַנאַליטישע טעראַפּיע בלויז אַ נײַע אויפגאַבע: אין בעסטן פאַל בטל צו מאַכן צוריק דעם קינסטלעך אַרויסגערופענעם צושטאַנד. אויב

דער פּאַציענט האָט זיך אויסגעלערנט איבערצונעמען די פולע אחריות פאַר זײַן אויפפיר, װעט דער קאָנסולטאַנט קענען לײַכט אויסמײַדן, אַז דאָס כּמעט שטענדיק פאַרצערטלטע קינד, אָדער דער נאָך פאַרצערטלונג לעכצנדיקער דערוואַקסענער זאָל אַרײַנפאַלן אין יענער נעץ, וואָס זעט אויס אים מבטיח צו זײַן אַ גרינגע און תּיכּפדיקע רעאַליזירונג פון זײַנע אומבאַפרידיקטע פאַרלאַנגען. פאַר דער בדרך כּלל פאַרצערטלטער מענטש־הייט זעט אויס יעדער ניט־רעאַליזירטער פאַרלאַנג אָדער יעדער פאַרלאַנג, וואָס קען ניט רעאַליזירט ווערן, ווי אַן אונטערדריקונג. איך וואָלט דאָ געוואָלט נאָך אַמאָל פעסטשטעלן: די אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע פאָדערט ניט די אונטערדריקונג ניט פון באַרעכטיקטע פאַרלאַנגען און ניט פון ניט־באַרעכטיקטע. אָבער זי לערנט, אַז ניט־באַרעכטיקטע פאַר־לאַנגען דאַרפן אָנערקענט ווערן ווי פעלערהאַפטיק פאַר דעם ציבור־געפיל און קענען דערבראַכט ווערן ניט צו אונטערדריקונג, נאָר צום פאַרשווינדן דורך אַ הכרעה פון דעם סאָציאַלן אינטערעס. איך האָב איינמאָל איבערגעלעבט אַן אַקטיווע דראָונג מצד אַ שוואַכן מאַן, וועלכער האָט געליטן אויף dementia praecox און איז דורך מיר לגמרי אויס־געהיילט געוואָרן נאָך דעם, ווי מען האָט אים שוין דרײַ יאָר פאַר מײַן באַהאַנדלונג דערקלערט פאַר אומהיילבאַר. איך האָב שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז ער האָט מיט זיכערקייט דערוואַרט, אויך פון מיר צו ווערן אָפּגעשטויסן און אַרויסגעוואָרפן, ווײַל אַזוי האָט זיך אים פון קינדהייט אָן געמאָלט זײַן גורל. דרײַ חדשים צײַט פון דער באַהאַנדלונג האָט ער געשוויגן. איך האָב דאָס גענומען פאַר אַן אויסגאַנגס־פּונקט, אויף וויפל איך האָב געקענט זײַן לעבן, כּדי אָפּגעהיט צו געבן אים אויפקלע־רונגען. איך האָב אויך זײַן שווײַגן און ענלעך־צילנדיקע האַנדלונגען דערקענט אַלס אָבסטרוקציאָניסטישע נטיה און בין צוגעקומען צום קול־מינאַציע־פּונקט פון זײַן אַקציע, בעת ער האָט אויפגעהויבן זײַן האַנט אויף מיר. איך האָב זיך תּיכּף אַנטשלאָסן זיך ניט צו ווערן. עס איז געקומען אַ ווײַטערדיקער אָנגריף, בײַ וועלכן עס איז צעשמעטערט געוואָרן אַ פענצטער. אַ קליינע בלוטנדיקע וווּנד פון דעם פּאַציענט האָב איך פאַרבונדן אין דער פרײַנדלעכסטער האַלטונג. איך מעג זיך פאַרלאָזן אויף מײַנע פרײַנד, אַז אויך פון דעם דאָזיקן פאַל וועלן זיי ניט מאַכן קיין כּלל. בעת דער ערפאָלג איז שוין אין דעם פאַל געווען פולשטענ־דיק געזיכערט, האָב איך געפרעגט בײַם פּאַציענט: „וואָס מיינט איר, ווי אַזוי האָט זיך עס אונדז ביידן געקענט אײַנגעבן אײַך געזונט צו מאַכן?“ די תּשובה, וואָס איך האָב באַקומען, וואָלט באמת געדאַרפט אין אַלע באַטייליקטע קרײַזן מאַכן דעם גרעסטן אײַנדרוק און האָט מיך

אויסגעלערנט צו שמייכלען איבער אַלע אַנגריפן פון וויניק-קענעוודיקע פּסיכאָלאָגן און פּסיכיאַטערס, וואָס פירן זייער קאַמף קעגן ווינטמילן. ער האָט געענטפערט: „דאָס איז גאָר פּשוט. איך האָב שוין געהאַט פאַר-לאָרן דעם גאַנצן מוט צום לעבן. אין אונדזערע באַראַטונגען האָב איך אים ווידער באַקומען". ווער עס האָט דערקענט דעם אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגישן אמת, אַז מוט איז נאָר איין זײַט פון דעם ציבור-געפיל, דער וועט פאַרשטיין די פאַרוואַנדלונג פון דעם דאָזיקן מענטשן.

דער זיך-באַראַטנדיקער דאַרף בכל-אופן באַקומען די איבערצײַגונג, אַז ער איז וואָס שייך דער באַהאַנדלונג לחלוטין פרײַ. ער קען יאָ און ניט טאָן וואָס ער וויל. מען דאַרף אָבער אויסמײַדן צו שאַפן בײַ אים די מיינונג, אַז מיטן אָנהויב פון דער באַהאַנדלונג הויבט זיך אויך אָן דאָס פרײַ-זײַן פון די סימפּטאָמען. די קרובים פון אַן עפּילעפּטיקער האָט מען אויף דער ערשטער באַראַטונג אין אַן אַנדער אָרט צוגעזאָגט, אַז אויב מען זאָל אים לאָזן אַליין, וועט ער מער קיין אָנפאַלן ניט האָבן. דער ערפאָלג פון דעם ערשטן טאָג איז געווען אַ שטאַרקער אָנפאַל אויף דער גאַס, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ צעשמעטערטע אונטערשטע קין. אַן אַנדער פאַל איז אַדורך וויניקער טראַגיש. אַ יינגל איז געקומען אין באַהאַנדלונג צו אַ פּסיכיאַטער מחמת גניבה, און האָט נאָך די ערשטע באַראַטונגען צוגענומען דעם דאָקטאָרס אַ רעגנשירעם.

איך וויל רעקאָמענדירן אַ ווײַטערדיקן פאָרשלאָג. מען זאָל זיך לגבי דעם פּאַציענט מתחייב זײַן, אַז מען וועט קיינעם ניט זאָגן וועגן די שמועסן מיט אים — און מען זאָל די דאָזיקע התחייבות האַלטן. להיפוך, זאָל מען דעם פּאַציענט געבן די פרייהייט צו ריידן וועגן אַלץ, וואָס זײַן האַרץ גלוסט. מען ריזיקירט דערבײַ, אמת, אַז אַן אַנדערש מאָל באַנוצט אַ פּאַציענט די אויפקלערונג דערצו, כּדי אין אַ געזעל-שאַפט אַרײַנצופאַלן אין דער „אַהאַ-פּסיכאָלאָגיע".

דורך אַ פרײַנדלעכן שמועס קען אָבער די סכּנה געמילדערט ווערן. אָדער עס קומען באַשולדיקונגען קעגן דער משפּחה, וואָס מען מוז אויך פאָראויסזען, כּדי פון פריִער פעסטצושטעלן פאַר דעם פּאַציענט, אַז זײַנע קרובים זײַנען שולדיק נאָר אַזוי לאַנג, כּל-זמן ער מאַכט זיי דורך זײַן פאַרהאַלטן-זיך שולדיק, אַז זיי ווערן אָבער תּיכף אומשולדיק, ווי באַלד ער פילט זיך געזונט. ווײַטער, אַז מען קען ניט פאַרלאַנגען פון די קרובים מער וויסן, וויפל דער פּאַציענט אַליין פאַרמאָגט, און אַז ער האָט אויף אייגענער אחריות באַנוצט די השפּעות פון זײַן סביבה ווי בוי-שטיינער, כּדי צו אַנטוויקלען זײַן פעלערדיקן לעבן-סטיל. עס איז אויך כּדאַי אים אָנצווײַזן, אַז זײַנע עלטערן וואָלטן זיך געקענט וועגן עווענ-

טועלע טעותים זיך פאררופן אויף זייערע עלטערן, יענע ווידער אויף זייערע עלטערן אאז"וו. בכן, עקזיסטירט ניט קיין שולד אין דעם זין, ווי ער באנעמט איר.

עס ווײַזט מיר אוים פאר וויכטיק, ניט צו דערלאזן זיך שאפן בײַם זיך־באראטנדיקן די מיינונג, אז די ארבעט פון די אינדיווידואל־פסיכאלאגן דארף דינען פאר זייער גלאנץ און פאר זייער באַרײַכערונג. צו פיל אקטיווקייט און היציקייט בײַם צוציִען פאציענטן ברענגט נאר שאדן. דאס אייגענע — ביטולדיקע אדער גאר פײַנטלעכע ארויסזאגונגען וועגן אנדערע קאנסולטאנטן.

איין בײַשפּיל וועט זײַן גענוג. עס איז געקומען צו מיר א מאן, כדי זיך צו היילן פון א נערוועזשער מידקייט, וואס האט זיך ארויסגעוויזן אלס א רעזולטאט פון דער מורא פאר דורכפאלן. ער האט מיר דערציילט, אז מען האט אים רעקאמענדירט נאך איין פסיכיאטער, וועלכן ער וויל אויך באזוכן. איך האב אים געגעבן זײַן אדרעס. אויפן צווייטן טאג איז ער געקומען און האט מיר דערציילט וועגן זײַן וויזיט. נאכן אויסהערן די געשיכטע פון זײַן קראנקייט האט אים דער פסיכיאטער רעקאמענדירט א קאלט־וואסער־קוראציע. דער פאציענט האט אים אפגעענטפערט, אז ער האט שוין 5 אזעלכע קוראציעס אין דערפאלג דורכגעמאכט. דער דאקטאר האט אים געעצהט דורכצומאכן א זעקסטע קוראציע אין א גוט־אוועקגעשטעלטן אנשטאלט, וועלכן ער האט ספּעציעל געלויבט. דער קראנקער האט אים איבערגעגעבן, אז ער איז שוין דארט צוויי מאל אן ערפאלג געווארן געהיילט מיט דער וואסער־קוראציע, און ער האט צוגעגעבן, אז ער וויל אנקומען צו מיר אויף באהאנדלונג. דער פסיכיאטער האט זיך קעגנגעשטעלט און האט באמערקט, אז ד"ר אדלער וועט אים בלויז עפּעס סוגערירן. דער פאציענט האט געענטפערט: „אפשר וועט ער מיר אזוינס סוגערירן, וואס עס וועט מיך געזונט מאכן". און ער האט זיך אפגעזעגנט. ווען דער דאזיקער פסיכיאטער וואלט ניט געווען באהערשט פון זײַן פארלאנג מבטל צו מאכן די אנערקענונג פון דער אינדיווידואל־פסיכאלאגיע, וואלט ער, משמעות, געזען, אז ער וועט דעם פאציענט גאר ניט קענען אפהאלטן פון קומען צו מיר, און וואלט יענעמס טרעפלעכע באמערקונגען בעסער פארשטאנען. מײַנע פרײַנד בעט איך אבער אויסצומײַדן ביטולדיקע באמערקונגען פאר פאציענטן, אפילו ווען זיי זײַנען בארעכטיקט. דאס ארט צו קאריגירן ניט ריכטיקע מיינונגען און אײַנצושטעלן זיך פאר ריכטיקע שיטות

דארף מען זוכן אויפן פרײַען פעלד פון דער װיסנשאַפט מיט װיסנשאַפטלעכע מיטלען.

אויב עס קומט־אויף בײַ דעם פּאַציענט אין דעם ערשטן שמועס א ספק װעגן דעם, צי ער װיל זיך שטעלן אונטער באַהאַנדלונג, דאַרף מען אים לאָזן אַ פּאָר טעג אויף צו אַנטשיידן זיך. עס איז ניט גרינג צו ענטפערן אויף דער פּשוטער פראַגע: װי לאַנג דאַרף געדויערן די באַהאַנדלונג? אַזאַ פראַגע האַלט איך פאַר באַרעכטיקט, מחמת אַ גרויסער טייל פון די באַזוכער האָט געהערט װעגן באַהאַנדלונגען, װאָס האָבן געדויערט ביז אַכט יאָר און האָבן ניט געהאַט קיין פּעולה. אַ ריכטיק געפירטע אינדיװידואַל־פּסיכאָלאָגישע באַהאַנדלונג װאָלט לכל־הפּחות אין דרײַ חדשים געדאַרפט אויסצײַטיקן אַ ממשותדיקן טייל־ערפאָלג, מיינסטנס שוין אויך פריִער. היות װי דער ערפאָלג איז געװענדט אָן דער מיט־אַרבעט פון דעם פּאַציענט, טוט מען ריכטיק, אויב, כּדי פון אָנהויב צו עפענען אַ װעג פאַר דעם ציבור־געפיל, שטרײַכט מען אונטער, אַז דער געדויער פון דער באַהאַנדלונג איז געװענדט אָן דער מיטאַרבעט פון דעם פּאַציענט, אַז דער דאָקטאָר, אויב ער איז גוט באַהאַװנט אין דער אינדיװידואַל־פּסיכאָלאָגיע, איז שוין אייגנטלעך אין אַ האַלבער שעה אַרום אָריענטירט אין דער לאַגע, אַז ער מוז אָבער װאַרטן, ביז װאַנען אויך דער פּאַציענט דערקענט זײַן לעבן־סטיל און דאָס װאָס עס איז אין אים פעלערדיק. בכל־אופן קען מען צוגעבן: „אויב נאָך איין אָדער צװיי װאָכן װעט איר נאָך ניט זײַן איבערצײַגט, אַז מיר זײַנען אויף אַ ריכטיקן װעג, זאָג איך זיך אָפּ פון דער באַהאַנדלונג".

די ניט־אויסצומײַדנדיקע האָנאָראַר־פראַגע פאַרשאַפט שװעריקייטן. איך האָב געהאַט פיל פּאַציענטן, װעלכע האָבן זייער אָפט באַדײַטנדיקן פאַרמעגן אויסגעבראַכט אין די פריִערדיקע קוראַציעס. מען װעט זיך דאַרפן רעכענען מיט די אָרטיקע אײַנגעשטעלטע האָנאָראַרן, מען דאַרף אויך נעמען אין חשבון די גרעסערע מי און די צײַט־פאַרװענדונג בײַ יעדער באַהאַנדלונג, — אין אינטערעס פון געפאָדערטן ציבור־געפיל זאָל מען זיך אָבער אָפּהאַלטן פון אומנאַטירלעך גרויסע פאָדערונגען, ספּעציעל װען זיי װאָלטן געקענט שעדיקן דעם פּאַציענט. אָן אומזיסטע באַהאַנד־לונג דאַרף דורכגעפירט װערן מיט יענער פאָרזיכטיקייט, װאָס זאָל, אַשטייגער, דעם אָרעמען פּאַציענט ניט געבן צו פילן אַ קנאַפּן אינטערעס, אויף װאָס ער לייגט מסתמא שטאַרק אַכט אין דאָס־רוב פאַלן. אַ פּאַר־אַמאָליקע סומע, מעג זי אַפילו אַרויסװײַזן זיך פאַר אַ געװוּנטשענער, אָדער אַ צוזאָג צו באַצאָלן נאָך דער דורכגעפירטער היילונג, דאַרף מען אָפּװאַרפן, ניט דערפאַר, װײַל דאָס לעצטע זעט אויס פאַר ניט זיכער,

נייערט דערפאר, ווייל עס ווערט דורך דעם אריינגעפירט קינסטלעך א נייער מאטיוו אין דער באציונג פון דאקטאר צום פאציענט, וואס פארשווערט דעם ערפאלג. די באלוינונג דארף געצאלט ווערן וואכנטלעך אדער חודשלעך, שטענדיק צום סוף פון דער דאזיקער צייט. פאדערונגען אדער דערווארטונגען פון וועלכן כ'איז מין ברענגען שטענדיק שאדן דער היילונג. מען דארף אפילו ניט אננעמען קליינע געפעליקייטן, וואס ניט זעלטן באט זיי אן דער פאציענט אליין. פון מתנות זאל מען זיך אויף א פריינדלעכן אופן אפזאגן, אדער אפלייגן דאס אננעמען זיי אויף ביז נאך דער אויסהיילונג. קעגנזייטיקע איינלאדונגען אדער בשותפותדיקע וויזיטן דארפן בעת דער באהאנדלונג ניט פארקומען. די באהאנדלונג פון קרובישע פערזאנען אדער באקאנטע געשטאלטיקט זיך עטוואס שווערער. ווארום עס ליגט אין דער טבע פון דער זאך, אז אן עווענטועלער פחיתות-געפיל טרעט ארויס לגבי באקאנטע פערזאנען דריקנדיקער. אויך פאר דעם קאנסולטאנט אנטשטייט דער אפנייג, אז ער פילט צו דייטלעך דעם פחיתות-געפיל פון דעם פאציענט און ער מוז אנווענדן אלע מיטלען, כדי גרינגער צו מאכן דעם פאציענט. האט מען דאס גליק, ווי אין דער אינדיווידואל-פסיכאלאגיע, צו קענען אנווייזן דערביי שטענדיק נאר אויף טעותים, קיינמאל ניט אויף איינגעבארענע דעפעקטן, שטענדיק אויף היילונגס-מעגלעכקייטן און גלייכווערטיקייט, שטענדיק אויך אויף דעם אלגעמיינעם נידעריקן ניווא פון דעם ציבור-געפיל, — דאן זיינען דאס באדייטנדיקע פארלייכטערונגען און זיי גיבן צו פארשטיין, פאר וואס דער אינדיווידואל-פסיכאלאגיע קומט ניט אוים צו שפירן דעם גרויסן קעגנשטעל, ווי אנדערע ריכטונגען. מען וועט לייכט פארשטיין, אז אין דער אינדיווידואל-פסיכאלאגישער טעראפיע דערגייט קיינמאל ניט צו קיין קריזיסן, און אויב א ניט זאטל-פעסטער אינדיווידואל-פסיכאלאג, ווי, אשטייגער, Künkel האלט פאר נויטווענדיק די קריזיסן, די אויפטרייסלונג, די געבראכנקייט פון דעם פאציענט, — איז עס זיכער בלויז דערפאר, וואס ער רופט זיי צווערשט קינסטלעך, אן א נייטיקייט, ארויס. משמעות, אויך דערפאר, ווייל ער גלויבט טעותדיק, אז דערמיט טוט ער דער קירך צוליב (זע: Jahn und Adler, „Religion und Individualpsychologie", Verlag Dr. Passer, Wien 1933). איך האב שטענדיק באטראכט פאר אן אומגעהייערן געווינס צו האלטן דעם ניווא פון דער שפאנונג אין דער באהאנדלונג ווי ווייט מעגלעך נידעריק, און איך האב עס ממש אנטוויקלט ביז א מעטאד צו זאגן כמעט יעדן פאציענט, אז עס זיינען פאראן וויצן, וואס זיינען פולקום גליך צו דער סטרוקטור פון זיין אייגנארטיקן נעווראז, אז דער דאזיקער קען בכן גענומען ווערן

אויך גרינגער, איידער ער טוט עס. עס איז איבעריק צו זאָגן, אָבער קנאַפּ גייסטרייכע קריטיקער מוז איך פאַרלויפן דעם וועג און מוסיף־זיין, אַז אַזעלכע וויצן טאָרן נאַטירלעך ניט לאָזן אויפלעבן דעם פּחיתות־געפיל (וואָס פרויד געפינט אים הײנט־צו־טאָג פאַר אויסערגעוויינלעך אויפקלערעוודיק). אַנווייזן אויף משלים, אויף היסטאָרישע פּערזאָנען, אויף ווערטער פון דיכטער און פילאָזאָפן העלפן־מיט צו פאַרשטאַרקן דעם צוטרוי צו דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע און צו אירע באַנעמען.

יעדער שמועס דאַרף נעמען אין באַטראַכט, צי דער באַהאַנדלטער גייט אויפן וועג פון מיטאַרבעט. יעדע מינע, יעדער אויסדרוק, דער מיט־געבראַכטער אָדער ניט מיטגעבראַכטער מאַטעריאַל, זאָגן אויף דעם עדות. די גרונטיקע פאַרשטענדעניש פון חלומות גיט אויך אויפן זעלבן אופן געלעגנהייטן צו באַרעכענען דעם ערפאָלג, דעם אומערפאָלג און די מיט־אַרבעט. עס פאָדערט זיך אַ ספּעציעלע אַפּגעהיטקייט ביים אָנשפּאַרנען דעם פּאַציענט צו וועלכע ס'איז אויפטועו. קומט וועגן דעם צו רייד, זאָל מען, ביי זעלבסטפאַרשטענדלעכער אויסשליסונג פון אַלגעמיין גע־פערלעכע אונטערנעמונגען, ניט צורײדן און ניט אָפּריידן, נייערט פעסט־שטעלן, אַז מען איז אייגנטלעך איבערציינגט אין דעם אַיינגעבן זיך, מען קען אָבער ניט פּסקענען אינגאַנצן קלאָר, צי דער פּאַציענט איז שוין באמת גרייט דערצו. אַן אָנשפּאַרנונג איידער עס ווערט דערגרייכט אַ גרעסערער ציבור־געפיל איז זיך געוויינלעך נוקם דורך אַ פאַרשטאַרקונג אָדער דורך אַ צוריקקער פון סימפּטאָמען.

אין דער פראַגע פון באַרוף מוז מען האַנדלען קרעפטיקער. ניט אַשטייגער, אַז מען זאָל פאָדערן דאָס אָננעמען פונקט דעם באַרוף, אָבער דורך אָנווייזן, אַז דער פּאַציענט איז צום בעסטן צוגעגרייט צו דעם אָדער יענעם באַרוף און קען אין אים עפּעס אויפטאָן. בכלל מוז מען בײַ יעדן טראַט אין דער באַהאַנדלונג זיך האַלטן אין דער ריכטונג פון צוגעבן מוט אין זין פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער איבער־צײַגונג, צוליב וועלכער עס פילן זיך אָנגעטראָטן אַזוי פיל אָנמַמָשותדיקע פּוסטע אַמביציעס: דאָס איז די איבערצײַגונג, אַז, אָפּגעזען פון דער־שטוינענדיקע העכסטע אויפטועו, וואָס איבער זייער סטרוקטור קענען מיר ניט קיין סך זאָגן, „קען יעדערער אַלץ".

וואָס שייך דעם ערשטן עקזאַמען פון דעם קינד, וואָס קומט צו אַ באַראַטונג, האַלט איך דעם פרעג־בויגן, וואָס איך און מײַנע מיטאַרבעטער האָבן צונויפגעשטעלט און וואָס איך ברענג דאָ, פאַר דעם בעסטן צווישן אַלע ביז איצט אָנגעגעבענע. אמת, באַנוצן ריכטיק וועט אים קענען נאָר דער, וועד עם פאַרמאָגט אַ גענוגנדיקע דערפאַרונג, ווער עם קען גענוי דאָס אײַזערנע געפלעכט פון דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער אָנשויונג און ווער עם האָט אַ גענוגנדיקע געניטקייט אין דער פעיִקייט פון דערשפּירן. דאָ וועט ער זיך ווידער אָנשטויסן אויף דער דערפאַרונג, אַז די גאַנצע קונסט פון פאַרשטיין די מענטשלעכע אייגנאַרטיקייט באַשטייט אין דעם—צו באַגרײַפן דעם לעבן־סטיל פון דעם אינדיוויד, וואָס איז אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן אין דער קינדהייט, משיג צו זײַן די השפּעות, וועלכע האָבן געווירקט בײַ זײַן פאַרמירונג, און צו זען, ווי אַזוי עס ווירקט זיך אויס דער דאָזיקער לעבן־סטיל אין גערעאַנגל מיט די ציבור־פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט.

צו דעם פרעגבויגן, וואָס שטאַמט פון די פריִערדיקע יאָרן, וואָלט געדאַרפט צוגעגעבן ווערן, אַז מען מוז פעסטשטעלן דעם גראַד פון אַגרעסיע, די אַקטיווקייט. מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אַז דאָס גרעסטע רוב קינדערשע שטרויכלונגען שטאַמען פון דער פאַרצערטלונג, וואָס העכערט כּסדר דאָס עמאָציאָנעלע שטרעבן פון דעם קינד און שטעלט עס שטענדיק פאַר ניסיונות; אַזוי־אַרום קען עס שווער בײַשטיין פאַרפירעניש פון פאַרשיידנסטן מין, אויך אַזעלכע, וואָס קומען פון שלעכטער חברשאַפט.

אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגישער פֿרעגבויגן

צו דער פֿאַרשטענדעניש און באַהאַנדלונג פֿון שווער דערציִעוודיקע קינדער. צונויפֿגעשטעלט און דערקלערט פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פֿאַראיין פֿאַר אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע.

1. פֿון זינט ווען איז דאָס קינד ניט כּשורה? אין וועלכער אויסערלעכער און פּסיכישער סיטואַציע איז געווען דאָס קינד, בעת די שטרויכלונגען זײַנען קענטיק געוואָרן?

וויכטיק זיינען: די סביבה-ענדערונגען, דאָס אָנקומען אין שול, דאָס בייטן די שול, בייטן די לערער, געבורט פֿון יינגערע מיטקינדער, הינטערשטעליקייט אין שול, נייע פֿריינדשאַפֿטן, קראַנקייטן פֿון דעם קינד און פֿון די עלטערן אאַז"וו.

2. צי איז דאָס קינד שוין געווען פֿריִער מיט עפּעס אויפֿפֿאַלנדיק? מיט קערפּערלעכער אָדער גײַסטיקער שוואַכקייט? מיט פּחדנות? אָפּגעלאָזנקייט? צוריקגעצויגנקייט? אומגעשיקטקייט, קנאה? ניט-זעלבשטענדיקייט ביים עסן, אָנטאָן-זיך, וואַשן זיך, גיין שלאָפֿן? צי האָט עס געהאַט מורא צו בלײַבן אַליין? פֿאַר פֿינצטערקייט? צי איז אים קלאָר זײַן געשלעכטלעכע ראָלע? פּרימערע, סעקונדערע און טערציערע געשלעכטס-סימנים? ווי אַזוי באַטראַכט עס דעם צווייטן מין? ווי ווײַט האַלט עס אין זײַן סעקסועלער אויפֿגעקלערטקייט? אַ שטיפֿקינד? אומגעזעצלעך? אויף קעסט? וואָס פֿאַר אַ אַפּוטרופּסים האָט עס געהאַט? צי איז נאָך פֿאַרהאַן אַ קאָנטאַקט מיט זיי? צי האָט עס צו דער צײַט אָנגעהויבן גיין און ריידן? אָן פֿעלערן? צי איז די ציין-אַנטוויקלונג געווען צו דער צײַט? אויפֿפֿאַלנדיקע שוועריקייטן בײַם אויסלערנען זיך שרײַבן? רעכענען? צייכענען? זינגען? בײַם לערנען זיך שווימען? צי

האָט עס זיך צוגעבונדן אויף אַן אויפפאַלנדיקן אופן צו אַן איינציקער פּערזאָן? צום פאָטער? צו דער מוטער? צו זיידע-באָבע? צו דער ניאַניע?

מען דאַרף לייגן אַכט, צי עס לאָזט זיך פעסטשטעלן אַ פּיינט-לעכע איינשטעלונג צום לעבן, אויף די גורמים פון פּחיתות-געפילן, אויף טענדענצן אויסצושליסן שוועריקייטן און פּערזאָנען, און אויף שטריכן פון עגאָיזם, איבערשפּירעוודיקייט, אומגעדולדיקייט, אַפעקט-געהעכערטקייט, אַקטיווקייט, גיריקייט, פאָרזיכטיקייט.

3. צי האָט דאָס קינד פאַרשאַפט אַ סך דאגות? פאַר וואָס און פאַר וועמען האָט עס צום מערסטן מורא? צי פלעגט עס אויסשרייַען פון שלאָף? צי האָט עס גענעצט אין בעט? צי איז עס הערשגיריק אויך לגבי שטאַרקע, צי בלויז לגבי שוואַכע? צי ווייַזט עס אַרויס אַן אויפפאַלנדיקע נטיה צו ליגן אין בעט פון איינעם פון די עלטערן? צי איז עס אומגעשיקט? אינטעליגענט? צי האָט מען זיך מיט אים אַ סך געריצט און אים אויסגעלאַכט? צי ווייַזט עס אַרויס אויסערלעכע אַמביציעז-קייט וואָס שייך האָר, קליידער, שיך? צי קאָלופּעט עס דעם נאָז, בייַסט עס די נעגל? צי איז עס גיריק בייַם עסן? צי האָט עס געגנבעט? שוועריקייטן בייַם שטולגאַנג?

עס גייט אין דעם — קלאָר צו מאַכן, צי עס שטרעבט מיט ווייניקער אָדער מער אַקטיווקייט צו האָבן די איבערהאַנט, ווייטער — צי די פאַרעקשנטקייט האָט געשטערט די קולטיווירונג פון זייַנע יצרדיקע האַנדלונגען.

4. צי פלעגט עס גרינג שליסן חברשאַפט אָדער עס האָט זיך ניט צונויפגעלעבט און האָט געפּייַניקט מענטשן און בעלי-חיים? צי בינדט זיך עס צו צו יינגערע אָדער צו עלטערע? צו מיידלעך (ייִנגלעך)? צי האָט עס אַ נטיה צו זייַן אַ פירער? אָדער עס זונדערט זיך אָפּ? צי זאַמלט עס? צי איז עס קאַרג? געלט-גיריק?

דאָס איז נוגע זייַן קאָנטאַקט-פעיִקייט און דעם גראַד פון זייַן פאַרלירן דעם מוט.

5. ווי אַזוי איז איצט דאָס קינד אין די אַלע פּרטים? ווי אַזוי פירט עס זיך אויף אין שול? צי גייט עס גערן אַהין? צי קומט עס צו שפּעט? צי איז עס פאַרן גיין אין שול אויפגערעגט, פאַרהאַוועט? צי פאַרלירט עס זייַנע ביכער, שולטאַש, העפטן? צי איז עס אויפגערעגט פאַר שול-אויפגאַבן און עקזאַמענס? צי פאַרגעסט עס צו מאַכן זייַנע

אויפגאבן אדער עס זאגט זיך אפ דערפון? צי פטרט עס די צייט? איז עס פויל? מהיכא=תיתאדיק? ווייניק אדער גאר ניט קאנצענטרירט? שטערט עס די לימודים? ווי באציט עס זיך צו זיינע לערער? קריטיש? חוצפהדיק? גלייכגילטיק? צי זוכט עס די הילף פון אנדערע ביי זיינע אויפגאבן אדער עס ווארט שטענדיק, מען זאל אים זאגן? צי ווייזט זיך עס ארויס כבוד=גיריק אין ספארט אדער גימנאסטיק? צי האלט עס זיך פאר טיילווייז אדער אינגאנצן ניט באגאבט? צי לייענט עס גוזמאדיק א סך? וואס פאר א לעקטור גיט עס די בכורה? צי איז עס שלעכט אויף אלע לימודים?

די דאזיקע פראגן ברענגען ארויס דעם איינבליק אין די צוגרייטונגען פון דעם קינד צו דער שול און אין דעם רעזולטאט פון דעם שול=עקספערימענט ביים קינד. ווייטער, אויך אין זיין שטעל צו שוועריקייטן.

6. ריכטיקע אויפווייזן וועגן די שטויביקע פארהעלטענישן, וועגן קראנקייטן אין דער משפחה, וועגן אלקאהאליזם, פארברעכערישע נטיות, נעווראזן, דעבילקייט, סיפילים, עפילעפסיע, וועגן דעם לעבנס=סטאנדארד? טויטפאלן אין דער משפחה? אין וועלכן עלטער פון קינד? צי איז עס א יתום? ווער דאמינירט אין דער משפחה? צי איז די דערציִונג א שטרענגע, א פארצערטלענדיקע, מיט יאדעניש? צי פלאנצט מען איין ביי די קינדער שרעק פארן לעבן? ווי אזוי איז די השגחה? שטיף=עלטערן?

מען זעט דאס קינד אין זיין משפחה=פאזיציע און מען קען אפשאצן, וואס פאר אן איינדרוקן דאס קינד האט דא באקומען.

7. אויף וועלכן ארט אין דער קינדער=ריי שטייט דאס קינד? דאס עלטסטע, דאס צווייטע, דאס יִנגסטע, אן איינציקס, א בן=יחיד, א בת=יחידה? ריוואליזירונגען? צי וויינט עס אפט? ביסיקער לאבן? בלינדע דערנידערונגס=טענדענץ לגבי אנדערע?

וויכטיק פאר דער כאראקטעראלאגיע, דערקלערעוודיק אין פרט פון דעם קינדס שטעלונג=נעמען צו אנדערע.

8. וואס פאר א געדאנקען וועגן בארוף=אויסקלייב האט דאס קינד ביז איצט געהאט? וואס טראכט עס וועגן חתונה האבן? וואס פאר א פאך האבן זיינע משפחה=מיטגלידער? ווי אזוי איז דאס צוזאמענלעבן פון זיינע עלטערן?

גיט די מעגלעכקייט צו מאכן אויספירן וועגן דעם מוט און גלויבן פון דעם קינד אין דעם עתיד.

9. ליבלינגס־שפּילן? ליבלינגס־מעשהם? ליבלינגס־געשטאַלטן פון דער געשיכטע און פון דער דיכטונג? צי האָט עס ליב צו שטערן די שפּילן פון אַנדערע? צי פאַרזינקט עס אין פאַנטאַזיעס? צי דענקט עס ניכטער און נעגירט פאַנטאַזיעס? טאָג־חלומות?

גיט אָנווייזן אויף פאַרבילדער אין דער ריכטונג פון יתרון.

10. עלטסטע זכרונות? איינדרוקספולע אָדער אָפט זיך איבער־חזרנדיקע חלומות? (וועגן פליִען, פאַלן, געפּענטעט־זיין, פאַרזאַמען צום באַן, וועט־געיעג, געפאַנגען־זיין, שרעק־חלומות).

מען געפינט דערביי אָפט אַ נטיה צו איזאָלירונג, וואָרענדיקע שטימען אין זין פון צו גרויסער פאָרזיכטיקייט, רעגונגען פון כבוד־גיריקייט און די בכורה, וואָס ווערט געגעבן אייניצלנע פּערזאָנען, דער פּאַסיווקייט אאַז"וו.

11. אין וועלכן זין האָט דאָס קינד אָנגעוואָרן דעם מוט? צי פילט עס זיך פאַרשטויסן? צי רעאַגירט עס גינציק אויף אויפ־מערקזאַמקייט און לויב? צי האָט עס אַבערגלויבישע פאַרשטעלונגען? צי אַנטלויפט עס פון שוועריקייטן? צי הייבט עס אָן פאַרשיידענע זאַכן און לאָזט זיי באַלד שטיין? צי איז עס אומזיכער מיט זיין עתיד? צי גלייבט עס אין די שעדלעכע ווירקונגען פון אַ ירושהדיקייט? צי ווערט עס סיסטעמאַטיש אַנטמוטיקט פון זיין אַרום? צי האָט עס אַ פּעסימיסטישע וועלט־אָנשויונג?

גיט וויכטיקע אויסבליק־פּונקטן דערפאַר, אַז דאָס קינד האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין זיך און זוכט זיין וועג אין אַ פעלערדיקער ריכטונג.

12. ווייטערדיקע אומלייטישקייטן: צי מאַכט עס תנועות? צי מאַכט עס נאַרישע, קינדישע, קאָמישע שטיק?

ווייניק מוטיקע פּרוון צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

13. צי האָט עס שפּראַכפעלערן? צי איז עס מיאוס? אומגע־לומפּערט? קלאָץ־פוס? ראַכיטיס? X־אָדער O־פיס? שלעכט־געוואַקסן? אומנאָרמאַל דיק? אומנאָרמאַל גרויס? אומנאָרמאַל קליין? צי האָט עס אַן אויגן־אָדער אויערן־פעלער? צי איז עס גייסטיק הינטער־שטעליק? אַ געלינקטס? צי כראָפּעט עס ביינאַכט? צי איז עס אויפפאַלנדיק שיין?

דאָ גייט וועגן לעבנס־שוועריקייטן, וועלכע דאָס קינד שאַצט על פּי רוב צו הויך. דורך דעם קען עס דויערנדיק פאַרבלייבן אין

אַ געמיט-צושטאַנד פון אָנמוטיקייט. אַן ענלעך פעלערדיקע אַנטוויקלונג טרעפט מען אויך אָפט ביי זייער שיינע קינדער. זיי פאַלן אַרונטער דער סוגעסטיע, אַז אַלץ וואָלט זיי כּלומרשט געדאַרפט געגעבן ווערן ווי אַ מתנה, אַן אָנשטרענגונגען, און פאַרזאַמען דערביי די ריכטיקע צוגרייטונג צום לעבן.

14. צי רעדט עס אָפן וועגן זיין אומפעיִקייט, וועגן זיינע „קנאַפּע כּשרונות" צו דער שול? צו אַרבעט? צום לעבן? זעלבסטמאָרד-געדאַנקען? צי איז דאָ אַ צייטלעכער צוזאַמענהאַנג צווישן זיינע אומ-ערפאָלגן און זיינע פעלערן? (פאַלן פון פאַרוואָרלאָזטקייט, דאָס אויפקומען פון באַנדעס). צי שאַצט עס צו הויך דעם אויסערלעכן ערפאָלג? צי איז עס קנעכטיש? צבועקיש? בונטאַריש?

אויסדרוקס-פאָרמען פון אַ ווייטגייענדיקן מוט-אָנווער. אָפט באַווייזט ער זיך ערשט נאָך בחנמדיקע פאַרמעסטן אויפצוהייבן זיך, וועלכע ווערן צעקלאַפּט מחמת דער אומצוועקמעסיקייט, וואָס שטעקט אין זיי, אָבער אויך מחמת דעם דוחק אין אַ גענוגנדיקער פאַרשטענ-דעניש מצד דער סביבה. דעמאָלט קומט דאָס זוכן אַ סוראָגאַט-באַפרי-דיקונג אויף אַ זייטיקער קריגס-אַרענע.

15, פּאָזיטיווע אויפטוען פון דעם קינד. וויזועלער, אַקוסטישער, מאָטאָרישער טיפּ?

אַ וויכטיקער ווייזער, ווייל עס קען זיין, אַז אינטערעס, נטיה און צוגרייטונגען פון דעם קינד ווייזן אויף אַן אַנדער ריכטונג איידער די ביז איצט פון אים אָנגענומענע.

אויפן סמך פון די דאָזיקע פראַגן, וואָס דאַרפן קיינמאָל ניט גע-שטעלט ווערן פונקטנוויַיז, נייערט בדרך שמועס, קיינמאָל ניט אין אַ שאַבלאָן, נייערט גלייכצייטיק אויפבויענדיק, באַקומט זיך שטענדיק אַ בילד פון דער פערזענלעכקייט, אין וועלכן עס ווייזן זיך שטרויכלונגען, אמת, ניט ווי באַרעכטיקטע, נאָר ווי באַגרייפלעכע. די אויפגעדעקטע טעותים דאַרף מען שטענדיק אויפקלערן פריינדלעך, מיט געדולד און אָן דראָונג.

ביי שטרויכלונגען פון דערוואַקסענע האָט זיך פאַר מיר אַרויס-געוויזן אַלס ווערטפול אַזאַ אויספאָרשונגס-סכעמע, וואָס האַלטנדיק זיך אָן איך באַקומט דער געניטער קאָנסולטאַנט כּמעט במשך פון אַ האַלבער שעה אַ וויַיטגרייכנדיקן איינבליק אין דעם לעבן-סטיל פון דעם אינדיוויד.

מײַנע אויספֿרעגן קומען פֿאַר, הגם ניט שטענדיק לויטן כּלל, אין דעם װײַטערדיקן סדר, בײַ װעלכן דער פֿאַכמאַן װעט געפֿינען אַן אײַנשטימיקייט מיט דער מעדיצינישער פֿראַגן־שטעלונג. דערבײַ באַקומט דער אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָג אין די ענטפֿערס אַזאַנק זײַן סיסטעם אַ גאַנצן שפּל אויסבליקן, וואָס זיסט ווערן זיי ניט באַאַכט.

דאָס איז בערך דער סדר פֿון די פֿראַגן:

1. אויף וואָס באַקלאָגט איר זיך?
2. אין וועלכער סיטואַציע זײַט איר געווען, בעת איר האָט באַמערקט אײַערע סימפּטאָמען?
3. אין וועלכער סיטואַציע לעבט איר איצט?
4. וואָס איז אײַער באַרוף?
5. שילדערט מיר אײַערע עלטערן, וואָס שייך כאַראַקטער, געזונט־צושטאַנד, עווענטועל די קראַנקייט, וואָס האָט געפֿירט צום טויט, און זייער באַציִונג צו אײַך?
6. וויפֿל מיטקינדער האָט איר, אויף וועלכן אָרט שטייט איר, ווי האָבן זיך אײַערע מיטקינדער צו אײַך באַצויגן, ווי שטייען די אַנדערע אין לעבן, לײַדן זיי אויך אויף עפּעס?
7. ווער איז געווען דער ליבלינג פֿון פֿאָטער, פֿון דער מוטער? ווי אַזוי איז געווען די דערציִונג?
8. פֿראַגן וועגן סימנים פֿון פֿאַרצערטלונג אין דער קינדהייט (שרעקעווודיק, אומדרייסט, שוועריקייטן בײַם אָנבינדן פֿרײַנדשאַפֿטן, ניט אַקוראַט אאַז"וו).
9. קראַנקייטן און באַציִונג צו זיי אין דער קינדהייט?
10. עלטסטע קינדהייט־זכרונות?
11. פֿאַרוואָס האָט איר צום מערסטן מורא אָדער מורא געהאַט?
12. אײַער באַציִונג צום צווייטן געשלעכט, אין דער קינדהייט און שפּעטער?
13. וואָס פֿאַר אַ באַרוף וואָלט אײַך צום מערסטן אינטערעסירט, און אויב איר האָט אים ניט אָנגענומען, פֿאַרוואָס ניט?
14. כּבוד־גיריק, איבערשפּירעוודיק, גענייגט צו כּעס־אויסברוכן, פּעדאַנטיש, הערשגיריק, אומדרייסט, אומגעדולדיק?
15. ווי זײַנען די מענטשן פֿון אײַער איצטיקער סביבה? אומגעדולדיק? כּעסנים? ליבעפֿולע?
16. ווי שלאָפֿט איר?

17. חלומות? (וועגן פאלן, פליען, זיך=איבערחזורנדיקע חלומות, גביאיע, וועגן עקזאמענס, פארזאמען א באן אאז"וו).
18. קראנקייטן אין דעם שטאמבוים.

איך האב אויף דעם ארט געוואלט געבן מיינע לייענער א וויכטיקן אנווייז. ווער עס איז צוגעקומען ביז דעם ארט און באגריפט נאך אבער ניט פולקום די באדייטונג פון די דאזיקע פראגן, וואלט געדארפט אנהויבן ווידער פון פארנט און נאכטראכטן, צי האט ער דעם דאזיקן בוך ניט געלייענט מיט קנאפער אויפמערקזאמקייט אדער — חס=וחלילה! — מיט א פיינדלעכער כוונה. ווען איך וואלט געמוזט איצט דערקלערן די באדייטונג פון די דאזיקע פראגן פאר דעם אויפבוי פון דעם געגעבענעם לעבן=סטיל, דעמאלט וואלט איך געמוזט אויך דאס גאנצע בוך נאך אמאל איבערחזורן. דאס וואלט דאך געווען אן עוולה. אויף אזא אופן קען די דאזיקע פראגן=ריי און דער קינדער=פרעגבויגן גילטן זייער גוט אלס טעסט=פרווונג, וואס פון איר רעזולטאט דרינגט, צי דער לייענער איז מיטגעגאנגען, דאס הייסט, צי ער האט זיך קונה=געווען געניגנדיק ציבור=געפיל. אט דאס איז דאך טאקע די וויכטיקסטע אויפגאבע פון דעם בוך: ניט נאר ברענגען דעם לייענער צו דער מדרגה פון פארשטיין אנדערע, נייערט פון משיג זיין די וויכטיקייט פון דעם ציבור=געפיל און אים ביי זיך גופא וועקן צום לעבן.

ווערטער־אָפּטייטש

צו הקדמה

ז׳ 6. sub specie aeternitatis — לאַט.: (געזען) אין ליכט פון דער אייביקייט. ביי אַדלערן: אין דער פּערספּעקטיוו פון אייביקן קיום (פּגל׳ ז׳ 107).

ז׳ 6. רעפלעקס — אומווילקע ענטפער־באַוועגונג אויף אַ רייץ. איינגעבני־טער, באַדינגטער ר. — אַ ר., וואָס איז איינגעניט געוואָרן אַלס ענטפער אויף אַ באַשטימטן רייץ, וואָס איז קאָאָר־דינירט מיט דעם אייגנטלעכן (פּגל׳ פּאַוו־לאָוס רעפלעקסאָלאָגיע).

ז׳ 7. קאַוזאַליטעט — סיבּהדיקייט (אַ שייכות צווישן צוויי פאַקטן, ביי וועלכער דער, וואָס איז מקדים, ברענגט מיט נויט־ווענדיקייט דאָס איינטרעטן פון דעם צווייטן).

ז׳ 7. וואַרשיינלעכקייט — דער אָביעקטיוו קאָנטראָלירטער גראַד פון דערנענטערונג צום אמת, וואָס לאָזט זיך אין געוויסע געביטן באַרעכענען מאַטעמאַטיש.

ז׳ 7. סטאַטיסטישע וואַרשיינלעכ־קייט — די וואַרשיינלעכקייט פון דער אָפּטקייט פון אַ געשעעניש לויט די דער־פאַרונגען און געזעצן פון דער סטאַטיסטיק.

ז׳ 7. געשטרויכלטע טואונג (Fehl-leistung) — זע ז. פרויד, „אַרייַנפיר אין פּסיכאָאַנאַליז״, יידיש פון ד״ר מ. ווייַנרייך. I העפט.

ז׳ 7. פאַרשטיין — באַנעמען: פאַרשיי־דענע צוגאַנגען אין דער פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג. די פאַרשטייענדיקע פּסיכאָלאָגיע זוכט דורך אַרייַנלעבן־זיך די זין־שייכות אין דער קייט פון פּסיכישע אַקטן, דעם פּסיכישן מאָטיוו (פּגל׳ K. Jaspers (Allgemeine Psychopathologie; די באַנעמענדיקע, „דערקלערנדיקע״ פּס. זוכט דעם סיבּהדיקן צוזאַמענהאַנג, למשל — אַ פיזיאָלאָגישע סיבּה פון אַן איבּערלעבונג.

ז׳ 7. עקזאָגען (exogen) — פון דרויסן שטאַמענדיק.

ז׳ 7. נעוורָאָז (Neurose) — פונקציאָ־נעלע נערוון־קראַנקהייט (געשטערטקייט פון פונקציעס אָן באַשטימטע אָרגאַנישע סיבּות אין נערוון־סיסטעם).

ז׳ 7. פּסיכאָז (Psychose) — פונק־ציאָנעלע פּסיכישע קראַנקהייט. צום אונ־טערשייד פון נעוורָאָז גרייַפט זי מער אָן דאָס באַוווסטזייַן פון קראַנקן.

ז׳ 7. נאַרקאָמאַניע — זע ביי קאַפּ׳ 11.

ז׳ 7. פּערווערזיע — „ „ „ 11.

ז׳ 8. אַפּערצעפּציע — אויפפאַסונג. ביי קאַנטן — די לאָגישע פונקציע פון אויפבויען אַ סכום פאַרשיידנאַרטיקע גע־געבענע אין צייַט און רוים ווי אַן איינ־הייט; איינהייט פון באַוווסטזייַן — איינהייַט פון אָביעקט. אין דער פּסיכאָלאָגיע (וו. וווּנדט) — די אינעווייניקסטע אַקטיווקייט פון ווילן און אויפמערק, וואָס שאַפט דאָס איינהייטלעכע זעלבסטבאַוווסט־זייַן. דאַ — די אַקטיווע באַאַרבעטונג פון אייַנדרוקן דורך דער פּסיכיק.

ז׳ 9. אומוויסיקייט (פאַרשטויסענע) — das verdrängte Unbewusste — זע ז. פרויד, אַרייַנפיר אין פּסיכאָאַנאַליז.

צו קאַפּ׳ 1

ז׳ 11. Omnia ad opinionem suspensa sunt — אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער מיינונג. אַ סענטענץ פון דעם רוימישן דיכטער און פילאָזאָף סענעקאַ (I י״ה).

ז׳ 12. מאַסטורבאַציע — אָנאַניזם.

ז׳ 13. עדיפּ (Oedipus) — אַ געשטאַלט פון דעם גריכישן מיטאָס. בהסכּם מיט דער פאָראויסזאָגונג פון אָראַקול האָט ער דער־הרגעט זייַן פאָטער לאַיאָס, דעם קיניג פון

טעבען, און האָט חתונה געהאַט מיט זײַן מוטער יאָקאַסטע, — ניט וויסנדיק וועגן זײַן קרובהשאַפט מיט זיי. די שטראָף פון די געטער אויף טעבען האָט אים אויפגעדעקט זײַן שולד. עדיפּ האָט זיך געבלענדט, זײַן מוטער האָט זיך געטויט.

ז' 13. קאָמפּלעקס (פּסיכישער) — אַ סכום פון „אַפעקטיקע פאָרשטעלונגען", פאַרבונדן מיט אַ פאָרשטויסענער איבערלעבונג. זע ז. פּ ר ו י ד, אַרײַנפ. אין פּסיכאָאַנ.

ז' 13. עדיפּ־קאָמפּלעקס — לויט ז. פרויד — דער קאָמפּלעקס, וואָס קומט אויף אַדאַנק דער דורך דער קולטור פאַרווערטער סעקסועלער גלוסטונג פון זון צו מוטער אָדער פון טאָכטער צו פאָטער, — דעם „אינצעסט־ווונטש".

ז' 13. common sense — (ענגל') דער אַלגעמיין אָנגענומענער פאַרשטאַנד (שכל הישר).

ז' 15. האָמאָסעקסועל — זע בײַ קאַפּ' 11

ז' 16. conditioned reflex — ענגל', זע „רעפלעקס" בײַ הקדמה.

ז' 17. באַזיץ־, געברויך־פּסיכאָלאָגיע — גענויער אין טעקסט, ז' 136: (פאַרמעג־, באַנוץ־פּס.).

ז' 19. שאָק — (shock, ענגל') — אויפטרייסלונג, פיזישע אָדער פּסיכישע.

צו קאַפּ' 2

ז' 22. אַנטראָפּאָלאָגיע — (פון גריכ' anthropos — מענטש) — די וויסנשאַפט וועגן מענטשלעכע ראַסן און פעלקער.

ז' 23 אינטראָספּעקציע — פּסיכאָלאָגישער פאַרשמעטאַד, וואָס באַזירט זיך אויף אַכטגעבונג אין זיך גופא. (וויסנשאַפטלעך אויסגעאַרבעט דורך O. Külpe אין דעם אַזויגערופענעם „סוביעקטיוון עקספּערימענט").

ז' 23. ענדאָקרינע דריזן — דריזן פון אינערלעכער סעקרעציע (פּראָדוצירן האָרמאָנען), זע בײַ קאַפּ' 4 ז' 52.

ז' 23. ליבידאָ — (לאַט') — גלוסטונג.

ז' 24. סאַדיסטיש — זע בײַ קאַפּ' 11.

ז' 24. רעסענטימענט — גערייצטע איבערשפּירעווודיקייט (דער באַגריף לאָזט זיך שווער פאַרטײַטשן אין זײַן ניואַנסן־רײַכקייט).

ז' 25. δὸς ποῦ στῶ — (גריכ') — „גיב מיר אויף וואָס צו שטיין". פון אַ ר כ י מ ע ד ס באַוווּסטן וואָרט: גיב מיר אַזאַ"ו — וועל איך אויפהייבן די ערד. (אין שייכות מיטן הייבער־פּרינציפּ).

ז' 25. ווערט־פּסיכאָלאָגיע — אַ פּסיכאָלאָגיע, וואָס פירט אַרײַן דעם מאָמענט פון אָפּשאַץ לויט אַ ווערט־קריטעריום (וועלכן עס מײַדט אויס די שטרענג נאַטורוויסנשאַפטלעכע, ריין באַשרײַבנדיקע פּסיכאָלאָגיע).

ז' 26. געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע — אַ שיטה אין דער נײַער פּסיכאָלאָגיע. איר עיקר: אין דעם פּסיכישן זײַנען נישט פאַראַן קיין עלעמענטן, נײַערט גאַנצקייטן. אירע פאָרשטייער — Köhler, ווערטהײַמער, קורט לעווין א"אַ. פגל': M. Wertheimer, drei Abhandlungen zur Gestalttheorie, Erlangen 1925.

ז' 27. Seelsorger — פּאַסטאָר.

צו קאַפּ' 3

ז' 32. שאַרלאָטע בילער—(Charlotte Bühler), ווינער דאָצענטין פון פּסיכאָלאָגיע. פגל' איר בוך: Kindheit und Jugend.

ז' 33. רעגרעסיע — אַ צוריקפאַלן פון דער פּסיכיק אין אַ סטאַדיע פון קינד אָדער פון פּרימיטיוון מענטש.

ז' 33. קאָמפּלעקס (פּסיכישער) — דאָ דער סכום, דאָס גאַנצע פון דער פּסיכיק.

ז' 33. איבערבלײַבעכץ פון אור־צײַטן — פ"גל „אַרכאַיִש" בײַ C. G. Jung.

ז' 35. זיגמונט פרויד — דער באַגרינדער פון דעם פּסיכאָאַנאַליז. לעבט אין ווין. פון זײַנע ווערק: Psychopathologie des Alltagslebens, Vorlesungen zur

Einfürung in die Psychoanalyse, Jenseits des Lustprinzips אין יידיש דערשײַנט: אַרײַנפיר אין פּסיכאָאַנאַליז, איבערזעצט פון ד"ר מ. ווײַנרײַך, ביבּליאָטעק פון ייִוואָ, ווילנע 1937.

ז' 36. וויטוס־טאַנץ (Veitstanz) — אַ נערוון־קראַנקהייט, וואָס דריקט זיך אויס אין ניט־אַנטשפּרעכיקע באַוועגונגען פון פאַרשיידענע מוסקולגרופּן.

ז' 39. פּובערטעט (Pubertät) — בגרות, פּעריאָד פון געשלעכטלעכער צײַטיקונג.

ז' 40. טרעמע („Lampenfieber") — אימתא דציבורא, שרעק פאַר עפנטלעך אַרויסטרעטן.

ז' 40. „אויך דער אוהב הבריות אַאַז"וו". — אַ זאַץ פון אַנרי באַרביס. אין טעקסט Auch der gütige Mensch kann sich bisweilen der Verachtung nicht entschlagen.

ז' 43. פּראָמיסקויִטעט (Promiscuität) — געמישטער געשלעכטלעכער פאַרקער.

ז' 45. לעסבּישע ליבע — געשלעכטלעכע באַציִונגען צווישן פרויען.

ז' 45. יוגנטלעכער שגעון (Jugendliches Irresein) — אַ פאָרם פון סכיזאָפרעניע, וואָס טרעט אויף אין דער יוגנט.

ז' 45. קרעטשמער Ernst Kretschmer — פּסיכאָפּאַטאָלאָג. זע זײַן ווערק: „Körperbau und Charakter", Berlin, 1922. זײַן טעאָריע: די אַנטשפּרעכיקייט פון קערפּערבוי־טיפּן צו כאַראַקטער־טיפּן (און אין זייער צושפּיצונג — טיפּן פון פּסיכישע קראַנקהייטן) אויפן יסוד פון דער פונקציע פון ענדאָקרינעם דריזנסיסטעם.

ז' 46. קלימאַקטעריום — פּעריאָד אין לעבן פון דער פרוי, ווען עס שטעלן זיך אָפּ די געשלעכטלעכע פונקציעס פון אָרגאַניזם.

צו קאַפּ' 4

ז' 48. לאַטענט (לאַט') — פאַרבאָרגן.

ז' 49. אַמעבע (amoeba) — איינקעמערלדיקער מיקראָסקאָפּישער אָרגאַניזם.

ז' 49. דאַרווין, טשאַרלז. — געלעבט 1809—1882. הויפּטווערק: „וועגן דער אַנטשטייונג פון מינים דורך נאַטירלעכן אָפּקלײַב", „אַנטשטייונג פון מענטש און דער געשלעכטלעכער אָפּקלײַב" (פאַראַן אין ייִדיש).

ז' 49. לאַמאַרק (Jean Baptiste Lamarck), — 1744—1829. פראַנצויזישער נאַטור־פאָרשער, עוואָלוציאָניסט. פאַרטרעט די שיטה וועגן אַנטוויקלונג פון אָרגאַנען דורך איבונג. הויפּטווערק: „נאַטורגעשיכטע פון די אָנשדרהדיקע בעלי־חיים". „פילאָזאָפיע פון דער זאָאָלאָגיע".

ז' 49. טראַנסצענדענטאַל — דאָ: אַריבערגייענדיק דעם גבול פון חושימדיקער דערפאַרונג (־טראַנסצענדענט).

ז' 50. העקאַטאָמבע (גריכ') — ווערטלעך: אַ קרבן פון הונדערט אָקסן. בכלל — אַ פײַערלעכער עפנטלעכער קרבן־ברענגען.

ז' 51. אינצעסט — געשלעכטלעכע באַציִונג צווישן בלוט־קרובים.

ז' 52. וועגעטאַטיווער נערוון־סיסטעם — אויטאָנאָמער (אומאָפּהענגיקער פון ווילן) נ.־ס.; באַדינט די אינעווייניקסטע אָרגאַנען.

ז' 52. Nervus vagus — דער „בלאָנדזשענדיקער" נערוו, געהערט צום וועגעטאַטיוון נערוון־סיסטעם.

ז' 52. סעקרעציע — דער פּראָצעס פון אויסשיידן דורך די דריזן סובסטאַנצן, וואָס זײַנען נייטיק פאַרן אָרגאַניזם.

ז' 52. טאָנוס (מוסקול־ט') — צושטאַנד פון לײַכטער געשפּאַנטקייט, וואָס מאַכט מעגלעך דאָס רעאַגירן פון מוסקול אויף אַ רייץ.

ז' 52. פונקציאָנעלער אָרגאַנען־נעוראָז — פונקציע־שטערונג פון קאָנסטיטוציאָנעל פּחיתותדיקע אָרגאַנען, וואָס איז פּסיכיש באַדינגט און פאַרבונדן מיט אַ פּסיכאָ־נעוראָז. זע טעקסט קאַפּ' 10.

ז׳ 54. טריגעמינוס — דער „דרײַטײַליקער" נערוו, געפילסנערוו פון דער הויט פון פנים און פון די שליים-הײַטלעך פון מויל- און נאָז-חלל; באַוועג-נערוו פון דער קײַ-מוסקולאַטור.

ז׳ 54. נעווראַלגיע (Neuralgie) — נערוון-ווייטאָג.

ז׳ 54. וואַזאָמאָטאָרן — נערוון, וואָס פאַרברייטערן און מאַכן ענגער די בלוט-געפעסן.

ז׳ 54. סימפּאַטיקאָ-אַדרענאַלין-סיסטעם — א טייל פון דעם אויטאָנאָמען נערוון-סיסטעם.

ז׳ 54. פּרעדילעקציע (praedilectio) — פּאַרליבע, פּר.-ערטער — ערטער, וואָס זײַנען ספּעציעל נוטה צו דער קראַנקהייט.

ז׳ 56. עטמאָיד-הייל (Ethmoid-höhle) — א בײַ-חלל פון נאָז.

ז׳ 56. Aura — אַנאָרמאַלע שפּירונגען אָדער באַוועגונגען, וואָס זײַנען מקדים דעם עפּילעפּטישן אַנפאַל.

ז׳ 57. אינפאַנטיל—קינדיש. אַנאָרמאַלע דערשײַנונג פון שטריכן פון א פריער סטאַדיע.

ז׳ 57. אַנטעווערסיע, אַנטעפלעקסיע— ענדערונגען פון דער לאַגע פון דער געבער-מוטער.

ז׳ 58. אַקוט — שאַרף (בײַ קראַנקייטן — קעגנזאַץ צו כראָניש).

ז׳ 60. יענש (Ernst R. Jaensch) — מארבורגער מעדיצינער און פּסיכאָלאָג, באַגרינדער פון דער לערע וועגן אײַדעטיק. זע זײַן ווערק: „Über den Aufbau der Wahrnehmungswelt und ihre Struktur im Jugendalter", Lpz 1923.

ז׳ 60. גרונד-אומזאַץ — די גרייס פון שטאָף-אומזאַץ בײַ פולשטענדיקער רו.

צו קאַפּ׳ 5

ז׳ 63. מענדעלשער כלל — כּללים פון ירושהדיקייט (דער אופן, ווי עס פאַרטיילן זיך אַנטאַגאָניסטישע אייגנשאַפטן פון ביידע עלטערן אויף דעם נאָכוווּקס). אַנטדעקט דורך דעם אַווגוסטינער-מאָנאַך גרעגאָר מענדעל אין יאָר 1866.

ז׳ 63. Gehirnanhangsdrüse — צו-גאָב-דריז פון מוח, אויך היפּאָפיזע. פּראָדוצירט האָרמאָנען, האָט א באַדײַטונג פאַרן וואַקסן און פאַר דער געשלעכטל׳ רײַפונג.

ז׳ 63. פּעריפערישער נערוון-סיסטעם — די נערוון, וואָס גייען ארויס פון צענטראַלן נערוון-סיסטעם.

ז׳ 63. צענטראַלער נערוון-סיסטעם — מארך און רוקן-מארך (חוט-השדרה).

ז׳ 63. עאוגעניק — לערע וועגן פאַרבעסערן די מענטשלעכע ראַסע.

ז׳ 65. „און פּאַטראָקלוס איז ווי" — לויט פ. שילערס פּערז אין „Siegesfest". פּאַטראָקלוס — דער העלד, טערסיטעס — דער קריפּל און פּחדן אין טראָיאַנישן קריג.

ז׳ 65. לאַפאַטער (J. K. Lavater) — שווייצארישער דענקער און פּריידיקער פון XVIIIטן י"ה. פון זײַנע ווערק: Physiognomische Fragmente, 1775.

ז׳ 66. קאַרוס (Carus), דײַטשער מעדיצינער, זאָאָלאָג און פּסיכאָלאָג, גיט אין זײַנע „פאַרלעזונגען איבער פּסיכאָלאָגיע" (1830) א התחלה פון א גענעטישער פּסיכאָלאָגיע.

ז׳ 66. קלאַגעס (Ludwig Klages) — שווייצארישער פּסיכאָלאָג, באַגרינדער פון דער „כאַראַקטעראָלאָגיע" און גראַפאָלאָג. פון זײַנע ווערק: Grundlagen der Charakterkunde, Lpz 1926. Ausdrucksbewegung und Gestaltungskraft, Lpz 1923.

ז׳ 67. פּיקניש (פּיקנישער טיפּ) — א געוויסער טיפּ פון קערפּערבוי (לויט קרעטשמערן).

ז׳ 67. סכיזאָיד — א כאַראַקטער-טיפּ, וואָס איז לויט זײַן סטרוקטור ענלעך צו דעם סכיזאָפרענעם קראַנקייטס-טיפּ (לויט קרעטשמערן).

ז׳ 67. אמביוואַלענץ — דאָס גלײַכצײַטיקע עקזיסטירן פון סתירותדיקע געפילן, למשל: ליבע — שנאה צום זעלבן אָביעקט.

ז׳ 68. אימאַנענט — בלײַבנדיק אין גבול פון דער זאַך.

ז׳ 70. אַנטיציפּאַציע — אַ באַהויפּטונג, מיט וועלכער עס ווערט אָפּעריערט איידער זי איז דערוויזן געוואָרן.

ז׳ 74. דער גײַסט „וואָס וויל אַז״ו״ — פון מעפיסטאָס וואָרט אין געטעס פאוסט: „Ich bin ein Teil von jener Kraft, die stets das Böse will und doch das Gute schafft“.

ז׳ 76. עריניען — בײַ די גריכן: די דרײַ געטינס פון נקמה.

ז׳ 81. קראַניאַלער — פּעלווישער — אַנטײל אַאז״וו — דער קאָפּ־ און בעקן־טײל פון דעם אויטאָנאָמען נערוון־סיסטעם.

ז׳ 81. היפּאָפיזע (Hypophysis) — זע בײַ ז׳ 63.

צו קאַפּ׳ 7

ז׳ 85. צוואַנגס־נעווראָז — אַ נעווראָז, בײַ וועלכן דער קראַנקער פילט זיך געצוווּנגען אויסצופירן געוויסע טוּונגען.

ז׳ 87. מאַזאָכיסטיש — זע בײַ קאַפּ׳ 11.

צו קאַפּ׳ 8

ז׳ 92. סכיזאָפרעניע — אַ פּסיכישע קראַנקייט, וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט מיט דער שפּאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט.

צו קאַפּ׳ 9

ז׳ 108. אין זיך געווענדט — אינטראָווערטירט; פ״גל C. G. Jung, Psychologische Typen, Zürich. 1921.

צו קאַפּ׳ 10

ז׳ 113. האָרמאָנען — סובסטאַנצן, וואָס ווערן אויסגעשיידט פון געוויסע דריזן דירעקט אין בלוט אַרײַן.

ז׳ 113. דיאַטעזע (Diathese) — נייגונג; האָרמאָנאַלע דיאַט׳ — נייגונג צו קראַנקייטן פון די דריזן, וואָס פּראָדוצירן האָרמאָנען; אוריניזויערע דיאַט׳ — נייגונג צו אַרטרעטיזם, פּאָדאַגרע.

ז׳ 113. טראַוומע (Trauma) — צערײַסונג פון געוועבן צוליב אַ קלאַפּ. אין איבערגעטראָגענעם זין = פּסיכישע פאַרוווּנדונג.

ז׳ 120. סקאָליאָז — אויסקרימונג פון דער שדרה.

ז׳ 124. res mini subigere conor — איך פּרוּוו אונטערוואַרפן מיר די זאַכן.

ז׳ 124. האָראַץ — רוימישער דיכטער, געלעבט אין Iטן י״ה פּ״ק.

ז׳ 124. נעבנניר (אָדער בײַניר) — דריז פון אינערלעכער סעקרעציע, פּראָדוצירט אַדרענאַלין.

צו קאַפּ׳ 11

ז׳ 133. קרעפּעלין (Kraepelin) — באַוווּסטער דײַטשער פּסיכיאַטער.

ז׳ 133. פּערווערזיע — אָפּווענדונג פון אַ נאָרמאַלער פונקציע אין אַן אַנאָמאַלער ריכטונג.

ז׳ 135. פּאַראַנאָיִשע אידעען — מאַניע פון גרויסקייט, וואָס טרעט אויף בײַ דער פּסיכישער קראַנקייט פּאַראַנאָיע (Paranoia).

ז׳ 138. פּעטישיזם — אין דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע: אַ קרענקלעכע נטיה אַריבערצוטראָגן אַפעקטן פון פּערזאָנען אויף געגנשטאַנדן, וואָס געהערן צו זיי.

ז׳ 138. פאַביוס מ׳ קונקטאַטאָר — אַ רוימישער קריגספירער, וואָס האָט געהאַט אַ סטראַטעגיע פון אָפּציִען.

ז׳ 138. Frigiditas — סעקסועלע קאַלטקייט צוליב פּסיכישע גורמים.

ז׳ 138. Ejaculatio praecox — פריצײַטיקע אַרויסשטויסונג פון דער מענלעכער זרע (אָפּגעשוואַכטע מענלעכע פּאָטענץ) אויפן נערוועזן באָדן.

ז׳ 139. סאַדיזם — אַ פּערווערזע נטיה צו געווינען געשלעכטלעכע באַפרידיקונג

דורך פאַרשאַפן דעם פּאַרטנער לײַדן. דער טערמין סאַדיזם שטאַמט פון de Sade, אַ פראַנצויזישן מאַרקיז פון XVIII י"ה, וועלכער איז באַוווּסט פון זײַן פּערווערזיע און פון זײַנע פּאָרנאָגראַפישע ראָמאַנען.

ז׳ 139. האָמאָסעקסועלקייט — געשלעכטלעכע נטיה צום גלײַכן מין.

ז׳ 139. מאַזאָכיזם — אַ פּערווערזע נטיה צו געווינען געשלעכטלעכע באַפרידיקונג דורך פּײַניקונגען, וואָס ווערן פאַרשאַפט דורכן פּאַרטנער. דער טערמין—פון Sacher Masoch, אַ נאָוועליסט XIX י"ה.

ז׳ 146. הערמאַפראָדיט (אַנדרוגינוס)— אַ מענטש, וואָס באַזיצט טיילווײַז מענלעכע און ווײַבלעכע געשלעכטס-אָרגאַנען.

ז׳ 146. נאַרקאָמאַניע — קרענקלעכע נטיה צו נאַרקאָטישע מיטלען (אַלקאָהאָליזם, מאָרפיניזם אאַז"וו).

צו קאַפּ׳ 12

ז׳ 148. מנעמע — גריכ׳: זכרון-בילד.

ז׳ 151. קינקעל (Fr. Künkel) — אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָג פון דער רעליגיעזער שיטה. פון זײַנע ווערק: Vitale Dialektik; Die Arbeit am Charakter; א"אנד.

צו קאַפּ׳ 13

ז׳ 161. אַספּעקט — השקפה, אַ געוויסער בליק אויף זאַכן.

ז׳ 162. Gross, Karl — דײַטשער פּסיכאָלאָג. באַרימט פון זײַן טעאָריע וועגן שפּיל. פון זײַנע ווערק: Spiele der Tiere, Spiele der Menschen.

ז׳ 165. Chorea — פּג"ל וויטוס-טאַנץ בײַ קאַפּ׳ 3.

ז׳ 167. גענען — דער גורם פון מענטשלעכע אייגנשאַפטן, וואָס געפינט זיך אין די געשלעכטס-קעמערלעך. דערפון ג ע נ אָ ט י פּ — דער סכום פון אַלע אין די גענען געגעבענע אייגנשאַפטן פון אַן אינדיוויד, וואָס קענען, מוזן אָבער ניט קומען צו אַנטוויקלונג.

ז׳ 167. פּענישע באַדינגטקייטן — די באַדינגטקייטן פון דעם פּ ע נ אָ ט י פּ. — דער סכום סײַ פון די גערירשנטע און אַנטוויקלטע, סײַ פון די אין לעבן דערוואָרבענע אייגנשאַפטן, וואָס שאַפן צוזאַמען דעם געגעבענעם אינדיוויד (ווי אַ פענאָמען, דערשײַנונג).

ז׳ 169. אַנאַל-ספערע — ספערע פון די אויסשיידונגס-אָרגאַנען.

ז׳ 170. Theodor Fontane — דײַטשער דיכטער און ראָמאַניסט.

ז׳ 170. פּאַול הײַזע (Heyse) — ייִדיש-דײַטשער דיכטער, ראָמאַניסט און נאָוועליסט.

ז׳ 175. Crichton Miller, Dr. H.— מיטאַרבעטער פון דער לאָנדאָנער אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיש-מעדיצינישער געזעלשאַפט (The Medical Society of Individual Psychology).

צו קאַפּ׳ 14

ז׳ 184. וויזועל — צו דער ראִיה געהערנדיק.

ז׳ 185. העבעל — Friedrich Hebbel דער דײַטשער דיכטער.

ז׳ 185. צענזור — לויט פרוידן — דאָס ניט-דערלאָזן ווונטש-אינהאַלטן, אָפּשטויסנדיקע פאַר דעם באַוווּסטזײַן, אויפצוטרעטן אין חלום אין זייער געשטאַלט. זע „אַרײַנפּ׳ אין פּסיכאָאַנ׳", העפט II.

ז׳ 191. Beckmesser — דער קאָמישער קונסט-מבין פון וואַגנערס אָפּערע „די מײַסטערזינגער פון נירנבערג".

ז׳ 192. פּענעלאָפּע — די פרוי פון אָדיסעוס, וואָס האָט זיך געשיצט פאַר די צודרינגלעכע חתנים דורכן תירוץ, אַז פאַרן חתונה האָבן מוז זי ענדיקן וועבן אַ בגד, און האָט יעדע נאַכט אויפגעטרענט דאָס, וואָס זי האָט געוועבט בײַטאָג.

ז׳ 192, פיאַט (לאַט׳ — Fiat) — „עס זאָל ווערן" (טערמין פאַר דעם אַקט פון ווילן בײַ דזשעמס).

צו קאַפּ׳ 15

ז׳ 197. Trieb (יֵצר) — דער באַגריף איז פּילדײַטיק. אַלגעמיין — אַן אומבאַוווּסטע (אומוויסיקע) טרײַבקראַפט צו באַשטימטע האַנדלונגען.

ז׳ 197. אינסטינקט — ירושהדיק באַקומענע, לכתחילה פּאַרטיקע צום געברויך אופנים פון אויפפיר.

ז׳ 198. עלעקטראָן, פּראָטאָן — די מאָדערנע אַטאָם-טעאָריע באַטראַכט דעם אַטאָם פאַר אַ קאָמפּלעקס פון עלעקטרישע כוחות און שטעלט פאָר זײַן סטרוקטור ענלעך צו אַ זון-סיסטעם: די הויפּט-„מאַסע״ מיט פּאָזיטיווער עלעקטרישער לאָדונג איז קאָנצענטרירט אין דעם אומענדלעך-קליינעם קערן — פּראָטאָן, ארום וועלכן עס קרײַזן אויף אַ לפי-ערך גרויסן מרחק די קלענסטע טײלכעלעך פון נעגאַטיווער עלעקטריציטעט — די עלעקטראָנען. (פּג״ל די אנטדעק־נגען פון Rutherford — דורך דער „באָמבאַרדירונג״ פון אַטאָמען).

ז׳ 198. פּאַלוס (Phallus)—געשלעכטס-גליד.

ז׳ טאַבו — די באַצײכענונג פאַר אַ הײליקער אומבארירלעכער זאַך בײַ פּרימיטיווע פעלקער.

צו הוספה

ז׳ 212. טעראַפּיע (Therapie) — די באַהאַנדלונג פון אַ קראַנקייט.

ז׳ 212. פּסיכאָ-טעראַפּיע — באַהאַנדלונג פון נערוועזע אָדער פּסיכישע קראַנקייטן אויפן פּסיכישן וועג.

אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגישע טערמינאָלאָגיע

(זוכצעטל)

א.

„אוואַנס אויף צוריק" — „Avance rückwärts" ז' 110.

„אײַנגעשרומפּענע פראָנטליניע" — „Verengerte Aufmarschbreite" ז' 138.

„אָנגריף — צוריקצי" — „Angriff — rückzug" ז' 33, 45.

„אָפּוואַרטנדיקע פּאָזע" — „Zögernde Attitude" ז' 18, 27.

„אָרגאַנען-דיאַלעקט" — „Organdialekt" ז' 53, 151.

ב.

באַוועגונג — Bewegung ז' 7, 67—68, 177, 184.

באַוועגונגס-געזעץ — Bewegungsgesetz ז' 5, 22, 25, 34, 50, 53, 136, 167, 192, 210.

באַוועגונגס-ליניע — Bewegungslinie ז' 24, 89.

ג.

גובֿר-זײַן — Überwindung ז' 8, 25, 50, 106, 137, 138.

ז.

זיכערונג — Sicherung ז' 13, 70, 77, 125, 189.

ט.

טרעינינג (טרעניִרונג) — Training ז' 32, 46, 53, 109, 139, 141—144, 165, 171.

י.

יתרון (ציל פון י.) — Überlegenheit (-sziel) ז' 6, 26, 29, 50, 84—86, 98, 106, 115, 180—181.

יתרון-קאָמפּלעקס — Überlegenheitskomplex ז' 27, 37, 45, 55, 87, 88, 92, 94.

ל.

לעבן-סטיל — Lebensstil ז' 6, 21—28, 45, 50, 61, 78, 82, 84, 95, 111, 178, 193—195.

לעבנס-פּלאַן — Lebensplan ז' 15, 17.

מ.

„מיינונג" — „Meinung" ז' 8, 17, 34.

„מענלעכער פּראָטעסט" — „(Der) männliche Protest" ז' 44, 57, 90, 171.

ע.

עקזאָגענער פאַקטאָר — Exogener Faktor ז' 7, 33, 60, 137, 187.

פּ.

פּחיתות-געפיל — Minderwertigkeitsgefühl ז' 15, 25—27, 37, 41, 51, 57, 71, 81, 87, 92, 115, 179.

פּחיתות פון אָרגאַנען (פּחיתותדיקע אָרגאַנען) — Organminderwertigkeit (minderw. Organe) ז' 34, 45, 52, 57, 60, 96, 165, 180.

פּחיתות-קאָמפּלעקס — Minderwertigkeitskomplex ז' 27, 37, 45, 55, 57, 69, 82, 83, 84, 167.

„פּריוואַטע אינטעליגענץ" — „Private Intelligenz" ז' 14, 15, 85, 86.

פּראָטאָטיפּ — Prototyp ז' 139, 167.

צ.

„צוריקצי" — „Rückzug" ז' 33, 45, 78, 84, 94, 118 124—125.

ציבור — Gemeinschaft ז' 18, 22, 26, 86, 201.

ציבור-געפיל — Gemeinschaftsgefühl ז' 7, 30, 75, 84, 107, 180, 201—209, 210.

ק.

קאָמפּענסאַציע, פּסיכישע ק. — Kompensation, psychische K. ז' 23, 60.

ש.

שאָק (-פראַגע, -ווירקונג, -סימפּטאָם) — Shock (-frage, -wirkung, -symptom,) ז' 32, 34, 77, 94, 109.

תיקון־טעות

זייט	שורה	שטייט	דארף זיין
18	11 אויבן	שייכות	שייכות,
25	15 „	קען	קענען
25	2 אונטן	זי	זיי
51	14 אויבן	און באוויַיזן	און זיי באַוו.
53	5 אויבן	דאָס פאַרעקשנען זיך	פאַרעקשנט
54	4 אונטן	פרעדלעקציע	פרעדילעקציע
59	11 „	ערגערן	ענגערן
63	12 „	בייַניר	בייַניר, היפּאָפּיזע
63	1 אונטן	אַ טיפּישע	אַטיפּישע
67	4 אויבן	סכיזאָיִשן	סכיזאָיִדן
68	1 „	האנדלענריקן	האנדלענדיקן,
68	5 „	באַשטייַערנדיקן	בייַשטייַערנדיקן
74	1 אונטן	schaft	schafft
75	8 „	אויב	אויך
79	2 „	געמיינשאַפט־געפיל	פחיתות־געפיל
81	2 „	אַ פּראָצעס	אַזאַ פּראָצעס
86	18 אויבן	מערקירן	מאַרקירן
88	6 אונטן	וועלכע	וואָס
92	8 אויבן	סיזאָפרעניע	סכיזאָפרעניע
111	5 „	(אין זיך)	אין זיך
130	7 אונטן	אויפבוי	אויפבויען
160	2 „	טעמפּ אָדער	טעמפּ פון דער
167	1 „	Internat,	Internat.
169	16 „	אין זייערע פּועל־יוצאס	לויט זייערע אויספירן
171	15 אויבן	פון די מענל. גלידער	פון מענלעכן גליד
172	7 אונטן	נאָכצוגיין	מיטצוגיין
183	2 „	צו	די
201	7 אויבן	עס איז	איז
202	16 אונטן	קירעוודיקער	קירעווענדיקער
202	1 „	גערעכפּאַרטיקט	גערעכטפאַרטיקט

אינהאַלט

זייט

	אַרײַנפיר	V—XVII
	הקדמה	5
1.	די מיינונג וועגן זיך און וועגן דער וועלט	11
2.	פּסיכאָלאָגישע מיטלען און וועגן צו פאַרשן דעם לעבנסטיל	21
3.	די אויפגאַבן פון לעבן	29
4.	דאָס פּראָבלעם קערפּער — נשמה	48
5.	קערפּערפאָרם, באַוועגונג און כאַראַקטער	62
6.	דער פּחיתות־קאָמפּלעקס (Minderwertigkeitskomplex)	69
7.	דער יתרון־קאָמפּלעקס (Überlegenheitskomplex)	84
8.	טיפּן פון שטרויכלונגען	92
9.	די פיקטיווע וועלט פון דעם פאַרצערטלטן	105
10.	וואָס איז באמת אַ נעוראָז	113
11.	פּערווערזיעס	133
12.	ערשטע זכרונות פון דער קינדהייט	147
13.	קינדהייט־סיטואַציעס, וואָס שטערן די ציבורדיקייט	160
14.	טאָג־ און נאַכט־חלומות	177
15.	דער זין פון לעבן	197

מילואים:

די שטעלונג צום קאָנסולטאַנט	210
אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער פראַגבויגן	220
ווערטער־אָפּטײַטש	227

אנדערע ווערק פון אַלפרעד אַדלער

Menschenkenntnis. 4., verbesserte Auflage. Leipzig, S. Hirzel. 1931. VIII und 226 Seiten. RM 7.20, Ganzleinen RM 9.— (in alle Sprachen übersetzt).

Praxis und Theorie der Individualpsychologie. IV. Aufl. München, J. F. Bergmann. 1930. RM 12.80, geb. RM 14.60.

Über den nervösen Charakter. IV. Auflage. München, J. F. Bergmann. 1928. RM. 10.50, geb. RM 12.—.

The Education of Childen. Greenberg Publisher, New York, 1930. 309 pag. dol. 3.50.

The Plattern of Life. With an Introduction by Dr. W. Béran Wolfe. Cosmopolitan Book Corporation, New York, 1930. 273 pag. dol. 3.—.

Das Problem der Homosexualität. München, Ernst Reinhardt. 1917. (Vergriffen).

Das Problem der Homosexualität. Erotisches Training und erotischer Rückzug. Verlag S. Hirzel, Leipzig. 1930. VIII und 110 Seiten. Kartoniert RM 4.—.

Die andere Seite. Eine massenpsychologische Studie über die Schuld des Volkes. Wien, Leopold Heidrich G. m. b. H. 1919.

Studie über Minderwertigkeit von Organen. München, J. F. Bergmann. 1927. RM 4.20. (Die erste, vergriffene Ausgabe ist im Verlage Urban & Schwarzenberg, Berlin-Wien, 1907 erschienen).

Individualpsychologie in der Schule. Vorlesungen für Lehrer und Erzieher. Leipzig, S. Hirzel. 1929. III und 114 Seiten. RM 5.—, Ganzleinen RM 6.30.

Understanding Human Nature. Translated by Dr. W. B. Wolfe. 5. edit. Publ. Greenberg, New York.

Schwer erziehbare Kinder. Zweite Auflage. Dresden (Buchholz-Friedewald), Verlag Am andern Ufer. 1927.

Die Technik der Individualpsychologie. Erster Teil. **Die Kunst, eine Lebens- und Krankengeschichte zu lesen.** München, J. F. Bergmann, 1928. RM 7.50, gebunden RM 9.—. Zweiter Teil. **Die Seele des schwererziehbaren Schulkindes.** München, J. F. Bergmann. 1930. Geheftet RM 10.—, gebunden RM 11.50.

The case of Miss R. The Interpretation of a Life Story. Translated by Eleanore and Friedrich Jensen M. D. New York, Greenberg Publ. 1928.

The Science of Living. With a note on the author and his work, by Phillip Mairet. New York, Greenberg Publ. 1929. 264 pag.

Problems of Neurosis. A book of case-histories. Edited by Phillip Mairet. With a preface by F. G. Crookshank. London, Kegan Paul, Trench, Trubner & Co., Ltd. 1929. XXXVII and 178 pag.

Conscimiento del Hombre. Traducido por Humberto Bark. 1931. Espasa-Calpe, S. A. Bilbao-Madrid-Barcelona.

The Case of Mrs. A. (The Diagnosis of a Life-Style). With a foreword of F. G. Crookshank. 1931. London, The C. W. Daniel Company.

What Life should mean to you. Little, Brown & Co., Boston. 1931. dol. 3.—.

ווערק פון אַנדערע אינדיווי' פּסיכ' מחברים

HANDBUCH DER INDIVIDUALPSYCHOLOGIE: In Gemeinschaft mit zahlreichen hervorragenden Individualpsychologen herausgegeben von **Dr. Erwin Wexberg.** München, J. F. Bergmann. 1926.XII und 864 Seiten RM. 41.85. geb. RM. 44.—

ADLER, FURTMÜLLER u. Wexberg: Heilen nnd Bilden. Ein Buch der Erziehungskunst für Ärzte und Pädagogen. Dritte, neubaarbeitete Auflage. Red. von Ervin Wexberg. München, J. F. Bergmann. 1928. VII. 355 Seiten. RM 12.60 geb. RM 14.05.

Dr. ERWIN WEXBERG: Individualpsychologie. Eine systematische Darstellung. 2 verbesserte Auflage. Leipzig, S. Hirzel. 1931 VIII und 342 Seiten. Oktav. RM 950, Ganzleinen RM 11.50.